STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01303

ALEKSANDER DER ERSHTER

Dmitry Sergeyevich Merezhkovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. מערעזשקאָווסקי.

אלעקסאנדער דער ערשטער

יודיש: ד. קאַסעל.

ערשטער באַנד

פערלאַג „יודיש" געגרינדעט דורך יעקב לידסקי

פערקויף געז. „צענטראל" וואַרשא

Printed in Poland.

Copyright S. Sreberk
NEW-YORK U. S. A
1 9 2 4.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

פאַרוואָרט.

„אַלעקסאַנדער דער ערשטער" איז אַ גרויס קינסטלעריש ווערק. דאָס איז אַ שטיק היסטאָריש לעבען, וואָס שטימט אפשר נישט מיט די טרוקענע און קאַלטע פאַקטען פון אַ געשיכטע־שרייבער. אָבער בשעת מיר בלעטערן אַזאַ ווערק, נויטיגען מיר זיך גאָר נישט אין יענעם אמת, וואָס ווערט בעקרוינט מיט דער הסכמה פון אַ היסטאָריקער.

פאַרהאַן נאָך אַן'אמת — אַ קינסטלערישער. דער קינסטלערישער אמת איז נישט מעהר ווי אַ שטיק לעבען, וואָס ווערט אויפגעפאַסט פון קינסטלער. דאָס הייסט ער נעהמט עס דורך זיינע פאַרבען, דורך זיינע ליניען און שטריכען — דורך זיין אויג. אין „אַלעקסאַנדער דעם ערשטען" האָבען מיר דעם קינסטלערישען אמת, און ער איבערציינגט אונז, ווי עס קאָן אונז איבערציינגען נאָר דאָס לעבען אַליין.

די עפּאָכע פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען איז איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטע עפּאָכעס אין דעם גרויסען און טראַגישען רוסלאַנד. פאַר דעם דאָזיגען הערשער, אין וועלכען עס זענען אַזוי ווי געזעסען צוויי מענשען — אַ שלעכטער און אַ גוטער, אַן' אכזר און אַ חאַרציגער, אַ קאַלטער און אַ הייסער — האָבען געגומען בלאָזען נייע ווינדען, און דער בלאָנדער ווייכהאָריגער רוס מיט די בלויע זוכענדיגע אויגען איז, ווי אַ קינד, געפאַנגען געוואָרען פון חלומות וועגען פרייהייט.

טראַכט אָבער אַ רוס וועגען פרייהייט, טראַכט ער עס נישט בלויז פאַר זיך, פאַר זיין רוסלאַנד, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. און נאָך קיינמאָל איז אַ הערשער נישט געווען אַזוי עהנליך צו זיין פאָלק, ווי אַלעקסאַנדער. די נייע ווינדען האָבען אויך איהם פערכאַפּט, און ער האָט גע'חלומ'ט פון אַ פעלקער־בונד, פון אַיינפיהרען אויף דער ערד אַזאַ מלוכה־אָרדנונג, ווי אויפ'ן הימעל...

ער האָט גע'חלומ'ט און גע'חלומ'ט און עס איז גאָר נישט אַרויסגעקומען דערפון. אָבער פונ'ם דעצעמבער אויפשטאַנד איז אויך גאָרנישט ארויסגעקומען.

בשעת אלעקסאַנדער האָט זיך פערטיעפט אינ'ם וואַרימען און שמייכלענדיגען געדאַנק וועגען אַ פעלקערבונד, איז הינטער זיין פלייצע געשטאַנען אַראַקטשייעוו, די שוואַרצע האַנד פון יענער עפּאָכע. און דידאָזיגע האַנד האָט געלאָשען דעם וואַרימען געדאַנק. אַלעקסאַנדער האָט זיך אונטערגעגעבען, זיך איינגעשרומפען, ווי אַ ציטריגער תלמיד, וואָס האָט מורא פאַר אַ קלאַפּ.

אַלעקסאַנדער האָט זיך געוואַקעלט, ווי עס האָבען זיך געוואַקעלט די בעגייסטערטע, אָבער נאַאיווע מורדים, וואָס האָבען געוואָלט אומוואַרפען זיין טראָן. אייגענטליך האָט ער זיך בעדאַרפט צונויפגיסען מיט זיינע אייגענע מורדים אין נאָמען פון איין ציעל: איינפיהרען אויף דער ערד אַזאַ מלוכה־אָרדנונג, ווי אויפ'ן הימעל, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק. ער איז אָבער געווען זעהר עהנליך צו זיין פאָלק: מיט דער מחשבה איז ער געגאַנגען ווייט און טיעף, אָבער אין די מעשים איז ער געווען שוואַך, מאַכטלאָז און אונבעהאָלפען.

מערעזשקאָווסקי האָט נישט געקאַרגט זיין שוואַרצע פאַרבען פאַר איהם; די אַלע פעהלערן פון זיין כאַראַקטער זיין ברייט און אויספיהרליך אויפגעדעקט, אָבער אין דער

אייגענער צייט שפירט זיך, אַז מערעזשקאָווסקי האָט איהם ליעב, אַפשׁ ליעבער פון די אַלע טיפּען און פּאַרשׁוינען, וואָס אַטעמען־אַרוים, ווי לעבעדיגע, פון׳ם גראַנדיעזען ווערק. אפשר איז עס דערפאַר, ווייל איהם, אַלעקסאַנדער׳ן, דעם גרויסען מושל פון רוסלאַנד, איז סוף־כל־סוף געווען ערגער ווי דעם לעצטען אונטערטאַן פון זיין מדינה?

אַלעקסאַנדער האָט געליטען. אַלעקסאַנדער האָט שטאַרק געליטען. ער האָט געליטען פון זיין רשעות און געליטען פון זיין גוטסקייט. עס האָט איהם געאיבעלט פון טראָן און געאיבעלט פון המון, וואָס אויף זיין געבויגענעם קאַרק האָט זיך געהאַלטען דער דאָזיגער טראָן. ער האָט מיט יסורים זיך צוגעקוקט צום שוואַרצען תהום פון רוסלאַנד, אָבער ער האָט זיך געשפּירט נישט בעקוועם מיט די לייט, וואָס ווילען אַריינטראָגען ליכט אין דעמדאָזיגען לאַנד. אין איהם האָבען זיך געראַנגעלט צוויי כחות גוטס און שלעכטס, אכזריות און רחמנות, און אַלע נאַכט האָט ער ווייניג, שלעכט און שווער געשלאָפען. און פלוג האָט ער קיין איין רוהיגע מינוט נישט געהאַט. אַלע טירען פון ליכט און מנוחה זענען צוגעמאַכט געוואָרען פאַר איהם, און ער האָט געשפּרייזט איבער דעם גרויסען טויטען רוסלאַנד, ווי אַן אייביגער שאָטען.

ריליעוו, פעסטעל, מוראַוויאָוו — די פיהרער פון דער גרויסער דעצעמבער־מרידה זענען געטויט געוואָרען, אָבער זיי זענען געווען גליקליכער. זיי האָבען געהאַט אַ בעשטימטע ליניע פאַר זיך. זייער ליניע האָט געפיהרט צו טויט אָדער צו פרייהייט. אַלעקסאַנדערס ליניע האָט געפיהרט צו טויט. און אַלעקסאַנדער איז געטויט געוואָרען נישט דורך אַ תליון און נישט אויף אַן עשאַפאָט און נישט באַלד, נאָר לאַנגזאַם, ביי זיך אין בעט, דורך זיך אַליין, אין׳ם ווייטען און שלעפעריגען טאַגאַנראָג. אויסערליך איז געווען אַ פערקיהלונג מיט אַ געהירן־ענטצינדונג, אָבער טיפער גענומען איז ער געשטאָרבען פון פחד און וואַקלעניש, פון נישט וויסען וואָס צו טהאָן, פון׳ם שלעכטס און גוטס, וואָס האָבען זיך געראַנגעלט אין איהם, און פון טויזענדער פראַגען, וואָס האָבען איהם, ווי ראָבען, אויס־געפּיקט דאָס האַרץ. אייגענטליך איז ער נאָך געשטאָרבען מיט אַ צייט פריהער, נאָר אין טאַגאַנראָג איז אַרומגעגאַנגען זיין קערפּער מיט אָפענע אויגען און מיט עטליכע ווערטער אויף דער צונג.

אין דעם דאָזיגען ווערק ווערט מיט גרויס טאַלענט געשילדערט די אונפערגעסליכע אַלעקסאַנדער־עפּאָכע. פאַר די אויגען דרעהען זיך, ווי אין אַ פּאַנאָראַם, גענעראַלען, געלעהרטע מאָנאַכען, גלחים, דעקאַבריסטען, דיפּלאָמאַטען, הויפדאַמען, פּאָעטען, קייזערינס א. אַז. וו. אָבער נאָך אַלעמען איז עס אַ ווערק וועגען אַלעקסאַנדער׳ן. און דער לייענער ווערט נישט ווילענדיג דורכגעדרונגען מיט אַ רחמנות־געפיהל צו דעמדאָזיגען קראַנקהאַפטען, וואַקלענדיגע און מערקווירדיגען הערשער.

ערשטעס קאַפּיטעל.

דעם פירשט װאַלעריאַן מיכאַילאָװיטש גאָליצין האָבען די ברילען געקאָסט זיין גאַנצע קאַריערע.

—קום אָקאָרשט אַהער, קאַרבאָנאַר! פאַר'ן אויערל און אויפ'ן זונעלע. דערצעהל־זשע, װאָס האָסטו דאָרט אָנגעמאַכט? װאָס איז דאָס פאַר אַ געשיכטע מיט ברילען, האַ? די גאַנצע שטאָדט רעדט און איך װייס נישט,—האָט געזאָגט צום פירשט װאַלעריאַן זיין פעטער, דער מיניסטער פון פאָלקסבילדונג און דער אָבער־פּראָקוראָר פון ס'נאָד, פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעװיטש גאָליצין, אַ פליכװאַטער אַלטיטשקער, אַ קיילעכיגער, װאָס האָט זיך געקוי־קעלט װי אַ פּעסעל אויף קורצע פיסלעך, מיט אַ פּנים בעזייהט מיט װייכע װייבערשע קנייטשעלעך, װי ביי אַלטע אַקטיאָרען און הויפלייט.

בשעת פירשט װאַלעריאַן איז נאָכדעם, װי ער איז צװיי יאָהר געװען נישט היע (ער איז נאָר־װאָס געקומען פון פרעמדע מדינות), אַריין אין דעם מיניסטערס אויפנאַהמצימער—אַ גרויס טויב צימער מיט די פענסטער צום מיכאַילאָװער שלאָס, האָט

אויף איהם אַ וועהע געטהאָן מיט'ן ריח פון עבר, מיט דער אייביגער לאַנגווייליגקייט פון חלומות, וואָס חזר'ן זיך איבער אויף דאָסניי.

אויף דעמזעלבען אָרט האָט זיך אַראָבגעלאָזט אונטער איהם די שוואַך-געוואָרענע פרושינע אין דעם אַלטען לעדערנעם פאָטערשטול. און ווי אַמאָל, זענען אויף דעם קאַנצעלאַרישען גרינעם געוואַנד געלעגען ביכער, פערבאָטען דורך דער גייסטליכער צענזור. וועגען דער שעדליכקייט פון שוואוימען, האָט ער איבערגעלייענט דעם נאָמען פון אַזאַ בוך: שוואוימען זענען אַ פאָסטנע שפייז,—האָט ער זיך געכאַפּט—איז גאָרנישטאָ וואָס צו צווייפלען אין זייער נוצען. די ווענד פון אויפנאַהמצימער זענען געווען בעהאַנגען מיט דיזעלבע רעפּראָדוקציעס פון אַלע קריסטוס'עס בילדער, וואָס זענען נאָר פאַרהאַן אויף דער וועלט: קריסטוס'עס געשטאַלט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין טאַפּעטענצייכנונגען. טיעף אין דעם דערבייאיגען צימער, וואָס האָט געדיענט פאַר אַ געבעטהויז, האָט אויך אַזוי געשימערט פאַר'ן הייליגען בילד דער טונקעל-רויטער לאָמפּ אין דער פאָרם פון אַ בלוטיגען האַרץ; עס האָט אויך אַזוי געשמעקט מיט פערעלטערטען ווייערך, פונקט ווי נעבען אַ מת.

—האָט רחמנות, פעטערל! אַ מאָל צוואַנציג, אַז איהר פרעגט מיך היינט וועגען דעם,—האָט פירשט וואַלעריאַן געזאָגט, קוקענדיג אויף אַלטען פירשט דורך די בעריהמטע שפּאַקולען, מיט אַ קלוג שמייכעלע אויפ'ן טרוקענעם, גאַליגען און קלוגען פנים, וואָס האָט דערמאָהנט גריבאָיעדאָווס געזיכט.

—נו, נו, דערצעהל ווי געהעריג, וואָס איז געווען?

—די זאַך איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי. אויפ'ן נעכטיגען פּאַלאַץ-פּאַראַד בין איך געקומען אין די ברילען. אָבגעוועהנט געוואָרען פון די היעגע פּאַראָנדקעס: פון זכרון אַרויס, אַז אין דער געגענוואַרט פון הויכגעשטעלטע פערזאָנען טאָר מען נישט טראָגען קיין ברילען...

—מזל-טוב דיר, פלימעניקעל. אַ קאַמער-יונקער אין ברילען!

אי די קאַריערע געפּטר'ט אי מיך, אַנ'אַלטען, צו נאַר געמאַכט. און נאָך אין אַזאַ מינוט...

—צוליעב ברילען זאָל פאַלען דאָס מיניסטעריום.

—וויצעל זיך נישט, מיין פריינד, דידאָזיגע וויצען וועלען דיר קיין גוטס נישט ברענגען...

—וואָס פאַר אַ וויצען! מאָרגען צו—אַראַקטשייעוו'ן קומען. אויב איך וועל בעדאַרפען געהן אין פעסטונג אַריין אָדער אין אַ וועגעלע צוזאַמען מיט אַ פעלדיעגער,—איז מיין איינציגע האָפנונג נאָר אויף אייך, פעטערל.

—נישט האָף, נשמה מיינס! איך האָב מיך פון דיר אָבגעזאָגט: קיין עצות הערסטו נישט, קריכסט אַליין אויף דער תליה. מיינסט, אַז נאַטשאַלסטוואָ ווייס נישט, וואָס פאַר אַ קאַשע ביי אייך ווערט פערקאָכט? אַלץ ווייס זי, מיין ליעבער, אַלץ. וואַרט-נאָר, מען וועט אייך שוין אויפדעקען, ווי געהעריג, מיינע הערן קאַרבאָנאַרען... און דער בריף, דער בריף! וואָס איז דאָס נאָך אַזוינס? אָפענע מיינונגען האָט זיך דיר פערוואָלט פער פאָסט?

אין דעם בריף, וואָס איז איבערגענומען געוואָרען דורך דער געהיים-פאָליציי און איז פאָרגעשטעלט געוואָרען דעם קייזער, 1
האָט פירשט וואַלעריאַן אָנגערופען אַראַקטשייעוו'ן „אויסוואורף“. פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש האָט פיינט געהאַט אַראַקטשייעוו'ן, זיך נישט געגריסט מיט איהם אַפילו אין פאַלאַץ אין דער געגענוואַרט פון קייזער. און פירשט וואַלעריאַן האָט געוואוסט, אַז פאַר דעמדאָזיגען בריף איז איהם דער פעטער גרייט מוחל-צו-זיין אַ סך זאַכען.

—איך האָב שטענדיג געהאַלטען, אייער דורכלויכט,—האָט ער אַרויסגעזאָגט נאָך מיט אַ פיינערן שמייכעלע אויף די עטוואָס בלאַס-געוואָרענע ליפען,—אַז אַריינקוקען אין פריוואַטע בריף איז דאָס אייגענע, ווי אונטערהאָרכען אונטער אַ טהיר...

דער אַלטער האָט גאָרנישט געוואָלט הערען, גענומען מאַכען מיט די הענד.

—אויב איהר ווילט, מיין הער, אונזער בעקאַנטשאַפט זאָל אויף ווייטער נישט איבערגעריסען ווערען, זאָלט איהר אָבהיטען 5

אייערע אויסדרוקען,—האָט ער געזאָגט אויף פראַנצויזיש.

—ענטשולדיגט, אייער דורכלויכט, אָבער, כלעבען, נישטאָ מעהר קיין כחות: דאָס גאַנצע בלוט ווערט פערוואַנדעלט אין גאַל. איך פערשטעה, אַז אַ געזונדטער מענש קאָן זיך צוגעוועהנען צו לעבען אין געלען הויז מיט משוגעים, אָבער אַנ'אָרענטליכער מיט אויסוואורפען אין דיענערצימער—דאָס איז אונמעגליך.

—איהר האָט זיך פערענדערט, מיין ליעבער, זעהר פערענדערט,—האָט דער פעטער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ,—און איך וועל זאָגען אָפען— נישט צום גוטען: דידאָזיגע אויסלענדישע בעקאַנטשאַפטען וועלען אייך קיין גוטס נישט ברענגען.

„האָבען טאַקי בעוויזען צו מסר'ן, די אויסוואורפען!" האָט אַ טראַכט געטהאָן דער פירשט וואַלעריאַן. די אויסלענדישע בעקאַנטשאַפט איז געווען דער פרייזיניגער טשאַאַדאַיעוו, מיט וועלכען ער האָט זיך בעפריינדעט, בשעת ער איז געווען אין פאַריז.

—איך זעה, מיין טייערער, אַז איהר קאָנט זיך נאָך אַלץ נישט בעפרייען פון זיך גופא און ווערען יענס גאָרנישט, וואָס נאָר דאָס אַליין איז פעהיג צו שאַפען גאָטס רצון,—האָט דער פעטער געזאָגט און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל—ווי אַ בלאָנזשענדיג קינד, האָט איהר פערלאָזען דעם פאָטערס הויז און האָט הנאה זיך צו נעהרען מיט חזרים-קעפּ אויף די פעלדער פון פרעמדע פעלקער...

„חזרים-קעפּ—דאָס איז די קאָנסטיטוציע", האָט פירשט וואַלעריאַן זיך אָנגעשטויסען.

לאַנג האָט נאָך גערעדט דער פעטער און פירשט וואַלעריאַן האָט לאַנגווייליג געהערט. „אַ הויב פון טול מיט פאַלדען אויף דיין פליכעלע, וואָלסטו אויסגעזעהן האָאָר אין האָהר ווי אַ נביא'עטע!" האָט ער געטראַכט, קוקענדיג אויפ'ן אַלטען פירשט.

—יעדע מאַכט איז פון גאָט. אַ קריסט און גלייכצייטיג אַ העצער געגען דער מאַכט, וואָס איז פון גאָט בעשטימט, איז אַנ'אַבסאָלוטע סתירה,— האָט דער אַלטער געענדיגט דערמיט, מיט וואָס עס ווערען געענדיגט די אַלע צהנליכע דרשות.

—איך האָב טאַקי פּערגעסען, אייער דורכלויכט,—האָט פירשט וואָלקאָנסקי באַוויזען אַריינצושטעלען,—אַ שליחות פון מאַריע אַנטאָנאָוונע...

געגומען פון טיש אַ פּעקעל, אויפגעבונדען און דערלאַנגט נישט אָהן קאַמער-יונקערישער געשיקטקייט—אַ זיידען קישעלע פון יענע, וואָס ווערען געברויכט ביים קניהען בשעת אַ תּפילה, מיט אַנ׳אויסגעניייהטען קאַטוילישען פלאַמענדיגען האַרץ פון קריסטוס.

—אַליין מיט אייגענע הענד בעווייליגט אויסצונייהען. זאָל דאָס, זאָגט זי, זיין דעם פירשט לזכּרון פון אַ שטענדיגען טרייען פריינד, בעזונדערס אָבער איצט, בשעת ער ווערט אונ-שולדיג געֹרודפֿ׳ט.

—אַך, מיין ליעבע, מיין ליעבע! אָט איז אַ טרייע טאָכטער פון ישראל,—איז דער אַלטער צוגאַנגען פון הנאה.—ווּעסט היינט זיין ביי איהר אויף וועלגאָרסקיס קאָנצערט?

—איך וועל זיין.

—נו, זאָלסטו איהר זאָגען, אַז מאָרגען וועל איך קומען אַ קוש טהאָן איהרע הענדטלעך.

אין די ליעבע-אינטריגעס צווישען דעם קייזער און מאַריע אַנטאָנאָוונע נאַרישקינאַ איז פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאַליצין געווען דער שטענדיגער שלום-מאַכער, פאַרוואָס בייזע צונגען האָבען איהם אָנגערופען „אַלטע שדכנ׳טע". „אַ דרייסיג-יעהריגער פריינד פון קיסרים, וואָס האָט נאָר צופרידענגעשטעלט דעם חומר, די וועלט און דעם רוח, איז דער פירשט שטענדיג יחדיו מיט׳ן קייזער אין אַזוינע ענינים, וואָס מען קאָן וועגען זיי נישט ריידען",—האָט געזעדט וועגען איהם דער אַרכימאַנדריט פאָטיוס.

—און נאָך אַ שליחות׳ל, פּעטערשע: דערקונדיגען זיך מכּח די מיניסטעריום-ענינים, מכּח די שפּיצלעך פון די שונאים.

—איך וועל איהר אַליין דערצעהלען... און, איבעריגענס, ווייסט איהר דאָרט אפשר מעהר פון אונז. נו, וואָס האָסטו אָקאָרשט געהערט? ידערצעהל.

—עס געהען אַ סך קלאַנגען. מען זאָגט, אַז די טעג פון אייער מיניסטעריום זענען געצעהלט. אין אַ שמועס, זאָגט מען,

צווישען פּאָטער פּאָטיוס און אַראַקטשייעוו...

—און מאַגניצקי.

—עס קאָן נישט זיין! מאַגניצקי איז אַ זוהן, וואָס האָט ליעב קריסטוס׳ן... אָבער איך האָב אייך געזאָגט, פּעטערשע: היט זיך פאַר מאַגניצקי׳ן. דאָס איז אַזאַ שעלמע, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזעהן—אַ געמיש פון אַ הוהן מיט אַ היענע.

—ווי? ווי? אַ הוהן מיט אַ היענע? נישט שלעכט. טייכמאָל ביזטו גאַנץ שאַרפזיניג, מיין ליעבער...

—געדענקט איהר אָבער, אייער דורכלויכט, ווי איהר האָט אויסגעהיילט אַ שגעון?—האָט געפרעגט פירשט וואָלעריאַן.

—נו, שטעל זיך פאָר, ווען וואָלט עס געקומען אויפ׳ן זינען? רמאים... נו, צו וואָס מאַגניצקי? זאָל איהם גאָט מוחל-זיין. אָבער דער פּאָטער פּאָטיוס, דער פּאָטער פּאָטיוס— וואָס פאַר אַ סורפּריז!

אַוועקגעלאָפען אין קאַבינעט און געבראַכט צוויי בריף.

—לייען.

„אייער דורכלויכט, היכגעאַכפּערטער פירשט! דו און איך—מיר זענען ווי איין גוף און איין נשמה. איין האַרץ זענען מיר. קריסטוס איז צווישען אונז און וועט זיין", האָט זיך געענדיגט איין בריף, פון פּאָטיס.

דער צווייטער איז אַנ׳ערשטער כתב-יד, גאָליצינס ענטפער:

„היכוווירדיגער פּאָטער פּאָטיוס! צו זעהן זיך מיט אייך לעכץ איך, ווי נאָך קאַלטען וואַסער אין אַ הייסען טאָג. איך בעגיס מיך מיט טרעהרען און בעט ביי גאָט טויבען-פליגלען צו לויפען צו אייך. קריסטוס איז באמת צווישען אונז".

—אַך, פּעטערשע, פּעטערשע, דאָס גוטע האַרץ וועט אייך אומברענגען!—האָט זיך פירשט וואָלעריאַן קוים איינגעהאַלטען פון בייזען געלעכטער.

—גאָט איז באַרמהערציג, מיין פריינד. וויפיעל מענשען זאָלען מיך נישט האָבען גענאַרט, בין איך דאָך קיין נאַר נישט געוועזען. דאָס אייגענע איז היינט. מען וויל אָבנעהמען דאָס מיניסטעריום. אָבער איך בין זעהר צופרידען! נאָר דאָס ווי איך טאַקי, אַז

זאָל קאָנען אויף דער פרייהייט אַ טראַכט טהאָן וועגען דער נשמה...

פון דאָסניי אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל.

—דער קייזער, אָט ווער עס האָט אַ גוט האַרץ,—האָט ער אָבגעזיפצט מיט אַ זיסער מינע.—נו, בענוצט זיך טאַקי „יענער דערמיט...

„יענער" איז געווען אַראַקטשייעוו: דער אַלטער פירשט האָט איהם אַזוי פיינט געהאַט, אַז ער האָט איהם קיינמאָל נישט אָנגערופען מיט'ן נאָמען.

דער אַלטער פירשט געהט-צו גאָר פאַוואָליע, פערבויגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט און נעהמט קלאָגען: „טאַטע-קייזער, אייער מייעסטעט, הולאַת'ן זענען מיך בעפאַלען אויף די על-טערע יאָהרען, לאָזט מיך אין דימיסיע.."

פירשט וואַלעריאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן פעטער און איז פערגליווערט געוואָרען, אַ פערגאַפטער: די ווייכע ווייבערשע קנייטשען זענען האַרט געוואָרען, די אויגען אויסגעלאָשען, די באַקען איינגעפאַלען, דאָס פנים אויסגעצויגען—אַ לעבעדיגער אַראַקטשייעוו. אָבער פערשוואונדען געוואָרען די וויזיע, און ווי-דער איז פאַר איהם געזעסען דער פרומער בעל-דרשן. אָבער ערגעץ אין דער טיפעניש פון די אויגען האָט זיך נאָך געלאָזט זעהן אַ פונק פון שטיפעריי.

דעם פירשט וואַלעריאַן איז געקומען אויפ'ן זכרון אַ מעשה, וואָס ער האָט געהערט סאַמע פון פעטער, ווי איינמאָל אין דער יוגענד, בשעת ער איז נאָך געווען אַ קאַמער-פאַזש, איז ער גע-גאַנגען אין געוועט, אַז ער וועט דעם קייזער פאַוועל I אַ ציה טהאָן פאַר'ן צאָפּ. און ווירקליך, שטעהענדיג הינטער'ן קייזערס שטול, סאַמע אינמיטען מיטאָג, האָט ער געוויזען אַ קונץ און אַ צופּ געטהאָן דעם צאָפּ. דער קייזער האָט זיך אָבגעקעהרט. „אייער מאַיעסטעט, דער צאָפּ האָט זיך אויסגעקרימט, איך האָב איהם פעררירכט".—„אַ דאַנק, מיין פריינד".

—אָט אַזוי איז דאָס מיין ליעבער,—האָט דער פעטער ווי-טער געזאָגט.—צווישען אונז גערעדט. אָט וואו עס כאַפּט מיר דאָס

מיך דאָס בילדונגס-מיניסטעריום! זאָט ביז'ן האַלז. נישט קיין מיניסטעריום, נאָר אַ נעסט פון רוחות, וואָס מען קאָן גאָרנישט אויסרייניגען,—סיידען אַ מלאך פון הימעל זאָל אַראָב. אַלע לעהר-אַנשטאַלטען זענען שולען פון זנות. די נייע פילאָזאָפיע האָט אַרויסגעשלעפּט פון גיהנם פאַלשע חקירות און שטעהט שוין צווישען אייראָפּאַ מיט אַנ'אויפגעהויבענעם שווערד. מען שרייט: וויסענשאַפט! וויסענשאַפט! אָבער מיר, קריסטען, ווייסען, אַז אין אַ שלעכטער נשמה וועט נישט אַריינדרינגען קיין חכמה, כל-זמן זי ליעגט אין זינד און עולם-הזה. וואָס פאַר אַ גוטס קאָן מען טהאָן מיט ביכער? אַלץ איז שוין אָנגעשריבען געוואָרען. דער אות טויט-אָב, אָבער דער גייסט מאַכט לעבעדיג... איך וואָלט, מיין פריינד, אַלע ביכער פערברענט!—האָט ער פערענדיגט מיט יענער ריהרעוודיגקייט, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל אַ צופּ געטהאָן דעם קייזער פאַר'ן צאָפּ.

„אַך, שטיפער, שטיפער!—האָט געטראַכט פירשט וואַלעריאַן—וויפיעל שלעכטס האָסטו אָבגעטהאָן און פונדעסטוועגען אונשולדיג, ווי אַ ניי-געבוירען קינד”.

—וואָס האָסטו אויף מיר אויסגעשטעלט די אויגען? נישט צו דער האַנד, וואָס! ניש'קשה, ברודער, עס וועט דורכגעהן, ס'וועט געפעלען ווערען. וועסט זיך נאָך אומקעהרן צו אונז...

אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער.

—צייט אין סינאָד, צוויי אַרכיערייען וואַרטען. נו, גאָט איז מיט דיר. ווייז, איך וועל דיר איבער'צלמ'ען. אָט אַזוי. איצט שרעק זיך נישט: י ע נ ע ר וועט דיר גאָרנישט טהאָן. אָבער, כלעבען, קעהר זיך אום צו אונז, פערלאָרען זוהנדעל!

—שוין פערפאַלען, פעטערשע, ווי אַזוי? אַ האָרבאַטען וועט שוין אפשר דער קבר אויסבעסערן.

—נישט דער קבר, נאָר דאָס מיידעל טורטשאַנינאָוואַ.

—וואָסער מיידעל?

—נישט געהערט? אַ וואונדערליכע זאַך. זי היילט-אויס מיט'ן בליק האָרבאַטע און טויבשטומע. איך האָב מיט די אייגענע אויגען געזעהן דעם גענעראַל טאָלס זוהן מיט איין פוס קירצער

פאַר׳ן צווייטען, און שטעל זיך פאָר, אַז אין אַ חדש אַרום האָ-בען זיי זיך אויסגעגלייכט. דידאָזיגע קראַפט קאָן מען אפשר צו גלייכען צו אַ פאָמפּע אָדער—ווי הייסט עס?—אַ דריקער, צי וואָס: ער דריקט-אַרויס פון דער נאַטור דעם לעבעדיגען מאַגנעטיזים. איצט האָב איך קיין צייט נישט, דערנאָך וועל איך דערצעהלען, ווילסט, וועלען מיר צו איהר אַ פאָהר טהאָן.

—מיט פערגעניגען. אפשר וועט זי מיך אויך אויסבעסערן?

—און וואָס האָסטו געמיינט? גאָט קאָן אַלץ. אָדער דו גלויבסט נישט?

—איך גלויב, פעטערשע, אָבער ווייסט איהר, וואָס מיר קומט טיילמאָל אויפ׳ן זינען? ווען קריסטוס אַליין וואָלט געוואָלט ווייזען וואונדער און פרעדיגען אויפ׳ן אַדמיראַלייטען-אָדער פאַ-לאַץ-פלאַץ, וואָלט עס אַפילו צו פילאָט נישט דערגאַנגען, נאָר דער ערשטער בעסטער קוואַרטאַלנער וואָלט איהם אָבגעפיהרט אויף דער סיעזשע-גאַס. און אייערע אַרכיערייען וואָלטען זיך גאָר-נישט אָנגענומען...

„און נישט איהר, נישט איהר, אייער דורכלויכט!“—האָט זיך איהם שיער נישט אַראָבגעריסען פון דער צונג, און, נישט וואַרטענדיג אויף אַן׳ענטפער, איז ער אַרויסגעלאָפען פון צימער.

דער אַלטער פירשט האָט בלויז אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.

—אַ צומישטער קאָפּ, אָבער אַ גוט האַרץ. אַ שאָד, וואָס ער וועט שלעכט ענדיגען!

צווייטעס קאַפּיטעל.

נאָך אויסטערליץ האָט זיך אין די אויסלענדישע צייטונגען איינגעבֿען בעווייזען אַ ידיעה פֿון פֿעטערבורג: „פֿרוי באַרישקינאַ האָט בייגעקומען אַלע איהרע געגנערינס. דער קייזער האָט זי בעזוכט באַלד ווי ער האָט זיך צוריקגעקעהר״ט פֿון דער אַרמעע. ביז איצט זענען זייערע בעציהונגען געווען פֿערבאָרגען. אָבער איצט שטעלט זי זיי אַרויס פֿאַר אַלעמען אין די אויגען, און אַלע שטעהען פֿאַר איהר אויף די קניה. אָט די אָפֿענע בעציהונגען פּייניגען דער קייזערין”.

איינמאָל, אויפ׳ן הויפּבאַל, האָט די קייזערין אַ פֿרעג געטהאָן מאַריע אַנטאָנאָווגע׳ן וועגען איהר געזונד.

—נישט איבגאַנצען גוט,—האָט יענע געענטפֿערט,—איך בין, דאַכט זיך, מעוברת.

ביידע האָבען געוואוסט פֿון וועמען.

„אייער מאַנס אויפֿפֿיהרונג איז אַ מאוס׳ע,—בעזונדערס די קליינינטשקע מאַלצייטלעך מיט דערדאָזיגער וזיה-רעה, אין זיין

אייגענעם קאַבינעט, צוגלייך מיט אייך״—האָט געשריבען די באַדע-נער גרויסהערצאָגין צו איהר טאָכטער, דער רוסישער קייזערין. מען האָט גערעדט וועגען אַ גט.

אָבער פאַר צוואַנציג יאָהר צייט זענען אַלע צוגעוועהנט געוואָרען דערצו און קיינער האָט זיך שוין מעהר נישט געוואונ-דערט. מאַריע אַנטאָנאָוונע איז געווען אַזוי שען, אַז עס האָט נישט געקלעקט קיין מוט צו פער׳משפט׳ן איהר געליעבטען.

„מיט אַנ׳אָפּענעם מויל בין איך געשטאַנען פאַר איהר לאָזשע און סאַמע אויף אַ נאַרישען אופן געגאַפט פון איהר שענ-קייט, וואָס האָט אויסגעוויזען אוננאַטירליך, אונמעגליך״,—האָט זיך דערמאָנט אין אַ סך יאָהרען אַרום איינער פון איהרע פער-עהרער.

„זאָג איהר, אַז זי איז אַ מלאך—האָט קוטוזאָוו געשריבען צו זיין ווייב,—און אויב איך פערגעטער פרויען, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל זי געהערט צו דעם מין. ווען זי וואָלט געווען אַ מאַנספערשוין, וואָלט איך צו אַלע פרויען געווען גלייכגילטיג״.

שען און ליעב איז נאָר אַספּאַזיע,
מיט די שוואַרצע פייער-אויגען,
מיט דער הויכער ברוסט מיט איהרער...
ס׳איז איהר אויג מיט צער פערצויגען:
האָט אַנ׳איידעלע נשמה;
נאָר זי וויס דערפון אַליין נישט,
אַז זי ברענגט מיט זיך נחמה,—

האָט געזונגען דער אַלטער דערזשאַווין.

קיינער האָט זיך אויך דעריף נישט געוואונדערט, וואָס דמיטרי לוואָוויטש נאַרישקין, מאַריע אַנטאָנאָוונעס מאַן, האָט צוויי שטעלעס: די עפענטליכע—אָבער-הויפמייסטער זיון די פער-באָרגענע—אַ „גוטהאַרציגער מאַן״, אָדער ווי די וויצלער ...עגען זאָגען—„דער גרויסער מייסטער פון דער מאַסאָנען-לאָזשע פון האָרנטרעגער״.

די גוטע קייזערין מאַריע פיאָדאָראָוונע האָט געשריבען דער גוטער פרוי מאַריע אַנטאָנאָוונע: „אייער מאַן פערשאַפט מיר

פערגעניגען, ריידענדיג וועגען אייך מיט אַזוינע געפיהלען, מיט וועלכע ווייניג ווייבער, עהנליך צו אייך, מיין איך, קאָנען זיך איבערנעהמען".

דער געליעבטער איז, איבעריגענס, געווען נישט ווייניגער וואויל, ווי דער מאַן. איינמאָל האָט ער פּלוצלונג געכאַפּט מאַריע אַנטאָנאָוונע'ן מיט איהר אַדיוטאַנט אָזשאַראָווסקי'ן. אָבער זי האָט געקאָנט איבערצייגען דעם קייזער, אַז עס איז גאָרנישט געשעהן און ער האָט איהר מעהר געגלויבט, איידער די אייגענע אויגען. דערנאָך זענען געגאַנגען אַנדערע אונצעהליגע, מעהרסטענטיילס פון די יונגע פליגעל-אַדיוטאַנטען.

* * * * * * * * * * * * * * * *

דעם קייזערס ביידע טעכטער פון יעליזאַוועטע אַלעקסייעוונע זענען געשטאָרבען נאָך גאָר עופ'עלעך. מאַריע אַנטאָנאָוונעס ערשטע טאָכטער איז אויך געשטאָרבען; די צווייטע, סאָפיע, איז געבליבען לעבען, אָבער זי האָט פון קינדווייז-אָן געהאַט אַ שוואַך הערצעל. מען האָט מורא-געהאַט פאַר שווינדזוכט. אָט דאָס לעצטע און איינציגע קינד, וואָס דער קייזער האָט געהאַלטען פאַר זיינס און וואָס האָט דאָך אַרויסגערופען ביים עולם גרויסע ספקות —אָט די קליינטשקע סאָפיעלע איז געווען זיין ליעבלינג.

אַ דאַנק דעם פעטער, דעם אַלטען הויזפריינד, איז פירשט וואַלעריאַן אויפגענומען געוואָרען ביי די נאַרישקינס, ווי אַנ'אייגענער. סאָפיע האָט איהם ליעב געהאַט, ווי אַ שוועסטער. ער—זי מעהר, ווי אַ ברודער, הגם ער האָט עס אַליין נישט געוואוסט. האָט מען זיי אויף לאַנג פונאַנדערגעשיידט,—סאָפיע'ן פלעגט מען עפּטער אַוועקפיהרען קיין דרום,—פלעגען זיי אייננאַנדער אַזוי ווי פערגעסען, אָבער קוים צונויפגעקומען זיך—און זיי פיהלען זיך פון דאָסניי, ווי אייגענע.

—קיין בעסערן חתן פאַר סאָפיע'ן בעדאַרף מען גאָרנישט,— פלעגט מאַריע אַנטאָנאָוונע זאָגען.

אָבער אויפ'ן וועראָנער קאָנגרעס האָט איהר דער קייזער פאָרגעשטעלט אַנ'אַנדער חתן, דעם גראַף אַנדריי פּעטראָוויטש

שובאַלאָוו, אַ יונגער דיפּלאָמאַט פון מעטערניכ׳ס שול, וואָס איז באָר-וואָס צוגערעכנט געוואָרען צו דער קאָלעגיע פאַר אויסערע ענינים.

ווי אַלע שובאַלאָווס, איז אַנדריי געווען נייגיריג, געשיקט און שלוי. אַ שטילעטשקער, אַ וואוילעטשקער, אַ ליעב קעלבעלע, וואָס זויגט ביי צוויי מאַמעס. אַזוינע זענען, איבעריגענס, געפעלען געווען דעם קייזער.

די אַלטע גרעפין, דעם חתנ׳ס מוטער, וואָס האָט לאַנג געוועהנט אין איטאַליען, איז איבערגעגאַנגען אין קאַטויליציזם. די רוימישע פּאָטערס-יעזואיטען האָבען אָנגעהויבען די חתונה, און די פּאַריזער שאַרלאַטאַנעס האָבען זי פערענדיגט. מעסמעראָוועס היילונג איז דעמאָלט פון דאָסניי אריין אין דער מאָדע. האָט מען זיך גענומען היילען אויך סאָפיע׳ן. גראַף אַנדריי האָט זי מאַגנעטיזירט, לויט דער אינסטרוקציע פון מעדיומס. דאָס פופצעהניעהריגע מיידעלע, נאָך כמעט אַ קינד, האָט איהם אָבגעגעבען איהר האַנד, ווי מען גיט זי אָב אַ ווילד-פרעמדען, לויט׳ן רצון פון פאָטער, אַליין נישט-וויסענדיג, וואָס זי טהוט.

פירשט וואָלעריאַן, וואָס איז דעמאָלט אויך געווען אין וועראָן, האָט ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זי פערלאָרען, פערשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט זי ליעב געהאַט. איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין פּאַריז צו טשאַאַדאַיעוו׳ן. די געשפרעכען מיט׳ן חכם האָבען איהם נישט געטרייסט, אָבער זיי האָבען איהם געגעבען אַ האָפנונג צו פערטוישען די ליעבע צו אַ פרוי אויף דער ליעבע צו גאָט און צום פאָטערלאַנד.

אין אַ יאָהר צוויי אַרום האָט מען סאָפיע׳ן, מיט דער דערלויבניש פון די מעדיומס, געבראַכט קיין פּעטערבורג, וואו עס איז געווען בעשטימט די חתונה. ווינטער האָבען זיך אָנגעהויבען די געוועהנליכע מיטוואָכס ביי די נאַרישקינס, אויף דער פאָנטאַנקע, נעבען דער אַניקין-בריק.

מאַריע אַנטאָנאָוונע, וואָס איהר מיידעלשע פאַמיליע איז געווען סוויאַלטאָפּאָלק-טשעטווערטינסקאַ, איז געווען אַ הייסע פוילין און האָט צוגעפגעזאַמעלט אַרום זיך די פוילישע פּאַטריאָטען. מען האָט

פערזיכערט, אַז די פוילישע קאָנסטיטוציע איז געגעבען געוואָרען צוליעב איהר. און די רוסישע ליבעראַלען האָבען געזעהן אין איהר אַ בעשיצערין. איהר סאַלאָן איז געוועזן דאָס איינציגע אָרט אין פעטערבורג, וואו מען האָט געקאָנט ריידען פריי נישט נאָר וועגען דער שעדליכקייט פון שוחד-נעהמען—מען האָט אויך גע-שמועסט וועגען אַראַקטשייעוו׳ן, וועלכען זי האָט פיינט געהאַט.

אַלע מיטוואָך, בשעת דעם גרויסען פאָסט, פלעגען ביי נאַרישקינ׳ען געגעבען ווערען קאָנצערטען. אין יענעם מיטוואָך, ווען פירשט וואָלעריאַן האָט זיך דאָס ערשטע מאָל מכין-געווען צו געהן אַהין נאָך זיין צוריקקעהר קיין פעטערבורג, האָט בע-דאַרפט זיין דער קאָנצערט פונ׳ם בעריהמטען מוזיקער-אַמאַטאָר, גראַף מיכאַאיל וויעלגאָרסקי.

בשעת פירשט וואָלעריאַן איז אַריין אין דעם ווייסען זאַל מיט די קאָלאָנעס און מיט דעם גרויסען שפיגעל איבער דער גאַנ-צער וואַנד, וואו עס האָט זיך אָבגעשלאָגען דער פאָרטרעט פון דעם יונגען קייזער אַלעקסאַנדער פאַוולאָוויטש—איז די ערשטע העלפט פון קאָנצערט שוין געווען געענדיגט און דער לעצטער וויאָלין-קלאַנג איז אָבגעשטאָרבען, ווי אַ מענשליכער יאָמער. עס האָט זיך דערהערט אַ פאַטשעריי, אַ רוישען פון פונאַנדערגע-רוקטע שטוהלען, אַ שאָרכען פון פרויען-קליידער און אַ געמורמעל פון עולם. נעגרעס, אויסגעפוצט אין גאָלד, האָבען הויך איבער די קעפּ פון די געסט געטראָגען טאַצען מיט ליאָדעס; אין די זשי-ראַנדאָלען האָט מען פערריכט די וועקסענע ליכט.

גאָליצין האָט פון ווייטען דערזעהן זיין חבר, דעם פירשט סערגיי טרובעצקאָי, אַ פאָלקאָווניק פון לייבגוואַרדיע און דירעק-טאָר פון דער צפונ׳דיגער סעקציע פון דער געהיימער געזעלשאַפט; ער האָט געוואָלט צוגעהן צו איהם, איבערצו-שמועסען ענדגילטיג וועגען דעם, אַז ער האָט כמעט ווי בעשלאָ-סען אריינצוטרעטען אַלס מיטגליד אי דער געזעלשאַפט, אָבער ער האָט זיך אָבגעהאַלטען: בעשלאָסען—דערנאָך.

און ווידער, ווי פריהער, ביים פעטער אין אויפנאַהמצי-

 מער, האָט אויף איהם אַ וועהע געטהאָן מיט׳ן בעקאַנטען ריח

פון עבר, מיט דער אייביגער לאַנגווייליגקייט פון די איבערגע׳חזר׳טע חלומות.

אַלץ דאָס אייגענע, ווי מיט צוויי יאָהר צוריק: אויך אַזוי האָט אַ דאַמע אין יאָהרען מיט נאַקעטע ביינערדיגע אַקסלען אויסגעשריען, קענטיג, אַנ׳אויסגעלערנטע פראַזע:

—גראַף מיכאַאיל שפּיעלט, ווי די מלאכים אויף גאָטס קאָנצערטען!

אויך אַזוי האָט זיך דער פּאָטער ראָזאַווענע אָנגעבויגט צו דער גרעפין העלענע ראַדזיוויל און רוימט איהר עפּיס איין אויפ׳ן אויער; דער פּאָטער ראָזאַווענע איז אַ יעזואיט, אַ יונגער שענער איטאַליענער, דער אָבגאָט פון די פּעטערבורגער דאַמען, וואָס אין זיין זיידענעם שוואַרצען סוטאַן איז ער עהנליך צו אַ גלאַטינקען קאָטער, וואָס האָט אויסגעבויגען דעם רוקען און מיאַאוקעט ווייך. מען קאָן נישט פערשטעהן, צי ער רעדט עפּיס אַ ליעבע-זאַך, צי ער דרש׳ענט. מיט דער אייגענער קונסט גיט ער איבער ליעבע-צעטעלעך און שמועסט פון פרומע ענינים, טאַקי דאָ גופא, אויף די גרויסוועלטליכע ראַאוטען, מיט זיינע אָנהענגערינס, וואָס זענען צוגעצויגען געוואָרען צום קאַטוילוציזם. „אויערל״ האָט מען גערופען די גרעפין דערפאַר, וואָס זי פלעגט רויט ווערען נישט מיט׳ן געזיכט, נאָר מיט איינעם פון איהרע חנ׳עוודיגע אויערלעך, ווי מויערקעפלעך פון פּערלמוטער. און איצט, אונטער דער שעפּטשעריי פון׳ם פּאָטער ראָזאַווענע, איז איהר נישט בחינם רויט דאָס אויערל: עפשר וועט זי לויט׳ן ביישפּיעל פון דער שענער גרעפין קוראַקינאַ, אַ ברען טהאָן זיך דאָס פינגערל איהרס אָן ליכטעל, נאָכצוטהאָן די קריסטליכע מערטירערינס. און די ניינציגיעהריגע באָבעשי אַרכאַראָוואַ, אין אַ טונקעל-רויטען כאַלדעאישען טורבאַן מיט העל-גרינע פעדערן, אַנ׳אָנגעפּאַרבטע, עהנליך צו איהר אייגען הינדטעל, וואָס כראָפּעט אייביג אויף איהרע קניה,—קוקט פאַלש-שעלמיש דורכ׳ן לאָרנעט אויפ׳ן פּאָרעלע—דעם פּאָטער-יעזואיט מיט דער גרעפין אויערל—און גרייט, אַפנים, צו עפּיס אַ בייז רכילות.

אויף זיין געוועהנליכען אָרט, נעהנטער צום אויוועו, זיצט

ד. מערעזשקאָווסקי.

דער משל-שרייבער קרילאָוו. אפּנים, באַלד ווי געקומען—זיך אַ וואָרף געטהאָן אין פאָטערשטול אַריין, כּדי נישט אויפצושטעהן סאַמע ביז'ן אָוועגדבּרויט: „אַ יישר-כּח דער חכמה'לע—דער בעל-הבית'טעלע, וואָס מיין אָרט איז נישט פערנומען; דאָ איז וואַרימער". אין זיין אָבגעניצטען ברייטען פראַק, ווי אַ שלאָפראָק, מיט אַ קאָליר פון טאַבאַק, מיט מעשענע קנעפּ און מיט אַנ'אָבגעריבענעם אָרדען-שטערנדל—האָט אָט דער גרויסער גוף אויסגעוויזען, ווי אַ נויטווענדיג מעבעל. די הענד זענען געלעגען אויף די קניה, מחמת זיי קומען זיך שוין נישט צוזאַמען אויפ'ן בויך. דאָס מויל איז עטוואָס קרום פון אַנ'אַטאַק, וואָס איז מיט איהם געשעהן מיט אַ צוויי יאָהר צוריק, דאָס פּנים איז אָבגעגעסען, ווייס, צושוואומען, אָהן שום אויסדרוק—אפשר בלויז דער איינציגער אויסדרוק, אַז ער האָט זיך אָנגעגעסען ביים מיטאָג מיט געבראָטענער גאַנז און מיט פעפער-שוואומען און איצט, צום אָוועגדבּרויט וואַרט ער אויף אַ חזיר'ל מיט כריין, נישט-געקוקט אויפ'ן גרויסען פאָסט. „אָבער איך, בעל-עבירה'ניק,—פלעגט ער זאָגען,—בין גאָרנישט צוגעפּאַסט מיט'ן מאָגען צו פאַסטען". ער דרעמעלט-איין; טיילמאָל עפענט ער אויף איין אויג, גיט אַ קוק פון אונטער אַנ'אַראָבגעהאַנגענער ברעם, הערט זיך צו, שמייכעלט-צו גנבי'ש און דרעמעלט-איין פון דאָסניי.

אונבעוועגליך קוק איך אויפ'ן הבל פון דער וועלט
און חקירה מיך אין שלאָף.

געהט צו צו איהם אַ הויכער בעאַמטער אין אַ מונדיר, בעגייהט מיט גאָלד: „וואָס מאַכט איהר, איוואַן אַנדרייעוויטש? —איז שוין קיין זכר נישטאָ פון זיין דרעמלען: שפּרינגט ער פלוצלונג אויף מיט אַנ'אומגעלומפּערטער געשיקטקייט, מיט אַ בעוועגליכקייט פון אַ בער, וואָס טאַנצט אונטער אַ פּויק אויפ'ן מאַרק, בויגט זיך אויס אײנגאַנצען, ווערט שרעקליך העפליך —אָט-אָט, וועט ער אין אַקסעלע אַ קוש טהאָן זיין עקסעלענץ. דערנאָך—זיך ווידער אַ לעג אין פאַטערשטול און דרעמעלט שוין פון דאָסניי.

אויף גאָליצינ׳עו האָט אַ וועהע געטהאָן פון דערדאָזיגער קרילאָוו-מאַסע, ווי פון אַנ׳אויוועו, מיט דער היימישער וואַרימקייט, מיט דער היימישער דושנעקייט. עס איז איהם געקומען אויפ׳ן זכרון פושקינס וואָרט: „קרילאָוו איז אַ פאָרשטעהער פון רוסישען גייסט; איך בין נישט ערוב, אַז ער זאָל טיילמאָל נישט שטינקען; ווארום פאַרצייטענס האָט אונזער פאָלק געהייסען שטינק-פאָלק.״ און באמת, דאָ, ביי דעם הויכען עטיקעט פון דער אַריסטאָקראַטישער וועלט מיט׳ן אַראָמאַט פון פיאָלעטען האָט דידאָזיגע נישט-אָנשטענדיגקייט דערמאָנט דעם ריח פון פישמאַרק ביים פאַנטעליימאָן-בריק אָדער פון פוילען קרויט אין די קעלערן פון לעדיגען מאַרק.

—זענט איהר שוין, פאָטערל, לאַנג געקומען פון די פרעמדע קאַנטען?—האָט זיך קרילאָוו בעגריסט מיט גאָליצינ׳ען און אַרויסגעזאָגט די עטליכע ווערטער אַזוי פויל, אַז מען וואָלט איהם, קענטיג, בשום אופן אין דער וועלט נישט געקאָנט איינריידען אַרויסצופאָהרען אין אַ פרעמדען לאַנד.

—די אַלטע בנינים, איוואַן אַנדרעיעוויטש, זענען שטענדיג אַ נעסט פאַר וואַנצען—האָט פאָרטגעזעצט דעם שמועס פירשט נעלעדינסקי-מעלעצקי, דער סעקרעטאַר פון דער קייזערין מאַריע פעאָדאָראָוונע און דירעקטאָר פון דער קאָרטען-עקספעדיציע, אַ קליינינטשקער ביינינער זקנ׳דעל, עהנליך צו אַנ׳אַלטער פרוי.—אַ ים וואַנצען אין ווינטער-פאַלאַץ און אין אַניטשקין-פאַלאַץ, נישט פטור צו ווערען...

גראָד אַזוינע געשפרעכען פלעגען עפיס שטענדיג פערפיהרט ווערען אַרום איוואַן אַנדרעיעוויטש׳ן.

—און ביי אונז אין דער עפענטליכער ביבליאָטעק זענען אויך דאָ וואַנצען נישט צו פערזינדיגען, און דער בנין איז אַ נייער. פון ביכער, צי וואָס? אַ בוך, זאָגט מען, שאַפט וואַנצען—האָט קרילאָוו בעמערקט.

—געוועזען ביי מיר אַ הייזעל אין מאָסקווע, אַ וואויל הייזעל, נעבען דער כאַריטאָנער צערקווע,—האָט נעלעדינסקי אַ שמייכעל געטהאָן פון דער אָנגענעהמער ערינערונג,—אי ליכטיג, אי וואַרים,

מיט איין וואָרט, אַ מחיה. אָבער וואַנצען זענען געווען אַזויפיעל, אַז איך האָב נאָך ערגעץ נישט געזעהן אַזוינס. „וואָס איז דאָס, זאָג איך דעם הויז-משרת, אַזוי נישט ריין ביי אונז אין שטוב?“ און ער: „זענט מוחל, גיט אַ קוק—אויף דער וואַנד הענגט אַ צעטעל געגען וואַנצען“. האָב איך געהייסען ווייזען. מסתמא אַ מיטעל, טראַכט איך. און וואָס, מיינט איהר, איז אויפ'ן צעטעל געווען אָנגעשריבען? אַ תפילה צו דעם קדוש דיאָניס אַרעאָפּאַגיט!

—נו, יאָ, עס שטימט, אַרעאָפּאַגיט פערטרייבט וואַנצען,—האָט קרילאָוו אַרויסגעמורמעלט און אַ געגעץ געטהאָן.—אויב אַ מענש האָט אמונה, געשיהט איהם טאַקי לויט דער אמונה...

—און איך שטאַרב אַוועק פון די מערידען,—האָט זיך אַריינגעמישט אַ צווייטער אַלטעטשקער, אַ סענאַטאָר מיט אַן אַראָבגעהאָנגענער ליפּ, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס; ער האָט נישט געהערט, וועגען וואָס מען שמועסט דאָ.—און דער קאָפּ שווינדעלט מיר אָפטער...

—וואָס שווינדעלט?—האָט נעלעדינסקי געפרעגט מיט פּערירוס.

—אַ שווינדלעניש... דער קאָפּ ווערט פערדרעהט... איך געדענק, נאָך פאַר יעקאַטערינ'ען, אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל זי האָבען...—האָט ער אָנגעהויבען און, ווי אַלעמאָל, נישט געענדיגט; קיינער האָט איהם נישט געהערט. מיט זיינע מערידען איז ער געקראָכען צו אַלעמען און אין זיין צוזייהטקייט—אפילו צו דאַמען.

—ווידער גענומען פלוידערן? און וואָסער רוח שלעפּט דיך פאַר דער צונג!—האָט דער אַלטער פירשט וויאַזעמסקי געמאַכט פאָרוואורף אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש טורגעניעוו'ן.—נו, מעג מען ווייזען אַזוינע בריף אין קלוב? מען וועט פונאַנדערקלינגען איבער'ן שטאָדט, עס וועט אַריינפאַלען אין דער געהיים-פּאָליציי—און דעמאָלט איז קאַפּוט—די גריל...

גאָליצין האָט זיך צוגעהערט. ער האָט געוואוסט, אַז גריל איז פּושקינס אַרזאַמאַסער צונאָמען. צוזאַמען מיט טורגעניעוו'ן און וויאַזעמסקי'ן האָט ער זיך נישט איין מאָל משתדל-געווען פאַר דעם פערשיקטען קאָלעגיען-סעקרעטאַר פּושקין.

—געהערט, פירשט?—האָט זיך וויאַזעמסקי געווענדט צו איהם.

—ניין. וואָס פאַר אַ בריף.

—אַזאַ בריף,—האָט איהם טורגעניעוו אָנגעשעפּטשעט אויפ'ן אויער די בעריהמטע ווערטער, וועלכע ער האָט אַזויפיעל מאָל איבערגע'חזר'ט, אַז ער האָט זיי געקאָנט אויסווענדיג: „ווילסטו ויסען, וואָס איך טהו? איך נעהם לעקציעס איבער ריינעם אַטעאיזם. דאָס סיסטעם איז נישט אַזוי מחיה'דיג, ווי מען מיינט, געוועהנליך, אָבער צום אומגליק, איז עס דאָס סאַמע ריכטיגסטע.״

—נו, זאָגט אַליין, פירשט, שוין-זשע פאַר אַזאַ מין נאַרישקייט...

—זאָג מיר, וואו וואוינסטו, ברודערל, אויף דער לבנה, צי וואָס?—האָט זיך וויאַזעמסקי פון דאָסניי צוקאָכט.—דו ווייסט שוין גאָרנישט, אַז היינט קאָן מען אין רוסלאַנד פאַר דער קלענסטער נאַרישקייט...

—נו, וואָרטשע נישט, גענוג, אַ סוף... און די גריל, זאָגט מען, האָט ווידער אַ סך פערשפּיעלט?

—וועניג לייגט מען? אָט האָט מען נישט לאַנג געשמועסט, אַז ער האָט זיך גאָר דערשאָסען...

—נו, ניין, ער וועט זיך נישט דערשיסען—האָט טורגעניעוו אַ שמייכעל געטהאָן.—געדענקסט דאָך זיין ווערטעלע: „נאָר לעבען!״ ווער-ווער, פושקין וועט זיך נישט דערשיסען...

צוגעגאַנגען דער בעל-הבית פון שטוב, דמיטרי לוואָוויטש נאַרישקין; אָנגעטהאָן אַלטפרענקיש, אין פודער, אין זאָקען און שיכעלעך מיט רויטע אָבצאַסען—אַן'עכטער מאַרקיז פון לודוויג דעם XV-טענס צייטען. טיילמאָל האָבען איהם קראַמפען געצוקט דאָס געזיכט, פלעגט ער אַרויסשטעקען די צונג, פונקט ווי ער וואָלט זיך רייצען מיט עמיצען; אָבער דאָך איז ער געווען מאַיעסטעטיש, ווי אַן'אַלטער האָהן, וואָס גערט נאָך אָבער אַלע שטאַלץ אַרום.

—און אייער פושקין האט ווידער קאמישע ליעדלעך אָבגע-

שרײַבן, געהערט?—האָט ער געזאָגט און זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס.

—נו, נו?—איז טורגעניעוו נײַגעריג געוואָרן און דורשטיג אויסגעשטעלט דאָס אויער.

דמיטרי לוואָוויטש האָט אַ וואונק געטהאָן, די קעפּ האָבען זיך דערנעהנט און ער האָט אַרויסגעשעפּטשעט מיט'ן שפּיעלענדיגען שמייכעל פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט:

נאָך פרייהייט לעכצעט איהר,—מען האָט זי אייך געבראַכט:

שטאָט איינגע הויזען, האָט מען ברייטע אייך געמאַכט.

—דאָס איז גאָרנישט פּושקינס!—האָט זיך וויאַזעמסקי פונאַנדערגעלאַכט.—איך וואָלט אייך געזאָגט ליעדלעך, אָבער איך האָב מורא, אייער עקסעלענץ זאָל זיך נישט באַלייזערן: שוין צו-פרייע...

—ניש'קשה, ניש'קשה, זאָג, פירשט,—האָט איהם דמיטרי לוואָוויטש צוגעגעבען מוט.—פרייער ליעדלעך האָב איך ליעב. מיינט נישט, אפילו מיר האָבען פאַר אונזער צייט באַרקאָוו'ן אויף אויסוועניג געקאָנט...

קוקענדיג אויף דעם קייזערס פּאָרטרעט מיט זיזאַ פרייזינגען פּנים, פּונקט ווי ער וואָלט געמאַכט אַ רעוואָלוציע, האָט וויאַזעמסקי אָנגעהויבען דעקלאַמירען

דערצויגען אונטער באַראַבאַן,
איז אונזער... בראַווער קאַפּיטאַן,
ביי אויסטערליץ אַנטלאָפען גיך,
אין צוועלפטען יאָהר—געשראָקען זיך.
דערפאַר געווען אַ פראָנט-פּראָפעסאָר,
נאָר שוין דערעסען איהם, אַפנים:
געוואָרען איז ער אַן אַמבאַסאָר
פאַר אַלע אויסערע ענינים.

נאַרישקין האָט שטיל אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און אַרויסגעשטעקט די צונג פון פערגעניגען. געווען אפילו אַ טרייער אונטערטאַן און אַ האַרציגער פריינד פון קייזער, אָבער נישט

אומזיסט, אפנים, געשעפט ביי באַרקאָוו׳ן פרייע געדאַנקען

—און דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דער קורצער אָטעם קומט פון ווייצענער קאַשע,—האָט זיך נעלעדינסקי געקלאָגט פאַר קרילאָוו׳ן.—און איך בין אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען פון דעמדאָזיגען קורצען אָטעמען, אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז איך בעדאַרף האָבען אַ וואַכטערקע...

—און איך לייד אַלץ פון קאָפּ-שווינדלעניש,—האָט דער אַלטעטשקער ווידער אַרויסגעטשאַמקעט.

—פּירשטעל, שפּיי אויף די דאָקטוירים,—האָט זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט קרילאָוו און אפילו ביידע אויגען געעפענט.—דו לערן זיך פון מיר: הויבט נאָר אָן בונטעווען דער מאָגען, עס איך אין צווייען און זאָל ער זיך דאָרטען טהאָן, וואָס ער וויל. ביי סטעפאַנידע פּעטראָוונע׳ן—זי מאַכט גרויסאַרטיגע מאכלים—האָט זיך מיר דער מאָגען סאַמע פאַר מיטאָג אַזוי צושפּיעלט, כאָטש נעהם און אַנטלויף. האָב איך מיך דערמאָהנט, אַז אויפ׳ן פּישמאַרק פערקויפט מען גרויסאַרטיגע פעפערשוואָמען. זאָג איך דאָס טאַקי סטעפאַנידע פּעטראָוונע׳ן, שיקט זי די אייגענע רגע—זאָל איהר גאָט געבען געזונד—אויפ׳ן מאַרק אַ רייטער און מען האָט בעוויזען צו ברענגען די שוואָמען צום געבראָטענס. האָב איך איינגענומען אַ פּאָרציע, וואָס איז בעשטאַנען פון זעקס שוואָמען און פון דעמאָלט-אָן האָב איך דערזעהן די ליכטיגע וועלט. און דו זאָגסט, דאָקטוירים...

וויאַזעמסקי האָט שוין געשאָטען זיינע פרייע געדאַנקען נישט אין ליעדער, נאָר אין פּראָזע; ער האָט גערעדט וועגען דער „פינסטערניש פון אויבען”, וועגען די משוגעת׳ן פון דער צענזור, וואָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען קאָן נישט זאָגען „נאַקעטער אמת”, ווייל פאַר אַ פרוי איז נישט אָנשטענדיג צו ווייזען זיך נאַקעט; ער האָט גערעדט וועגען דעם, וואָס עס איז פערוועהרט געוואָרען פילאַרעטס קאַטעכיזיס; וועגען מאַגניצקיס פאַנאַטיזם, וואָס האָט געהייסען איינגאַנצען צושטערען די קאַזאַנער אוניווערזיטעט און געצוואונגען די פּראָפעסאָרען צו בעגראָבען דעם גאַנצען אַנאַטאָמישען קאַבינעט, די טרופּעס און

שקעלעטען פון מענשליכע קאָליקעס, ווייל ער האָט איינגעזעהן, אַז „עס איז אַ גרויסע עבירה און אַ גאָטלעסטערונג, צו בענוצען אַ מענשען, וואָס טראָגט דעם צלם אלהים, אויף אַנאַטאָמישע פרעפּאַראַטען״; האָט מען בעשטעלט טרומנעס, אַריינגעלעגט אַהין די פרעפּאַראַטען און מיט גרויס פּאַראַד זיי אָוועקגעפיהרט אויפ'ן בית-עולם.

געהערט מיט איין אויער וויאַזעמסקי'ן און מיט'ן צווייטען קרילאָוו'ן, האָט גאָליצין זיי ביידען פערגלייכט, און איהם האָט אויסגעוויזען, אַז וויאַזעמסקי, וואָס איז פול מיט פרייע פייערדיגע געדאַנקען, וועט פלאַצען, ווי אַ זייפענבלאָז, אָבער דער טשוהונענער זיידעניר קרילאָוו וועט זיך קיינמאָל נישט וואַקלען. שוינזשע איז דאָס פנים, וואָס איז בּרייט און צושוואומען, דער פרצוף פון גאַנץ רוסלאַנד?—האָט ער געטראַכט מיט געלעכטער און שרעק.

אָבער אַז ער האָט דערזעהן ביים צווייטען עק זאַל מאַריע אַנטאָנאָוונע'ן מיט'ן גראַף שובאַלאָוו, האָט ער שוין מעהר נישט געטראַכט.

זי האָט געטראָגען דאָס שטענדיגע פשוט'ע ווייסע קלייד מיט גלייכע פאַלדען, ווי אויף די פּאַרטרעטישע סטאַטועס; אַנ'אַלטע מאָדע, אָבער אויף איהר—אַ נייע, אַנ'אייביגע; קיין שום בעפּוצונגען, בלויז אָנשטאָט אַ שנאָל אויפ'ן אַקסעל—אַ כּריזאָליטקמע, אַ מתנה פון דער קייזערין זשאָזעפינע און אַ גירלאַנדע פון קאָרנבלימלעך אין די שוואַרצע האָהר. שוין ביי פיערציג יאָהר און נאָך אַלץ רייצענדיג. הייגט בעזונדערס. נישט די צווייטע, נאָר די צוואַנציגסטע יוגענד. אַ טיעפע קלאָרקייט פון אַ זונאונטערגאַנג אין הערבסט, אַ שמעקעדיגע רייפקייט פון הערבסטפרוכטען.

ליעב און שען איז נאָר אַספּאַזיע
מיט די שוואַרצע פייעראויגען.

הייגט שוואַרצער, פייערדיגער, איידער ביז'אַנדערשמאָל. „מינערווע אין אַ שעה פון ליידענשאַפט״, האָט זי עמיצער אָנגערופען. די ברעמען שעמעוודיג אַראָבגעלאָזט, און אין אַלע בע-

וועגונגען—אויך אַ פערשעמטקייט, אַנ׳אַראָבגעהאָנגענקייט, ווי אין דעם טונקעלען ציטער פון די אַראָבגעהאָנגענע ווערבעס.

„וואָס איז מיט איהר?“ האָט זיך געוואונדערט גאָליצין. ער האָט זי גוט געקאָנט: נישט אומזיסט געווען אין איהר אַמאָל פערליעבט. ער האָט געוואוסט, אַז אַזאַ, ווי זי איז היינט, איז זי אַלעמאָל, ווען זי טוישט איהר געליעבטען. ווער-זשע איז איצט?

זיך בעסער צוגעקוקט צו שובאַלאָוו׳ן. דאָס געזיכט איז געווען ביז חוצפה, ווי ביי פלאַטאָן זובאָוו׳ן, דעם העלד פון „גע-לעגער-דיענסט“. מיט דעמדאָזיגען פנים, האָט זיך געוואָלט גלוי-בען אין די מעשיות, וואָס מען האָט דערצעהלט וועגען איהם: געלעגט ער נעהמען ביי אַלטע פרויען געלד און זיך אָבזאָגען פון אַ דועל פאַר אַנ׳עהרען-זאַך. אַ זעלטען-שענער ענגלישער פראַק מיט אַ גוזמא׳דיגער שמאָלער טאַליע, לויט דער לעצטער מאָדע; געטאָקטע פיס, איינגעצויגען אין שוואַרצען אַטלאַס; אַ קראַוואַטל, געלייכט אויסגעבונדען, אויפ׳ן שטייגער פון שאַטאָבריאַן; אַ שפיל-קעלע, אויפמערקזאַם אַריינגעשטעקט, אויפ׳ן שטייגער פון מע-טערניך; „אָבער גוט וואָלט געווען אויפצוהאַלטען דאָסדאָזיגע שע-נע פרצופ׳ל אונטער׳ן פיסטאָלעט ביים באַריער“—האָט גאָליצין מיט האַס אַ טראַכט געטהאָן.

און פלוצלונג האָט איהם אויסגעוויזען, אַז אויפ׳ן צו-וואַ-רימען גלאַנץ פון מאַריע אַנטאָנאָוונעס אויגען האָבען שובאַ-לאָווס אויגען געענטפערט אויך מיט אַזאַ גלאַנץ.

„אָט ווער דאָס איז!—איז גאָליצינ׳ען דורכגעלאָפען אַ גע-דאַנק, וואָס האָט איהם גופא אויסגעוויזען משונה.—די מוטער מיט דער טאָכטערס חתן!.. פון זינען בין איך אַראָב, צי וואָס?..“

מיט געוואַלט אָוועקגענומען די אויגען אין אַנ׳אַנדער זייט און דערזעהן סאָפיע׳ן. זי האָט גערעדט מיט׳ן פירשט טרובעצקאָי. צוליעב איהר אַליין איז גאָליצין געקומען אַהער, אָבער ער האָט זיך אַזוי ווי דערשראָקען—זיך אויסבעהאַלטען פון איהר הינטער אַ קאָלאָנע, און לויט דעם, ווי עס האָט איהם גענומען קלאַפען ביי׳ן האַרץ און ווי ער האָט נעכטען נישט געוואָלט גלייבען

טרובעצקאָי׳ען וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט, האָט ער פּלוצלונג פערשטאַנען, אַז עס זענען נאָך נישט פערווירקליכט געוואָרען די עצות פונ׳ם חכם טשאַאַדאַיעוו: ער האָט נאָך נישט אויסגעטוישט די ליעבע צו אַ פרוי אויף דער ליעבע צום פאָטערלאַנד.

—אויפנעהמענדיג זאַכען אפילו אין גאָר אַ שטרענגער סצעפּטיק, בעדאַרף מען, מיין איך, פאָרט מסכים-זיין, אַז אין רוסלאַנד קאָן נישט זיין ערגער פון דעם, וואָס איז דאָ,—האָט אַרויסגעזאָגט פּירשט קאָזלאָווסקי, ענטפערענדיג וויאַזעמסקי׳ן אין דעם קרייז, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פערגרעסערט.

קאָזלאָווסקי, געוועזענער פּאָסאָל אין סאַרדיניען, וואָס איז „פאַר נישט-בעגרינדעטע מעשים" דערווייטערט געוואָרען פון דיענסט, איז געווען אַ האַלבער פּאָליאַק, אַ געהיימער קאַטויל און, ווי מען האָט געשמועסט, זאָגאַר אַ יעזואיט. אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען אַ מענש פון פרייע אידעען אין דער פּאָליטיק. אויסערליך—עטוואָס בורבאָן, עטוואָס פאַלסטאַף. געווען אַזוי דיק, ווי דער זיידע קרילאָוו, אָבער ריהרעוודיג, לעבעדיג, בעוועגליך. בשעת ער האָט גערעדט פון פּאָליטיק, האָט נישט בלויז זיין פנים—נאָר דער גאַנצער ריזיגער קערפּער האָט זיך געוואָרפען, פונקט ווי ער וואָלט געשאָטען פונקען פון חכמה. אין אַזוינע מינוטען פלעגען זיך אין איהם פערליעבען אפילו גאָר יונגע פרויען.

—מען האָט בעפרייט אייראָפּאַ! דערהויבען רוסלאַנד! מיט אונז איז גאָט! אָבער מיר זענען אַ שיק-יונגעל ביי מעטערניכ׳ן. אַ מין קאַלאַנטשאַ פון פייערלעשער איז געוואָרען די רוסישע פּאָליטיק. מיר שטעהען אויף דער וואַך: צי האָט זיך ערגעץ נישט אָנגעצונדען, און מיט אַנ׳אַרויסגעשטעקטער צונג פליהען מיר איבער גאַנץ אייראָפּאַ פון קאָנגרעס צו קאָנגרעס, פערגיסענדיג פרעמדע שרפות מיט׳ן אייגענעם בלוט. אַ רעוואָלוציע דאָ, אַ רעוואָלוציע דאָרט. זענען זיך אפשר נישט טועה-געווען די פעלקער, וואָס האָבען אַראָבגעשליידערט באָנאַפּאַרט׳ן? אָנשטאָט איין גרויסען טיראַן—הונדערט קליינינקע. אַ לייב האָט מען אומגעוואָר-

פען און זיך אָבגעגעבען די יועלף צו פרעסען...

—דערפאַר זאָגט מען אָבער, אַז די רעגירונג איז היינט אַ געזעצליכע,—האָט איהם וויאַזעמסקי געהעצעט.

אַ געזעצליכע? וואו? האָט איהר געזעהן, פירשט, די שילד אויף דער ליטיינע-גאַס: „די קאָמיס׳יע צו שאַפען געזעצען". האָט עמיצער צוגעגעבען אותיות און איצט הייסט עס: די קאָמיס׳יע... אָבצושאַפען געזעצען". איז אפשר נישט ריכטיגער אַזוי? צו וואָס בעדאַרף מען זיי, ווען די לוחות זייערע ווערען צושלאָגען אָן דעם ערשטען שטיין פון דעספאָטיזם?..

אַ פּאַטש געטהאָן מיט די פעטע פויסטען און מיט דעמאָקראַטישער גרויזאַמקייט. פאַלסטאַף האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ מיראַבאָ. און די דאַמען האָבען איהם געהערט מיט דערזעלבער אָנגענעהמליכקייט, ווי פריהער ווּעלגאָרסקי׳ן: דער צווייטער קאָנצערט איז נישט ערגער פאַר׳ן ערשטען.

—יאָ, מיין הער, נישטאָ קיין געזעצען אין רוסלאַנד!— האָט קאָזלאָווסקי געהאַקט, ווי פון אַ טריבונע אַראָב:—די אוקאַזען קומען אָדער פון אַ ליעבלינג אַנ׳אויוועז-הייצער, אָדער פון אַ קורלענדער אַ בערייטאָר, אָדער פון אַ טערק אַ שערער, אָדער פון אַראַקטשייעוו׳ן און מען קאָן זיי נישט האַלטען פאַר געזעצליך: דאָס איז בלויז דאָס רעכט פון אַ שטאַרקען, דאָס איז אַנאַרכיע, וואו עס איז בעסער צו דערשטיקען, איידער צו זיין דערשטיקט. מיר בעגעהען זיך, ווי דאָן-קיכאָטען: בעפרייענדיג אַנדערע, קרעכצען מיר אַליין אונטער דעם פערהאַסטען יאָך...

—פּאַטערל, פאַר אַזוינע זאַכען קומט מען אויף דער סיעזשע-גאַס!—האָט אַרכאַראָווע אַרויסגעשיפּעט און די גרינע פעדערן אויף איהר טונקעלרויטער הויב האָבען זיך סטראַשענדיג בעוועגט; אפילו דאָס הינדטעל אויף די קניה האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען וואָרטשען. קרילאָוו האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט און זיך בעוועגט מיט אַזאַ מינע, ווי עס וואָלט פון ערגעץ געגאַנגען אַ צוגווינד. און פאַן ווישקאָווסקי און פאַן כלאָפּאָווסקי און פאַן כראַפּאָוויצקי און פאַן סאָלטיק—אַלע האָבען געפּאַטשט מיט די הענד, ווי אין וואַרשאַווער סיים: „בראַוואָ! בראַוואָ!

בראַוויסימאָ." טורגעניעוו האָט אָנגענויגט דעם קאָפּ, אָנגעבויגט דאָס אויער מיט'ן לאַדאָן, נישט דורכצולאָזען קיין איין וואָרט, אַלץ געדענקען און דערנאָך צוטראָגען איבער דער גאַנצער שטאָדט. וויאַזעמסקי האָט הנאה-געהאַט און מקנא-געווען. דער גרעפין העלענעס אויערלי' האָט געברענט. דער פּאָטער ראָזאָוונע האָט געטראַכט וועגען קאָזלאָווסקי'ן אויפ'ן שטייגער פון זשאָזעף דעמעטער: „אַנ'אוניווערזיטעטישער פּוגאַטשאָוו". דמיטרי לוואָוויטש האָט אַרויסגעשטעקט די צונג פון התפעלות און מאַריע אַנטאָנאָוונע האָט געשמייכעלט, ווי אַ גוטע הויז-פרוי, כּרעהענדיג זיך, וואָס די געסט זענען צופרידען.

גאָליצין האָט געקוקט אויף סאָפיע'ן. זי איז שטיל צוגעגאַנגען, זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ ברעג שטוהל, אַוועקגעלעגט אויף די קניה איהרע מאָגערע קינדערשע הענדטלעך,—דאַכט זיך, די פינגער בעדאַרפען זיין פערשמירט אין טינט, ווי ביי אַ שילערין,—און מיט אַנ'אויסגעצויגענעם האַלז, קיינעם נישט זעהענדיג, אינגאַנצען פערגליווערט געוואָרען, אַנ'אונבעוועגליכע און אַנ'אָנגעצויגענע, ווי אַ פייל אויף אַ בויגען. די אויגען, ווי ביי אַ נביאה. „אַ מענש מיט אַנ'אונריינעם געוויסען וואָלט נישט געקאָנט אַריינקוקען אין זיי"—האָט גאָליצין איינמאָל געזאָגט וועגען די דאָזיגע אויגען; אינגאַנצען אַזאַ, ווי זי וואָלט געווען נישט פון דער וועלט. צו אַ לופטיגע, אַ דינינקע, אַ דורכזיכטיגע; דאַכט זיך, די נשמה זעהט זיך אַרויס דורכ'ן גוף, ווי פייער דורך אַלעבאַסטער: אָט-אָט וועלען די ווענדטלעך פון לאָמפּ נישט אויסהאַלטען, דאָס פייער וועט זיי צוברעכען און זיך אַרויסרייסען אין דרויסען.

גאָליצין האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם, וואָס ער האָט געהערט וועגען איהר: צו דרייצעהן יאָהר האָט זי געטראָגען אַ גאַרטעל, אויסגעבריהט אין זאַלץ, וואָס עסט דאָס לייב; פלעגט שטעהן אויף דער זון ביז וואַנען די הויט אויפ'ן פנים פלעגט נישט פּלאַצען; האָט געוואָלט אַנטלויפען אין אַ מאָנאַסטיר, זיך אָבשערען און וואַנדערן אין מענער-קליידער אונטער'ן נאָמען פונ'ם פערשטאָרבענעם יונגען מאַנאַך נאַזאַריע.

ביי אַזוינע, ווי זי, איז פון וואָרט ביז טאַט בלויז אַ שריט. און איצט איז קאָזלאָווסקיס דרשה פאַר איהר אַליין, צווישען דעמדאָזיגען עולם—נישט קיין מוזיק, נאָר נביאות.

—איז דען די שטרענגקייט פונ׳ם פערשטאָרבענעם קייזער פאַוועל, אָהן רמאות, אָהן חניפה, נישט בעסער טויזענד מאָל פון דעם, וואָס מיר לעבען-איבער ביי היינטיגער צייט?—האָט קאָזלאָווסקי ווייטער געזאָגט און זיך אַלץ מעהר בעגייסטערט.—בענקען מיר דען נישט נאָך פאַוועלס צייטען, איבערטראָגענדיג עפּיס אַזוינס, וואָס מען קאָן עס נישט איבערטראָגען אָהן געמיינהייט? יעדען טאָג ווערט אין אונז בעליידיגט דער מענש, די גערעכטיגקייט, די אויפקלערונג, אַלץ, וואָס עס שטערט דער ערד צו ווערען אַ מדבר אָדער אַ נעסט פון גזלנים. בשעת דו זעהסט די אַלע געמיינהייטען, וואָס ווערען אָבגעטהאָן אין רוסלאַנד אויף יעדען שריט און טריט, ווילט זיך אַנטלויפען פון דאַנען וואוהין די אויגען טראָגען...

די באָבע אַרכאַראָווע איז אויפגעשטאַנען אַ בייזע און גענומען אַוועקגעהן און דאָס הינדטעל אויף די הענד האָט פערבויגט דעם עק און זיך צובילט. קרילאָוו האָט זיך אויך אויפגעהויבען, אָבער זיך באַלד מסתמא דערמאָהנט אָן אָוועגדברויט און צוריק זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטערשטוהל, אַ מאַך טהוענדיג בלויז מיט דער האַנד. ביי נעלעדינסקי׳ן האָט זיך נאָכמעהר פערשטאַרקט די אַסטמאַ, איידער פון ווייצענער קאַשע. דער זקן מיט די מערידען איז זיך, דאַכט זיך, מכין-געווען צו פאַלען אין חלשות. אָבער די פאַנעס זענען אויפגעשפּרונגען און גענומען ווילד פאַטשען מיט די הענד. אויף זייערע פּנים׳ער איז געווען קענטיג: „נאָך איז פוילען נישט פערלוירען”.

אָבער עס האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון וויאָלין—און אַלץ האָט זיך איינגעשטילט, בערוהיגט געוואָרען, פּונקט ווי עמיצער וואָלט אונרוהיגע כוואַליעס בעגאָסען מיט אייל.

וויעלגאָרסקי האָט געשפּיעלט היידענס רעליגיעזען קאָנצערט. עס האָט זיך דערהערט דער כאָר פון מלאכים. און קנעכטשאַפט און פרייהייט און רוסלאַנד און פּאָליטיק—דאָס גאַנ-

צע ערדישע איז פלוצלונג נישט געוואָרען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז גאָלדגעפליגעלטע מלאכים מיט גאָלדענע עמער געהען אַרויף און אַראָב איבער קריסטאָלענע טרעפ, וואָס קלינגען און זינגען, ווי זונרעגען.

גאָליצין איז צוגעגאַנגען צו סאָפיע׳ן. זי האָט איהם נישט בעמערקט, פערזונקען אין איהרע געדאַנקען אָדער מוזיק.

—סאָפיע דמיטריעוונע...

זי האָט זיך אָבגעקעהרט און אַ ציטער געטהאָן

—איהר... זענט דאָ?.. און איך האָב נישט געוואוסט, גאָט מיינער!..

זי איז אינגאַנצען רויט געוואָרען פון שמחה. אויף דער פראַגע, וואָס זי מאַכט, האָט זי געענטפערט אויף פראַנצויזיש, גאָר ווי אַ גרויס וועלטליך פריילין:

—מען בעדאַרף נישט פרעגען וועגען מיין געזונד, איך בעט אייך. דערצעהלט בעסער פון אייערעברילען.

און די אויגען, פול מיט קינדערשען עקסטאַז, האָבען גערעדט עפּיס אַנדערש, היימישעס, ליעבעס, אַלטעס. נישט-געקוקט אויף דער קאָמפּליצירטער מאָדישער פריזור, אויף דעם פּאַריזער לאַנגען קלייד פון גרוי-זילבערנעם פּאָפּעלין-גאַז מיט גרינע אויס-האַפּטונגען—איז דאָך פון די אויגען געווען קענטיג, אַז זי איז נאָך אַלץ אַ קליינטשיק מיידעלע אין אַ קורץ ווייס קליידעלע, אין אַ שטרויענעם היטעלע, אַ בלוי-אויגיגע, מיט אַש-לאָקענדלען, וואָס מיט איהר איז ער אומגעלאָפען אינ׳ם דאָרף פּאָקראָווסקאָיע, גע-כאַפּט דאָרט פיש אין פּאַרק-טייכעל און געלייענט זשוקאָווסקיס „לודמילע“

ווּאו איז, כלה, דיין געליעבטער?
און וואו איז דיין חופה-קלייד?
דיין געליעבטער איז שוין טויט,-

האָט זי אַדורכגעלייענט מיט אַ נישט-פערשטעהענדיגען קינדערשען קול׳כעל און זיך פלוצלונג פערטראַכט, פונקט ווי זי וואָלט פער-שטאַנען,—און אַרויסגעריסען דאָס בוך און בלאַס געוואָרען און פערוואָרפען איהם די דינענקע הענדטלעך אויפ׳ן האַלז און זיך

אינגאַנצען צוגעדריקט צו איהם מיט צוטרוי: „ווי שרעקליך!..“ דעמאָלט האָט ער זי צום ערשטען מאָל אַ קוש געטהאָן, נישט ווי אַ ברודער אַ שוועסטער:

אָ, נישט ווייס פון שווערען חלום,
דו ביזט מיין סוועטלאַנע!

אַלץ די אייגענע, די היימישע, די ליעבע, די אייביגע, די פון גאָט געגעבענע—שוועסטער און כלה אינאיינעם. און שובאַלאָוו? נו, מילא, זאָל זיין שובאַלאָוו. זאָל זי געהן צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, דידאָזיגע פאַריקמאַכערשע קוקלע! ער האָט געוואוסט, אַז פיערציגטויזענד שובאַלאָווס וועלען זי איהם נישט אַוועקנעהמען.

זיי זענען אַוועק צוזאַמען אויף דעם צווייטען עק זאַל, זיך אַנידערגעזעצט ביים גרויסען שפיגעל, קעגען דעם פאָרטרעט פון יונגען קייזער: דער זיבעצעהניעהריגער שמייכלענדיגער יונגער קייזער איז געווען עהנליך צו דעם בלויאויגיגען אַש-געלאָקטען מיידעלע. זיי האָבען שטיל גערעדט אונטער דער מוזיק, אונטער די מעלאָדישע קלאַנגען פון זון-רעגען, וואָס די מלאכים האָבען געגאָסען פון גאָלדענע עמער, געהענדיג אַרויף און אַראָב איבער די קריסטאָלענע טרעפ.ביידע האָבען געפיהלט, אַז זיי וואָלטען אַזוי נישט גערעדט, ווען נישט די מוזיק.

—איז עס אמת, אַז איהר זענט געוואָרען אַ קאַרבאָנאַר?

—וואָס הייסט קאַרבאָנאַר, סאָפיע דמיטריעוונע?

—וואָס פאַר אַ סאָפיע דמיטריעוונע?—האָט זי איהם אויסגעבעסערט מיט קינדישער קאָקעטעריע אין שמייכעל און שטרענגער צערטליכקייט אין די אויגען.—האָט איהר פערגעסען וועראָן? פערגעסען פאָקראָווסקאָיע? פערגעסען אַלץ?

—קיין זאַך נישט פערגעסען, סאָפיעלע... אַך, ווען איהר וואָלט געוואוסט.. נאָר צו וואָס ריידען? איהר ווייסט דאָך...

—וואָס הייסט קאַרבאָנאַר?—האָט זי איהם איבערגעשלאָגען און מיט קינדישער אָנשטרענגונג פון געדאַנק צונויפגערוקט די דינע ברעמען.—קאַרבאָנאַרען זענען די-יעניגע, וועלכע געהען גע-

גען גאָט און קייזער? מיר האָט עס נישט לאַנג מיכאַאיל יעווגראַפּיטש דערקלערט...

מיכאַאיל יעווגראַפּיטש לאָבאַנאָוו איז געווען סאָפּיעס לעהרער פון רוסיש און אַ הייסער חסיד פון מאַגניצקי׳ן.

—אָבער מען טאָר נישט געהן געגען גאָט און קייזער?—האָט גאָליצין אַ שמייכעל געטהאָן.

—איך ווייס נישט,—האָט זי זיך פערטראַכט.—ניין, מען טאָר נישט... ביי אונז אין רוסלאַנד טאָר מען נישט. פרעגט ביי דער גיאַניע פראָקאָפּיעוונע און ביי דעם הויז-פערוואַלטער פּילאַטיטש׳ן און ביי דעם זיידעניו וואַסע׳ן—געדענקט איהר, ער איז אַזאַ קלוגער—און אפילו ביי דעם זיידען קרילאָוו—ער איז דאָך אויך אַ חכם... נו, וואָס לאַכט איהר? איך קאָן דאָס נישט אויסדריקען. אָבער דאָס איז אַזוי. אַלע וועלען אייך זאָגען, אַז גאָט האָט אין רוסלאַנד אַוועקגעזעצט דעם קייזער.

—אָבער פאַרוואָס איז דאָס אמת, וואָס אַלע זאָגען. און שוין-זשע איז נאָר איין רוסלאַנד פאַרהאַן אויף דער וועלט?.. אויף איטאַליעניש הייסט קאַרבאָנאַר—קויהלענטרעגער. דאָס זענען פשוט׳ע גוטע מענשען, וואָס גלויבען אין גאָט נישט ווייניגער פון אונז און ווילען בעפרייען דאָס פאָטערלאַנד פון פרעמדען יאָך...

—אָבער מיר ליידען דען פון אַ פרעמדען יאָך?

—האָט איהר געהערט, וואָס קאָזלאָווסקי האָט געזאָגט?

—קאָזלאָווסקי איז אַ פאָליאַק: זיי האָבען פיינט רוסלאַנד און ווינשען איהר בלויז שלעכטס. אָבער איהר האָט דאָך רוסלאַנד ליעב?

—איך ווייס נישט, צי איך האָב ליעב, אָבער מען קאָן אויך, ליעבענדיג, פעהאַסען. און ווער איז דאָס שולדיג, וואָס אונזער ליעבע איז עהנליך צו האַס?.. אָבער לאָמיר בעסער נישט ריידען דערפון, מיין ליעבע, כלעבען, מען דאַרף נישט... גיט בעסער אַ קוק אויפ׳ן זיידען קרילאָוו. אָט ווער עס פיהלט נישט קיין פרעמדען יאָך? אַז מען האָט איהם איינמאָל געפרעגט, וואָסער וואָרט איז דאָס סאַמע צערטליכסטע אין רוסיש, האָט ער

תיכף ומיד געענטפערט: „קאָרמילעץ מאָי“ *). וואָס פאַר אַ מין פּרצוף, גאָט מיינער! און איז אָבער קלוג! אפשר קליגער פון אונז אַלעמען... אָבער ער קאָן אַלץ בשום אופן נישט בע-שליסען:

„צי ברענגט די וויסענשאַפט מעהר שאָדען, איידער נוצען?“

—צו וואָס זאָגט איהר עס?.. מען דאַרף נישט, לאַכט נישט...

—איך לאַך גאָרנישט, סאָפיע. מיר איז שרעקליך...

—הערט-נאָר, וואַליע, טייבעלע מיינס, זאָגט, זאָגט מיר אַלץ, וואָס איהר טראַכט. קיינער רעדט מיט מיר נישט וועגען דעם, און איך בעדאַרף אַזוי וויסען... אַזוי נויטיג וויסען...

—וואָס זאָל איך אייך זאָגען?

—אַלץ, אַלץ! פאַרוואָס ליידט רוסלאַנד פון אַ פרעמדען יאָך? פאַרוואָס איז די ליעבע עהנליך צו האַס? פאַרוואָס איז אייך שרעקליך?..

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און, ווי פריהער, דער-זעהן אין איהר געזיכט אַן'אינערליכע שפאַנונג: אַ פייל, וואָס איז צו-שטאַרק אָנגעצויגען אויפ'ן בויגען. ער האָט פערשטאַנען, אַז ביידענס גורל וועט זיין אָבגעהאָנגען פון דעם, וואָס ער וועט זאָגען. איהר נשמה האָט זיך אויפגעדעקט פאַר איהם אַן'אונבע-שיצטע; אפשר וועלען זיינע ווערטער אַדורכגעהן איבער איהר ווי אַ חלף און וועלען זי טויטען. אָבער שווייגען טאָר מען נישט.

און ער האָט גענומען ריידען שוין נישט אונטער מוזיק, נאָר געגען דער מוזיק: זי רעדט פון הימלישען, ער—פון ער-דישען, פון גרויסען אונרעכט פון דער ערד, פון מענשליכער קנעכטשאַפט.

ער האָט גערעדט פון רוסישע גוטסבעזיצער—אכזרים, וואָס גיבען זייערע פויערטעס צו זויגען די קליינע יאַגד-הינד. צי זענען מיר נישט אַמאָל דידאָזיגע קליינע יאַגד-הינד און רוסלאַנד איז די פערקנעכטעטע פויערטע, וואָס זויגט מיט דער ברוסט דידאָזי-

---

*) מיין שפייזער, מיין ברויטגעבער.

גע הינד? ער האָט גערעדט פון דעם פריק, וואָס שמייסט ביז בלוט אַנ׳אַכטיעהריג מיידעלע און די פריצ׳טע הייסט, זי זאָל אָבלעקען פון דער פאָדלאָגע דאָס פערגאָסענע בלוט. איז נישט אָט דאָס מיידעלע דאָס גאַנצע רוסלאַנד? ער האָט דערצעהלט פון דער פירשטין, וואָס האָט געהייסען דעם סטאַראָסטע אויס-קלויבען יעדען טאָג זיבען געזונדטע מיידען און ברענגען זיי אויפ׳ן פריצ׳ישען הויף. דאָרט זענען זיי איינגעשפּאַנט געוואָרען אין אַנ׳עקיפּאַזשל. זעצט זיך די יונגע פירשטין אויף די קאָזלעס, נעבען איהר—דער קוטשער, אין די הענד—לייצעס און אַ בייטש און זי מאַכט זיך אַ לוסט-רייזע. געקומען אַהיים, שרייט זי: „מאַמע, מאַמע, האָבער פאַר די פערד!” געהט-אַרויס די מאַמע; ברענגט מען זעקלעך ניס, לעקעכלעך, צוקערלעך, מען שיט עס אַריין אין קאָריטאָ און מען טרייבט אַהין די מיידלעך; זיי בע-דאַרפען שטעהן ביים קאָריטאָ און עסען. איז נישט די גאַנצע גרויסקייט פון רוסלאַנד און זיין טריאומף-צוג אַ מין לוסט-רייזע אויף זיבען-געשפּאַנטע פויערטעס?

ער האָט גערעדט—און די טרעפּ פון קריסטאָל פּלאַצען מיט אַ יאָמער און די מלאכים פאַלען אין אַ שוואַרצען אָבגרונד אַריין. ער האָט געזעהן, ווי סאָפיעס פּנים ווערט בלאַס, אָבער ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען. ער האָט געפיהלט דעם עקסטאַז פון רואיגירונג, פון געוואַלט און רציחה, דער איי-ביגער אמת פון דער ערד, געגען דעם אייביגען אמת פון די הימלען.

—פאַרוואָס זאָגט איהר נישט דעם קייזער?—האָט סאָפיע אַרויסגעשעפּטשעט, בעת ער איז אַנטשוויגען געוואָרען.—נישט איהר אַליין טראַכט דאָך אַזוי.

—נישט איך אַליין.

—נו, בעדאַרפט איהר איהם אַלץ זאָגען...

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן קייזערס פּאָרטרעט, וואָס איז אַזוי עהנליך צו איהר—און פּלוצלונג האָבען איהם ביידע עפּיס באַנג געטהאָן און עס איז געווען שרעקליך פאַר ביידען. איז געקומען פון דאָסניי די הימלישע מוזיק, פון דאָסניי די קרי-

סטאָלענע טרעפּ און פון דאָסניי דער עקסטאַז פון הייליגער רו-אינירונג, הייליגען געוואָלט און הייליגער רציחה.

—און איהר, סאָפּיע, פּאַרוואָס זאָלט איהר נישט זאָגען דעם קייזער?

—וועט ער מיך דען הערען? פאַר איהם בין איך נאָך אַ קינד...

—נו, זענען מיר אַלע קינדער, קליינע הינדטלעך. מיר זויגען די קנעכטישע ברוסט און יאָמערן, און אַז עס וועט דערעסען אונזער יאָמערן, וועט מען אונז דערשטיקען, ווי קליינע הינדטלעך...

אָבגעשטאָרבען דער לעצטער קלאַנג פון וויאָלין; די לעצטע שטיקלעך פון די קריסטאָלענע טרעפּ זענען צופלויגען און עס איז געוואָרען שטיל און פינסטער. און אין דער-פינסטער—קריילאָווס ווייס און פעט געזיכט—דאָס פנים פון דער גאַנצער קנעכטישער ערד. „איז נאָך לאַנג צו וואַרטען אויפ'ן חזיר'ל אין כריין?"

סאָפּיעס פנים האָט אויסגעדריקט אַזויפיעל פיין, אַזויפיעל שרעק, אַז גאָליצין אַליין האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם, וואָס ער האָט געטהאָן.

—סאָפּיעלע, מיין ליעבע...

—ניין, לאָזט מיך, מען דאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט, שווייגט! דערגנאָך...—האָט זי אַרויסגעזאָגט און איז נאָך בלאַסער געוואָרען. זי איז געשווינד אויפגעשטאַנען און אַוועק פון איהם. ער האָט געוואָלט געהן נאָך איהר, אָבער ער האָט געפיהלט, אַז מען בעדאַרף נישט. בעסער זי איבערלאָזען אַליין. ער האָט זיך דערשראָקען, אָבער די פרייד איז געווען גרעסער, איידער דער שרעק, די פרייד, אַז פאַר איהם איז שוין איצט די ליעבע צו סאָפּיע'ן און צו פרייהייט איין ליעבע.

עס האָט זיך איהם געוואָלט שפּיעלען, שטיפען, ווי אַ חדר-יונגעל. האָט ער זיך צוגעזעצט צום זיידען קריילאָוו און אַ שעפּ-טשע בעטהאָן איהם אויפ'ן אויער מיט אַ תנועה'לע פון אַ סוד:

—אַלץ מיט אוגערקעס, זיידע?

—נו, נו, וואָס ווילסטו? וואָסערע אוגערקעס?—איז ער עטוואָס בייז געוואָרען.

—טאַקי פון אייער משל גופא, איוואַן אַנדרעיעוויטש. געדענקט איהר, דער גערטנער און דער פילאָזאָף:

בײם גערטנער איז אַלץ אויפגעגאַנגען גוט.
אָבער דער פילאָזאָף
איז אָהן אוגערקעס געבליבען.

דאָס איז דאָך וועגען אונז, די נאַרישע. אָבער איהר, זיידע, זענט דאָך קלוג—איהר זענט דאָך אין רוסלאַנד דער איינציגער פילאָזאָף מיט אוגערקעס.

—נו, גוט, גוט, ברודער, געה, טראָג זיך אָב, פּערדרעה נישט דעם זיידען דעם קאָפּ.

—זעהט אָבער, איהר זאָלט אַליין נישט פערבלייבען אָהן אוגערקעס,—האָט גאָליצין נישט נאָכגעגעבען.—מיין פעטער האָט אין זיין מיניסטעריום—איהר ווייסט וואָס? אַ מסירה'לע אויפ'ן משל-שרייבער קרילאָוו...

און ער האָט דערצעהלט, עטוואָס מיט גוזמא דאָס, וואָס איז געווען אין דער ווירקליכקייט. דער מאָסקווער מיטראָפּאָליט פילאַרעט, דער מחבר פון בעוואוסטען קאַטעכיזיס, האָט פאָרגעלעגט צו פערווערען דעם גרעסטען טייל פון קרילאָווס משלים, מחמת ער מאַכט חוזק פון די הייליגע; מיט קריסטליכע נעמען רופט ער אָן אין זיינע משלים די שטומע בעשעפענישען: דעריבער הייסט ביי איהם מישקע, דער באָק—וואַסקע, די קאַץ מאַשקע און די טאַמע אונריינע חיה ווערט ביי איהם אָנגערופען פעוראָניע.

קרילאָוו איז מטושטש-געוואָרען, אויסגעגל'עצט אַ פּאָר אויגען און דאָס מויל האָט זיך איהם אַזוי אויסגעקרימט, אַז עס האָט זיך געדאַכט—אָט-אָט און ער וועט בעקומען אַ צווייטע אינערליכע אטאַק. גאָליצין האָט שוין אַליין חרטה-געהאַט אויף זיין שפּאַס.

צונגעגאַנגען מאַריע אַנטאָנאָווגע, און אַז זי האָט זיך דערוואוסט, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, האָט זי זיך צולאַכט.

—ניין, ליעבער קרילאָוו, ווי זעהט איהר דאָס נישט, אַ

עד שרעקט אייך בכיון. קיין שום מסירה איז נישטאָ, און וואָלט יאָ עפּיס געשעהן, וואָלטען מיר זיך אָנגענומען פאַר אייך.

—מוטערשע!.. מאַריע אַנטאָנאָווגע!.. שפּייזערין מיינע!..— האָט זיך קרילאָוו צוהיצט, געקושט איהר די הענד און איז גרייט געווען פאַלען איהר צו די פיס.

נאָך לאַנג האָט ער זיך נישט געקאָנט בערוהיגען, זיך אַלץ גע'צלמ'ט, געשפּייט און געשעפּטשעט:

—רבונו-של-עולם! אַ מין עבירה!.. פּעוורוֹאַניע—חזיר... איך האָב עס גאָרנישט בעמערקט... גאָט אין הימעל!..

צולעצט, האָט מען גערופען צו אָוועגדברויט. אַז איוואַן אַנדרעיעוויטש איז אַריין אין עסצימער און דאָרט דערזעהן דאָס חזיר'ל, וואָס האָט געהאַלטען אויסגעשטעלט דאָס מאָרדעלע און איהם צערטליך אַ שמייכעל געטהאָן, ווי אַן'איינִיקעל אַ זיידען— האָט ער זיך אינגאַנצען בערוהיגט, אויסגעטרונקען אַ גלעזעל משקה, זיך אונטערגעבונדען אַ סאַלפעטקעלע און זיין פּנים האָט פון דאָסניי אויסגעוויזען אונגעוועהנליך רוהיג.

און וואָס מען זאָל מיר דאָרט נישט זאָגען
וועל איך דאָס אייגענע נאָר טענה'ן:
וואָס עס וועט זיין, ווייס גאָט אַליין, נאָר וואָס
איך האָב—איז מיין.

אַוועקגעהענדיג פון די נאַרישקינס, האָט זיך גאָליצין בע געגענט אויף די טרעפּ מיט'ן פירשט טרובעצקאָי און האָט איהם געזאָגט, אַז מאָרגען, נאָכדעם, ווי ער וועט זיך זעהן מיט אַראַק טשייעוו'ן, וועט ער איהם געבען אַן'ענטגילטיגען ענטפער מכח זיין אַריינטרעטען אין דער געהיימער געזעלשאַפט

ד. מערעזשקאָווסקי

דריטעס קאַפּיטעל.

ליעבער פריינד סאָפיע, היינט וועל איך צו אייך
נישט קומען, ווי איך האָב אייך צוגעזאָגט. איך בין
מיד פון דעם טרויער-גאָטדיענסט, און כאָטש מיין
פוס איז לייכטער, דאָך לאָזט ער זיך מיר שטאַרק צו
פיהלען. שטאָפרעגען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר
זענט ווידער קראַנק. ער קלאָגט זיך, אַז איהר היט זיך
נישט אָב, ווי עס בעדאַרף צו זיין. ווען איהר וואָלט גע-
וואוסט, ווי דאָס פערשאַפט מיר עגמת-נפש. איך בעט אייך, קינד
מיינס, איהר זאָלט פינקטליך אָבהיטען די עצות פון די דאָקטוי-
רים: יעדע נישט-פאָרזיכטיגקייט קאָן זיין פאַר אייך זעהר שע-
דליך ביי דעם היגען קלימאַט. טאָ זענט קלוג, האָרכט די דאָק-
טוירים און היילט זיך ווי געהעריג. וועל איך נאָר האָבען אַ
פרייע מינוט, וועל איך קומען צו אייך, און איך פערהאָף צו
טרעפען אייך אַ געזונדטע. די קייזערין קושט אייך. דער מעדאַ-
ליאָן מיט איהר פאָרטרעט איז כמעט ווי פאַרטיג. איך וועל אייך
איהם אַליין ברענגען. זאָל אייך גאָט אָבהיטען.

11-טער מערץ, 1824.
סט-פעטערבורג."

דעמדאָזיגען בריף פון קייזער, אָנגעשריבען אויף פראַנצוי-זיש, האָט סאָפּיע'ן איבערגעגעבען די אַלטע ניאַנע, וואַסיליסע פּראָקאָפּיעװנע. אַז סאָפיע האָט איהם דורכגעלייענט, האָט זי זיך געוואָלט צעוויינען.

—נו, גוט, געה,—האָט זי געזאָגט און קוים איינגעהאַלטען די טרעהרען.

—די רפואה וועט איהר נעהמען, פריילין?

פּראָקאָפּיעוונע האָט ערנסט גענומען דאָס פלעשעלע מיט דער רפואה, און אַ לעפעלע.

—מען דאַרף נישט, לאָז. דערנאָך. איך וועל אַליין נעה-מען... געה שוין!

—פריהער האָט איהר נישט גענומען. און איצט ווילט איהר אויך נישט?

—אַך, ניאַנע, ניאַנע! ס'אַרא שלעכטע דו ביזט. אָבער געה, זאָגט מען דאָך דיר, געה!...—האָט סאָפיע אויף איהר אָנגעשריען און טרעהרען פון קינדישער עקשנות, פון קינדישער בעליידיגונג האָבען אַ ציטער געטהאָן אין איהר קול.

אָבער די אַלטע איז נישט אַוועק. זי האָט אָנגעגאָסען פון פלעשעלע אין לעפעל אַריין און געוואָרטשעט:

—דער דאָקטאָר האָט דאָך געהייסען פּינקטליך נעהמען די רפואה, און איהר, וואָס? איהר האָט צוגעזאָגט דער מוטער און דעם פאָטער...

זי האָט צוגעטראָגען סאַמע צו איהרע ליפּען דאָס לעפעלע.

—נעהמט עס טאַקי שוין.

דאָס לעפעלע האָט געציטערט אין די אַלטע הענד, אָט-אָט און דאָס וועט זיך אויסגיסען. אַז סאָפיע האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי וועט אַראָבשלינגען די מוטנע-געלבע געדיכטע פליסיגקייט מיט דעם נישט-ניחא'דיג-בעקאַנטען טעם, מיט דעם טעם פון דער קראַנקהייט, האָט איהר אויסגעוויזען, אַז איהר וועט איבלען. דער אַלטערס פּנים, שטאַרק צוקנייטשט, מיט אַ פערקוועטשטען איינגע-פאַלענעם מויל, וואָס איז פון אייביג-אָן טייער און ליעב ביז דעם לעצטען קנייטשעלע—האָט פּלוצלונג אַרויסגערופען האַס זוֹן

עקעל, ווי דער טעם פון דער רפואה. איהר האָט אויסגעוויזען, אַז זי איז קראַנק נישט פון דער חולאת, נאָר פון דער ניאַנע, פון דער מאַמען, פון דאָקטאָר, פון שובאַלאָוו׳ן און פון אַלעמען, וואָס שטעהען צו איהר צו און פייניגען זי.

—גאָט אין הימעל!—האָט זיך פּראָקאָפּיעוונע אַ צאַפּעל געטהאָן—דעם טעפּיך פערגאָסען. און אַז פּילאַטיטש וועט דערזעהן... גאָט אין הימעל, וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס איז דאָס פאַר אַ קינד? נישט צו מאַכען מיט איהר—נישט מיט אַ גוט וואָרט, נישט מיט כעס! וואַרט-נאָר, אָט וועל איך זאָגען דעם פּאַפּעלען...

„וואָסער פּאַפּעלען?"—האָט סאָפיע אַ טראַכט געטהאָן; אַמאָל האָט די ניאַנע גערופען פּאַפּעלע דמיטרי לוואָוויטש׳ן, איצט רופט זי אַזוי דעם קייזער—און דעם פריהערדיגען פּאַפּעלע—פעטער אָדער פּשוט הער. אָבער טיילמאָל האָט זי זיך געפּלאָנטערט און פערשעמט. איז זי דען אַ קליינינשקע? ווייס זי דען נישט אַלץ? וואָס איז זיך דאָ צו שעמען. צוויי—איז צוויי.

די אַלטע איז אַרויסגעגאַנגען. דאַנקען גאָט, איצט קאָן מען אַ טראַכט טהאָן, זיך עטוואָס דורכוויינען. אָבער באַלד ווי זי האָט זיך בעקוועמער אַנידערגעזעצט, אַרונטערגעלעגט אונטער זיך די פיס, זיך איינגעהילט אין דער ניאַנעס אַלטינקען טיכעל און גענומען טראַכטען, האָבען זיך דערהערט אַלטע שאַרענדיגע טריט. פּראָקאָפּיעוונע האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט אַ האַנדטוך. קרעכצענדיג האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה, אויסגעווישט די פּאָדלאָגע און פון דאָסניי גענומען אָנגיסען די רפואה אין לעפעלע. סאָפיע איז אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעריסען ביי איהר דאָס פלעשעלע און אַוועקגעוואָרפען עס אין קאַמין אַריין—דאָס פלעשעלע איז צובראָכען געוואָרען אויף פיץ-פיצלעך, די פליסיגקייט האָט גענומען זידען אויף די גליהענדיגע קויהלען—און זי האָט אויסגעשריען, טופּענדיג מיט די פיס:

—אַרויס! אַרויס! אַרויס!

—ווי איהר ווילט, סאָפיע דמיטריעוונע. אָבער אַז איהר וועט נאָכאַמאָל קראַנק ווערען, וועט זיין ערגער. גאָט איז אַן עדות, אַז איהר האָט נישט קיין רחמנות אויפ׳ן פּאַפּעלען...

—און איך האָב קיין רחמנות נישט, און איך וועל קראַנק ווערען, און איך וועל ליעגען אין בעט און איך וועל שטאַרבען, שטאַרבען, שטאַרבען... און זאָל זיין אַזוי! איך האָב אַזוי פער-דיענט! אָבער לאָזט מיך, לאָזט מיך!.. האָט רחמנות, מוטשעט מיך נישט... איך קאָן שוין מעהר נישט אויסהאַלטען, איך קאָן נישט... געה-אַוועק, געה, געה!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט'ן פּנים אין קישען אַריין און זיך צויאָמערט. די מאָגערע אַקסלען האָבען זיך געצוקט פון קראַמפּהאַפטען הוסטען.

אַז זי האָט זיך בערוהיגט און אויפגעהויבען דאָס געזיכט, איז שוין די ניאַנע נישט געווען מעהר אין צימער. אויפ'ן נאַז-טיכעל האָט זי ווי אַלעמאָל דערזעהן אַ רויטען פלעק. מען בע-דאַרף עס פערבאָרגען פון דער ניאַנע, פון דער מאמעשי, פון דעם פּאַפּעלע, פון דאָקטאָר, פון אַלעמען. אַנישט וועט מען וויי-טער זאָגען: זי שפּייט מיט בלוט, מען דאַרף זי אַוועקפיהרען אין די וואַרימע קאַנטען. אָבער בעסער צו שטאַרבען, איידער איצט צו פאָהרען.

אַ שאָד די ניאַנע. פאַרוואָס האָט זי איהר בעליידיגט? זי וויינט מסתמא איצט. איך וועל געהן מיט איהר גוט ווערען. אָבער אַז זי האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זי דערשפּירט אַ שרעק-ליכע שוואַכקייט אין די פיס, און אין די אויגען איז טונקעל גע-וואָרען. נאָר אפשר איז דער טאָג אַ טונקעלער? אין דרויסען ליעגט אַ נאַסער שניי. דאָס איז דאָס וואַרימליך-נאַס מערץ-ווע-טער, וואָס ציהט זיך אָהן אַנ'אויפהער.

זי האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויפ'ן דיוואַן, נעהנטער צום פייער, זיך איינגעדריקט, אַרומגענומען מיט'ן האַנד די קניה, געוואָרען גאָר אַ קליינינקע און אַרומגעוויקעלט דעם קאָפּ מיט אַ טיכעל.

דערנאָך האָט זי דורכגעלייענט דעם בריף און אַ קוש גע-טהאָן יענס אָרט, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגען דעם קייזע-רין. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן איהרע זעלטענע בעגעגענישען מיט איהר, וואָס זענען שטענדיג אויסגעקומען ווי פּערוועהרמע

און פערליעבטע, דאָ אין קלויסטער, דאָ אויפ׳ן שפּאַציר ביים ברעג טייך, דאָ אין זומערדיגען גאָרטען אָדער אויף דער קרעסטאָווסקי-אינזעל; זי האָט זיך דערמאָהנט אָן איהר געזיכט, וואָס האָט אויסגעזעהן מיד, כמעט אַלט, אָבער נאָך אַלץ שען. אפילו נישט פרויענליך, דערפאַר אָבער זעהר מיידעלש. עפּיס אַ שמעקעדיגע פרישקייט איז פון איהר אויפגעגאַנגען; דאָס איז נישט פון די קליידער-פּאַרפומען, נאָר פון איהר אַליין, ווי פון אַ בוימעלע; איהרע צערטליכקייטען זענען איילענדיגע און אויך ווי פערבאָטענע. איהרע קושען און טרעהרען אויפ׳ן געזיכט זענען וואַרים; און די בליקען זענען ביי דער קייזערין דערשראָקענע, פונקט ווי זי וואָלט מורא-געהאַט, מען זאָל זיי נישט דערזעהן איבאַייעם. כמעט אַ ווילדע, אַ לעכצענדיגע און אַ ליידענשאַפטליכע שעפּשעריי: „ליעב מיידעלע מיינס, האָסטו מיך כאָטש עטוואָס ליעב?” און סאָפיע ענטפערט אויך כמעט מיט אַזאַ מין ווילדער ליידענשאַפטליכער שעפּטשעריי: „איך האָב ליעב, מאַמעשי, מאַמעשי!” און דערביי פיהלט זיך סאָפיע אַזוי גליקליך, ווי מען קאָן זיין גליקליך נאָר אין חלום. דעמאָלט, אַלס קינד, האָט זי נאָך אַליין נישט פערשטאַנען, וואָס זי רעדט. דערנאָך האָט זי פערשטאַנען. יאָ, זי האָט אַ צווייטע ווירקליכע מוטער, ווי זי האָט אַ צווייטען ווירקליכען פאָטער. צוויי פאָטערס, צוויי מוטערס. אָבער זי ווייס דאָך, אַז אַנ׳עכטע מוטער קאָן נאָר זיין איינע. איז פאַרוואָס?.. ניין, בעסער נישט טראַכטען פון דעם. דאָס איז שרעקליך.

עס האָט זיך ווידער געוואָלט הוסטען, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטען, וואָרום אַז זי הוסט, ווייזט זיך בלוט. אויב אַ סך בלוט, איז שווער צו פערבאָרגען. עס איז געקומען אויפ׳ן זכרון דאָס קליינע מאַלפּעלע טינקע, איהר ליעבלינג, וואָס האָט נישט געקאָנט פערטראָגען דעם פּעטערבורגער ווינטער, זיך פערקיהלט, לאַנג געהוסט, געציטערט פון קעלט, זיך צונויפגעקאָרטשעט און געזעסען אַזוי נאָהנט צום פייער; געקוקט האָט זי אויף אַלעמען מיט פער׳יתומ׳טע קינדישע אויגען, און מאָדנע, ווי אַ פויגעל, געקנאַקט מיט דער צונג און לסוף אַוועקגעשטאָרבען פון שווינדזוכט.

די ניאַניע האָט זי אַ נאָמען געגעבען טינקע, ווייל סאָפּיעס פּראַנצויזין, מאַדאַם ד׳אַטיני איז געווען עטוואָס עהנליך צו דעמדאָזיגען מאַלפּעלע. די ניאַניע האָט זיי ביידען נישט ליעב געהאַט—נישט די מאַלפּע, וואָס איז געווען עהנליך צו אַ שד און נישט די פּראַנצויזין, וואָס איז עהנליך געווען צו אַ מכשפה. מען האָט דערצעהלט, אַז די מאַדאַם ד׳אַנטיני איז גאָר אין דער יוגענד, בשעת דער גרויסער רעוואָלוציע, געווען אָבער-פּריסטערין פון דעם געהיים-אָרדען פון אַוויגנאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורכ׳ן גראַף פאַדיי גראַביאַנקאָ. דערדאָזיגער האָט זיך אויך בעשעפטיגט מיט שוואַרצער מאַגיע. געשטאָרבען איז זי אין טיעפען עלטער; פאַר׳ן טויט איז זי תמ׳עוואַטע געוואָרען, זיך איינגעקנייטשט, זיך איינגעטריקענט און געוואָרען נאָכמעהר עהנליך צו דער מאַלפּע.

די גאַנצע נאַכט האָט זיך היינט סאָפּיע׳ן גע׳חלומ׳ט טינקע: דאָ איז זי ווי אַ פראַנצויזין און דאָ ווי אַ מאַלפּע. זי לויפט, שפּרינגט-אַרום איבער׳ן צימער און קנאַקט מיט דער צונג: „איך בין העקאַטע, איך בין דיאַנאַ, איך בין די גרויסע מוטער פון גאָט!״ דערנאָך איז זי איהר מיט אַמאָל אַרויפגעשפּרונגען אויף דער ברוסט און געגומען שטיקען. עס האָט זיך איהר אויך גע׳חלומ׳ט, אַז דער זיידע קרילאָוו שמייסט אַ קליין מיידעלע ביז בלוט און שרייט צו איהר: „טינקע, טינקע, לעק-אויס דאָס בלוט מיט דער צונג!״ און דאָס מיידעלע, קריכענדיג אויף אַלע פיער איבער דער פּאָדלאָגע, ווערט איינגעקנייטשט, איינגעטריקענט, ווערט ווי טינקע און לעקט מיט׳ן צינגעלע דאָס בלוט. און דערנאָך זענען אַ סך קליינינקע, שוואַרצע האַלב-הינטעלעך, האַלב-מאַלפּעס אַזוי ווי צוגעפאַלען צו דער גראָבער ווייסער ברוסט פון דער שטאַל-אויפזעהערין נענילע אין פּאָקראָווסקאָיע און געגומען זויגען. און אָט איז דאַכט זיך טינקע צוגעקומען צו איהר אונטער׳ן טיכעל און קיצעלט זי ביים האַלז מיט אַ קאַלטער לאַפּקע אַזוי, אַז עס ווילט זיך הוסטען ביז בלוט.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט אָנשטרענגונג געעפענט די אויגען. זי האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ חלום, וואָס קומט אין היץ. שוין-זשע וועט זי באמת קראַנק ווערען, זיך ווידער

אַוועקלעגען, ווי פאַראַיאָהרען ביז סאַמע זומער און וועט אַזוי נישט זעהן די „אמת׳ע מוטער?״ נייך, דאָס אַלץ זענען נאַרישקייטען, מען בעדאַרף זיך נישט אונטערגעבען דער קראַנקהייט. אָט האָט זי זיך איינגעוואַרימט און עס איז אָפּגעטראָטען דאָס פיבערן פון קעלט. עס איז אָבער הייס, דושנע אונטער׳ן טיכעל. זי האָט עס אַראָפּגעוואָרפען, זיך אויפגעשטעלט און אַוועק צום פענסטער.

אָס פענסטער פון שפּיגעלגלאָז אין דעם האַלברונדען באַלקאָן איז אַרויס צו דער פאָנטאַנקע. האָט זי אַ קוק געטהאָן אין ביידע זייטען: צו דער סעמיאָנאָווער בריק און צו דעם נעווסקי פּראָספּעקט. אפשר וועט פאַרבייפאָהרען די בעקאַנטע טונקעלבלויע קאַרעט מיט דעם בערדיגען פוהרמאַן איליאַ? נישט לאַנג האָט דאָס פּאַפּעלע געשריבען, אַז ער וועט נישט זיין, און איז דאָך דערנאָך געקומען צופאָהרען.

קיין קאַרעט איז נישט געוועזן, נאָר עס איז פאַרבייגעפאָהרען אַ קליין ווייס סאָסנע-טרומנעלע, נישט בעדעקט. אָנשטאָט אַ צודעק—גרויער נאַסער שניי. נאָך דער טרומנע איז נאָכגעגאַנגען אַן׳אַלטער פליכעוואַטער רויטנאָזיגער בעאַמטער, אין אַ צרה׳דיגען שינעל, עהנליך צו אַ ווייבערשען סאַק. געגאַנגען איז ער ווי אַ שכור׳ער, זיך געוואַקעלט אָדער פון צער אָדער פון בראָנפען; אַ קליין מיידעלע האָט איהם געפיהרט ביי דער האַנד, אפנים, אַ שוועסטערל פון דעם פערשטאָרבענעם; אין די גריבער און לעכער שפּרינגט אַזוי דער וואָגען, אַז דאָס טרומנעלע קאָן אַ ליאַדע מינוט אַריינפאַלען אין בלאָטע.

דער הימעל איז אַ שמוציג-געלבער מיט טונקעל-גרויע פלעקען. און עס פאַלט פון איהם עפּיס אַ מין אייז-רעגען, אַ מין נאַסער אייז. די שוואַרצע שרעקליכע שטאָדט, וואָס ליעגט אין צוגאַנגענעם שניי, איז עהנליך צו אַ בר-מינן, פון וועלכען מען האָט אַראָפּגעריסען די תכריכים. און מיט אַ ריח פון אַ בר-מינן דרינגט-אַריין דורכ׳ן פענסטער אין צימער דער שמוציג-געלבער, שטינקענדיג-בייסיגער נעבעל; ער דריקט-אָן אויפ׳ן האַלז, זעצט זיך אויף דער ברוסט אַזוי, אַז עס איז נישטאָ מיט וואָס צו

אָטעמען. און אויף יענער זייט פאָנטאַנקע שטעהט אויף דעם קאַזיאָנעם בנין פון דעם יעקאַטערינע-אינסטיטוט אַ צוויי-קעפּיגער אָדלער מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פליגלען. נעבען די שוואַרצע פעטערבורגער בלאָטעס, נעבען דעם שוואַרצען נאַקעטען בר-מינן טייזט ער אויס שרעקליך און משונה-פייערליך.

פון דאָסניי זענען איהר אונטערגעהאַקט געוואָרען די פיס, פון דאָסניי איז טונקעל געוואָרען אין די אויגען. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם סאָקעל פון זיין ביוסט. דאָס איז געווען אַ קאָפּיע פון טאָרוואַלדסענס מאַרמאָר-ביוסט—דער קייזער אַלעקסאַנדער I.

אַז די פינסטערניש אין די אויגען איז אַדורכגעגאַנגען, האָט זי זיך איינגעקוקט אינ׳ם מאַרמאָר. ער געפעלט איהר נישט: דאָס נאָהנטע געזיכט האָט איצט אויסגעזעהן פרעמד. עס האָט דערמאָהנט אָן די פאַרצייטיגע רוימישע קיסרים, וואָס זי האָט געזעהן אין די מוזייאומס: טראַיאַנוס, אַנטאָניוס, מאַרק אויריליוס; די געזיכטס-שטריכען דריקען-אויס דיזעלבע טרויעריגע געהאָרזאַמקייט און גוטסקייט. די פולע געראַזירטע באַקען זענען מיט חן-גריבעלעך; אַ קורצע, טעמפּ-פער׳עקשנ׳טע נאָז; אַ הויכער משופּע׳דיגער שטערען; אויפ׳ן שטערען—אַ בייז, כמעט אַ גרויזאַם קנייטשעל, און אויף די געדרעהטע, דינע, עטוואָס אַריינגעשטופּטע ליפּען, ווי ביי אַ זקן—אַנ׳אונבעוועגליך-העפליכער שמייכעל.

זי האָט אַ קוק געטהאָן און פערגלייכט די סטאַטוע מיט׳ן פאָרטרעט פון דער קייזערין יעקאַטערינע, וואָס איז אויך געהאַנגען אין דעמזעלבען צימער. יאָ, בייביידען—ביים אייניקעל און ביי דער באָבען איז איין שמייכעל. אַ צווייידייטיגע סתירה פיהלט זיך צווישען דעמדאָזיגען צערטליכען שמייכעל פון די ליפּען און דעם גרויזאַמען קנייטשעל פון שטערען.

זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי אַמאָל, קינדוייז, פלעגט זי—אַז זי האָט לאַנג נישט געזעהן דעם פאָטער און זיך פערבענקט נאָך איהם—שטילערהייד צוגעהן צו זיין ביוסט, אַרויפקלעטערן אויף אַ שטוהל, זיך שטעלען אויף די שפּיצפינגער און, פערמאַכענדיג די אויגען, קושען דעם קאַלטען מאַרמאָר, ביז וואַנגען

ער פלעגט זיך דערוואַרימען, פונקט ווי ער וואָלט געענטפערט מיט אַ קוש אויף איהרע קושען.

זי האָט זיך אויך איצט צוגעדריקט צו איהם מיט אַ הייסער באַק. אָבער זי האָט באַלד אַוועקגענומען די באַק: איבער'ן גאַנצען לייב איז דורכגעגאַנגען אַ קעלט, אַ מין טויט-קעלט. אין דעם שמוציג-געלבען שיין פון טאָג האָט די געלקייט פון מאַרמאָר דערמאָהנט אָן אַ בר-מינן. מיט בלינדע ווייסע אויגען האָט אויף איהר געקוקט די שרעקליכע ליאַלקע מיט'ן צווידייטיגען שמייכעל.

סאָניע האָט פערמאַכט די אויגען, זי האָט זיך געסטאַרעט צו זעהן זיין לעבעדיג געזיכט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט. עס איז איהר געוואָרען אַזוי פיינליך, אַז איהר האָט אויסגעוויזען,—אָט שטאַרבט זי, אויב זי וועט איהם איצט נישט דערזעהן אַ לעבעדיגען.

אונטען, ביים גאַניק, האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אַ קאַרעט. „דער פּאַפּאַ! דער פּאַפּאַ!״ און זי האָט זיך געוואָרפען צום פענסטער. אָבער דאָס אין געווען שובאַלאָוס עקיפּאַזש. ער געהט צו דער פראָנט-טהיר פון הויז. שוין-זשע אַהער, צו איהר? זי האָט זיך צוגעהערט. פון דעם ווייטען קלאַפּ מיט די טהירען האָט זי פערשטאַנען, אַז ער איז אַוועק צו דער מאַמען. גאָט צו דאַנקען!

זי האָט נאָך אַלץ געקוקט אין דרויסען און נאָך אַלץ געהאָפט. דאָרטען האָבען געגרילצט די וועגענס פון פליישער, וואָס זענען, אפנים, געפאָהרען פון שעכטהויז; אונטער די נאַסע ראָגזשעס האָבען געשטעקט בלוטיגע אויסגעוויידעטע שטיקער רינדפלייש. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט דעם ריח פון רויהען פלייש, אַז זי זעהט, ווי דאָס וואַרימע רויטע בלוט קאַפּעט אויף דער שוואַרצער בלאָטע.

זי האָט פערמאַכט די אויגען—נישט צו זעהן. און דערנאָך אַוועק צום דיוואַן ביים קאַמין, קוים שלעפּענדיג די פיס, און זיך אַ וואָרף געטהאָן, אַנ'אויסגעמוטשעטע. אָבער זי האָט נישט פערמאַכט די אויגען—זי זאָל ווידער נישט אָנהויבען ריידען פון הייז

און האָט שאַרף געקוקט אין דעם שכנ׳ישען ווייסען זאַל מיט די קאָלאָנעס, וואו עס איז נעכטען געווען דער קאָנצערט. כמעט געגען דער טהיר—אַ גרויסער שפיגעל, אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אָב דער פּאָרטרעט פון דעם יונגען קייזער. פון דער געהיימער טונקעלער שפיגעל-טיעפקייט, פונקט ווי פון אונטער אַ וואַסער, האָט צו איהר געשמייכעלט אַ בלוי-אויגיג, אַש-האָהריג יונגעל מיט דעמזעלבען, שטענדיגען צוויידייטיגען שמייכעל.

ווענען וואָס האָט זי שוין לאַנג געוואָלט אַ טראַכט טהאָן? יאָ, ווענען שובאַלאָוו׳ן און גאָליצינ׳ען. פאַרוואָס איז איהר חתן דער ווייטער, אונפערשטענדליכער, נישט-גוטיגער גראַף אַנדריי, און נישט וואַליע, וואָס איז נאָהנט און ליעב? געווען אַ נאַר, בשעת זי האָט צוגעשטימט: האָט גאָרנישט געוואוסט. איצט ווייס זי, וואָס הייסט אַזוינס זיין אַ פערהייראַטע.

פאַראַיאָהרען אין פּאַריז, בשעת מען האָט געפּאַקט די זאַכען—די מאַמע איז נישט געווען אין דערהיים—האָט זי געפונען אַ קליין ביכעלע מיט אַ גאָלדענעם שניט, אין פאַרמעט, אַנ׳אַנטוועריפענער אויסגאַבע מיט נישט קיין אָנשטענדיגע בילדלעך. זי האָט זיי לאַנג בעקוקט, זיך געוואונדערט, געשראָקען, אָבער נישט פערשטאַנען. פּלוצלונג האָט זי פערשטאַנען אַלץ אָדער כמעט אַלץ; זי האָט פערשטאַנען, פאַרוואָס אַמאָל, גאָר אַמאָל, בשעת זי איז צופעליג אַריין אין אַ צימער, איז אָזשאַראָווסקי, אַ יונגער גענעראַל-אַדיוטאַנט, וואָס איז דעמאָלט געווען דער מאַמעס אַ פריינד, אויפגעשפּרונגען אַ רויטער, אַ דערשראָקענער, אַ צושויבערטער, עהנליך צו אַ נישט-אָנשטענדיג בילדעל, און די מאַמע האָט אויף איהר אָנגעשריען, שיער נישט אָנגעשלאָגען סתם אָהן אַ שום סבה; זי האָט פערשטאַנען, פאַרוואָס אויך אַנדערע אונצעהליגע פריינד דער מאַמעס, מענשען גאָר פרעמדע, זענען געוואָרען אַזוי ווי אייגענע; זיי פלעגען זי, סאָפיעלע׳ן, זעצען צו זיך אויף די קניה, צערטלען זי, אָנרופען זי „מיין טעכטערל״, און איהר פלעגט זיין לאַנגווייליג און שרעקליך פון דידאָזיגע צערטליכקייטען. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דער דערצעהלונג פון אַנ׳אַלטען מאָסקווער „זשורנאַל פאַר ליעבענדיגע״, ווי אַגלאַנטין

און אַנושקע האָבען זיך געבאָדעןביידע צוזאַמען אין טייך, פונקט ווי אַדאָניס און ווענוס, און דערנאָך, אַז אַנושקע האָט זיך בײַטער צעווײנט פון עפּיס, האָט זי אַגלאַנטין געטרייסט: „איך פערזיכער דיך, מיין פריינד, אַז ביי דיר איז אַ חטא דאָס, וואָס איז בלויז א נאַטירליכער געגוס."

דעמאָלט איז זי נאָך יענע אַנטווערפענער בילדלעך קראַנק געוואָרען פון שרעק און עקעל צו דער מוטער, צו שובאַלאָווין, צו זיך, צו אַלעמען, צו דער גאַנצער וועלט. בלויז איין וואַליע האָט איהר אויסגעוויזען ריין, און זי איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט זי פערשטאַנען. „אַ נאַטירליכער געגוס!" אויב אַזאַ איז טאַקי די נאַטור, און גאָט אַליין האָט זי אַזאַ בעשאַפען,—טאָ וויל זי נישט קאָנען נישט די וועלט, נישט גאָט. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז קראַנק און וועט אפשר שטאַרבען, אָבער נישט פון דער קראַנקהייט, נאָר דערפון.

אין דעם שכנ'ישען ווייסען זאַל האָבען זיך דערהערט שטימען: שובאַלאָוו און די מאַמע. סאָפיע איז אויפגעשפרונגען—זי האָט געוואָלט אַנטלויפען: איצט האָט זי נישט געקאָנט קוקען אויף זיי. אָבער פלוצלונג איז זי געבליבען שטעהן, ווי אַ פערגליווערטע, און מיט בּרייט-געעפענטע אויגען זיך פערקוקט אין דער טיעפעניש פון שפּיגעל. האָט זי ווידער היץ, צי וואָס? ניין, זי זעהט זעהר דייטליך דאָס, וואָט זי זעהט: שובאַלאָוו קושט מאַריע אַנטאָנאָווגע'ן, און ביידע האָבען אַזוינע פּנים'ער, פונקט ווי דעמאָלט, בשעת סאָפיע איז צופעליג אַריין אין צימער, וואו אָזשאַראָווסקי האָט עפּיס געטהאָן מיט דער מאַמעלען. אַ נישט-אָנשטענדיג בּילדעל: דער חתן מיט דער מוטער. און דאָס בלויאויגיגע יונגעל האָט זיי געשמייכעלט מיט זיין צווײדייטיגען שמייכעל.

מיט אַ שטילען זיפץ, די הענד אויסגעצויגען פאָראויס, פונקט ווי זי וואָלט זיך בעשיצט פון דער זעהונג, איז סאָפיע געפאַלען אויפ'ן דיוואַן. אַלץ איז צונויפגעמישט געוואָרען און געגומען שווימען פאַר די אויגען און אַליין האָט זי געגומען שווימען, פערזינקענדיג אין אַ טיעפען תהום.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. דערזעהן דער מוטערס געזיכט און פון דאָסניי פערלאָרען דעם זינען.

אָבער אַז זי איז געקומען צו זיך דאָס צווייטע מאָל, איז שוין די מוטער נישט געווען אין צימער. עס האָבען זיך געהערט פּראָקאָפּיעוונעס שאַרענדיגע טריט און פלוצלונג, נאָהנט נעבען איהר, האָט געפרעגט אַ בעקאַנטע שטים:

—ווען באַלד קומען דער דאָקטאָר?

—פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!

ער האָט אָבגעקעהרט צו איהר אַ דערשראָקען בלאַס פּנים, זיך געוואָרפען צום דיוואַן, געשטעלט זיך אויף די קניה, אָנגעבויגט דעם קאָפּ און אַ קוש געטהאָן איהר אין שטערען.

—נו, דאַנקען גאָט! דאַנקען גאָט!—זיך איבערגע׳צלמ׳ט.— מיין ליעבע סאָפיעלע, אָט האָסטו מיך דערשראָקען!..

אַרומגעכאַפּט זיין האַלז מיטביידע הענד, האָט זי זיך איינגאַנצען צוגעדריקט צו איהם, זיך אָנגעהאַלטען אָן איהם, ווי איינע, וואָס טריקט זיך.

—פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!

זי האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען, זיך אָבגערוקט און איהם דורך און דורך בעטראַכט און בעטאַפּט, פּונקט ווי זי וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, צי דאָס איז ער באמת. יאָ, אַ לעבעדיגער, אַנ׳עכטער, נישט קיין קאַלטע טויטע ליאַלקע, נישט קיין אַמאָליגער רוימישער קייזער, נאָר אַ לעבעדיגער, היימישער, וואַרימער, עכטער פּאַפּאַ. זי האָט בעקוקט, בעטאַפּט, בעריהרט מיט די פינגער. אָט זענען די פולע געראַזירטע באַקען מיט די חן-גריבעלעך, מיט די צוויי פּאַסקעלעך גאָלדענע האָהר אויף די באַקען, מיט דער ווייכער געשפּאָלטענער גאָמבע, מיט דעם גלאַטען הויכען שטערען, מיט דעם ביסעל בלאָנדע געקרייזעלטע האָהר, געקאַמט אַרויף. און צווישען די אויפגעהויבענע ברעמען אַ קניי-טשעל, נישט קיין בייזס, נאָר אַ טרויעריגס, אַ נעבאַכדיגס; און נעבאַכדיגע, טרויעריגע קינדישע דורכזיכטיג-בלויע אויגען; און אויף די יונגע שענע ליפּען—אַ שמייכעל, נישט קיין שעלמישער, נאָר אַ מחיה׳דיג-צאַרטער, אויך אַ קינדישער און אַ הילפלאָזער;

און אַקסלען געבויגענע, עטוואָס אָנגעבויגט פאָראויס; און אַ שוועהרליכע טאַליע, וואָס איז אָבער נאָך אַלץ שלאַנק, איינגעצויגען אין אַ שמאָלען טונקעל-גרינעם קאַוואַליערגאַרדען-מונדיר מיט זילבערנע עפּאָלעטען; און שלאַנקע פיס, פונקט ווי געשניצטע, אין לאַקירטע באָטפאָרטען מיט שמאָלע שפּיצעלעך. יאָ, איינגאַנצען דער ליעבער, דער טייערער, דער הייסגעליעבטער.

זי האָט זיך ווידער צוגעדריקט צו איהם, האַלב פערמאַכט די אויגען און געשמייכעלט.

—נו, אָט זעהסטו, קינד: מען האָט נישט בעדאַרפט אויפשטעהן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט דעם אמת: אַז דו וואָלסט געלעגען, וואָלט גאָרנישט געשעהן...

—אָבער עס איז דאָך גאָרנישט געשעהן, פּאַפּאַ! איך בין איינגאַנצען געזונד. עטוואָס היץ, עס וועט איבערגעהן...

—נו, וואו ביזטו געזונד? אָט הוסטו, דער קאָפּ ברענט און די הענד זענען קאַלט, ווי אייז. פאָלג מיך, קום, לעג זיך: באַלד וועט קומען דער דאָקטאָר.

—צו וואָס דער דאָקטאָר?—האָט זי גענומען ריידען אויף פראַנצויזיש, אַריינשטעלענדיג טיילמאָל רוסישע ווערטער, ווי זי פלעגט שטענדיג ריידען מיט איהם.—איך וועל נישט זיין קראַנק, איך וועל נישט הוסטען. אָבער געהט נישט אַוועק, איך בעט אייך, געהט נישט אַוועק. איך קאָן נישט זיין אָהן אייך. ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי שרעקליך, ווי שרעקליך...

—אָבער וואָס איז דאָ געוועזן? וואָס אַזוינס? זאָג...

—ניין, מען בעדאַרף נישט. רעדט נישט, פרעגט נישט: מען בעדאַרף גאָרנישט. און אַלץ וועט גוט זיין, און אַלץ וועט אַדורכגעהן. מען בעדאַרף קיינעם נישט האָבען. נאָר איהר און די מאַמעלע... ניין, ניין, נישט די, נאָר די אַנדערע, די אמת׳ע מאַמעלע...

ער האָט געמיינט, אַז זי רעדט פון היץ. אָבער אַז ער האָט זי גוט אָנגעקוקט, האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין היצרייד.

—וואָס רעדסטו, קינד? גאָט איז מיט דיר! מעג מען דען אַזוי וועגן אַ מוטער...

—נישט קיין מוטער! נישט קיין מוטער! איך קאָן נישט מעהר! איך קאָן נישט, איך וויל נישט!.. שרעקליך... מאוס... פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, נעהם מיך צו פון דאַנען! זעהסטו דען נישט, אַז איך קאָן נישט...

זי האָט זיך צעוויינט און זיך ווידער געוואָרפען צו איהם אויפ'ן האַלז—ווידער אַרומגעכאַפּט דעם האַלז מיטביידע הענד און זיך אָנגעהאַלטען, ווי איינע, וואָס טרינקט זיך.

—נו, גענוג, קינד, גענוג. וואָס ווילסטו? איך האָב דאָך דיר צוגעזאָגט, אַז ווען איך וועל אַרויס אין דימיסיע, וועלען מיר ביידע אַוועקפאָהרען און לעבען צוזאַמען, שטענדיג צוזאַמען...

—יאָ, פּאַפּאַ, דו האָסט צוגעזאָגט, געדענקסט? אָבער ווען פּאָרט וועט עס זיין, גאָט אין הימעל!..

זי האָט זיך איהם אַריינגעקוקט שאַרף אין די אויגען אַריין און דערזעהן, אַז ער טראַכט איצט פון עפּיס גאָר אַנ'אַנדער זאַך, פון אַנ'אייגענער זאַך, וואָס איז, מעגליך, אויך אַזוי שרעקליך, ווי דאָס, וואָס איז מיט איהר געשעהן. וועגן וואָס טראַכט ער? זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט: דעם 11-טען מערץ איז דער יאָהרצייט-טאָג פון פּאַוועל דעם I-טענס טויט. זי האָט געוואוסט, וואָס דאָס איז פאַר איהם פאַר אַ טאָג. זי האָט געוואוסט, אַז דער זיידע איז געשטאָרבען נישט מיט זיין טויט, און אַז דער טאַטע טראַכט שטענדיג פון דעם, ליידט דערפון, כאָטש ער רעדט נישט דעריבער מיט קייגעם. אויב זי האָט נישט אַלץ געוואוסט, האָט זי זיך אָנגעשטויסען. וויפיעל מאָל האָט זי געוואָלט אָנהויבען ריידען, פונאַנדערפרעגען, אָבער זי האָט זיך נישט דערוועגט. זי האָט נאָר אויפ'ן קול איבערגע'חזר'ט:

—עלפטער מערץ, עלפטער מערץ...

ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן אויך אַזוי שאַרף, ווי זי אויף איהם, און איבער זיין פּנים איז דורכגעגאַנגען אַ שאָטען; עס האָט זיך בעוויזען די צווידייטיגע סתירה צווישען דעם צו-בייזען קנייטש אויפ'ן שטערען און דעם צו-האַרציגען שמיי-

כּעל אויף די ליפּען, ווי אויפ'ן מאַרמאָר-ביוסט.

—איהר זענט היינט געווען אין קלויסטער, פּאַפּאַ... די תּפילות נאָך די טויטע זענען לאַנגע... איהר זענט מיד, אויסגעמאַטערט... און דאָ בין איך נאָך אַ צוגאָב... און דער פּוס טהוט וועה? טהוט דאָך וועה, האַ?..

—ניין, ניש'קשה...

—נו, צו וואָס זענט איהר געקומען? וואָלט איהר בעסער געזעסען אין דערהיים... ניין, ניין, גוט, וואָס דו ביזט געקומען! אַך, גוט, גאָט מיינער! איך וואָלט דאָ אָהן דיר געשטאָרבען...

ער האָט מעהר נישט געפרעגט. ביידע האָבען געפיהלט, אַז צווישען זיי איז אַקוראַט דאָס, וועגען וואָס מען טאָר נישט ריידען: בעסער שווייגענדיג פערשטעהן און בעדויערן. ער איז אויך געווען אַזוי איינזאַם און הילפלאָז, ווי זי. ער האָט זיך אויך אָנגעהאַלטען אָן איהר, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך.

מיט איין האַנד האָט ער גענומען איהר קאָפּ, מיט דער צווייטער האָט ער שטיל געגלעט איהרע האָהר און זי געוויעגט, געליולעט.

זי האָט ווידער געשמייכעלט מיט האַלב-פערמאַכטע אויגען, געאָטעמט אַלץ שטילער און שטילער, אָבער זי האָט מורא-געהאַט איינצושלאָפען, טאָמער וועט ער אַוועקגעהן. און דורכ'ן דרעמעל האָט איהר אויסגעוויזען, אַז אין דאָרף פּאָקראָווסקאָיע, ביים פּאַרק-טייכעל, זיצט אַ דרייצעהניעהריג מיידעלע אין אַ קורצען ווייסען קליידעל צוזאַמען מיט איהר ברודער און געליעבטען און לייענט דאָס אַלטע שרעקליכע, ליעבע מעשה'לע:

קום אַהער צו מיר, לודמילע!
ס'איז דער קבר אונזער בעט.
ס'שלאָפט זיך זיס אין קאַלטען קבר—
און מיר שלאָפען צו דער-זעט...

—פּאַפּאַ!.. וואַליאַ...—האָט זי געשעפּטשעט אין האַלבען דרעמעל.

און ווער איז הייס-געליעבטער פאָטער און ווער איז הייס-געליעבטער חתן—האָט זי שוין נישט געקאָנט אונטערשיידען. ביידע זענען אַלצאיינס. און ביידען האָט זי ליעב

פינפטעס קאַפּיטעל.

דעם פירשט וואַלעריאַן גאָליצין האָט געשראָקען דאָס זעהן זיך מיט אַראַקטשייעוו'ן, הגם ער האָט געלאַכט דערפון. ער האָט געוואוסט, אַז דעם קייזערס ליעבלינג האָט ווייסע פּאַפּירען, בלאַנקען מיט דעם קייזערס אונטערשריפט. ער האָט געקאָנט דערויף אָנשרייבען, וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט: טשינען, אָרדענס אָדער גאָר פעסטונג, פערשיקונג, קאַטאָרגע. ער האָט אויך געקאָנט בעליידיגען, אַ קלאַפּ טהאָן—און ווי אַזוי קאָן מען איהם ענטפערן אין אַזאַ פאַל?

—איך בין דעם קייזערס פריינד,—פלעגט ער זאָגען—און אויף מיר קאָן מען זיך קלאָגען נאָר פאַר גאָט.

מיט עטליכע יאָהרען צוריק איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען האָט דעם מחבר פושקין אָבגעשמיסען מיט ריטער אין דער גע-היים-פּאָליציי. דעם דיכטערס בעסטע פריינד האָבען איבערגעגע-בען דידאָזיגע ידיעה מיט אַ געמיטליכער פרעהליכקייט. „קאָן דאָס טאַקי זיין?"—האָבען מאַנכע געצווייפעלט.—„גאַנץ פשוט,—האָבען דערקלערט די אַנדערע,—די פּאָדלאָגע לאָזט זיך אַראָב, ווי אויף דער סצענע די ברעטלעך, בשעת די שדים בעדאַרפען אַנטרונען

ווערען אונטער דער ערד. שטעלסטו זיך דערויף, לאָזטו זיך באַלד אַראָב ביז׳ן האַלבען קערפּער, און אונטען, אונטער דער ערד, קאַטעוועט מען דיך פון ביידע זייטען איבער׳ן נאַקעטען קערפער—טשיק, טשיק, טשיק. גאָר ווייט פּאַרנאַקט... נעה קלאָג זיך דערנאָך!״

אָבער וואָס איז אַ פּאָעט אָדער אַ קאַמער-יונקער, בשעת גרויספירשטען האָבען געפלאַטערט פּאַר דער שלאַנג. דער פירשט וואַלעריאַן, שטעהענדיג אויף דער וואַך אין ווינטער-פּאַלאַץ, אַלס אָפיציר פון פּרעאָבראַזשענסקען פּאָלק, האָט איינמאָל געזעהן, ווי ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש און מיכאַאיל פּאַוולאָוויטש, דעמאָלט נאָך גאָר יונגינקע, זענען געזעסען אויפ׳ן פענסטער און געשטיפט, געמאַכט זיך נאַריש מיט די יונגע פליגעל-אַדיוטאַנטען. פּלוצלונג האָט עמיצער אַרויסגעשעפּטשעט: „אַראַקטשייעוו!״ און די גרויספירשטען זענען תיכף אַראָבגעשפּרונגען פון די פענסטער און האָבען זיך אויסגעצויגען פאַר איהם, ווי סאָלדאַטען.

יאָ, שרעקליך. אָבער אונטער דער שרעק איז דאָ אַ האָפנונג.

מיט אַ יאָהר צוויי צוריק האָט גאָליצין דערלאַנגט דעם קייזער אַ פּאַפּיר וועגען בעפרייען די פּויערים און וועגען אַ קאָנסטיטוציע, ווי וועגען אַ נאָהענטער זאַך אין דער צוקונפט, וואָס דאָס איז דער רצון פון קייזער גופא, געמאָלדען פון דער הויך פון טראָן.

וועגען דעמדאָזיגען פּאַפּיר איז גאָרנישט צו הערען, פּונקט ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלען. נאָר ער אַליין האָט אויך דערין נישט געגלויבט; ער האָט געוואוסט, אַז עס איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפען. און דאָך האָט ער יאָ געהאָפט: אויב דער קייזער וועט איהם וועלען זעהן, וועט ער איהם אַלץ זאָגען. צי וועט ער אָבער פערשטעהן?..

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פּאָרטרעט פון יונגען קייזער: ווייסע געקרויזעלטע האָהר, אין פּודער, דער פאַרב פון דער הויט—בלאַס-ראָז, ווי דער גלאַנץ פון פערלמוטער, טונקעלבלויע אויגען מיט אַ שאָטענדעל, אַ רייצענדיג יונג שמייכעלע אויף קינדערשע ליפּען. ער איז ענהליך צו סאָפיע׳ן, ווי אַ ברודער צו אַ שוועסטער.

טיילמאָל האָט זיך גאָליצינ׳ען גע׳חלומ׳ט דאָסדאָזיגע געזיכט—און ער האָט נישט געוואוסט וועמעס—דעם פאָטערס, צי דער טאָכטערס. נאָר אין שלאָף איז ער געווען פערליעבט אין ביידען צוזאַמען, ווי עס איז אַמאָל פערליעבט געווען גאַנץ רוסלאַנד אין דעם שענעם קינד.

—איך וואָלט אומעטום געוואָלט זעהן רעפּובליקען: דאָס איז די איינציגע רעגירונגספאָרם, וואָס שטימט זיך מיט די רעכט פון דער מענשהייט,—פלעגט דער קייזער זאָגען מיט דעמדאָזיגען קינדישען שמייכעל. און נאָכדעם, נאָך דער טשוגויעווער שחיטה, וואו מען האָט מענשען דורכגעפיהרט דורכ׳ן סטראָי צוועלפטויזענד מאָל, האָט ער געוויינט אויף אַראַקטשייעוו׳ס ברוסט: „איך וויים, וואָס דאָס האָט געקאָסט דיין פיהלבאַרען האַרצען״.

זאָפיעס אַ פאָטער און אַראַקטשייעווס אַ פריינד, רעפּובליק און ריטער, דאָס וואַרטען אויף נסים און וואַרטען אויף ריטער,—דאָס אַלץ איז צוזאַמענגעמישט געוואָרען, ווי אין אַ היצקראַנקהייט, ביי גאָליצינ׳ען אין קאָפּ. צו בעפרייען זיך פון זיי, האָט ער זיך געלעגט שלאָפען.

אַ שלעכטען חלום האָט ער געזעהן: אַ גרויסער לויה-צוג: אין די אָפענע טרומנעס—שקעלעטען און קאַליקעס אין לאָגלען מיט ספּירט. אַלץ בעקאַנטע פאַרשוינען—אַלטע חברים, מיטגלידער פון דער געהיימער-געזעלשאַפט. ער אַליין שווימט אויך אין ספּירט, עהנליך צו אַ בלאַסער קוקאָלקע—אַ האָמונקולוס אין ברילען.

אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער לאַנג נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס איז דאָס געווען. צולעצט, האָט ער פערשטאַנען: די פּראָפעסאָרען פון דער קאַזאַנער אוניווערזיטעט האָבען מקבר-געווען דעם אַנאַטאָמישען קאַבינעט, לויט׳ן פאָרשלאָג פון מאַגניצקי׳ן.

אויף מאָרגען, בשעת פירשט וואָלעריאַן איז צו דער בעשטימטער צייט אַריין אין דעם פליגעל-אַדיוטאַנטישען צימער פון ווינטער-פּאַלאַץ, האָבען די גענעראַל-אַדיוטאַנטען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, ווי: אובאַראָוו, זאַקרעווסקי, פירשט מענשיקאָוו, אָרלאָוו, איהם בעזונדערס וואַרים בעגריסט.

—פירשטעלע, איך שטעל פאַר דיין געזונד-וועגען אַ ליכט

פון אַ פּוד. פיין אויסגעזידעלט דעם אויסוואורף!—האָט מענשיקאָוו געזאָגט און געדריקט איהם די האַנד.

—באמת אַנ׳עקדעש!—האָט אָרלאָוו אויסגעשריען.

—אַ שלאַנג!—האָט זאַקרעווסקי צוגעגעבען.

—נו, וואָס אַ שלאַנג? פּשוט אַ פלעדערמויז!—האָט אובאַראָוו געזאָגט און דערצעהלט, ווי אין גרוזינאָ האָט מען ביי אַ פּויער אין די קליידער געפונען אַנ׳אויסגעטריקענטע פלעדערמויז, וואָס ער האָט געטראָגען ביי זיך, כדי דורך כשוף אָבצורוימען אַראַק-טשייעוו׳ן פון וועג. אָבער יענער האָט איהם פערשמיסען צום טויט און בשעת-מעשה געזאָגט: „איך וועל דיר אַליין זיין אַ פלעדערמויז!“ און אַזוי איז ער פאַר גאַנץ רוסלאַנד געוואָרען אַ פלעדערמויז.

—וועט זיך גאָר קיין איינער נישט געפינען, וואָס זאָל אָנ-ווייזען דעם קייזער אויף דעמדאָזיגען אכזר?—האָט אובאַראָוו פערענדיגט.

פון דער געעפענטער טהיר האָט אַראַקטשייעווס אַדיוטאַנט, דער דייטש קליינמיכעל, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ מיט דעם פלאַ-כען הילצערנעם קוקלע-פּנים.

—איהר קאָנט, פּירשט.

גאָליצין איז אַריין אין קאַנצעלאַריע—אַ גרויס טונקעל צי-מער מיט די פענסטער צום פאַלאַץ-הויף.

ביים טיש, געדעקט מיט גרינעם געוואַנד, איז געזעסען אַראַקטשייעוו. פאַר איהם איז געשטאַנען אַנ׳אַלטער גענעראַל, אפשר איינער פון די מלחמה-גענעראַלען פון צוועלפטען יאָהר, אַ מיטהעלפער פון באַגראַטיאָנ׳ען און ראַיעווסקי׳ן אין יענע בראַ-ווע שלאַכטען, אין וועלכע דער קייזער׳ס ליעבלינג האָט זיך נישט בעטייליגט צוליעב „דער שוואַכקייט פון די נערוועו“. דער גענעראַל האָט אויסגעהערט דעם פאָרוואורף, ווי אַ חדר-יונגעל, מיט אַ שולדיגער מינע האָט ער איינגעבויגט דעם רוקען און איינגע-צויגען דעם קאָפּ אין די אַקסלען. גאָליצין האָט נישט געזעהן זיין געזיכט—ער איז געשטאַנען צו איהם מיט׳ן רוקען—אָבער פון דעם גלאַטען און רויטען פליך, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי

אַ פּנים׳ל פון אַ ניי-געבוירענעם און פון דעם בלוי-רויטען פּאַלב אויפ׳ן האַלז, וואָס איז האַנגען איבער׳ן קאָלנער, האָט ער גע-זעהן, אַז דער אַלטער איז נישט טויט, נישט לעבעדיג.

—צי מיינט איהר, מיין הער, אַרויסצודרעהען זיך פון דיענסט, זעהענדיג, אַז ביי מיר קאָן מען נישט קאַמער-יונקערן?— האָט אַראַקטשייעוו געזעדט אונטער דער נאָז מיט אַ גלייכען שטילען קול, כמעט שעפּטשענדיג: מען טאָר הויך נישט ריידען אין די קייזערליכע צימערן.—דער בעפעהל אונטער׳ן נומער טוי-זענד אַכטהונדערט דרייאונזיבעציג, וואָס האָט אייך כלומר׳שט אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ לאַגע, אַז איהר האָט נישט די מעגליכ-קייט צו דערפילען פּינקטליך אייער חוב, פאָדערט גאָרנישט פון אייער עקסעלענץ אונמעגליכע זאַכען, וואָס אין דיענסט קאָנען זיי גאָר, איבערינענס, נישט זיין...

געוועזען קענטיג, אַז ער קאָן ריידען אַזוי אָהן אַנ׳אויפהער, נישט טוישענדיג דעם אויסדרוק פון פּנים און קול, אַ שעה, צוויי, דריי—וויפיעל מען וויל.

גאָליצין האָט שוין געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן אַראַק-טשייעוו׳ן, אָבער איצט האָט ער איהם בעטראַכט מיט אַ בעזונ-דער נייגיריגקייט, פּונקט ווי ער וואָלט איהם געזעהן דאָס ער-שטע מאָל.

אַלט אַרום פופציג יאָהר; דער וואוקס אַ הויכער, געבויגען, ביינערדיג און קנאָכיג. אַנ׳אָבגעניצטער אַרטילערישער טונקעל-גרינער מונדיר; צווישען די צוויי אויבערשטע קנעפּלעך—אַ קליינ-טשיק פּאָרטרעטל פונ׳ם פּערשטאָרבענעם קייזער פּאַוועל I. דאָס געזיכט נישט פון אַ מיליטערמאַן, נאָר פון אַ טשינאָווניק; איינ-געפאַלענע ראַזירטע באַקען; דינע ליפּען; אַ דיקע נאָז, עטוואָס פּעררייסען און רויטליך, פּונקט ווי זי וואָלט געהאַט אַנ׳אייביגען קאַטאַר. נישט קיין שכל, נישט קיין נאַרישקייט, נישט קיין גוטס-קייט, נישט קיין שלעכטסקייט—אויף דעמדאָזיגען פּנים איז גאָר-נישט צו זעהן, אויסער לאַנגווייליגקייט. די האַלבאָפענע נעבעל-דיגע אויגען מאַכען איהם עהנליך צו אַ מענשען, וואָס איז נאָר-

וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף און וועט באַלד פון דאָסניי איינ־שלאָפען.

—איך האָב ליעב, אַז אַלע ענינים געהען מיט אַ סדר. שנעל, אָבער מיט אַ סדר. נאָר אַנדערע ענינים איז אפילו שע־דליך צו מאַכען שנעל. אָבער אַלץ איז אונז געגעבען געוואָרען דורך גאָט אויף צו בעטראַכטען, וואָרום דאָס גוטע אויף דער וועלט קאָן נישט זיין אָהן דאָס שלעכטע. און תמיד איז דאָס שלעכטע מעהר, איידער דאָס גוטע...

אונטער'ן פענסטער איז געפאַלען אַ נאַסער שניי, אין צי־מער איז אַריינגעקראָכען אַ גרויער פאַרנאַכט, ווי שפינוועבס. און אין דעם גרויען שפינוועבס פון פאַרנאַכט און אין דעם גרויען שפינוועבס פון די ווערטער איז געלעגען אַנ'איבערנאַטירליכע לאַנגוויילינקייט: אַזוי מסתמא לאַנגווייליגען זיך די טויטע אין די קברים. שרעקליך געוועז פון לאַנגווייליגקייט.

אַראַקטשייעוו האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אַלס ציי־כען, אַז די אוידיענץ איז געענדיגט. סאָפּענדיג און אָבבלאָזענ־דיג זיך, פערשוויצט און רויט ווי פון אַ באָד, איז דער גענע־ראַל אַרויס פון צימער.

גאָליצין איז צוגעגאַנגען צום טיש

—דעם פירשט אַלקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש'עס פלימעניקעל?

—אַזוי, אייער דורכלויכט.

—נו, פירשט, צוויי ענינים זענען דאָ צו אייך. דער ער־שטער: וועגען טראָגען ברילען אין דער געגענוואַרט פון אַלער־העכסטע פערזאָנען האָט דער קייזער געהייסען מאַכען אייך אַ שטרענגע בעמערקונג. דער צווייטער—וועגען אייער מעמאָראַנדום...

ער האָט איהם דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, אויף וועלכען אַראַק־טשייעוו אַליין האָט אייגענהענדטיג אונטערגעשריבען מיט גרויסע אותיות, מיט אַ רויטער בלייפעדער און מיט דריי גרייזען אין פינף ווערטער: „אומקעהרן צוריק, ווייל מען בעדאַרף עס נישט."

אַראַקטשייעוו האָט זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיץ־פינגער, איז צוגעגאַנגען, פונקט ווי ער וואָלט זיך גע'גנב'עט, צו דער טהיר פון דעם ערשטען זאַל פון יענע צוויי, וואָס האָבען אָב־

שבֿן אין די אויגען אַריין), און זיין פּנים איז פּלוצלונג געוואָרען פֿאַלש-צערטליך.—איך בין אַ מענש אַ פּשוט׳ער, נישט קיין געלערנטער; ווי אַן אָרימער דוואָריאַנין פֿון נאָווגאָראָד, בין איך אויפגעהאָדעוועט געוואָרען געוועהנליך ווי אַ רוס. ביים דיאַק זיך געלערנט. איז אַ חדוש, אַז איך בין נישט קיין גרויסער למדן! אָט. אַ שטייגער, אייער פּאַפּיר—ביי מיין פּשוט׳ען שכל קאָן איך גאָרנישט פערשטעהן וועגען וואָס פֿאַר אַ קאָנסטיטוציע איז עס געשריבען געוואָרען? אַזויפיעל יאָהרען געלעבט אויף דער וועלט און קיינמאָל נישט געהערט און ביז היינט געגלויבט, אַז ביי אונז אין רוסלאַנד איז די רעגירונג אַן׳אַליינהערשערישע...

פון דאָסניי אַ לאַנג שפּינוועבס פון ווערטער; פון דאָסניי שרעקליך, לאַנגווייליג מיט אַן׳איבערנאַטירליכער לאַנגווייליגקייט.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשטאַנען, איבערגעגאַנגען פון טיש צום קאַמין און אַ רוף געטהאָן גאָליצינ׳ען מיט׳ן פינגער: נישט געוואָלט, אפּנים, אַז דער אַדיוטאַנט זאָל הערען. אַז גאָליצין איז צוגעגאַנגען, האָט ער איהם אָנגענומען פֿאַר׳ן קנעפּעל און כמעט איינגערוימט ביים אויער, נאָך צערטליכער, נאָך גניב׳ישער:

—איך האָב שוין שטענדיג, אייער דורכלויכט, אַזאַ שלעכ- כען מזל, אַז דער עולם טראַכט פון מיר שלעכט. האָט דאָך אַמאָל אַ קלוגער מענש געפרעגט: וויפיעל גאַראָנים בעדאַרף מען האָבען צונויפצוזאַמלען אַן׳עולם. און דעריבער שרעק איך מיך גאָרנישט פֿאַר די סאַנקטפּעטערבורגער פּלאַפּלערייען: אַ הונד בילט, אַ ווינד בלאָזט. זאָל נאָר זיין דאָס געוויסען ריין... ווי הייסט דאָסדאָזיגע זאַכעלע, וואָס איהר האָט געזעהן?

—פּאַראַוואַן, אייער דורכלויכט.

—פּאַראַוואַן, יאָ. נו, אַזוי איז אויך אייער טרייער דיענער: פּשוט אַ פּאַראַוואַן; הינטער מיין פּלייצע מעג זיך טהאָן, וואָס עס וויל, אָבער מיט מיין פּנים ווערט עס אַלץ בעדעקט. מען שיט אויף מיר, ווי אויף אַ טויטען. און מען האַלט אין איין זידלען: אַראַקטשייעוו איז אַ גזלן, אַראַקטשייעוו איז אַן׳אכזר, אַראַק- טשייעוו איז אַ שלאַנג. אָבער מיין גאַנצע שולד בעשטעהט דערין, וואָס איך חנפה קיינעם נישט צוליעב מיין אויפריכטיגער

נאַטור און וואָס איך דערפיל פינקטליך דעם רצון פון קייזער. וואָס מען הייסט, דאָס טהו איך. כאָטש אַ קאָנסטיטוציע, כאָטש אַ רעפּובליק—וועט מען הייסען, וועל איך טהאָן... מיר איז אַלצ-איינס...

„אָבער ער איז דאָך גאָר קיין נאַר נישט,—האָט זיך גאָ-ליצין געוואונדערט.—נאָר וואָס וויל ער האָבען פון מיר?"

—אָט, אַ שטייגער, אייער פעטער, פירשט אַלעקסאַנדער ני-קאָלאַ׳עוויטש, טראָגט אויף מיר, אַנ׳אַלטען מאַן, אַ האַרץ. אָבער איך בין נישט בייז אויף איהם. ווי אין יעוואַנגעליום שטעהט גע-שריבען: זאָלסט ליעב האָבען די, וואָס האָבען דיך פיינט. און אין דיר, טייבעלע, פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין, בין איך זיכער, אַז דו וועסט מיך ליעב בעקומען זעהענדיג, ווי איך יעגעה מיך מיט דיר, ווי אַנ׳אמת׳ער קריסט...

אַנטשוויגען געוואָרען און אינגאַנצען צוגעמאַכט די האַלב-אָפענע אויגען, פונקט ווי ער וואָלט פערגעסען אָן זיין געשפרעך; דערוואַרימט זיך ביים קאַמין, איז ער שטעהענדיג אַנדרעמעלט גע-וואָרען. גאָליצין האָט אויך געשוויגען און בעטראַכט אַראַקטשיי-עווס פנים אין דערנאָהנט. אונגעריכט האָט ער בעמערק אין דעמ-דאָזיגען פנים אַ משונה-ווייך גריבעלע ביי דער טאָפּעלער גאָמבע און עפּיס נישט געקאָנט אַוועקנעהמען די אויגען דערפון. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן אַראַקטשייעווס „פיהלבאַר האַרץ", וואָס דער קייזער האָט בעדויערט נאָך דער טשוגויעווער בלוטבאָד. ער האָט זיך אויך דערמאָהנט אָן דעם הויפמיידעל, נאַסטאַסיע מינקין, וואָס האָט מסתמא אין צערטליכע מינוטען געקושט טאַקי אין דעמדאָזיגען גריבעלע.

נאָר אַראַקטשייעוו האָט לאַנגזאַם אויפגעעפענט פלוצלונג איין אויג און, פינטלענדיג, פון דאָסניי אַ קוק געטהאָן גאָליצין׳ען נישט אין די אויגען, נאָר אין די ברעמען

—נו, וואָס, פירשט, זענט איהר שוין לאַנג אַ מיטגליד פ

דער געהיימער געזעלשאַפט!

—וועגען וואָס פאַר אַ געהיימער געזעלשאַפט בעוויליגט אייער דורכלויכט צוריידען?—האָט גאָליצין געפרעגט אַזוי גאַאיוו

און רוהיג, אַז ער האָט זיך אַליין געוואונדערט; אָבער דאָס האַרץ איז איהם געפאַלען. ער האָט אַ טראַכט געטהאָן: „עס הויבט זיך שוין אָן!"

—איהר ווייסט נישט? אָבער מיר ווייסען אַלץ, אַלץ ווייסען מיר, און נישט בלויז וועגען איך, נאָר אויך וועגען אייער פעטערל...

-דער פעטער איז אַ געהיימער גזעלשאַפט!—האָט זיך גאָליצין נישט איינגעהאַלטען; ער האָט זיך אפילו באַלד געכאַפט, אָבער עס איז שוין געווען שפעט.

—נו, וואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי, אויב איהר ווייסט פון גאָרנישט? נאָר אפשר ווייסט איהר יאָ, נאָר איהר האָט פערגעסען? האַ?

—ווען איך וואָלט אפילו געוואוסט, אייער דורכלויכט, וואָלט איך אויך נישט געקאָנט זאָגען, סיידען איך זאָל זיין אַן׳-אויסוואורף און אַ מסור!—האָט גאָליצין געענטפערט שוין אַ בלאַסער נישט פאַר שרעק, נאָר פאַר כעס.

—נו, גענוג, פירשט, גענוג! ווילסט נישט, בעדאַרף מען נישט. איך רייד דאָך מיט דיר, ווי אַ פאָטער, איך מיין דאָך דיין טובה, איך וויל דאָך מאַכען פון דיר, לויט דיין שכל, אַ נוצליכען מענשען פאַר׳ן קייזער. די ברילען—דאָס איז גאָרנישט. דו האָסט אַ גוטען שם דאָ. דער קייזער געדענקט דיך נאָך פון וואַראָנער קאָנגרעס, ער געדענקט דיך צוזאַמען מיט׳ן גראַף שובאַלאָוו, סאָפיע דמיטריעוונעס חתן, און זיין מיינונג וועגען דיר איז אַלעמאָל אַ גוטע. היינט—אַ קאַמעריונקער, מאָרגען—אַ קאַמערהער. איך וואָלט, מיין קינד, פאַר קיין פאַל נישט געגלויבט, אַז אויף דער וועלט זאָל זיין אַ קאַמעריונקער, וואָס וואָלט נישט געוואָלט ווערען קיין קאַמערהער... בענעהם דאָס מיט׳ן שכל, פירשט, בענעהם דאָס נאָר גוט מיט׳ן שכל. אינדערפריה איז קלעיער דער קאָפּ. קום אויך אַמאָל צו מיר קיין גרוזינאָ—דאָרט וועלען מיר אַ שמועס טהאָן. בעזוך אַן׳אַלטען מאַן, עס וועט מיך זעהר פרעהען, איך וואָלט זעהר געוואָלט דיך זעהן אין מיין גרוזינ

דיין אויפמערקזאַמקייט געהט מיר גאָרנישט אָן, דו אויס-וואורף!"—איז געקומען גאַליצינ׳ען אויפ׳ן זינען אַ שורה פון רי-לייעוווס אַ ליעד, בשעת גאַליצין האָט זיך בעדאַרפט צוריהרען צו אַראַקטשייעווס צוויי אויסגעצויגענע פינגער—אַ צייכען פון דעם העכסטען חסד,—פיהלענדיג, אַז דורך דערדאָזיגער צערטליכקייט וועט ער געשמיסען ערגער, איידער דורך ריטער

די אוידיענץ האָט זיך געענדיגט. קליינמיכעל איז אַוועק.

אַראַקטשייעוו האָט זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיץ-פינגער, איז צוגעגאַנגען, פונקט ווי ער וואָלט זיך גע׳גנב׳עט, צו דער טהיר פון דעם ערשטען זאַל פון יענע צוויי, וואָס האָבען אָב-געטיילט דעם סעקרעטאַר-זאַל פון דעם קייזערס קאַבינעט; פאָר-זיכטיג האָט ער געעפענט די טהיר און פאַוואָליע-שטיל אַ רוף געטהאָן:

—יעפימיטש? האַ, יעפימיטש?

—דאָ, אייער דורכלויכט—האָט אויך אַזוי פאַוואָלי-שטיל געענטפערט דעם קייזערס קאמערדינער מעלניקאָוו.

—האָט דער קייזער נישט גערופען?

—ניקאַק ניעט.

—קיינער נישט געווען?

—קיינע!

און ווי פריהער, אויף די שפּיץ פינגער, גנב׳ענענדיג זיך, זענען זיי אַדורכגעגאַנגעןביידע זאַלען. אַז די פאַדלאָגע האָט אַ סקריפּע געטהאָן אונטער מעלניקאָווס פוס, האָט אַראַקטשייעוו אַ מאַך געגעבען אויף איהם מיט דער האַנד. אין אַלע זיינע בע-וועגונגען איז געלעגען עפּיס אַ שטיל-שאַרכענדיגע ווייכקייט פון אַ פלעדערמויז.

צוגעשטעלט זיך ביי דער טהיר און פערהאַלטען דעם אָטעם, פונקט ווי דאָרטען וואָלט זגעלעגען אַ טויטער, און זיך לאַנג צוגעהערט. פריהער מעלניקאָוו, דערנאָך האָט זיך אַראַק-טשייעוו צוגעבויגען מיט אַ גענייטער און געשיקטער בעוועגונג צו דעם שלאָס-לעכעל און צוגעלעגט דאָס אויג: דער קייזער איז

געזעסען אַליין און געלייענט אַ בוך, זיי האָבען זיך איבערגע-קוקט שווייגענדיג.

און דערנאָך זיך ווידער אומגעקעהרט אין סעקרעטאַר-זאַל.

—פיהר-אַריין דעם פּאָטער פּאָטיוס, אָבער קיינער זאָל נישט זעהן.

—גלייך, אייער דורכלויכט.

—נישט געווען נאָך דעם פירשטס עקיפּאַזש פון דער ברעג-גאַס?

—נישט געווען.

—און פון ערמיטאַזש?

—און פון דאָרטען נישט געווען. אומעטום זענען אַוועקגע-שטעלט געוואָרען מענשען: מען וועט נישט דורכלאָזען.

—זאָלסטו מיר אַכטונג געבען: אויב עפּיס נאָר—זאָלסטו מיר גלייך אָנזאָגען.

—זענט רוהיג, אייער דורכלויכט.

—און דעם קוטשער איליע׳ן זאָלסטו זאָגען, נישט פערגעס: אויב דער קייזער וועט פאָהרען אויף דער פאָנטאַנקע, זאָל ער מיר באַלד צושיקען אַ קוריער אויף דער ליטיינע-גאַס.

אויף דער פאָנטאַנקע האָט געהייסען: צום מיניסטער פון גייסטיגע ענינים, צו דעם פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאָליצין.

אַראַקטשייעוו האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גאָלדען טאַבאַק-פּושקעלע און אַריינגערוקט אין מעלניקאָווס האַנד. יענער האָט נישט פערשטאַנען, האָט ער עס געעפענט און אַ שמעק גע-טהאָן מיט אַזאַ יראה, פונקט ווי ער וואָלט אַ קוש געטהאָן עפּיס אַ הייליגע זאַך, און געוואָלט אָבגעבען צוריק.

—נעהם דיר עס, יעפימיטש, צום אָנדענק.

—אייער דורכלויכט! איהר האָט מיר אַרויסגעוויזען אַזוי-פיעל חסדים... איך וויים גאָרנישט ווי צו בעטען גאָט פאַר אייך.

—זעה-זשע, ברודערל, אַז אַלץ זאָל פּינקטליך אָבגעטהאָן ווערען.

—זענט רוהיג, אייער דורכלויכט.

אַז דער קאַמערדינער איז אַוועק, האָט זיך אַראָקטשייעוו אַנידערגעזעצט אין לעהנשטוהל ביים קאַמין און אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל אַ בריף.

„מיין ליעבער פאָטער און גוטסטהוער, אייער דורכלויכט! זענט איהר נישטאָ, איז פאַר מיר אויך נישטאָ קיין פריידע און קיין טרייסט, אויסער טרעהרען: וויין איך אַלץ און וויין. און איך שטעל מיר פאָר, ווי איהר געהט-אַרויס פון שלאָפצימער און קושט מיך פאַר׳ן סיורפּריז. אָבער גיב איך נאָר אַ טראַכט, אַז איהר זענט נישטאָ, ווער איך פערגאָסען מיט טרעהרען. אויב איהר וועט נאָך דאָרט לאַנג בלייבען אַליין, איז שוין גלייכער איך זאָל פּאָהרען צו אייך, אויף דער ליטיינע-גאַס, אין אַ פּשוט וועגעלע, איידער איבערלאָזען אייך יעדע מינוט מיט אַ צוריסען האַרץ. און ביי אונז אין גוט, פאָטערל, איז אַלץ אין אָרדנונג. די מענשען זענען געזונד און דאָס אייגענע אויך חיה און עוף. נאָר מאַקושקע האָט צובראָכען דאָס פאַרצעלאַן-דעקעל פון מילך-טאָפּ און איך האָב איהם דערפאַר אָבגעשמיסען. און נעפּעדע׳ן און פינאָגענס קיכער, האָב איך, ווי איהר, פאָטערל, האָט געהייסען, אויך גוט אָבגעשמיסען. און די פראַנצויזין און די הערבסט-פאַוואָריטין האָבען זיך פאַראַכטאָגען אָבגעקעלבט. און אין די שפּעקט-ראַהמען האָט מען שוין אַריינגעשטעלט שויבען. און עס זענען קאַליע געוואָרען צוויי פעסלעך מיט איינגעזאַלצענעם קאַלב-פלייש. האָב איך אָבגעגעבען די מענשען אויף דער קיך. נשמה מיינס, איהר זאָלט למען-השם זיך אָבהיטען דאָס געזונד! אין אַ פייכטען וועטער זאָלט איהר נישט אַרויס פון שטוב און אויף יונגע פרויען זאָלט איהר, נשמה-לעב, נישט קוקען. אָפּטמאָל בין איך אין ספק, ווייל איך קאָן אייער כאַראַקטער, אָבער איך בין עס אייך מוחל, ווייל איך האָב אייך ליעב. ווען איך זאָל אייך נישט ליעב האָבען, וואָלט איך נישט ווערט געווען אַרומצוגעהן אויף דער ערד. די אייביגע דיענערין אייערע סאַמע ביז׳ן קבר, נאַסטיע. און איך קוש אייך אויך אונטער׳ן קראַוואַטעל.“

פערמאַכט די אויגען, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי קושט איהם אונטער׳ן קראַוואַטעל און אין דער גאָמבע, סאַמע

אין גריבעלע. דערנאָך האָט ער איינגעדרעמעלט. אין שלאָף האָט ער דערהערט די מוזיק אויף עאָלס האַרפּע אין איינעם פון די גרוזינאָ-טורמס, און אין דערדאָזיגע מוזיק—נאַסטיעלעס ליולעדיגע שטים: „שלאָפט-איין, פאָטערל, רוהיג—אייער שוואַך געזונד בעדאַרף האָבען מנוחה...״

ער האָט אַ ציטער געטהאָן און זיך אויפגעכאַפּט. זאָל גאָט היטען—ער קאָן נאָך גאָליציב׳ען דורכלאָזען.

צו פערטרייבען דאָס דרעמלען, האָט ער גענומען צעהלען אין דער מחשבה: וויפיעל בעזימער בעדאַרף מען האָבען פאַר דעם גרוזינער גוט: אין קיך בעדאַרף מען האָבען אַלע וואָך 2—איז 140 אַ יאָהר; אין די דיענער-אָבטיילונגען וועכענטליך 5—איז 260 אַ יאָהר; אין די שפּעקטען, פערדשטאַלען א. אַז. וו.—איינגאַנצען 1.890 אַ יאָהר; אויף 5 יאָהר מאַכט עס אויס—9.450, אויף 25 יאָהר—47.250.

די אויפגאַבע איז געווען אַ צו-איינפאַכע; האָט ער צוגעטראַכט אַ מעהר-קאָמפּליצירטע: וויפיעל ברוכשטיין בעדאַרף מען האָבען פאַר דעם שאָסיי-וועג פון גרוזינאָ ביז טשודאָוו.

אין יעדער קופּע: די הויך—3 אַרשין מיט 7 ווערשאָק; אין אומפאַנג—6 אַרשין מיט 13 ווערשאָק; אין דער קרים—4 אַרשין מיט 9 ווערשאָק. אָבער אויפ׳ן קאָפּ איז דאָס שווער אויסצורעכענען. האָט ער גענומען אַ שטיקעל פּאַפּיר, אַ צוגעסען שטיקעל בלייפעדער און אָנגעהויבען מאַכען אַ רעכנונג, שטעלענדיג די ציפער זעהר געדיכט: געווען קאַרג אויף פּאַפּיר.

געוואָרען גוט אויף דער נשמה, שטיל, רוהיג, אָהן צער און אָהן שמחה, ווי אין דער אייביגקייט.

און פּלוצלונג, אין סאַמע מיטען רעכענען, בשעת דער חשבון האָט שוין געהאַלטען ביי מיליאָנען קובישע ווערשקעס, האָט זיך פון פליגעל-אַדיוטאַנטען-צימער געעפענט די טהיר.

—אייער דורכלויכט, פון זיין האהייט, פון גרויספירשט,— האָט קליינמיכעל געמאָלדען.

—איך האָב דיר, דער רוח זאָל דיך נעהמען, געזאָגט, זאָלסט געבען האַלז און נאַקען!—האָט זיך אַראַקטשייעוו געוואָר-

פּען צו איהם, אַ זאָג געטהאָן [illegible] וואָרט און אויפגעהויבען די האַנד.

קליינמיכעל האָט זיך נישט בעוועגט און אויסגעשטעלט זיין טויט-הילצערן פּנים; עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַראַקטשייעווס קלאַפּ וועט אָבהילכען איבער׳ן פּנים, ווי איבער האָלץ.

אַראַקטשייעוו האָט אָבער אַראָבגעלאָזט די האַנד און נאָר שעפּטשענדיג צוגעגעבען מיט גרויס גרימצאָרן

—וואָן!

דערנאָך אַוועק צום לעהנשטוהל ביים קאַמין. רעכענען ווייטער האָט ער שוין נישט געקאָנט. מען האָט איהם געשטערט, האָט ער זיך פערפּלאָנטערט. דאָס האָט איהם פערשאַפט עגמת-נפש, ער האָט דערפיהלט, ווי עס קלאַפּט איהם דאָס האַרץ און די נערוועו זענען אויפגערעגט.

—אַך, גאָט מיינער, גאָט מיינער!—האָט ער שווער אָבגעזיפצט.—קיין רוהיגע מינוט נישטאָ פון זיי...

ער האָט איינגענומען אַניס-מאַנדעל-טראָפּען, זיך עטוואָס בערוהיגט און זיך פון דאָסניי פערטיעפט אין זיינע חשבונות.

און ווידער איז געוואָרען גוט, שטיל-שטיל, אָהן צער און אָהן שמחה, פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט קיינמאָל גאָר נישט געווען, איז נישטאָ און וועט נישט זיין, אויסער די גלייכע, מעסיגע, איינפערמיגע שטיין-קופּעס, וואָס ציהען זיך פוןביידע זייטען שאָסיי-וועג אין דער ווייטקייט אַריין.

נאָך דער אוידיענץ ביי אַראַקטשייעוו׳ן איז פירשט וואַלעריאַן אַוועקגעפאָהרען צו זיין פריינד, צום פירשט סערגיי פּעטראָוויטש טרובעצקאָי, דעם דירעקטאָר פון דער צפון׳דיגער סעקציע פון דער געהיימער געזעלשאַפט; ער האָט איהם איבערגעגעבען זיין בעשלוס, אַז ער וויל אַריינטרעטען אַלס מיטגליד אין דער געזעלשאַפט און אין עטליכע טעג אַרום איז ער אָנגענומען געוואָרען.

פֿינפֿטעס קאַפּיטעל.

די שענע יוליע בענקט נאָך איהר געליעבטען ליאָדאָר׳ן, זי בלאָנקעט-אַרום מיט די שטילסטע טריט, אַ בלאַסע און אַ טריבע, מיט אַנ׳איינגע-בויגטען קאָפּ אין דער מרה-שחורה׳דיגער לערקייט פון בעראָזע-וועלדעל, וואו דער הערבסט-באָרייאוס פערשיט די ערד מיט געלע בלעטער. דאָס בילד פון הערבסט גיסט-אַריין אין די שטאָפּען פון איהר אויסגעמוטשעט וועזען עפּיס מרה-שחורה׳דיגס, וואָס איז טריבער פון דער מעלאַנכאָליע אַליין...”

„ליאָדאָר און יוליע, אָדער די בעלוינטע שטאַנדהאַפטיג-קייט,—אַ דאָרף-נאָוועלע”. אַמאָל, נאָך פאַר דעם קייזער פּאַוועל, פלעגט אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש, בשעת ער פלעגט זיצען אונ-טער׳ן אַרעסט אין דער גאַטשינער הויפּטוואַך, פון לאַנגווייליע לייענען אין די לאַנגע הערבסט-אָוונדען אַזוינע ראָמאַנען און נאָוועלען. דערנאָך אָבער איז ער שוין געווען ווייט פון ביכער. טיילמאָל האָט ער גאַנצע יאָהרען נאָכאַנאַנד אין האַנד נישט גע-נומען קיין בוך, אויסער אויסצוגען פון צייטונגען און אַרמעע-בעריכטען. אָבער בשעת דער לעצטער קראַנקהייט האָט ער פון דאָסניי געפונען געשמאַק אין לייענען.

וואָס די ראָמאַנען זענען לאַנגווייליגער, נאַרישער און על-טער, אַלץ מעהר בערוהיגען זיי, ווי אַלטע קינדערליעדלעך. די געלב-געוואָרענע בלעטער שאָרכען, ווי געלע הערבסט-בלעטער,

און עס שמעקט פון זיי הערבסט—דער זיס-טריבער אַראָמאַט פון עבר, דאָס, וואָס איז געווען יוגענד און געוואָרען אַלט כמעט נישט צום געדענקען. פינפאונצוואַנציג יאָהר און אַזוי ווי צוויי מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט. אַזוי האָט זיך אַלץ פערענדערט, אַזוי איז אַלץ אַלט געוואָרען—און ער אַליין איז אויך אַלט געוואָרען.

„אַוועק דער ווינטער און דער פערליעבטער ליאָדאָר האָט זיך אומגעקעהרט צו דער שענער יוליע. אויסרוהענדיג ביי די וואָרצלען פון די שמעקעדיגע בלומען, האָבען זיי געשפירט דעם אַראָמאַט פון פריהלינגס-אַמבערס. די ליעבע לבנה איז געשוואומען אין דער עמאַל-העמיספערע.

—ווי הערליך איז דאָס טעאַטער פון די יונגע נאַטור-פראַכטען!—האָט יוליע אויסגערופען און זיך אין ליאָדאָרס אָרעמס אָבגעגעבען די זיסטע שפירונגען.

—„אָ, הייליגע נאַטור,—האָט ליאָדאָר געענטפערט.—נאָר אין דיין שויס קאָן דער וואוילטעטיגער מאַן געניסען פון אמת'ען תענוג. איך וואָלט געוואָלט מיט אַלע מיינע חושים צוטוליען די גאַנצע וועלט צו מיין מעלאַנכאָלישען האַרץ, אַזוי ווי איך דריק-צו דיך, אָ, יוליע!..״

ער איז געזעסען און געלייענט אין דעם מנוחה'דיגען לעהנ-שטוהל און דעם אויסגעצויגענעם קראַנקען פוס געהאַלטען אויף אַנ'אָנלעהן מיט אַ ווייכען סאַפיאַן-קישעלע—דידאָזיגע איינריכטונג האָט צוגעטראַכט די קייזערין.

די רויז-ענטצינדונג איז געווען די ערשטע געפעהרליכע קראַנקהייט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין לעבען. די וואונד איז דערגאַנגען ביז צום שיינביין, און אַ געוויסע צייט האָבען זיך די דאָקטוירים געשראָקען פאַר בראַנד. איצט איז אַלץ פער-היילט געוואָרען. אָבער מען האָט זיך בעדאַרפט אָבהיטען. דער פוס האָט נאָך אַלץ וועה געטהאָן; אַז מען שטעהט לאַנג, ווערט ער עטוואָס געשוואָלען, ווי היינט אין קלויסטער, ביי דער יאָהר-צייט-תפילה. היינט איז דער דרייאונצוואַנציגסטער יאָהרצייט נאָך

דעם טויט פונ'ם קייזער פּאַוועל I: 11-טער מערץ 1801—11-טען מערץ 1824.

„מיט איין פוס אין קבר"‚—האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן, קוקענדיג אויף זיין אויסגעצויגענעם פוס, מיט יענעם אומעטיגען שמייכעל איבער זיך גופא, וואָס פלעגט זיך די לעצטע צייט אַלץ עפטער ווייזען אויף זיין געזיכט.

פון אַ צו-לאַנגער אונבעוועגליכקייט איז דער פוס פער'חלש'ט, פערגליווערט געוואָרען. מען האָט בעדאַרפט איבערבייטען די פּאָזע. אָבער עס האָט זיך נישט געוואָלט אויפהויבען, זיך ריהרען פון אָרט.

אַ זייגער פינף האָט ער בעשטימט זיך צו נעהמען פאַר דער אַרבייט. אָבער עס האָט שוין געשלאָגען פינף, האַלב זעקס, זעקס, און ער האָט אַלץ אָבגעלעגט.

דידאָזיגע פוילקייט פלעגט איהם איצט, נאָך דער קראַנקהייט, עפטער בעפאַלען, און עס פלעגט זיך וועלען זיצען אַזוי גאַנצע שעה'ן, נישט ריהרען זיך פון אָרט, אויסשטעלען די אויגען אין איין פונקט, גאָרנישט טהאָן, גאָרנישט טראַכטען, בלויז פיהלען, ווי דער פוס חלש'ט-אָב, ווערט פערגליווערט, און אין קאָפּ לויפען-אום, ווי מוראַשקעס אויפ'ן לייב, קליינינקע געדאַנקען, צופעליגע ווערטער, גאָט ווייס וואו און ווען געהערטע, וואָס האָבען זיך צוגעקלעפּט צום זכרון און געפּייניגט. אַלץ איינס-און-דאָסזעלבע נאַרישע ליעדעל קלאַפּט און קלאַפּט אין אויער, ווי אַנ'אונרוה, כסדר און איינטעניג. איין שורה האָט ער פערגעסען. ער האָט זיך אפילו געסטאַרעט, געוואָלט זיך דערמאָהנען און נישט געקאָנט. אַרויסגעקומען איז עפּיס אַנ'אונזין:

וויפּ פעסט און ווי גרויס...
עס האָט צו דער רויז
זיך אַ ווערמוט בעהעפט.

וואָס פאַר אַ גראַם צו בעהעפט? טרעפט? געשעפט? העפטביין, אַנ'אַונזין. אָבער וואָס מעהר אונזין, אַלץ מעהר קלעפּט זיך עס.

אָדער גאָר אַנ'אַנדער זאַך. פריהער, בשעת די קייזערין

האָט איהם געראַטען, ער זאָל בעסער לייענען וואָלטער סקאָטט, איידער די לאַנגווייליגע רוסישע ראָמאַנען, איז איהם געקומען אויפ'ן זינען דער וויץ פון קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש, וואָס איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון אַזוינע שפּאַסלעך: אַנ'אַלטע פריצ'טע פון דער פּראָווינץ האָט געהערט דעם געשפּרעך וועגען וואָלטער סקאָטט, האָט זי זיך פערוואונדערט און געזאָגט: „געוויס, דער הער וואָלטער איז אפילו אַ גרויסער אפּיקורס, אָבער פונדעסטוועגען בעדאַרף מען איהם נישט רופען סקאָט*). „וואָלטער סקאָטט, וואָלטער סקאָט, וואָלטער סקאָטט, וואָלטער סקאָט",—אויב מען זאָל עס איבער'חזר'ן שנעל, מיט'ן אַקצענט אויף דער ערשטער זילבּ, וועט ווירקליך אַרויסקומען עהנליך.

„און די ענטציגדונג איז שוין געוואָרען אַזוי, אַז דער פוס האָט שוין איין מאָל וועה געטהאָן",—האָט ער אַ טראַכט געגעבען און זיך פלוצלונג דערמאָהנט, ווי מיט אַ יאָהר דריי צוריק, בשעת די קאַוואַלעריע-מאַנעווורעס, האָט איהם אַ ווילד פערד אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער קאָפּיטע אויף דעמזעלבען אָרט—אויפ'ן שיינביין פון דעם לינקען פוס. אַזוי געשיהט אויך מיט אַ קראַנקען אָרט אויף דער נשמה: דאַכט זיך, אַז דאָס איז אינגאַנצען פערהיילט געוואָרען, אָבער פּלוצלונג נעהמט עס ווידעראַמאָל וועה טהאָן—אַ קלאַפּ אויף אַ קלאַפּ, אַ וואונד אויף אַ וואונד. נאָר ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס עס קאָן נאָך צופאַלען די בראַנד. ניין, מען בעדאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט טראַכטען דערפון. שוין בעסער—„וואָלטער סקאָטט, וואָלטער סקאָט."

ווי פעסט און ווי גרויס...
עס האָט צו דער רויז
זיך אַ ווערמוט בעהעפט.

ער איז אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעצויגען און לאַנגזאַם-לאַנגזאַם, פּיבערליך אַ געגעץ געטהאָן ביז וועהטאָג אין די קינ-באַקען. „טיילמאָל איז געגעצען שווערער, איידער וויינען—איז

*) סקאָט—אין רוסיש: פיה, בהמה.

איהם געקומען אויפ׳ן זינען אַ לאַנגאָניגער געדאַנק.—און ווער
ווייס, אפשר איז אין גיהנם נישטאָ קיין געוויין און צייהן-קריי-
צעריי, נאָר בלויז אַ געגעצען, אַ לאַנגווייליגקייט—די אייביגע לאַנג-
ווייליגקייט?״

דער זייגער האָט פון דאָסניי געשלאָגען. „וויפיעל איז דער
זייגער?״—אייביגקייט. ווער האָט עס געזאָגט? יאָ, דער משוגע׳-
נער פּאָעט באַטיושקאָוו—נישט לאַנג האָט עס זשוקאָויסקי דער-
צעהלט... אַ שעה אויף אַ שעה, אַנ׳אייביגקייט אויף אַ׳ אייביגקייט,
אַ וואונד אויף אַ וואונד—11-טער מערץ, 11-טער מערץ... ניין,
מען בעדאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט טראַכטען...״

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך געוואָלט אַנידערזעצען צו דער אַרבייט, אָבער ער האָט בעמערקט שטויב אויפ׳ן
מאַלאַכיטען-טינטער. די דיענער האָט ער נישט דערלויבט אַראָב-
צעווישען דעם שטויב פון די טישען: זיי זאָלען נישט זוכען אין
די פּאַפּירען. און ער האָט אַליין אַראָבגעווישט מיט אַ טיכע-
לע. ער האָט אויך בעמערקט, אַז איינער פון די צוויי קאַנדע-
ליאַברעס, וואָס העגגען ביי ביידע זייטען זייגער, איז אַראָבגע-
נומען געוואָרען. דער געשטערטער סדר אין צימער האָט איהם
נישט געלאָזט אַרבייטען. ער האָט אָבגעזוכט דעם אַוועקגענומע-
נעם קאַנדעליאַבער און בעטראַכט דאָס צימער מיט קורצזיכטיגע
אויגען דורכ׳ן לאָרנעט, אַנ׳אַלטעטשקער, איינפאַכער לאָרנעט
פון טשערעפּאַכען-ביין, וואָס האָט זיך איהם שטענדיג געבאָמ-
בעלט ביים אַרבעל.

דער קאַבינעט איז געווען אַ ווינקעל-צימער מיט אַ פענ-
סטער אויף דער נעוואַ און אויף דעם אַדמיראַליטעט-בנין. קיין
שום געשניטעכטס, קיין שום גאָלד. גרויע נאַקעטע ווענד; אויפ׳ן
באַלקען—אַ טונקעל-גרין געמעל אין פאַרצייטיגען רוימישען גע-
שמאַק: געפליגעלטע זיעג-געטינס, טראָפייען, שטרייטוועגענס און
רייטער; דאָס מעבעל מיט רויטען לאַק און בראָנז פון דער נאַ-
פּאָלעאָנישער אימפעריע. ביי דעם קלענסטען פלעק אָדער קראַ-
צעל ווערט עס באַלד אויסגעטוישט אויף נייעס. אינגאַנצען איז
עס בעצויגען מיט ביליגע ראָז-געשטרייפטע ציכלעך, וואָס ווערען

געוואַשען דריי מאָל אין יאָהר. די פּאָדלאָגע איז אַ גלאַטע און אַ גליטשיגע, ווי אייז. ביי אַ וואַנד, צווישען די פענסטער, שטעהט אַ גרויסער שרייבטיש, און אינמיטען—קליינינטשקע טישעלעך, עהנליך צו שפּיעל-טישלעך, בעדעקט מיט גרינעם געוואַנד, ווי אין קאַנצעלאַריעס. אויף יעדען טישעל—די אַקטען פון בעזונדע-רע אַנשטאַלטען; דערביי שטעהען דיזעלבע טינטערס, דיזעלבע געגנזענע פעדערס, נאָר-וואָס פערשפּיצט. אַ פעדער, וואָס ווערט איין מאָל געברויכט, אפילו בלויז פאַר אַנ׳אונטערשריפט, ווערט געטוישט אויף אַ נייע. דערויף האָט אויפגעקוקט דער קאַמערדי-נער מעלניקאָוו, וואָס האָט בעקומען דרייטויזענד רובל אַ יאָהר פאַר׳ן פערשפּיצען די פעדערס. און אונטער יעדען טישעלע איין-און-דאָסזעלבע טעפּיכעל, רויט, מיט בלויע מוסטערן. אומעטום ליעגען ריינע טיכלעך מיט שמאַטקעלעך פון ציגענפעל צום ריי-ניגען דעם שטויב. צוויי קאַמינען, איינער געגען צווייטען, אויך די אייגענע: אויף איינעם—דער ביוסט פון פּאַלאַ, אויפ׳ן צוויי-טען—דער ביוסט פון יונאָ; אַ זייגער מיט אַ בראָנזענעם אַכילעס און אַ זייגער מיט אַ בראָנזענעם העקטאָר. קאַנדעליאַבערס דאָ און קאַנדעליאַבערס דאָרט; אַלץ אויף איין שטייגער, רעגעלמעסיג און האַרמאָניש. „איך האָב ליעב האַרמאָניע אין אַלץ״,—פלעגט אַראַק-טשייעוו זאָגען און אַזוי פלעגט איבער׳חזר׳ן דער קייזער.

ער האָט דאָך אָבגעזוכט דעם קאַנדעליאַבער אויפ׳ן קיי-לעכיגען שאַכטישעלע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווייטען ווינ-קעל. ער האָט איהם גענומען אין דער האַנד און אַוועקגעטראָגען אויף זיין אָרט.

פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דער פערפעהלטער שורה:

> דאָס גליק טיילמאָל טרעפט—
> ווי פעסט און ווי גרויס...
> עס האָט צו דער רויז
> זיך אַ ווערמוט בעהעפט.

דאָס האָט איהם צופרידענגעשטעלט אויך אַזוי, ווי דער קאַנדעליאַבער, וואָס איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף זיין אָרט.

איצט איז אַלץ אין אָרדנונג. האָט ער זיך פון דאָסניי געזעצט אויף זיין אָרט.

פאַר איהם זענען געלעגען צוויי פאַפּירען פונ׳ם אַדמיראַל מאָרדווינאָוו, דעם מיטגליד פון מלוכה-ראַט—וועגען טויטשטראָף און וועגען קנוט.

„שוין אַריבער העכער זיבעציג יאָהר, ווי אין רוסלאַנד איז אָבגעשאַפט געוואָרען די טויטשטראָף,—האָט מאָרדווינאָוו געשריבען.—דאָס צוריקשטעלען דידאָזיגע טויטשטראָף אין די ניי-אַרויסגעגעבענע שטראָף-געזעצען ביי דער רעגירונג פונ׳ם קייזער אַלעקסאַנדער I פילט מיך אָן מיט שרעק און בושה. איך דערוועג מיך גאָרנישט צו קלערען, אַז דידאָזיגע טויטשטראָף איז ביי דער גוטער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט געוואָרען נויטווענדיגער, ווי אין יענער צייט, ווען זי איז אָבגעשאַפט געוואָרען...“

„יאָ, נויטווענדיגער,—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן—אויב זיי וועלען גע׳משפט ווערען.“

ער האָט זיך איינגעצויגען, ווי פון אַ פּלעצליכען וועהטאָג און שנעל אַוועקגעלעגט דאָס פאַפּיר וועגען טויטשטראָף; דערנאָך האָט ער גענומען לייענען דאָס צווייטע—וועגען קנוט.

„זינט פון יענער בעריהמטער צייט פאַר דער מענשהייט, בשעת אַלע אייראָפּעאישע פעלקער האָבען אָבגעשאַפט די לייב-ענוים, האָט אין רוסלאַנד זיך איבערגעלאָזט דעם קנוט, וואָס גיט די געלעגענהייט די אַנדערע פעלקער צו מיינען, אַז אונזער פאָטערלאַנד געפינט זיך אין אַ באַרבאַרישען צושטאַנד. דער קנוט איז אַ געוועהר צו מוטשען, ער צופליקט דאָס לייב פון אַ מענשען, רייסט-אָב דאָס פלייש פון די ביינער, וואַרפט אין דער לופט אַריין שפּריצען בלוט און פערטרינקט דערמיט דעם גוף. דאָס זענען די סאַמע גרעסטע יסורים פון אַלע אַנדערע, וואָרום די אַלע אַנדערע זענען וועניגער דויערהאַפט. אַ צוואַנציג שמיץ פון קנוט דויערן אַ גאַנצע שעה צייט. ביי אַ גרויסער צאָהל שמיץ ציהען זיך די יסורים פון זון-אויפגאַנג ביז זון-אונטערגאַנג.“

 דאָס פאַפּיר ענדיגט זיך מיט׳ן פאָרשלאָג „צו פערניכטען

אויף אייביג דעם קנוט אַלס שטראָף-מיטעל, וואָס האַרמאָנירט נישט מיט דער היינטיגער מדרגה פון אויפקלערונג און זיטליכקייט ביים רוסישען פאָלק.

מיט זיבען יאָהר צוריק איז לויט אַנ׳אַלערהעכסטען בעפעהל פאָרגעלעגט געוואָרען דעם מלוכה-ראַט צו מאַכען אַ סוף מיט׳ן קנוט; פאַר די זיבען יאָהר צייט איז גאָרנישט געטהאָן געוואָרען, און אויב מען זאָל פון דאָסניי פאָרלעגען, וועלען אַריבערגעהן נייע זיבען יאָהר — און מען וועט ווידער גאָרנישט טהאָן.

איז אפשר נישט גלייכער צו נעהמען אַ פעדער, איינטונקען זי אין טינט און אָנשרייבען טאַקי דאָ אויפ׳ן אָרט, ביי די זייטען פון פאַפיר: „אַזוי איז מיין ווילען.״ וואָרום אויב מען זאָל אויך דאָס נישט קאָנען, טאָ צו וואָס איז די אַליינהערשונג? אָבער מען קאָן פאָרט נישט. „אַזוי איז מיין ווילען, אַזוי איז מיין ווילען — און עס איז גאָרנישט.״

און וואָס וועט זאָגען אַראַקטשייעוו? דאָס, וואָס ער האָט שוין געזאָגט: „איך קאָן אייך נאָר דאָס זאָגען, פאָטערל: מאָר-דווינאָוו איז אַ פוסטער קאָפּ. רייד איך מיט איהם, ווייס איך שוין פאָראויס, אַז קיין רעכטס וועל איך פון איהם נישט הערען.״ און די סענאַטאָרען-זקנים, די זיילען פון פאָטערלאַנד, וועלען מורמלען אין אַלע ווינקלען: „רוסלאַנד קאָן נישט אויסקומען אָהן אַ קנוט!״ אויב מען זאָל זיי הערען, איז דער סוף פון קנוט, — דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע.

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם אוקאַז וועגען אַראָבנעה-מען די שלאַגבוימער, וואָס זענען קיינעם נישט נוציג, אויסער די שכור׳ע אינוואַלידען, כדי אויסצובעטלען אויף בראָנפען ביי די דורכפאָהרער און אַראָבצורייסען די בוידען פון די וועגענס. דעם אוקאַז האָט מען שוין בעדאַרפט אונטערשרייבען, אָבער דער קייזער האָט זיך בעדאַכט און נישט אונטערגעשריבען. „ווי דו זאָלסט זיך נישט קליגען, וועט אַלץ בלייבען ביים אַלטען״ — זאָגט אַראַקטשייעוו און איז גערעכט. לוינט זיך עס צו טענטלען מיט אַ קופּע מיסט?

געזאָגט דעם משל-שרייבער קרילאָוו, דערזעהענדיג אויף דער וואַנד אַ פעטען פלעק פון זיין קאָפּ.

—„עך, ברודערל, וועסט אַרויסנעהמען איין פלעק, וועט קומען אַ צווייטער. עס וועלען דיר די פאַרבען נישט העלפען.

און ער, דער קייזער, איז אויך אַזוי: נישט קיין פלעקען פון פעטס און נישט קיין פלעקען פון בלוט האָט ער שוין נישט אַרויסצונעהמען. אַמאָל האָט ער גע׳חלומ׳ט וועגען אָבשאַפען די אַליינהערשונג—און אָט האָט ער אפילו נישט אָבגעשאַפט די שלאַגבוימער און וועט אויך דעם קנוט נישט אָבשאַפען. „ווי דו זאָלסט זיך נישט קליגען, וועט אַלץ בלייבען ביים אַלטען״.

אָבער געגלויבט האָט ער דאָך אַמאָל, אַז אַלץ וועט בעניית ווערען. „וואָס מען זאָל מיר נישט זאָגען—אין האַרצען בין איך אַ רעפּובליקאַנער, און וועל מיך קיינמאָל נישט צוגעוועהנען צו הערשען, ווי אַ דעספּאָט.״ אויב ער האָט זיך נישט אָבגעזאָגט פון אַליינהערשונג באַלד ווי ער איז אַרויף אויפ׳ן טראָן, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט פריהער געוואָלט דורכפיהרען די בעסטע רעוואָלוציע פון אַלע—שענקען רוסלאַנד פרייהייט דורך דער געזעצליכער מאַכט. האָט אָבער געשטערט דער קריעג מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען. צי האָט ער זיך אָבער צוריקגעקעהרט צום גע-דאַנק וועגען דער בעפרייאונג פון דעם אינערליכען פיינד, ווען ער האָט זיך בעפרייט פון דעם אויסערליכען? נאָר וואָס-זשע איז אַזוינס דער הייליגער פערבאַנד, דער הויפּט-ענין פון זיין לעבען, אויב נישט די לעצטע פעלקער-בעפרייאונג? דאָס עוואַנגעליום—אָנשטאָט געזעצען; די מאַכט פון גאָט—אָנשטאָט דער מאַכט פון מענשען. אַמאָל האָט ער געטרוימט, אַז ווען אַלע קיסרים פון דער ערד וועלען צוזאַמענלעגען זייערע קרוינען ביי די פיס פון דעם איינציגען מלך אין הימעל, וועט דעמאָלט נאָר גאָט אַליין זיין אַליינהערשער איבער אַלע פעלקער, און נישט קיין אַנ-דערער. און דעמאָלט וועט מקוים-ווערען די תפילה „זאָל דאָ זיין דיין מלוכה, זאָל דיין רצון זיין אויף דער ערד, ווי אויפ׳ן הימעל״.

יאָ, ער האָט געגלויבט און גלויבט נאָך היינט אויך.

„אָבער ווי דו זאָלסט זיך נישט קלִיגען, וועט אַלץ בלייבען ביים אַלטען.”

—„אַ פֿלוידעריי, וואָס ברענגט קיינעם קיין רעה נישט, אַ פּוסטער קליגענדיגער מאָנומענט”,—פֿלעגט מעטערניך זאָגען וועגען היילִיגען פֿערבאַנד.

דאָס עוואַנגעליום איז זיך אַ עוואַנגעליום, און דער קנוט—אַ קנוט. זאָל שפּריצען בלוט אין דער לופֿטען, זאָל דאָס פֿלייש פֿון די ביינער אָפּגעריסען ווערען, אין אַ שעה-צוואַנציג קלעפּ, אין דריי מינוט—איין קלאַפּ—און אַזוי פֿון זון-אויפֿגאַנג ביז זון-אונטערגאַנג. מעגליך, אַז טאַקי די אייגענע רגע, בשעת ער טראַכט...

אָבער אויב מען קאָן נישט אָפּשאַפֿען, איז כאָטש פֿערלינדערן?.. פֿערלינדערן דעם קנוט? אַ „קנוט אויף וואַטע”?—איז איהם געקומען אויפֿ'ן זינען עמיצענס אַ וואָרט וועגען איהם אין דער מסירה פֿון דער געהיים-פּאָליציי. ער האָט ליעב געהאַט אונטערצוהערען און צו זאַמלען אַזעלכע ווערטלעך—צו-שיטען זאַלץ צו די אייגענע וואונדען.

עס איז איהם אויך געקומען אויפֿ'ן זינען, אַז דעמאָלט, בשעת ער האָט זיך מכין-געווען צו האַלטען אַ רעדע אין פּוילישען סיים וועגען דער קאָנסטיטוציע, האָט ער בשעת-מעשה זיך געאיבט אין שענע קערפּער-בעוועגונגען און שענע געזיכט-תנועות, פּונקט ווי אַנ'אַקטאָר פֿאַר'ן שפּיגעל—און פּלוצלונג איז אַריין דער אַדיוטאַנט. נאָך איצט, אַז ער דערמאָהנט זיך, רויטעלט ער זיך. און אַז מען האָט דערנאָך אָנגערופֿען די פּוילישע קאָנסטיטוציע—„שפּיגעל-קאָנסטיטוציע”, האָט ער געוואוסט, פֿאַרוואָס.

„דער הער אַלעקסאַנדער איז פֿון נאַטור אַ גרויסער אַקטאָר, אַנ'אַמאַטאָר אויף שענע בעוועגונגען”,—פֿלעגט די באָבע זיך אָברופֿען וועגען איהם.

שוין-זשע איז עס אַזוי? שוין-זשע איז אין איהם אַלץ—ליגען, גענאַרעריי, שענע קערפּער-בעוועגונגען, אַ קוויקעניש אין שפּיגעל פֿון זיך אַליין? און אפֿשר איז די לעצטע וואָרהייט גאָר דאָס, וואָס טרעט איהם איצט צו צום האַרצען מיט דער

נודנעקייט פון טויט—דער עקעל צו זיך גופא?

וואָלט כאָטש געווען שרעק. אָבער נישטאָ קיין שרעק; פאַרהאַן נאָר לאַנגווייליגקייט, אייביגע לאַנגווייליגקייט, יענס גע-נעצען, וואָס איז ערגער פון געוויין און ציינער-קריצעריי.

און אפשר איז גלייכער, רוהיגער אַזוי? אומקעהרן זיך צו ריק צום לעהנשטוהל, בעקוועם זיך אַנידערזעצען, אויסציהען דעם קראַנקען פוס אויפ'ן ווייכען קישעלע און פון דאָסניי זיך נעה-מען פאַר „ליאָדאָר און יוליע"; אָדער אויסשטעלען די אויגען אין איין פינטעל אַריין, גאָרנישט טהאָן, גאָרנישט טראַכטען, ביז וואַ-נען דאָס האַרץ וועט אָבגע'חלש'ט, פערגליווערט ווערען, ווי דער אָבגעזעסענער פוס, און אין קאָפּ וועלען אומלויפען קליינינקע געדאַנקען, ווי מוראַשקעס אויפ'ן לייב: „וואַלטער סקאָט, וואַל-טער סקאָט"...

מיט גרויס מיה איז ער אויפגעשטאַנען, און איילִיג, פונקט ווי ער וואָלט זיך געשראָקען, אַז איהם וועט נישט קלעקען קיין מוט, איז ער צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, גיך-גיך אָבגעשלאָסען אַ שופלאָד און אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר.

דאָס איז געווען דעם גענעראַל בענקענדאָרפס אַ מסירה און זיינס, דעם קייזערס, אַן אייגענהענדיג-געשריבען פּאַפּיר וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט.

די מסירה איז געווען אַן'אויספיהרליכע: די גאַנצע גע-שיכטע פון דער געזעלשאַפט; איהר אָנהויב, איהר ענטוויקלונג, איהר צוטיילונג אויף צוויי סעקציעס—די צפונ'דיגע אין פּעטער-בורג און די דרומ'דיגע אין טולטשין, וואַסילקאָוו, קאַמענקע; די נעמען פון די דירעקטאָרען און מיטגלידער; די אויפגאַבען: ביי דער צפונ'דיגער—די בעגרענצונג פון דער מאָנאַרכיע, ביי דער דרומ'דיגער—אַ רעפּובליק; די מיטלען: ביי איינע—געהיימע פּראָפּאַגאַנדע, ביי די אַנדערע—מיליטער-מרידה און רעוואָלוציע מיט קייזער-מאָרד.

אויפ'ן גרונד פון דערדאָזיגער מסירה איז געווען לייכט צו פערכאַפּען אַלע פערשווערער און דערשטיקען די פערשווערונג:

מען בעדאַרף נאָר אויסציהען די האַנד און נעהמען, ווי אַ נעסט פון פויגעלעך.

מיט פיער יאָהר צוריק איז דערלאַנגט געוואָרען די מסירה און פיער יאָהר צייט איז זי געלעגען אין טיש נישט-געריהרטערהייד. ער האָט זי דעמאָלט איבערגעלייענט, אַרייגגעלעגט אין שופלאָד, פערשלאָסען אויפ׳ן שלאָס און נישט אַרויסגענומען פון יענער צייט אָן, פונקט ווי ער וואָלט זי פערגעסען. ער האָט אויך קיי-נעם גאָרנישט געטהאָן און קיינעם גאָרנישט געזאָגט. ער האָט בענקענדאָרפ׳ן אויסגעמידען, אין די אויגען אַריין איהם נישט געקוקט, פונקט ווי ער וואָלט אויף איהם אין כעס געווען, און יענער האָט טאַקי נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַרוואָס קומט איהם אַזאַ האַרטע בעציהונג.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט פערגעסען, אָבער ער האָט נישט פערגעסען. ווי אַ פערברעכער, וואָס טראַכט נישט פון זיין פערברעכען, נאָר ער פיהלט עס אין חלום און אויפ׳ן וואָהר; ווי אַ נישט-היילבאַרער חולה, וואָס טראַכט נישט פון זיין קראַנק-הייט און קאָן זי דאָך נישט פערגעסען—אַזוי האָט ער עס אויך נישט פערגעסען אויף קיין איין טאָג נישט, אויף קיין איין שעה, אויף קיין איין מינוט—פאַר די גאַנצע פיער יאָהר צייט.

טאַקי דעמאָלט, ביי דעם לעצטען מאָל לייענען, האָט ער געפּרובט צוזאַמענצושטעלען אויף אַ פּאַפּיר זיין מיינונג פאַר זיך גופא, אויסצוטיילען, קלאָר מאַכען און בערוהיגען די אייגענע שרעקליכע, נאָהנטע און נעבעלהאַפטע רעיונות און צוגלייך זאָל עס אויך קאָנען נוצען פאַר אַראַקטשייעוו׳ן, וועמען ער האָט אַלץ געוואָלט זאָגען. דעמאָלט האָט ער געהאַט אַ פערלאַנג אַלץ צו טהאָן, דערנאָך אָבער האָט ער עס שוין נישט געקאָנט. האָט ער נאָר גענומען שרייבען, האָט ער באַלד דערשפירט, אַז ער האָט קיין כחות נישט: טראַכטען איז שווער, אָבער ריידען און שרייבען איז גאָר אונמעגליך.

ער האָט איבערגעלייענט די מסירה און אַ קוק געטהאָן אויף די ערשטע ווערטער פון זיין פּאַפּיר, וואָס ער האָט נישט געענדיגט שרייבען

„עס געהען-אַרום קלאַנגען, אַז דער שעדליכער גייסט פון פרייען דענקען איז שוין שטאַרק פערשפרייט אָדער, לפחות, ווערט שטאַרק פערשפרייט אין דער אַרמעע. אַלע האָבען זיך אַנגעשטעקט מיט די פרייע געדאַנקען...״

און אויף אַנדער אָרט שוין אין פראַנצויזיש:

„דידאָזיגע הערן ווילען מיך דערשרעקען. זיי בעזיצען גרוי־סע מיטלען: ווענען זיי ווילען קאָנען זיי דערהויבען אָדער אַראָב־וואַרפען. דאָ האַנדעלט זיך וועגען אויסגעפינען מיטלען צו דעם קאַמף מיט דעם אַזוי-גערופענעם צייטגייסט — אַ טייוועלשער גייסט, וואָס פערשפרייט שנעל און געהיים די הערשאַפט פון שלעכטס ווי אין איירָאפּאַ, אַזוי אויך אין רוסלאַנד. אָבער בלויז גאָט אַליין קאָן געבען דאָסדאָזיגע מיטעל דורך זיין געטליכען וואָרט. לאָמיר-זשע רופען צו איהם פון דער טיפעניש פון אונזער האַרצען און זאָל ער אונז שיקען זיין הייליגען גייסט. די קאַרבאָ־נאַרען זענען אומעטום פערשפרייט. איך וועל אָבער, מיט גאָטס הילף, זיין אַ פערמיטלער און וועל אָבהיטען איירָאפּאַ און, מעג־ליך, אויך רוסלאַנד פון דער רעוואָלוציע-פעסט...״

און איצט, אויך אַזוי ווי דעמאָלט, האָט ער דערפיהלט, אַז ווייטער איז ער נישט בכח. מען בעדאַרף געדולדיג שווייגען, פערבאָרגען פון אַלעמען דידאָזיגע שרעקליכע און העסליכע רע־וואָלוציע-מכה.

ער האָט געוואוסט, וואָס צו טהון; ער האָט געוואוסט, אַז מען טאָר נישט וואַרטען קיין טאָג, קיין שעה, קיין רגע; אַז פאַר דידאָזיגע פיער יאָהר צייט האָט זיך די פערשווערונג זעהר פערשטאַרקט, אַז דערמיט, וואָס ער טהוט גאָרנישט, העלפט ער מיט דעם שלעכטען, מאַכט אונגליקליך רוסלאַנד און דערפאַר איז ער פעראַנטוואָרטליך פאַר גאָט;— ער האָט אַלץ געוואוסט און גאָרנישט געטהאָן.

און מיט וואָס האָט ער זיך געטרייסט, מיט וואָס האָט ער זיך פערענטפערט?

ער האָט שטענדיג געטראָגען מיט זיך אַ נאָטיץ-ביכעלע, אַ מתנה פונ׳ם פירשט מעטערניך, זיין ערשטען בעל-יועץ אין׳ם

קאַמף מיט דער רעוואָלוציע. אויף דעם שער-בלאַט שטעהען די פאָלגענדע ווערטער—„נישט געבען וויל איך”,—און ווייטער געהט לויט'ן אלף-בית אַ רשימה פון פאָרדעכטיגע לייט אין איי-ראָפּאַ און אין רוסלאַנד. מעטערניך האָט אָנגעהויבען, אַלעקסאַנ-דער האָט פערענדיגט. אַז איהם איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אַ נייע פּערזאָן, האָט ער אַריינגעקוקט אין „סיבּילינישען בוך”, ווי מאַריע אַנטאָנאָוונע פלעגט עס רופען, און אויב ער האָט דאָרט געפונען דעם נאָמען, האָט ער געשטערט דער פערזאָן אין איהר קאַריערע און גע'רודפ'ט אָפּען אָדער פערבאָרגען. פּאַר פיער יאָהר צייט זענען צוגעקומען אַ סך נעמען, וואָס האָבען זיך נישט גע-פונען אין בענקענדאָרפס מסירה-פּאַפּיר. און אָט ווי אַזוי ער פלעגט זיך טרייסטען: „זיי אַלע,—פלעגט ער טראַכטען,—זענען ביי מיר אין די הענד; עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך זיי אַלע פערניכטען.”

און אַזוי האָט ער זיך אויך איצט געפּרובט טרייסטען: ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס ביכעלע און איבערגעלייענט די נעמען. ביים ג האָט ער צוגעגעבען: „דער קאַמער-יונקער יאָליצין—אין ברילען”.

מיט איהם וואָלט מען געקאָנט ריידען; ער איז סאָפּיעס אַ פריינד, קאָן ער מיר אויך נישט זיין קיין שונא. מען האָט איהם בעדאַרפט אויפקלערן, פערשעמען און דערפיהרען צו הרטה. פריהער איהם, דערנאָך די איבעריגע. ווער ווייס, אפשר איז דאָס אַלץ אַ גוזמא? נישטאָ קיין שום פערשווערונג, נאָר אַ קינדער-שטיפעריי. עטוואָס צו-וואַרטען, וועט עס איבערגעהן.”

ער האָט זיך געפּרובט טרייסטען, אָבער ער איז נישט גע-טרייסט געוואָרען. געוועזן עהנליך דערויף, ווי עמיץ, וואָס האָט דערזעהן אויף זיין קערפּער אַ מכה, וואָלט זיך געזאָגט: עט, ס'איז גאָרנישט, אַזוי זיך אַ וואונדעל, וואָס וועט זיך אַליין פער-היילען. איצט האָט ער שוין געוואוסט, אַז פון זיך אַליין וועט עס זיך נישט פערהיילען, און אַז דאָסדאָזיגע ביכעלע—געגען דער געהיימער געזעלשאַפט—איז א טיכעלע מיט אייל אויף אַ פּעסט-וואונד.

און קרילאָוו, ווידעראַמאָל קרילאָוו, אַ פוילען קומט שטענדיג אויפ׳ן זיגען אַ פוילער. סאַמע איבער׳ן דיוואַן, וואו קרילאָוו פלעגט זיצען, איז קרום געהאַנגען אַ גרויס בילד אין אַ שווערער ראַהם—פון איין טשוואָק האָט עס זיך אָבגעריסען און זיך קוים געהאַלטען אויפ׳ן צווייטען.

—היט זיך, איוואַן אַנדרעיעוויטש, דאָס וועט אייך דער׳הרג׳ענען.

—ניש׳קשה, לויט די געזעצען פון מעכאַניק, וועט עס, פאַלענדיג, מאַכען אַ קרומע ליניע: ס׳וועט פאַלען אַקוראַט פאַרביי מיין קאָפּ.

„פאַלען פאַרביי מיין קאָפּ״—ער האָט אַמאָל אַליין אויך געטראַכט אַזוי וועגען דער פערשווערונג. אָבער איצט האָט ער געוואוסט, אַז נישט פאַרביי דעם קאָפּ.

בשעת דער קראַנקהייט האָט ער, וואַרטענדיג אויפ׳ן טויט, פערשטאַנען, אַז מען קאָן רוסלאַנד נישט איבערלאָזען אַזאַ מין ירושה, און האָט זיך געשוואָרען, אַז אויב ער וועט בלייבען לעבען, וועט ער עפּיס דאָך פאַרנעהמען וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט, וועט ער עפּיס טהאָן. און אָט היינט—דעם 11-טען מערץ, אַ טאָג, וואָס איז פאַר איהם דער סאַמע הייליגסטער און שרעקליכסטער,—האָט ער זיך בעשטימט אָנצונעהמען עפּיס אַ בעשלוס.

נו, וואָס? אַ געריכט? טויטשטראָף?

—נישט איך קאָן זיי משפט׳ן און בעשטראָפען מיט׳ן לעבען: אַמאָל האָב איך אַליין געהאַט און מיטגעהאָלפען דידאָזיגע אידעען, אַמאָל אַליין געווען מעהר פון אַלע שולדיג,—האָט זיך איהם אַראָבגעריסען פון דער צונג ביי די ערשטע קלאַנגען וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט, בשעת גענעראַל וואסילטשיקאָוו האָט איהם מיטגעטיילט נאָך פריהער פון בענקענדאָרפס מסירה.

נאָך דער ערשטער און דער וויכטיגסטער מיטגליד פון דער געהיימער געזעלשאַפט—איז ער אַליין. דער אונלעגאַלער קאָמיטעט, וואָס פלעגט זיך פערזאַמלען דאָ, אין די צימערן פון ווינטער-פּאַלאַץ—די פינף יונגע פערשווערער—טשאַרטאָריזשסקי, נאָ-

וואָסילצעוו, קאָטשובײ, סטראָגאַנאָוו און ער, דער קייזער—אָט איז די וויעג פון דער געהיימער געזעלשאַפט.

צו בעגקענדאָרפס מסירה איז בייגעלעגט געוואָרען דער אוסטאַוו פונ׳ם פעראיין פון לייטזעליגקייט. די אויפגאַבען פונ׳ם פעראיין: בעגרענצונג פון דער מאָנאַרכיע, פאָלקס-פערטרעטונג, אָבשאַפען דאָס לייב-אייגענטום, עפענטליכע געריכטען, פרייהייט פון פרעסע, פרייהייט פון געוויסען,—אַלץ, וואָס ער אַליין האָט געוואָלט.

וויפיעל מאָל האָט ער אַליין געזאָגט: מען דאַרף טהאָן דאָס און דאָס, אָבער וואו זענען די מענשען? מיט וועמען זאָל איך מיך נעהמען? אָט מיט וועמען. אָט זענען פאַרהאַן מענשען. זיי זענען אַליין געגאַנגען צו איהם, אָבער ער האָט זיי אָבגע-וואָרפען. וועלען זיי געהן געגען איהם. טאָ ווער וועט זיין שול-דיג דערין?

ער האָט גערעדט, האָבען זיי געהערט; ער האָט געלערנט, האָבען זיי געפאָלגט; ער האָט געהייסען—האָבען זיי געטהאָן. ער האָט פערבאָטען דאָס, אין וואָס ער האָט אַליין געגלויבט. זיי זענען געבליבען טריי. טאָ פאַרוואָס זאָל מען זיי משפט׳ן? פאַר-וואָס זיי בעשטראָפען מיט טויט? אויב זיי—אַ שטריק אויפ׳ן האַלז, בעדאַרף מען איהם אָנטהאָן אַ מיהלשטיין אויפ׳ן האַלז פאַר׳ן פערפיהרען דידאָזיגע יונגעלייט. אויב מען זאָל זיי משפט׳ן, בע-דאַרף מען זיך אויך משפט׳ן; אויב זיי בעשטראָפען, בעדאַרף מען זיך אויך בעשטראָפען.

ער איז דער פאָטער, זיי זענען די קינדער. און זייער טויטשטראָף וועט נישט זיין קיין טויטשטראָף, נאָר קינדערמאָרד. מיט פאָטערמאָרד האָט ער אָנגעהויבען און מיט קינדערמאָרד ענדיגען. ער איז אַרויף אויפ׳ן טראָן דורך בלוט און דורך בלוט וועט ער ענדיגען: 11-טער מערץ—11-טער מערץ.

און אָט איז ער, דער שרעק, וועלכען ער האָט גערופען—די דערוואַכונג פון אַ שרעקליכען טויטען שלאָף. אַז זיין נשמה לעבט נאָך, האָט ער זיך ערשט דערוואוסט פון דעמדאָזיגען שרעק.

דאָס איז געווען דער לעצטער פאַמיליען-מיטאָג ביים קייזער פאַוועל I, ערב דער שרעקליכער נאַכט. זיי אַלע—דאָס ווייב און די קינדער האָבען געמיינט, אַז ער איז נישט ביים זינען, אָבער ער, דער פאָטער, האָט געטראַכט, אַז זיי זענען מערדער. פונדעסטוועגען האָט מען געגעסען, געטרונקען, גערעדט, געשפּאַסט, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן; אָבער ביים שיידען זיך איז פאַוועל צוגעגאַנגען צו אַלעקסאַנדער׳ן, אַרומגענומען איהם, אַ קוש געטהאָן, איבערגע׳צלמ׳ט, אַרויפגעלעגט איהם ביידע הענד אויף די אַקסלען און לאַנג-לאַנג אַ קוק געטהאָן איהם אין די אויגען אַריין מיט אַזאַ ליעבע, ווי נאָך קיינמאָל. געווען אַן אויגענבליק, וועןביידען האָט אויסגעוויזען, אַז זיי וועלען איינער דעם צווייטען אַלץ זאָגען און אַלץ מוחל-זיין.

און אָט קוקט איהם פון דאָסניי אין דער נשמה אַריין אַ בלאַס-גרינער הימעל, ווי יענער לעצטער בליק—אונענדליך-ריין, אונענדליך-טרויעריג. אָבער איצט קאָן מען שוין גאָרנישט זאָגען, גאָרנישט מוחל-זיין.

און עס דאַכט זיך, אַז יענער בליק און דער—זענען איינער; נישטאָ צווישען זיי קיין צייט, אַזוי ווי די צייט וואָלט געגאַנגען נישט פאָראויס, נאָר צוריק. עס איז געקומען דער עבר און וועט שוין קיינמאָל נישט אַוועק. און דרייאונצוואַנציג יאָהר לעבען—נאַפּאָלעאָן, די מאָסקווער שרפה, דאָס נעהמען פּאַריז, נצחונות, רוהם, גרויסקייט, — אַלץ איז פערשוואונדען, ווי אַ חלום; עס איז גאָרנישט געשעהן, נאָר עס איז געווען, איז דאָ און וועט זיין בלויז איין זאַך—דערדאָזיגער אייביגער אויגענבליק.

און ערשט איצט האָט ער פערשטאַנען, פאַרוואָס ער קאָן נישט משפּט׳ן און בעשטראָפען די פערשווערער. נישט ער זיי—נאָר זיי איהם וועלען משפּט׳ן און בעשטראָפען. גאָטס משפּט איבער זיי, גאָטס שטראָף איבער איהם—אין זיי. בלוט פאַר בלוט. דאָס בלוט פון זוהן פאַר׳ן בלוט פון פאָטער.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ שטוהל און פערדעקט דאָס פּנים מיט די הענד.

ניין, ער וועט קיינמאָל גאָרנישט בעשליסען און גאָרנישט זהאָן. זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך—ער וועט שווייגען, ליידען און ביז׳ן סאַמע סוף פערבאָרגען דידאָזיגע מאוס׳ע וואונד.

ער האָט צונויפגעזאַמעלט די פאַפּירען, פון דאָסניי אַריינגעלעגט זיי אין דעם אייגענעם טיש-שופלאָד און פערשלאָסען מיט אַזאַ געפיהל, אַז ער וועט זיי שוין קיינמאָל נישט אַרויסנעהמען צוריק.

אויפ׳ן סאַמע דעק האָט ער בעמערקט אַנ׳אַלט געלב בויגעלע פאַפּיר—עמיצענס אַ בריף. ער האָט געוואוסט, וועמעס, צו וועמען, וועגען וואָס. ער האָט געוואָלט אפילו איבערלייענען, אָבער ער האָט חרטה-געקראָגען; ער האָט בעשלאָסען—שפּעטער. ער האָט עס אויך איבערגעלאָזט אין שופלאָד, אָבער ער האָט עס אַוועקגעלעגט פון אויבען, אַזוי, אַז ער זאָל עס באַלד געפינען, ווען ער וועט עס ברויכען.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט. לויטערער געוואָרען—אַפּנים, אַ פראָסטעל. דער נאַסער שניי האָט אויפגעהערט צו פאַלען. עס האָט זיך דערהערט דער אייזערנער קראַץ פון די לאָפּעטעס—מען האָט גערייניגט דעם שניי אויף דער גאַס: אַ בעקאַנטער פעטערבורגער קלאַנג, וואָס דערמאָהנט אָנהויב פריהלינג, ווען די שנייען צוגעהען. דעם ברוק האָט מען בעשאָטען מיט געלען זאַמד: דער קייזער האָט ליעב געהאַט דעם מיליטערישען שפּאַציר איבער דער ברעג-גאַס. דער גלאַנציגער טורמשפּיץ פון דער פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג האָט איבערגעשניטען די טונקעל-פיאָלעטע וואָלקענס און די בלאַס-גרינע פאַסען הימעל, וואו עס האָט זיך שוין אויך געפיהלט פריהלינג. און דאָרט, אין מערב, איבער דער בערזע מיט דער מעגגע קאָלאָנעס, עהנליך צו אַ פאַרצייטיגען טעמפעל, איז דער הימעל, נאָך בלאַסער, נאָך גרינער, נאָך גאָלדענער, אונענדליך-ריין, אונענדליך-טרויעריג, ווי עמיצענס אַ בליק. וועמעס?

„מען בעדאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט...” האָט ער נאָכאַמאָל געוואָלט זאָגען, אָבער ער האט נישט געקאָנט: ער האָט זיך שוין אַלץ דערמאָהנט.

עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר. ער האָט אויפגעצי־טערט, זיך אָבגעקעהרט און בלאַס געוואָרען אַזוי, ווי אין יענער שרעקליכער נאַכט.

נישט באַלד האָט ער זיך אָבגערופען. אָבער בשעת דער קאַמערדינער מעלניקאָוו איז אין עטליכע מינוט אַרום אַריינגעקו־מען מיט ליכט—שוין פּינסטערליך געווען—און מיט אַ מעלדונג וועגען אַרכימאַנדריט פאָטיוס, איז דער קייזער פון דאָסניי גע־זעסען אין לעהנשטוהל מיט דעם אויסגעצויגענעם פוס אויפ׳ן קישעלע, מיט אַ בוך אין דער האַנד, און זיין פּנים איז געווען אַזוי רוהיג, אַז קיינער וואָלט גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס ער האָט נאָר-וואָס געטראַכט און איבערגעלעבט.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

דער דעזשורנער קאָמענדירער מעלניקאָוו האָט גע־מאָלדען דעם קייזער וועגען דעם אַרכימאַנדריט פאָטיוס. דער קייזער האָט געהייסען אַריינרופען.

דורך די פערבאָרגענע זובאָוו־טרעפּ, וואו עס איז אַזוי פינסטער, אַז אינמיטען העלען טאָג מוז מען געהן מיט פייער, איז פאָטיוס אַריינגעפיהרט געוואָרען אין פּאַלאַץ אַריין.

אַמאָליגע יאָהרען פלעגט זיך ביינאַכט הערען אויף די טרעפּ דאָס מיאַאוקען פון אַ קאַץ: דאָס פלעגען די פּריילײנס רופען דעם יונגען קאָטער צו דער אָבגעלעבטער קאַץ—פּלאַטאָן זובאָוו׳ן צו דער באָבען. און דערנאָך פלעגט די שטאַטסדאַמין טאַטאַרינאָוואַ, וואָס האָט געהערט צו דער סעקטע כליסטען, די וואָהרזאָגערין קרודענער, דער הויפדיענער קאָבעליעוו, דער גראַף זשאָזעף דע־מעסטר—געזאַנדטער פון רוימישען פּויפּסט, ענגלישע קוואַקערן, דער משוגע׳נער פּויקקלאַפּער ניקיטושקע און נאָך אַ סך אַנדערע זיך דורכשלייכען שטילערהייד דורך דידאָזיגע טרעפּ צום אייניקעל אויף רעליגיעזע שמועסען.

געהענדיג אויף די טרעפּ, האָט זיך פאָטיוס איבערגע׳צלמ׳ט און גע׳צלמ׳ט אַלע ווינקעלעך, שטעגעלעך, טהירען און ווענד פון פּאַלאַץ און דערביי געטראַכט, אַז „אין דעמדאָזיגען חושך וואוי־נען אַלע רוחות.“

אַז ער איז אַריין אין קייזערס קאַבינעט, איז איהם יענער

אויפגעשטאַנען אַנטקעגען און געוואָלט צוגעהן צו איהם נעהמען אַ ברכה. אָבער פּאַטיוס האָט איהם אַזוי ווי נישט בעמערקט. ער האָט מיט די אויגען געזוכט אין די ווינקלען, איבערגעלאָפען מיט'ן בליק פון מאַרמאָר-פּאַלאַס איבער'ן שפּיגעל צו די געפליגעלטע זיעג-געטינס און דעם טריאומפוואָגען אויפ'ן באַלקען. דאָרט, אונטער זיי, אין ווינקעל, האָט ער, צולעצט, געפונען אַ הייליג בילדעל. ער האָט זיך איבערגע'צלמ'ט לאַנגזאַם און מיושב'דיג און דערנאָך ערשט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן קייזער.

יענער האָט פערשטאַנען: פריהער בוק דיך פאַר גאָט, דעם קייזער פון די הימלען, דערנאָך ערשט פאַר דעם ערדישען קייזער. דאָס איז איהם געפעלען געוואָרען.

—בענשט מיך, פאָטער פּאַטיוס.

—זאָל דיך גאָט בענשען!

מיט דעמזעלבען ברייטען מיושב'דיגען צלמ'ן זיך, ווי דאָס טהוט אַ דאָרף-גלח מיט פּראָסטע פּויערים, האָט ער אויך דעם קייזער איבערגע'צלמ'ט. ווידער געפעלען געוואָרען.

דער קייזער האָט אַ קוש געטהאָן דעם מאָנאַכ'ס האַנד, און יענער האָט זי נישט צוגענומען, פּונקט ווי ער וואָלט זי אומישנע כמעט אויף אַ גראָבען אופן אונטערגערוקט. דעמדאָזיגען וועט מען שוין נישט בעדאַרפען לערנען, ווי די אַלע גייסטליכע, נישט צו בוקען זיך דעם קייזער צו די פיס—גיכער וועט ער אַליין פאָדערן, דער קייזער זאָל זיך בוקען פאַר איהם.

מיט אויגען, פערגרעסערט דורך שרעק, האָט פּאַטיוס געקוקט אויפ'ן קייזער. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין מענשליכער שרעק. ווי פריהער, אויף די טרעפּ, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין צלמ'ן זיך און די לופט און אַלע זייטען, וואָרום דאָ, נאָהענט פון קייזער און אפשר אין איהם אַליין נעסטיגען זיך די גרעסטע מחנות שדים און רוחות.

—איך בעט אייך, זיצט, אייער עהרווירדע...

דער קייזער האָט זיך פערהאַקט: ער איז נישט געווען זיכער, צי אַנ'אַרכימאַנדריט ווערט גערופען מיט'ן טיטעל עהרווירדע; ער איז נישט געווען קיין מומחה אין די טיטלען פון

גייסטליכע, ווי בכלל אין דער רוסישער שפּראַך, בשעת מען האָט געשמועסט איבער גייסטליכע ענינים: אין אַזוינע פאַלען פלעגט ער ריידען אויף פראַנצויזיש און ענגליש.

פּאָטיוס האָט זיך געזעצט, אָבער נישט דאָ, וואו דער קייזער האָט איהם אָנגעוויזען—נעבען זיך, נאָר פון דערווייטענס, ביים פענסטער, אומגעלומפּערט און אויפ'ן סאַמע ברעג שטוהל.

—עס פרעהט מיך זעהר אייך צו זעהן,—האָט דער קייזער געזאָגט און זיך פערהאַקט, נישט וויסענדיג פון וואָס אָנצוהויבען.—איך האָב אַ סך געהערט וועגען אייך פונ'ם פירשט גאָליצין... און פון גראַף אַראַקטשייעוו—האָט ער איילינג צוגעגעבען, דערמאָהנענדיג זיך, אַז פּאָטיוס איז גאָליצינס אַ געגנער.—איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט אייך איבערשמועסען וועגען די ענינים פון דער צערקווע, וואָס געהען נישט אַזוי ווי מען בעדאַרף, צו מיין גרעסטען בעדויערן. אייך זאַך בעט איך אייך: זאָגט מיר נאָר דעם אמת... ווען איהר וואָלט געוואוסט, פּאָטער, ווי זעלטען איך הער דעם אמת און ווי איך נויטיג מיך דערין,—האָט ער פערענדיגט מיט אַנ'אויפריכטיגען געפיהל.

—אַלגנעדיגסטער קייזער, קייזערליכע מאַיעסטעט,—האָט פּאָטיוס פייערליך אָנגעהויבען זיין דרשה, וואָס איז, קענטיג, צוגעגרייט געוואָרען נאָך פריהער. אָבער פּלוצלונג איז ער געבליבען שטעהן, פונקט ווי ער וואָלט פערגעסען אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען; האָט ער איבערגעווישט מיט אַ טיכעל דעם שוויס פון פנים, אַ פערלאָרענער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, אויפגעהויבען די פּאָלעס פון דעם ברייטען גלח-בגד און אויפגעדעקט אַ הויכען פויערשען שטיוועל; פון דער כאָלעווע האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַק בלעטלעך, פערשריבען מיט קליינע אותיות'לעך.

—דאָ איז שוין אַלץ, אַלץ,—האָט ער איילענדיג אַרויסגעמורמעלט און זיך אַרומגעקוקט.—ווילסטו, קייזער, וויסען אַלץ, טאָר הער... דאָ איז געגנוי בעשריבען...

און ער האָט איבערגעלייענט דעם נאָמען:

—„דער פּלאַן אומצוברענגען רוסלאַנד און דאָס מיטעל, ווי אַזוי שטיל און גליקליך צו פערניכטען פּלוצלונג דעמדאָזיגען פּלאַן."

דער קייזער האָט שלעכט געהערט—געוועזן עטוואָס טויב אויפ׳ן אויער—און האָט געטראַכט פון אַנ׳אַנדער זאַך: ער האָט זיך דערמאָהנט אָן גאַליצינס מעשיות וועגען פאָטיוס׳ן.

אַ זוהן פון אַנ׳אָרימען קלויסטער-שמש, איז ער געבוירען געוואָרען אויף שטרוי. דאָס גאַנצע לעבען האָט ער זיך געפּייניגט אין צרות, אין וואונדען, אין חולאת׳ן, אין קלעפּ און דעם גלייכען; איז געווען אָרים, נאַקעט, הונגעריג און אָהן אַנ׳אָבדאַך. בשעת ער האָט זיך געלערנט אינ׳ם פעטערבורגער סעמינאַריום, איז ער אַלע יום-טוב געלאָפען פון דער לאַוורע אויף דער וואַסיל-אינזעל, צו דער מוהמען נאָך אַ פּיצעל פּיראָג אָדער נאָך אַ פּאָר גראָשען אויף טיי. אַז ער האָט געדיענט אין דעם ערשטען קאַדעטישען קאָרפּוס אַלס רעליגיע-לעהרער, האָט ער געפיהרט אַ קאַמף מיט מאַסאָנען, אילומינאַטען, מיסטיקער און אַנדערע אפּיקורסים. זיך אָנגעשטעקט מיט׳ן ברען פון אַ נביא, האָט ער אָהן שרעק אויפגעהויבען זיין קול, ווי אַ שופר, און אומעטום איז ער געגאַנגען, ווי אַנ׳אַרומגעריסענער בעטלער, און אומעטום האָט ער געזאָגט דעם אמת, גע׳מוסר׳ט און געוואָלט מיט געוואַלט בעהמען דעם שונא׳ס פעסטונג. אויפ׳ן קאָרפּוס-הויף, אויף די אויגען פון די קאַדעטען, האָט ער אויפגעזאַמעלט אַ קופּע אפּיקורסישע ביכלעך און מיט גרויסע קללות און חרמות זיי פערברענט; ער האָט אונטערגעקויפט די דיענערשאַפט אין די-יעניגע הייזער, וואו עס פלעגען פאָרקומען אסיפות פון מיסטיקער. די דיענער פלעגען דורכבורעכען די וואַנד אונטער׳ן באַלקען, פלעגען אויסבויערן לעכער אין ער פלעגט דורך זיי נאָכקוקען, וואָס עס טהוט זיך אונטען און דערנאָך פלעגט ער מסר׳ן דעם מיטראָפּאָליט אָדער דעם אָבער-פּאָליצמייסטער. סוף-כל-סוף האָבען זיינע פיינד פערשפּראָכען כלומר׳שט אַ מיליאָן, מען זאָל איהם דער׳הרג׳ענען. איז ער אַנטלאָפען מיט דער הילף פון די קאַדעטען, אַרויסגעשפרונגען דורכ׳ן פענסטער בייננאַכט, אין איין העמד, אין גאָרטען אַריין און דורכ׳ן וואַנד פון גאָרטען—אויף דער גאַס. ער האָט זיך געראַנגעלט מיט רוחות, וואָס פלעגען זיך ווייזען פאַר איהם אין שרעקליכע געשטאַלטען און האָבען איהם געשלאָגען, גע-

שלעפּט פאַר די האָהר ביז חלשות, אָדער זיי פלעגען קומען צו איהם ווי ווייסע מלאכים און פלעגען איהם פּרובען אַראָבּפּיהרען פון וועג דורך חניפה: „גרויסער פּאָטער פּאָטיוס, וואָלסטו אפשר ווייזען עפּיס אַ נס—וואָלסטו אפשר איבערגעגאַנגען נעבען פּאַלאַץ די נעוואַ אין דער טריקעניש.” געווען איז ער ריין און אונשולדיג, געפּייניגט דעם גוף און נאָכאַנאַנד געפאַסט; געטראָגען אויף זיך אייזערנע קייטען און געשלאָפען אין אַ קבר; גאַנצע וואָכען האָט ער זיך בלויז גענעהרט מיט ליפּע-בליהונג און מיט האָניג, ווי גאָטס אַ ביהנעלע; אפילו קיין טיי האָט ער נישט געהאַט ביי זיך אין דער קעליע און האָט געטרונקען גראָזען. ער איז אַזוי אָבּגעשוואַכט געוואָרען פון תעניתים, אַז ער איז קוים געשטאַנען אויף די פיס און האָט זיך געוואַקעלט, ווי אַ שאָטען. ער האָט געציטערט פון אייביגער קעלט און זומער איז ער געגאַנגען אין אַ פעלץ. אין דער קאַרוואָך האָט זיין מאָגען זיך איינגעשרומפּען פון תעניתים, פּונקט ווי אַ ניסעל, און דערנאָך, אַז ער האָט זיך בעדאַרפט צוגעוועהנען צום עסען, האָט ער ביסלעכווייז פערגרעסערט די פּאָרציעס און אויסגעוואויגען זיי, ווי רפואות, אויף אַפּטייקערישע וועגשאָלען.

דערמאָהנט זיך דאָס אַלץ, האָט דער קייזער נייגיריג אַריינגעקוקט אין פּאָטיוס'עס געזיכט.

אַ מאָגערער, אַ טרוקענער, אַ שאַרפער, פּונקט ווי אַ שפּיציגער, מיט שטעכיגע ביינער, ווי ביי אַ פיש, מיט שנעל-פינקלענדיגע גרויע אויגען, וואָס זענען געווען רויבגיריג, ווי ביי אַ מאַרדער. די האָהר און דאָס בערדעל זענען געווען רויט און ווייך, ווי מאַרדערפעל. דורך דער דורכזיכטיג-וועקסענער בלאַסקייט פון דער הויט האָבען זיך אַרויסגעזעהן בלויע פלעקען, ווי אויפ'ן פּנים פון אַ מת. ער איז קיינמאָל נישט געזעסען אויף איין אָרט; ער האָט זיך אַלץ געהאַלטען אין איין בעוועגען, אין אַרומקוקען זיך מיט שרעק. אויך ווי אַ ווילדער מאַרדער אין שטייג. אָבער אין דערדאָזיגער ווילדקייט איז געווען עפּיס יתום'דיגעס, קינדישעס, וואָס האָט נישט-ווילענדיג דערוועקט אַ פערלאַנג אַ גלעט צו טהאָן איהם און צוגעוועהנען איהם—ער זאָל אָבער נאָר נישט איינבייסען.

פאָטיוס האָט נאָך אַלץ געלייענט, אָבגעהאַקט און שנעל, שעפּטשענדיג אונטער דער נאָז. בעזונדערע ווערטער זענען דער-לאַפען צום קייזער, ווי היצרייד.

—„די צאָהל פון חיות איז 666. דאָס איז דער סוד פון די איצטיגע צייטען. דאָס איז אַ גרויסער סוד. אין יאָהר 1836 וועט אויפשטעהן די ערשאַפט פון חיות... אויף אַלץ איז שוין אַוועקגעלעגט אַ צייכען: פונאַנדערטראָגען די אַלטאַרען און פער-ניכטען די טראָנען... אונטער דער כלומר׳שטער טויזענדיעהריגער ערשאַפט, אונטער דער טעאָקראַטישער רעגירונג—אַ נייע רעליגיע אונטער דעם קינפטיגען אַנטיכריסט... אַנ׳אַלוועלטליכע רעוואָלוציע...״

—איך בעט אייך, פאָטער פאָטיוס,—האָט איהם אָבגעשטעלט דער קייזער.—אויפ׳ן לינקען אויער הער איך שלעכט: זעצט זיך איבער אַהער נעהנטער.

פאָטיוס האָט אויפגעציטערט און זיך ווילד אַרומגעקוקט, אָבער באַלד האָט ער זיך איבערגעזעצט און ווייטער געלייענט. דער קייזער האָט געהערט און זיינע אייגענע אויערן נישט גע-גלויבט: דער הייליגער פערבאַנד איז אַ רעוואָלוציאָנערע פער-שווערונג.

—אָבער ווי אַזוי, פאָטער פאָטיוס? ריכט דען די צערקווע אַליין נישט אָב קיין תפילות פאַר דער טויזענדיעהריגער הער-שאַפט פון די הייליגע?

דאָס האָט ער געהערט פון גאָליצינ׳ען; יענער האָט טאַקי אין דעם זין אויסגעטייטשט דעם הייליגען פערבאַנד, וואָס בשעת ער איז געשלאָסען געוואָרען, איז וועגען דעם פייערליך געמאָל-דען געוואָרען אין אַלע צערקווען פון דער רוסישער אימפּעריע.

—צו וואָס תפילה טהאָן? אַלץ איז מקוים-געוואָרען,—האָט פאָטיוס בייז אַרויסגעוואָרטשעט.

—אָבער ווען? וואו?

—נאָך פון די צייטען פון הייליגען קאָנסטאַנטין, וואָס איז גלייך צום אַפּאָסטאָל—דאָס איז מקוים-געוואָרען אין דער פּראַ-וואָסלאַווגער צערקווע און אין דער קאַטוילישער. קיין אַנדער הערשאַפט וועט שוין נישט זיין. אַזוי האָבען איבערגעגעבען אונ-

זערע אָבות און אַזוי גלויבען מיר אויך. און דאָס איבעריגע שטאַמט פון אשמדאי...

דער קייזער האָט מעהר נישט געענטפערט, אָבער ער האָט מיט צווייפעל אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ: מלחמות, בונטען, רעוואָלוציעס, קירך-צוטיילונג, שרעקליכע פעלקער-פיינטשאַפט— און דאָס איז גאָטס מלוכה אויף דער ערד, ווי אויפ'ן הימעל?

—דאָ איז ביי מיר אַלץ, אַלץ פּינקטליך געשריבען. אָט האָרכט נאָר...

ער האָט זיך פון דאָסביי גענומען צאַפּלען, זוכענדיג די נויטיגע בלעטלעך, געקראָכען אין די כאָלעוועס, אין די אַרבעל, אין בוזעם אַריין; אינגאַנצען איז ער געווען בעלעגט מיט מסירות.

דער קייזער האָט מורא-געהאַט, אַז דאָס לייענען וועט קיינמאָל נישט אויפהערען.

—ווייסט איהר וואָס, פאָטער פאָטיוס: לאָזט מיר איבער אייערע פּאַפּירען, וועל איך זיי אויפמערקזאַם דורכלייענען, און איצט וועלען מיר בעסער ריידען. זאָגט מיר אַלץ, וואָס איהר האָט אויפ'ן האַרצען.

פאָטיוס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען צאַפּלען, צלמ'ן זיך. אָבער פּלוצלונג האָט ער אַוועקגעלעגט די פּאַפּירען אויפ'ן טיש, איז אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעבויגט, אויסגעצויגען דעם האַלז, דערנעהנט די ליפּען סאַמע צו דעם קייזערס אויער און איהם לאַנגזאַם אַריינגעשעפּטשעט:

—ווי אַ שרפה, וועט איבגיכען גאַנץ רוסלאַנד פערכאַפּען די רעוואָלוציע: שוין דאָס האָלץ אונטערגעלעגט און מען געהט שוין מיט פייער... דאָס מיניסטעריום פאַר גייסטיגע ענינים, די ביבלישע געזעלשאַפט, די אילומינאַטען, די מאַסאָנען און די איבעריגע מיסטיקער—דאָס אַלץ איז איין אַלגעמיינע פערשווערונג. מען גרייט זיך צו מאַכען אַ תל פון אַלץ. דאָרט איז שוין פייערליך פובליקירט געוואָרען, אַז מען זאָל נעהמען די שווערדען אין די הענד און אַלעמען אויסקוילען... אָבער די וויכטיגסטע סבה, דער גזלן פון אַלע גזלנים—ווייסטו ווער דאָס איי

—ווער?

—גאַליצין.

—וואָס רעדט איהר, פאָטער? שוין דרייסיג יאָהר ווי איך קאָן דעם פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש: צוזאַמען געוואַקסען, איך האָב איהם ליעב, ווי אַנ׳אייגענעם. און ווען ער וואָלט אפילו, וואָלט איך אויך...

—אויך דו, אויך דו, פרומער קייזער, געזאַלבטער פון גאָט. נישט-וויסענדיג, העלפסטו אויך צו דעם חורבן. אויב דו ועסט נישט ווערען קיין בעל-תשובה, וועסטו זיך אויך געפינען אין די נעצען פון שדים און רוחות!..

ער איז אויפגעשפרונגען און, ציטערענדיג ווי אַ בלאַט, האָט ער געקוקט אויפ׳ן קייזער מיט ברענענדיגע אויגען און גענומען שרייען מיט ווילדע קולות:

—גאָט איז מיט אונז! דעם בורא׳ס כחות זענען מיט אונז! וואָס קאָן אַ מענש אויפטהאָן? אָבער דו, קייזער, קאָנסט אַלץ: וועסט אַרויפטרעטען אויף מיר, ווי אַ וואַנדערער אויף אַ בלעטעל—און איך בין נישטאָ... טויט מיך, דער׳הרג׳ע מיך, נעהם צו מיין נשמה! איך האָב פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט! אויף אַלע שונאים פון גאָט זאָל קומען אַ קללה!..

אין זיין אויפגעהויבענער האַנד האָט עפּיס אַ גלאַנץ געטהאָן, ווי אַ מעסער: דאָס איז געווען אַ צלם.

דער קייזער איז אויך אויפגעשטאַנען און נישט-ווילענדיג אָבגעטראָטען. „אַ משוגע׳נער!" איז איהם דורכגעלאָפען אַ מחשבה אין קאָפּ.

—און אויפשטעהן זאָל גאָט און צופאַלען זאָלען ווערען זיינע אַלע פיינד! ווי וואַקס געגען פייער זאָלען זיי פערשוואונדען ווערען,—האָט פאָטיוס אַ טרויסעל געטהאָן מיט׳ן צלמ׳ל, ווי מיט אַ שווערד.—אויב אויך דו, קייזער, וועסט נישט הערען, בלייבט נאָר איינס: נעהמען אין איין האַנד דאָס עוואַנגעליום, אין דער צווייטער דעם צלם, אַרויסגעהן אויפ׳ן מאַרק און אַ געשריי טהאָן אין פאָלק אַריין: „פּראַוואָסלאַוונע מענשען, ראַטעוועט!" אזן גאַנץ רוסלאַנד וועט זיך דערוויסען... אַ סך וועלען זיך אָננעהמען... איז רעוואָלוציע, טאָ זאָל זיין רעוואָלוציע! מיט

אונז איז גאָט! דעם בורא׳ס כחות זענען מיט אונז! שיק-זשע, גאָטעניו, דיינע דונערן און בליצען און צוטרויסעל דיינע שונאים! אָ, גאָטעניו, זיי אונז מציל! אָ, גאָטעניו, אייל-זשע צו!..

און מיט אַ געיאָמער, ברעכענדיג זיך די הענד, איז ער געפאַלען דעם קייזער צו די פיס; ער האָט געציטערט איבער׳ן גאַנצען לייב.

—שטעהט-אויף! שטעהט-אויף, איך בעט אייך, מען דאַרף נישט...—האָט זיך דער קייזער געסטאַרעט איהם איפצוהויבען.

אָבער פאָטיוס איז נישט אויפגעשטאַנען, ער האָט איהם פיבערליך אָנגעכאַפּט פאַר די הענד, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך.

—ראַטעווע, בעשיץ, בעגנעדיג מיך, קייזער מיינער, דורך גאָט געגעבענער, געליעבטער! איך בין דיר אַ טרייער דיענער, ווי צו גאָט... ווילסט, וועל איך דיר אַלץ זאָגען, אַלץ!.. ווי אַזוי שטיל און גליקליך צו פערניכטען דעם פלאַן פון דער רע-וואָלוציע?

און ער האָט איהם ווידער איינגערוימט אויפ׳ן אויער:

—געזעהן אַ חלום פון גאָט: זאַלבעדריט זענען מיר גע-גאַנגען איבער אַ וואַסער, ווי איבער יבשה: איך, דו און ע ר...

—ווער ער?—האָט דער קייזער געפרעגט מיט אַ מין אַבער-גלויבישען שרעק.

—גראַף אַראַקטשייעוו,—האָט פאָטיוס געענטפערט.—גראַף אַראַקטשייעוו, דער זייל פון פאָטערלאַנד, דער פיינסטער מאַן, ווי געדגי פּאָבעדאָנאָסעץ וועט ער זיך ווייזען. ער איז איבער-געגעבען און וואָהרהאַפטיג און האָט גאָטס הויז באמת ליעב. איהם קאָן מען אַלץ גלויבען—ער וועט אַלץ טהאָן... און איך בין מיט איהם. איך, דו און ער. זאַלבעדריט איבער אַ וואַסער, ווי איבער יבשה... קייזער, פאָטערל, אייער מאַיעסטעט, אין צוועלפטען יאָהר האָסטו מנצח-געווען דעם גשמיות׳דיגען נאַפּאָ-לעאָן. איצט קאָנסטו דעם רוחניות׳דיגען נאַפּאָלעאָן מנצח-זיין אין דריי מינוט צייט מיט אַ שטריך פון דער פעדער! שרייב נאָר אונטער דעם אוקאַז: די ביבלישע געזעלשאַפט פערמאַכען, גאָליצינ׳ען דערוויטערן, דאָס מיניסטעריום פאַר גייסטיגע ענינים

צומאַכען—און אין דריי מינוט, אין דריי מינוט מיט איין שטריך פון דער פעדער מאַכסטו אַ סוף צו דער גאַנצער רעוואָלוציע!..

ער איז אויפגעשטאַנען, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט האַלטען אויף די פיס פון שוואַכקייט, און אַזוי ווי אַ פער'חלש'-טער ער איז געפאַלען אויפ'ן שטוהל. די רויטע האָהר זענען איהם צוגעקלעבט געוואָרען צום נאַסען שטערען. ער האָט געקוקט אין איין פינטעל אַריין, ווי משוגע, פונקט ווי ער וואָלט גאָרנישט געזעהן און נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך און וואו ער איז. אויף דער טויטער בלאַסקייט פון געזיכט זענען נאָך שטאַרקער אַרויסגעטראָטען די בלויע פלעקען; דער שפּיץ נאָז איז איהם שאַרף געוואָרען, ווי ביי אַ מת.

„אַ משוגע'נער!—האָט געטראַכט אַלעקסאַנדער.—פאַרוואָס אַ משוגע'נער? אפשר דערפאַר, ווייל ער קאָן נישט ריידען שען. דאָס איז נישט קיין הויפּמענש אין די קליידער פון אַ גייסטליכען, דאָס איז אַ פּראָסטער פויער, נישט געבילדעט, נישט קלוג, פונקט ווי יענע פישער פון גליל, וואָס גאָט האָט זיי אומישנע אויסגע-וועהלט, דורך זיי צו פערשעמען די חכמים פון דער וועלט. איז אפשר נישט ריכטיג דאָס אַלץ, וואָס ער רעדט! נישט אין גאַ-ליציב'ען געהט עס. אָבער אַז איך אַליין, מעגליך, נישט-בעוואוסט-זיניג, דיען דעם גייסט פון אפיקורסות, דעם שטן פון דער רע-וואָלוציע,—איז עס אפשר נישט ריכטיג? און פון וואַנען ווייס ער אַלץ, פונקט ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט אין מיין האַרצען? איז ער עס אפשר נישט אַמאָל גאָטס שליח, וואָס איז מיך געקומען מציל-זיין?"

פאָטיוס איז געקומען צו זיך, מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך בעוועגט און זיך אויפגעהויבען אויף די פיס: ער האָט, אפנים, פערשטאַנען, אַז מען טאָר נישט זיצען, בשעת דער קייזער שטעהט. ער האָט אויך פערשטאַנען, אַז דער שמועס איז געענ-דיגט. איילינג האָט ער אַרויסבעקומען פון ערגעץ אַ פערגעסען בויגעלע פּאַפּיר און צוגעלעגט צו דעם איבעריגען פּאַק אויף דעם קייזערס טיש. און ווידעראַמאָל איז געווען עפּיס קינדישעס, יתומ'דיגעס אין דערדאָזיגער בעוועגונג, פון וועלכער דער קייזער

האָט נאָך שטאַרקער דערפיהלט, אַז ער האָט איהם בעליידיגט.

—פּאָטער פּאָטיוס, איך פערשפּרעך אייך,—האָט ער געזאָגט און איהם אָנגענומען ביי דער האַנד,—אַז וועגען אַלץ, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט, וועל איך אַ טראַכט טהאָן, און, גלויבט, אַז אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קאָנען, וועל איך טהאָן... און אויב איך האָב מיך נישט אַזוי אויסגעדריקט, זאָלט איהר מיר ענטשולדיגען! און בעט גאָט פאַר מיר, איך בעט אייך, איך בעט אייך זעהר...

ווי דאָס איז מיט איהם עפּטער געשעהן, איז ער זעהר ווייך געוואָרען; די אייגענע ווערטער האָבען איהם גערירהרט.

מיט אַ לאַנגזאַמער בעוועגונג, קנייטשענדיג זיך פּונ'ם וועהטאָג אין פוס—אָבער וואָס מעהר יסורים, אַלץ אָנגענעהמער—האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה פאַר פּאָטיוס'ן. די שענקייט פון זיין עניוות'דיגער גרויסקייט האָט ער דערשפּירט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך דערזעהן אין אַ שפּיגעל און דאָס האָט איהם נאָכמעהר גערירהרט. עפּיס איז צוגעטראָטען צום האַלז און אַ קיצעל געטהאָן מיט אַ געוועהנטער זיסער בעוועגונג.

אָט וועמען מען האָט זיך בעדאַרפט מתודה-זיין אין אַלץ, פּונקט ווי פאַר גאָט אַליין—וועגען דעם סאַמע שרעקליכסטען און פערבאָרגענסטען—וועגען זיין אייביגען פּיין: וועגען דעם פּאָטערס פערגאָסענעם בלוט—און אויב ער וועט מוחל-זיין, פערענטפערן אויף דער ערד, וועט עס אויך פערענטפערט ווערען אויפ'ן הימעל.

און שוין נישט טראַכטענדיג פון דער שענקייט, כמעט נישט פיהלענדיג, האָט זיך דער קייזער געשאַרט אויף די קניה פאַר פּאָטיוס'עס פיס.

דער ריח פון דזיעגאַכץ פון די פּויערשע שטיוועל איז איהם איצט זיסער געווען, איידער דער מאָשוס-אַראָמאַט פון דער באַראָנעסע קרודנערס שפּיצען. און אַזוי לייכט איז געווען, פּונקט ווי די בלוטיגע משא פון דער קרוין וואָלט מיט אַמאָל אַראָבגעפאַלען.

 פון פּאָטיוסעס אויגען האָבען אַרויסגעגלאַנצט פּייערלעך פון

פרייד און ער האָט אַרויפגעלעגט אויף דעם קייזערס קאָפּ די האַנד, ווי אויף זיין רויב.

—בענש איהם, גאָט!

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגט און איהם פון דאָס. אַריינגעשעפּטשעט:

—געדענק-זשע, געדענק, געדענק—צוזאַמען זאַלבעדריט: איך, דו און ער!

אַוועק צו דער טהיר, האָט פּאָטיוס דערזעהן אין דער צווייטער טהיר, וואָס איז עטוואָס אָפען געווען, אַראַקטשייעווס אויגען: יענער האָט אונטערגעהערט און אונטערגעקוקט.

און אַז פּאָטיוס איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך די טהיר עטוואָס ברייטער געעפענט, און אַראַקטשייעוו, נישט-אַריינגעהענדיג, האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

—אַלעקסיי אַנדרעיעוויטש, דו?—האָט דער קייזער אַ רוף געטהאָן מיט יענעם פּאָרזיכטיגען קול, מיט וועלכען ער האָט גערעדט בלויז מיט איהם איינעם: אַזוי רעדט מען מיט אַ חבר, וואָס איז שווער קראַנק.—אַריין.

אַריין אַראַקטשייעוו.

זיעבעטעס קאַפּיטעל.

די לאַנגאַניגע פיינטשאַפט צווישען דעם קייזערס צוויי ליעבלינגען—צווישען אַראַקטשייעוו'ן און גאַליצינ'ען, האָט זיך די לעצטע צייט אַזוי פערשאַרפט, אַז דער קייזער אַליין האָט פון איהר קיין מנוחה נישט געהאַט. מען האָט בעדאַרפט מאַכען אַנ'אויסוואַהל און אָפּפערן איינעם פון זיי. אָבער ער האָט זיך אין זיי ביידען גענויטיגט אין אַ גלייכער מאָס: אין אַראַקטשייעוו'ן—פאַר די ערדישע ענינים, אין גאָליצינ'ען—פאַר גייסטיגע ענינים.

גאָליצין האָט געמאַכט דעם קייזער פאַר אַ קריסט: צוזאַמען גאָט געבעטען, צוזאַמען געלייענט די הייליגע שריפטען, צוזאַמען אַרויסגעגעבען די ספרים פון די מיסטיקער, געגרינדעט די ביבלישע געזעלשאַפט און דעם הייליגען פערבאַנד און געטרוימט פון גאָטס מלוכה אויף דער ערד, ווי אויפ'ן הימעל. אָבער אָהן אַראַקטשייעוו'ן איז ווי אָהן הענד און פיס—מען קאָן זיך נישט ריהרען.

און ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס אַראַקטשייעוו האָט, ווי דער קייזער האָט חושד-געווען, געמאַכט אַ מין פערשווערונג געגען גאָליצינ'ען צוזאַמען מיט'ן מיטראָפּאָליט סעראַפים און פאָטיוס. גאָליצינ'ען האָבען אַלע גלחים פיינט געהאַט, אָבער די פיינטשאַפט האָבען זיי פערבאָרגען, זיך אונטערגעבויגט און געליטען שווייגענדיג. אָבער אַז פאָטיוס האָט זיך בעוויזען, זענען

זיי מוטהיגער געוואָרען און זיך עפענטליך צובונטעוועט.

—גאָליצין איז אַ פּאַטריאַרך געוואָרען, געמאַכט אַ תּל פון דער גאַנצער היילינקייט, אַלץ צו זיך אין די הענד אַריינגע־כאַפּט!—האָט פאָטיוס געשריען און צוזאַמען מיט איהם אויך די איבעריגע.—פון היילינען סינאָד—אַ מיניסטערישע קאַנצעלאַריע גע־מאַכט, אָדער פּשוט געזאָגט—אַ קלאָזעט...

צווישען סינאָד און דעם מיניסטעריום איז אַוועק אַזאַ מחלוקה, כאָטש נעהם און טראָג־אַרויס די היילינע. אָבער דער קייזער האָט אַלץ געהאָפּט, ווי זיין טבע איז, צו מאַכען שלום צווישען אַזוינע זאַכען, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט שלום־ווערען מאַכען אַזויערנאָך, אַז די שעפּסעלעך זאָלען זיין גאַנץ און ד וועלף זאַט.

און וועגען דעם האָט ער טאַקי געוואָלט ריידען מיט אַראַקטשייעוו׳ן.ביידע זענען אָבער געווען צו־פּערבאָרגען, אַז זיי זאָלען אָנהויבען מיט אַמאָל. האָט מען גערעדט וועגען עפּיס אַנדערש, געגאַנגען מיט הינטערוועגלעך און געמאַכט אַנ׳אָנשטעל פונקט ווי מען וואָלט שפּיעלען אין זשמורקעס; מען האָט אויס־געקוקט און אויסגעזעהן איינער ביים צווייטען, ווי מיליטער פאַר אַ שלאַכט.

האָט דער קייזער געלויבט פאָטיוס׳ן, האָט אַראַקטשייעוו צוגעבאַמקעט.

—אַ היילינער מאַן, אייער מאַיעסטעט, פּאַטעריל, באמת אַ היילינער. אַזוינע פערמעגען מיר נאָר צוויי: דער פאָטער פאָטיוס און דער פאָטער סעראַפים, דער צדיק פון סאַראָוו...

ווי אַלע טויבע, איז דער קייזער געווען שעמעדיג און עמפּינדליך: ער האָט נישט ליעב געהאַט, ווען מען האָט גערעדט צו־הויך—דאָס האָט איהם דערמאָהנט זיין טויבקייט. האָט מען אָבער גערעדט שטיל, האָט ער זיך געשראָקען, אַז ער וועט נישט דערהערן. איין אַראַקטשייעוו האָט געקאָנט ריידען נישט הויך און דערביי אַזוי דייטליך, אַז דער קייזער האָט געהערט יעדעס וואָרט.

—ווי־זשע זאָל זיין, אַלעקסעי אַנדרעיעוויטש, מיט גאָלי־ציג׳ען?—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיגקייט,

איבערצייגענדיג זיך סוף-כל-סוף, אַז אַראַקטשייעוו וועט בשום אופן נישט אָנהויבען ריידען וועגען דעם. אָבער אַז ער האָט אַ קוק געטהאָן פון אונטער׳ן שטערען, בגנבה אויף אַראַקטשייעווס פנים, וואָס איז מיט אַמאָל פערשטיינערט געוואָרען, האָט ער פערשטאַנען, אַז מיט דער זאַך האַלט שלעכט.

—איך ווייס שוין נישט, כלעבען, ווי עס זאָל זיין,—האָט דער קייזער געזאָגט דערשראָקען און שטיל,—אַלע ענינים זענען געבליבען שטעהן, פשוט אַנ׳אומגליק... וואָלסט אפשר געפאָהרען צום מיטראָפּאָליט, וואָלסט אפשר מיט איהם איבערגעשמועסט—מעגליך, אַז זיי וואָלטען שלום-געוואָרען... אפשר וואָלסטו עס פאָרט אייגעאָרדענט... טהו דאָס פאַר מיר, טייבעלע מיינס...

—צו בעפעהל, מאַיעסטעט! ווי אייך איז בעווילִגט, אַזוי וועל איך טהאָן,—האָט אַראַקטשייעוו געענטפערט, ווי אַ סאָלדאַט, טרוקען, כמעט גראָב, און דאָס פנים איז איהם נאָכמעהר פערשטיינערט געוואָרען.

—דו זאָלסט אָבער גאָרנישט מיינען, איך בעט דיך, אַלעקסעי אַנדרעאיטש! איך האָב דאָך נאָר אַזוי... אויב דו... אויב דיר...—האָט דער קייזער אָנגעהויבען און איז אַנטשוויגען געוואָרען אונטער דעם פערשטיינערטען שווייגען פון אַראַקטשייעוו׳ן; פּלוצלונג האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט זיך פערלאָרען און איהם האָט שוין אפילו פערדראָסען, וואָס ער האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען דעם.

לאַנג האָבען ביידע געשוויגען, נישט געקוקט איינער אויפ׳ן צווייטען.

— אייער מאַיעסטעט,—האָט, צולעצט, אַרויסגעזאָגט אַראַקטשייעוו מיט יענעם דערשטיקטען, מרה-שחורה׳דיגען פייערליכען קול, וואָס איז אַזוי ווי פון אונטער אַ קבר געגאַנגען: פאַר דעמדאָזיגען קול האָט זיך דער קייזער געשראָקען מעהר ווי פאַר אַלץ,—ווי אַ טרייער אונטערטאַן בין איך מחויב צו זאָגען אייער מאַיעסטעט דעם גאַנצען אמת: איהר זענט געווען צו מיר אַזוי באַרמהערציג, אַז איהר האָט מיך אַליין צוגעוועהנט דערצו. און איצט, אַז איך שרעק מיך פאַר גאָטס כעס...

—אָבער ניין-זשע, ניין, אַלעקסעי אַנדרעאיטש, איך האָב גאָרנישט געגען דעם,—האָט איהם דער קייזער אומזיסט געפּרובט אָבשטעלען.

—...און היינט, אַז איך שרעק מיך פאַר גאָטס כעס,—האָט אַראַקטשייעוו מיט עקשנות ווייטער געזאָגט,—וועל איך אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת, ווי פאַר גאָט. איך ווייס קיין זאַך נישט, אָבער פון דער פּראַקטיק איז מיר בעקאַנט, אַז שלעכטע מענשען זענען דאָ מעהר ווי גוטע און שלעכטס איז שטענדיג פאַרהאַן מעהר, ווי גוטס. האָב איך מיר געמאַכט פאַר אַ כלל, איך זאָל מיט קיינעם קיין שום בעקאַנטשאַפט נישט פיהרען און זיך נאָר פאַרנעהמען מיט מיין זאַך. אָבער עס וואָלט געווען אַ חטא, ווען איך זאָל אָפען נישט דערצעהלען דאָס אַלץ, וואָס איך ווייס, אייער מאַיעסטעט. פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאָליצין...

זיין שטים האָט זיך פאַרהאַקט, איז געוואָרען אַ קוויטשיגע, אַ דורכדרינגליכע און אַ וויינענדיגע. דער קייזער האָט שוין געהערט און נישט געפּרובט איהם אָבשטעלען; דעם קאָפּ האָט ער אָנגעבויגט אויף אַ זייט און אויסגעהערט מיט אַזאַ שולדיגער מינע, פונקט ווי יענער אַלטער גענעראַל, וואָס אַראַקטשייעוו האָט איהם אַנומעלט געמאַכט אַ פאָרוואורף.

—פירשט גאָליצין איז אַ שונא דעם קייזער און פאָטערלאַנד. די אפיקורס׳ישע ביכער, וואָס עס האָבען זיך בעוויזען, פילען-אָן מיט צער די הערצער ביי אַלע פרומע און טרייע אונטערטאַנען. און אפילו דער המון שמועסט שוין וועגען פרייהייט צוליעב דער ביבעל, וואָס מען האָט אומעטום פונאַנדערגעשיקט. איז דען נאָך וויט צו אַ בונט? אַלע זענען אָנגעשטעקט מיט דידאָזיגע רעיונות... פערדאָרבענקייט, זנות און רעוואָלוציע..

מיט שרעק האָט דער קייזער געוואַרט, אַז באַלד וועט ער אָנהויבען ריידען וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט. אָבער אויך איצט, ווי אַלעמאָל, האָט ער גערעדט אַזוי, אַז מען האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, צי ער ווייס אָדער נישט—ער האָט געהאַלטען די דראָהונג, ווי אַ שווערד איבער דעם קייזערס קאָפּ.

—צוריק - גערעדט, זאָל זיין דער רצון פון אייער מאַ-

יעסטעט, איך האָב דאָ נאָר אַרויסגעזאָגט מיינע געדאַנקען לויט מיין שוואַכֿען שׂכל. צו זייגאונפופציג יאָהר קאָן איך מיך דאָך נישט נעהמען לערנען, בפרט אַז איך בין פון די סאַמע קינדער-יאָהרען אָן צוגעוועהנט צו דעם. ווי איהר וועט הייסען, אַזוי וועל איך טהאָן,—האָט ער פערענדיגט, זיך אויפגעהויבען און אויסגעצויגען, ווי אַ סאָלדאַט אין פראָנט.

—אַלעקסעי אַנדרעאיטש, אַלעקסעי אַנדרעאיטש!—האָט אויס-געשריען דער קייזער מיט אַנגסט,—דו ווייסט, ווי איך בין דיר...—ער האָט געוואָלט זאָגען: איבערגעגעבען,—ווי איך האָב דיך ליעב... וויפיעל יאָהר צוזאַמען? און שוין-זשע, שוין-זשע איצט?..

וואָס איצט וועט זיין, האָט ער פאָרגעזעהן, הגם פון דער לאַנגיעהריגער פראַקטיק האָט ער געקאָנט וויסען, אַז עס וועט גאָרנישט זיין, אָבער ביי יעדען קריעג האָט ער זיך געשראָקען, אַז אַראַקטשייעוו וועט אַוועק פון איהם—און ער איז אַ פער-פאַלענער.

—פאָטערל, אייער מאַיעסטעט, איך ווייס, אַז ווי עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ ביישפיעל פון אַזויפיעל חסדים, וואָס איהר האָט געטהאָן מיט מיר, אַזוי איז אויך נישטאָ קיין ברעג צו דער טריי-שאַפט פון מיר צו אייך. נישטאָ אַזויפיעל שׂכל און איך האָב נישט אַזויפיעל ווערטער אַרויסצוזאָגען אייך מיין דאַנקבאַרקייט. אָבער איך מוז בעטען דימיסיע צוליעב דער שוואַכֿקייט פון מיין געזונד. די עלטער איז געקומען, די ביינער טהוען וועה; פון שעה צו שעה ווער איך שוואַכֿער, איך געה-אויס ווי אַ ליכט. צייט אָבצורוהען, שוין גענוג. איך וויל מיך איינגאַנצען דערוויי-טערן פון די עניניםֿ, וואָס זענען מיר נמאס-געוואָרען און וואָס מאַכֿען מיר קאַליע דאָס געזונד, וויילֿ איך האָב אַ וואָרהאַפטיגע נאַטור... זאָלען שוין אַנדערע, אָבער איך קאָן נישט, איך קאָן נישט מעהר... מיין צונג ווייס נישט פון קיין חניפה... די אמת'ע נשמה פון מיין בעל-חסד, פון זיין קייזערליכֿער מאַיעסטעט פאַוועל I, וואָס זיצט איצט אין גן-עדן, קוקט אויף מיר פון הימעל אַראָב און בעוויליגט די געפיהלען, וואָס בעגייסטערן מיך...

הויבען כליפּען, פריהער שטיל, דערנאָך אַלץ העכער און העכער. דער קייזער האָט געקוקט אויף איהם מיט וואַקסענדיגער שרעק: ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען זיינע טרעהרען.

—אַלעקסעי אַנדרעאיטש! אַלעקסעי אַנדרעאיטש!—האָט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט תחנונים.—פאַרוואָס אַזוינס? פאַרוואָס? גאָט אין הימעל! גאָט!

און ער האָט אַ פאַטש געטהאָן מיט די הענד און די הענד צו איהם אויסגעצויגען און זיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ.

—בעפרייט מיך, בעפרייט מיך, פאָטערל!—האָט זיך אַראַקטשייעוו פּלוצלונג צויאָמערט, צוהוסט, דעם אָטעם פערהאַקט, זיך אינגאַנצען געטרויסעלט, ווי אַ דערשטיקטער, אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן שטוהל און דורך הוסט און געוויין גענומען יאָמערן גאָר מיט אַ פרעמדען קוויטשיגען שרעקליכען קול פון אַנ׳אשה.—רוהען וויל איך, אויסרוהען! אין צורוקאַנער פעסטונג! אַ פּלאַץ-מאַיאָר זיין! טרייבט איהם אַרויס, דעם אַלטען נאַר! אַראַקטשייעוו איז אַנ׳ אכזר! אַראַקטשייעוו איז אַ שלאַנג!

דער קייזער איז אויפגעשפּרונגען אַ בלאַסער, ציטערענדיג מיט׳ן גאַנצען קערפּער, און בשעת יענער האָט זיך אָבגעהוסט און אויסגעשפּייט אין טיכעל, האָט דער קייזער געקוקט, צי עס איז נישטאָ קיין בלוט אין זיינע ליחות: אַראַקטשייעוו האָט איהם שוין לאַנג געשראָקען מיט זיין בלוט אין די ליחות. פּלוצלונג האָט דער קייזער אַ מאַך געטהאָן פערצווייפעלט מיט די הענד, זיך אַ וואָרף געגעבען אין פאָטעל אַריין, מיט די עלענבויגענס זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש, פערדריקט דעם קאָפּ אין די הענד און פערמאַכט די אויגען, פערשטאָפּט די אויערן—נישט צו זעהן, נישט צו הערען.

אַראַקטשייעוו האָט מיט גרויס ליאַרם אויסגעשנייצט די נאָז, ביסלעכווייז איינגעשטילט געוואָרען, אַ קוק געטהאָן בגנבה אויפ׳ן קייזער מיט אַ לאַגגען, דורכדרינגליכען און רוהיגען קוק, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען בעשליסען, צי ער איז שוין בעאַרבייט, און בעשלאָסען, אַז יאָ. האָט ער זיך שטיל אויפגעהויבען, אינגאַנצען זיך אויסגעבויגען און, גנב׳ענענדיג זיך אויף די שפּיץ-פינגער,

האָט ער געמאַכט אַ פּאָר טריט נעהנטער. דער שוואַרצער שאָטען אויף דער גרויער יואַנד האָט דורכגעשלייכט, ווי דער שאָטען פון אַ ריזענגרויסער פלעדערמויז. דערנאָך האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה און אויף די קניה אַוועק צום קייזער.

—זיי מיר מוחל, פּאָטערל ליעבער! איך האָב דיך מצער-געווען, זיי-זשע מוחל דעם אַלטען נאַר כאָטש פון גאָטס וועגען...

שטיל אָנגענומען זיין האַנד און אַ קוש געטהאָן. דער קייזער האָט אויפגעציטערט, זיך אומגעקעהרט מיט אַ דערשראָקענעם שמייכעל, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געגלויבט זיין אייגען גליק, אַ קוק געטהאָן אויף איהם און פלוצלונג גענומען שיינען, דערנאָך זיך צעווייינט און געוואָרפען זיך איהם אויפ׳ן האַלז. אין דער-דאָזיגער מינוט איז זיין פּנים אויך געווען אַזאַ, ווי ביי סאָפיע׳ן, דעם קראַנקען מיידעלע, בשעת זי האָט זיך צו איהם אַנומעלט געטוליעט.

—אַלעקסעי אַנדרעאיטש, קינד האַרציגס... דו וועסט מיר אַלץ מוחל-זיין!.. און מעהר דאַרף מען נישט, מען דאַרף נישט וועגען דעם. נו, בין איך דען? גאָט מיינער, גאָט מיינער, קאָן איך דען אויסקומען אָהן דיר? און ווען דו וואָלסט פון מיר אַוועקגעהן...

—איך וועל נישט אַוועקגעהן, פּאָטערל, נישט אַוועקגעהן, ניש׳קשה! וואוהין האָב איך צו געהן?—נאָר דיך און גאָט—מעהר האָב איך קיינעם נישט אויף דער וועלט...

—און גאָליצין,—האָט דער קייזער געפּליסטערט איילענדיג, מיט אַ פערהאַקטען אָטעם פון שמחה,—גאָליצין, זיי שוין רוהיג... איך האָב אַליין אויך געוואָלט... גאָליצין וועט אפילו מאָרגען נישט זיין!

—ניין, קייזער, זאָל גאָליצין זיין, טהו איהם גאָרנישט. איך וועל שוין פאָהרען צום מיטראָפּאָליט און איך וועל מיט גאָטס הילף אַלץ איינאָרדנען

—נו, גוט, גוט. אַלץ, ווי דו... ווי מיר וועלען צוזאַמען בעשליסען,—האָט ער אַרויסגעזאָגט און געקוקט אויף איהם דורך טרעהרען מיט אַ גליקליכען שמייכעל, כמעט ווי אַ פערליעבטער.—

אָבער דיין געזונד זאָלסטו אָבהיטען, טייבעלע. וואָרום דו הוסט דאָך שוין ווידער. זיך צוגעקיהלט, אפנים... דו טרינקסט נאָך קלאַטשע-מילך?

—איך טרינק, פאָטערל, איך טרינק. אָבער נישט קיין מילך נאָר דיין לייטזעליגקייט צו מיר, וואָס איז מיר בעסער פון אַלע היילקרעפטיגע באַלזאַמען... מעהר בעדאַרף איך גאָרנישט. אָט שטאַרבען ביי דיינע פיס, אויסגעהן ווי אַ הונד...

אַיועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף דעם קייזערס קניה, זיך צוגעדריקט מיט אַ באַק, נאָס פון טרעהרען, צו זיין האַנד און געקוקט פון אונטען אַרויף טאַקי ווי אַן׳אַלטער טרייער הונד.

—עלענד זענען מיר ביידע, אַליין אויף דער גרויסער וועלט, פאָטערל! עלענדע יתומים זענען מיר. קיינער האָט אונז נישט ליעב און קיינער האָט קיין רחמנות נישט אויף אונז... אָט אַז מיר וועלען ביידע אַרויס אין דימיסיע, וועלען מיר פאָהרען קיין גרוזינאָ,—האָט ער געפלאַפּעלט, ווי אין היץ,—וועלען מיר איבער די פעלדער און וועלדער שפּאַצירען, בלימעלעך וועלען מיר קלויבען, לידעלעך וועלען מיר זינגען, פונקט ווי צוויי ברידער... נאָר זאַלבעצווייט זענען מיר, דו און איך און אויך ער; ער איז צווישען אונזביידען—אַ דריטער...

ער האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן מעדאַליאָן פונ׳ם קייזער פאַוועל I, וואָס איז געהאָנגען ביי איהם אויף דער ברוסט. אין דעמדאָזיגען טאָג,—דעם 11-טען מערץ—דעם איינציגען טאָג אין יאָהר, פלעגט ער, אָנשטאָט אַלעקסאַנדערס בילד, אָנטהאָן דאָס בילד פונ׳ם פערשטאָרבענעם קייזער. ער האָט מיט יראה צוגעטראָגען דעם מעדאַליאָן צו די ליפּען, זיך איבערגעצלמ׳ט און אַ קוש געטהאָן איהם, ווי אַ הייליג בילד.

—מיין צונג זאָל אויף אייביג צוגעקלעפּט ווערען צום גומען!—האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט ווי אַ תפילה.—געדענקסטו, ווי ער האָט בעהעפט אונזערע הענד?..

אַלעקסאַנדער האָט שווייגענדיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

אין דעם טאָג, ווען דער קייזער פאַוועל I איז אַרויף אויפ׳ן טראָן, האָט ער בעהעפט אַלעקסאַנדערס האַנד מיט אַראַקטשייעווס

און געזאָגט: „זענט אייביגע פריינד.״ דאָס איז געווען אין ווינ-טערפּאַלאַץ, נעבען דעם צימער, וואו די קייזערין יעקאַטערינע האָט גע׳גוסס׳ט.

—און דאָס העמדעלע געדענקסטו?

דער קייזער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און ווייך אַ שמייכעל געטהאָן. טאַקי אין דעם אייגענעם אומפערגעסליכען טאָג, בשעת אַראַקטשייעוו איז אין אַ שלאָקסרעגען געקומען צו לויפען פון גאַטשינאַ אויף אַ פעלדיעגערישען וואָגען און, נאַס ווי אַ האָהן, בעדאַרפט זיך איבערטוישען דאָס וועש, האָט איהם אַלעקסאַנדער געגעבען זיין העמד; און אַראַקטשייעוו האָט בע-פוילען, מען זאָל איהם מקבר-זיין אין דעמדאָזיגען העמד.

—איך האָב איהם היינט ווידער געזעהן איז חלום—האָט ער ווידעראַמאָל אַרויסגעשעפּטשעט ווי אַ תפילה...

—ווידער?

—ווידער, פּאָטערל. אַלע יאָהר סאַמע אין דער אייגענער נאַכט. פּאַראַיאָהרען איז ער געווען מרה-שחורה׳דיגלין, שוואַרצ-לין, און דאָס פּנים׳ל האָט ער געהאַלטען אָבגעקעהרט און דעם הוט אַראָבגערוקט נידעריג—קיין פּנים נישט געווען צו זעהן, פּונקט ווי ער איז דעמאָלט אין טרומנע געלעגען. אָבער היינט איז ער אַזוי ווי מיט אַן אָפּענעם פּנים, נאָר אינגאַנצען געלב, נעבעכדיג און יתום׳דיג, און אויפ׳ן רעכטען שליף האָט ער אַ שוואַרצען פלעק...

—מען דאַרף נישט! מען דאַרף נישט!—האָט אַלעקסאַנ-דער אַרויסגעזיפצט כמעט ווי אַ גע׳חלש׳טער און פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט.

—נו, נישט, פּאָטערל, נו, נישט. זיי איהם מוחל, דעם נאַר...

—ניין, רייד, זאָג אַלץ. ווי איז ער היינט?

—און היינט שאָקעלט ער עפּיס אַזוי ווי מיט׳ן האַלז. „וואָס איז דאָס, זאָגט ער, פאַר אַ מין אייגנער האַלזטוך. און עפּיס איז ער אַזוי ווי בייז. און דערנאָך האָט ער וועגען דיר גערעדט: „זעה, זאָגט ער, אַלעקסעי אַנדרעאיטש, אַז מיט איהם

זאָל מען דאָס אייגענע נישט טהאָן. היט איהם, אַ פאָטער זיי איהם!״

אַלעקסאַנדער האָט איהם געהערט מיט אימה און האָט אינגאַנצען געציטערט פון קעלט, פונקט ווי דורך דערדאָזיגער שעפטשעריי וואָלט איהם איבערגעגעבען געוואָרען אַ ידיעה פון יענער וועלט.

—„אַ פאָטער זיי צו איהם...״—האָט ער, יאָמערענדיג, איבערגע׳חזר׳ט און איז צוגעפאַלען מיט די ליפען צום מעדאַליאָן פונ׳ם קייזער פאַוועל I אויף אַראַקטשייעווס ברוסט: איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער קושט דעם לעבעדיגען פאָטער. די ווייטע, ווייטע קינדהייט איז געווען אין דער בעריהרונג פון די האַרטע געגאָלטע באַקען און אין דעם ריח פון דעם אַלטען גרינעם מונדירגעוואַנד—דער בעקאַנטער קאַזאַרמע-ריח פון גאַטשינע, דער ריח פון פאָטער. די לעצטע היים, וואו ער פיהלט זיך געמיטליך, רוהיג און עס שרעקט איהם קיין זאַך נישט—נישט אין עבר, נישט אין דער צוקונפט—איז נאָר דאָ, אויף אַראַקטשייעווס ברוסט, אויפ׳ן פאָטערס ברוסט, פונקט ווי זיי ביידע זענען איין מענש און מען קאָן זיי שוין נישט אונטערשיידען

און ביידע האָבען געוויינט און די טרעהרען זייערע האָבען זיך אויסגעמישט. אַראַקטשייעוו האָט איהם געגלעט די האָהר און געצערטעלט, ווי אַ קליין יונגעלע. און דעם קייזער האָט אויסגעוויזען, אַז דער פאָטער גלעט עס איהם און דער פאָטער איז איהם מוחל.

און אַז אַראַקטשייעוו האָט אַ הוסט געטהאָן, איז ער געקומען צו זיך און איז אונרוהיג געוואָרען.

—אפשר וועסטו טרינקען עפיס אַ הייסע זאַך, מיין פריינד? אפשר מאַלינעס אָדער גאָר אַ פאָנשעלע?

—טיי אפשר!..—האָט אַראַקטשייעוו קרענקליך אָבגעזיפצט.

דער קייזער האָט ליעב געהאַט טיי און בעזונדערס נאָך מיט אַראַקטשייעוו׳ן. ער האָט זיך אויפגעהויבען, גענומען אַרומשמייען, אָנגעקלונגען צום קאַמערדיענער. ער האָט געוואוסט, אַז די קייזערין וואַרט. בשעת איהר קראַנקהייט האָט ער זיך צוגע-

וועהנט צו טרינקען מיט איהר אינאיינעם טיי. דאָס איז געווען איהר ליעבסטע צייט, ווען זי האָט געקאָנט זיין מיט איהם. אָבער ער האָט איהר געשיקט זאָגען, אַז ער וועט נישט קומען. פאַר׳ן „פריינד דעם ליעבען״ האָט ער זעהר לייכט געאָפּפערט מיט דער קייזערין.

ער האָט אַליין פערקאָכט טיי, יענעם בעזונדערן, גרינעם אַראַקטשייעווישען טיי, פון אַ פרישען פאַקעט. דערנאָך האָט ער אויסגעוואַשען די טעצעלעך, זיי גוט אויסגעווישט מיט אַ האַנדטוך און אָנגעגאָסען נישט שטאַרקען און נישט שוואַכען, אַקוראַט צום טרינקען. דערנאָך האָט ער אָנגעהאַקט קליינינקע שטיקעלעך צוקער—נישט אַריינצוואַרפען אין גלאָז, גאָר אַזוי. ער האָט גע-קאָנט אַראַקטשייעווס אַלע געוועהנהייטען און קאַפּריזען און האָט איהם אָבגעהיט, ווי אַ הולה.

—אפשר אַריסאָוועך בויגעלעך? האָסט דאָך זיי ליעב. אפשר מילך?

—רויה מילך טרינק איך נישט, פאָטערל.

—איבערגעזאָדענס. יעפימיטש ווייס: ער וועט נישט דער-לאַנגען קיין רויה מילך. זעהסט, אַ הייטעלע. האָסט ליעב מיט אַ הייטעלע?

—איך האָב ליעב מיט אַ הייטעלע,—האָט אַראַקטשייעוו יתומ׳דיג אַ הוסט געטהאָן, און מעשה-יתום האָט ער געבלאָזט מיט די ליפען, זיי צוזאַמענגעלעגט אין אַ רעהרעל און דערנאָך מיט הכנעה געטרונקען פון טעצעל.

געשמועסט האָט מען איבער פערשידענע קלייניגקייטען פונ׳ם מיליטערדיענסט—דער סאַמע בעליעבטעסטער ענין, וואָס נעהמט זיך קיינמאָל נישט אויס און בערוהיגט שטענדיג.

יען האָט בעטראַכט אַ נייעם מוסטער פון אַ בערשטעלע צו די זעלנערישע וואָנסען און אַ נייעם פוצשטיין צו פוצען די קנעפּלעך. און טאַקי דאָ האָט מען געמאַכט אַ פראָבע: די אויס-געפוצטע קנעפּלעך אויף אַראַקטשייעווס מונדיר האָבען געגלאַנצט, ווי הייסע קויהלען. אויך דאָס בערשטעלע איז אויסגעצייכענט געווען.

דערנאָך האָט מען געשמועסט פון נייעם אוקאַז: „אַז אין דער גאַנצער אַרמעע זאָל דער שטילער שריט געמאַכט ווערען אויף אַנ'אַרשין די לענג צו 75 אין אַ מינוט, און דער גיכער שריט, אויך אַנ'אַרשין די לענג, זאָל געמאַכט ווערען צו 120 אין אַ מינוט. פון דעמדאָזיגען בעפעהל זאָל מען בשום אופן נישט אָבטרעטען.”

ווייטער האָט מען געשמועסט וועגען דעם מיליטערישען פּאַראַד אויפ'ן מאַרספעלד. אין דעם לייב-גוואַרדישען סאַפּיאָרען-באַטאַליאָן האָבען זיך די זעלנער נישט פערהאַלטען רוהיג, ווי עס פאָדערט זיך, אַ סך קניה זענען געוועזען אויסגעבויגט, דער טראָט איז נישט געוועזען עלאַסטיש, און אויפ'ן גאַנצען פראָנט האָט מען געהוסט.

—אָבער דערפאַר, פּאַטערל, איז געוועזען אַ נחת צו קוקען אויף די איזמיילאָווער,—האָט אַראַקטשייעוו בעמערקט.—אַך, כוואַטעס זענען די איזמיילאָווער! מען קאָן זיי פערגלייכען מיט בעוועגליכע ווענד: זיי מאַרשירען נישט, נאָר זיי שווימען. אַ נחת צו קוקען! זאָלסט זיי, דאַכט זיך, הייסען געהן אויף די הענד, מיט די פיס אַרויף, וועלען זיי דאָס אויך באַלד אויספיהרען!

—טאַקי גאָרנישט שלעכט,—האָט דער קייזער געמאַכט אַ בעשיידענעם אָנשטעל און איז רויט געוואָרען פון תענוג, וואָס מען לויבט זיין געליעבטען פּאַלק,—און פונדעסטוועגען איז צו בעדויערן דאָס, וואָס עס איז קענטיג זייער אָטעמען, בשעת זיי שטעהען אויף איין אָרט. מען זעהט, אַז מענשען אָטעמען...

מען האָט זיך דערמאָהנט אָן אַ זעלנער פון דעם קייזער פּאַוועלס צייטען, וועלכען מען האָט אויסגעלערנט צו טראָגען אַ גלאָז וואַסער אויפ'ן קיווער און נישט פערגיסען. איצט וועסטו זיי שוין אַזוינע זאַכען נישט אויסלערנען: נישט די מענשען, נישט די צייטען.

און, צולעצט, האָט מען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגען שמועס וועגען דעם, אַז דער לויף-שלאַג אויפ'ן אָרים פון דעם יעגערישען מונדיר זאָל נישט זיין געשפּיצט, נאָר גלייך, און אָנשטאָט דריי קנעפּלעך, זאָל מען טראָגען פינף

און דער קייזער האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק, ווי אין דער קינדהייט, בשעת ער פלעגט שפּיעלען אין סאָלדאַטען. אין דעמדאָזיגען שמועס איז פאַרהאַן עפּיס אַזוינס, וואָס איז ליעב, היימליך, ווי אַמאָל אין גאַטשינע, פונקט ווי צווישען זיי ביידען וואָלט געווען אַ דריטער—ער, דער פאָטער. און גוט איז, און עס ווערט גאָר רוהיג-רוהיג, אָהן פרייד און אָהן צער, ווי אין דער אייביגקייט. עס דאַכט זיך, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז גאָרנישט געווען, איז נישטאָ און וועט נישט זיין, אויסער פּעלאָטאָנס, שערענגעס, עשאַלאָנען, באַטאַליאָנען, געמאָסטענע, עהנליכע, איינאַרטיגע מזונות מענשען, וואָס געהען פון ביידע זייטען וועג אין דער אונענדליכער וויטקייט אַוועק.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען ניין. דער קייזער איז ווידער אונרוהיג געוואָרען: פאַר אַלעקסעי אַנדרעיעוויטש׳ן איז שוין צייט צו שלאָפען. וועט ער זיך לעגען שפּעט, וועט ער נישט איינשלאָפען. האָט ער איבערגעהאַקט דעם שמועס אויפ׳ן האַלבען וואָרט און איהם דערמאָהנט, ער זאָל אויסטרינקען דאָס קלאַטשעמילך פאַר׳ן געהן שלאָפען. ביים געזעגענען זיך האָבען זיי זיך אַרומגענומען און איינאַנדער איבערגע׳צלמ׳ט.

אַז אַראַקטשייעוו איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך דער קייזער אויך מכין-געווען צו לעגען זיך אין בעט. דעמאָלט קומט-פאָר דער אַלטער טאָג-טעגליכער מנהג: ער לייענט אַ קאַפּיטעלע פון אַלטען טעסטאַמענט, פון עוואַנגעליום און פון דער אַפּאָסטעלגעשיכטע. יאָהרענלאַנג האָט ער געלייענט צוזאַמען מיט גאָליצינ׳ען איין-און-דיזעלבע קאַפּיטלעך, וואָס זענען אָנגעצייכענט געוואָרען אויף אַ גאַנץ יאָהר. טיילמאָל, ווען ער פלעגט פערגעסען דעם חשבון פון די קאַפּיטלעך בשעת אַ פעלדמאַרש אָדער אַזוי אין אַ נסיעה, פלעגט ער פאַר טויזענדער ווי־אָרסט שיקען קוריערן צו גאָליצינ׳ן—זיי זאָלען נאָכפרעגען וועגען דעם.

ער איז איבערגעגאַנגען אין שלאָפצימער, וואָס האָט זיך געגרענצט מיט׳ן קאַבינעט און גענומען זאָגען אַ תפילה. ביי דער תפילה איז ער לאַנג נישט געשטאַנען, ווייל דער פוס האָט איהם וועה געטהאָן. פון דעמדאָזיגען שטעהן אויף די פיס—איבערפריה

און אויף דער נאַכט, פלעגט ער אַמאָל בעקומען היהנעראויגען.

ער האָט זיך איינגעוואַשען, צוגעגאַנגען צום פענסטער און געעפענט דאָס פערטעלע אויף אַ מינוט צעהן: צו „לופט-וואַנעס" האָט איהם נאָך פון די קינדעריאָהרען צוגעוועהנט די באָבע, לויט דער עצה פון פילאָזאָף גרים.

נאָך האָט ער זיך געלעגט אין בעט אַריין. די בעט—פּאָר איין מענשען, אַ שמאָלע, אַ האַרטע וועגבעט, נאָך פון אויס טערליץ: אַ מאַטראַץ, אָנגעפילט מיט היי, אַ דינער סאַפּיאַן-קישען און אויך אַזאַ שלאָפראָל אונטער'ן קאָפּ.

געוועהנליך פלעגט ער איינשלאָפען באַלד ווי ער פלעגט זיך לעגען: ער פלעגט זיך נאָר איבערקעהרן אויף דער לינקער זייט (ער האָט שטענדיג געשלאָפען אויף דער לינקער זייט), זיך איבער'צלמ'ען, אונטערלעגען די לינקע האַנד אונטער'ן באַק און פערמאַכען די אויגען—פלעגט ער באַלד איינשלאָפען מיט אַזאַ טיעפען שלאָף, אַז דער דעזשורנער קאַמערדיענער מיט די קאַ-מערלאַקייען פלעגען טאַקי דאַ, אין שלאָפצימער גופא, אויפקליי-בען די קליידער, אַרומגעהן, קלאַפּען, שרייען, ווי אויף דער גאַס, וואָרום זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז „דעם קייזער וועסטו נישט אויפוועקען, כאָטש שיס מיט האַרמאַטען".

אָבער נאָך דער קראַנקהייט האָט ער אויפגעהערט צו שלאָפען. און איצט, אַז ער איז שוין איינגעשלאָפען, האָט ער באַלד דער-הערט מענשליכע קולות, קולות און טריט פון לויפענדיגע מענשען איבער די הילכיגע קאָרידאָרען און טרעפּ און זיי דערנעהנטערן זיך—אָט-אָט וועלען זיי אַריין, ווי אין יענער שרעקליכער נאַכט. ער האָט אַ ציטער געטהאָן און זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פּיינליך האַרצקלאַפּעניש. ער האָט זיך געוואָלט בערוהיגען און גענומען טראַכטען פון געמאָסטענע רייהען, וואָס זענען עהנליך צו בע-וועגליכע ווענד, פון די פינף קנעפּ אָנשטאָט דריי און ווידער אַנטדרעמעלט געוואָרען. אָבער אַראַקטשייעוו האָט איהם איינגע-רוימט אויפ'ן אויער: „נעבעך, געלב ווי וואַקס, זעהט-אויס פער-יתומ'ט... און ביים לינקען שלייף עפּיס אַ שוואַרצער פלעק..." ער

האָט ווידער אויפגעציטערט, זיך אויפגעכאַפּט, געעפענט אין שרעק ברייט די אויגען און פון שלאָף איז שוין קיין זכר נישט געווען. ער האָט געפיהלט, אַז ער וועט שוין מעהר נישט איינשלאָפען.

ער איז אויפגעשטאַנען, אָנגעטהאָן דעם שלאָפראָק, אַוועק זיין קאַבינעט, אויפגעעפענט דעם שופלאָד פון טיש, וואו עס זענען געלעגען די פּאַפּירען וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט, גענומען דעם אַלטען אָבגעבליאַקירטען בויגען פּאַפּיר, וואָס ער האָט מריהער אַוועקגעלעגט פון אויבען און אָנגעהויבען לייענען. דאָס איז געווען אַ בריף פונ׳ם פירשט יאַשוויל, איינער, וואָס האָט זיך בעטייליגט אינ׳ם קייזערמאָרד דעם 11-טען מערץ. דעראַזיגער בריף איז געווען געשריבען אויף פראַנצויזיש.

„מאַיעסטעט, פון דער מינוט-אָן, וואָס אייער אומגליקליכער פאָטער איז אַרויף אויפ׳ן טראָן, האָב איך מיך בעשלאָסען צו אָפּפערן מיט זיך, אויב דאָס וועט נאָר נויטיג זיין, פאַר׳ן וואוילשטאַנד פון רוסלאַנד, וואָס איז פון פעטער דעם I-טענס צייטען אָן געוואָרען אַ שפּיעלכעל אין די הענד פון די הויף-מקורבים און, צולעצט, אַ קרבן פון אַ מטורף. אונזער פאָטערלאַנד געפינט זיך אונטער דער מאַכט פון אַנ׳אַליינהערשער; דער גורל פון מיליאָנען איז אָבהענגיג פונ׳ם שכל-אומפאַנג אָדער האַרץ פון איין מענשען... גאָט וויים דעם אמת, אַז אונזערע הענד זענען איינגעטונקען געוואָרען אין דעם קייזערס בלוט נישט פון אייגענע פגיעות וועגען: זאָל דער קרבן נישט זיין בחינם! געדענקט, מאַיעסטעט, אייער בערוף: אַ מענש און אַ בירגער זאָלט איהר זיין אויפ׳ן טראָן. ווייסט, אַז צו פערצווייפלונג איז שטענדיג פאַרהאַן אַ מיטעל און דערפיהרט נישט דאָס פאָטערלאַנד צו אַ חורבן. דער מענש, וואָס איז מקריב זיין לעבען, האָט דאָס רעכט עס אייך צו זאָגען. איך בין איצט גרעסער, איידער איהר, ווייל איך בעגעהר גאָרנישט, און אויב דאָס וואָלט נויטיג געווען פאַר אייער רוהם, וואָס איז מיר דערפאַר אַזוי טייער, ווייל דאָס איז דער רוהם פון רוסלאַנד, בין איך גרייט צו שטאַרבען אויף דער תליה. אָבער מען בעדאַרף עס נישט. די גאַנצע שולד פאַלט אויף אונז, איהר אָבער זענט אונבעפלעקט: דער קייזערליכער פורפור האָט

בעדעקט נאָך גרעסערע פערברעכענס. איך ציה מיך צוריק אין מיינע גיטער און וועל מיך סטאַרען צו בענוצען מיט דער בלו-טיגער לעקציע און וועל זאָרגען וועגען דעם מעמד פון די אונ-טערטאַנען. דער מלך המלכים וועט מיר פערגעבען אָדער בע-שטראָפען אין מיין לעצטער שעה. איך בעט גאָט, אַז דער קרבן זאָל ברענגען נוצען. זענט געזונד, מאַיעסטעט. פאַר׳ן קייזער בין איך אַ רעטער פון פאָטערלאַנד, פאַר׳ן זוהן — אַ פאָטערמערדער. זייט געזונד. און זאָל גאָט שיקען זיין ברכה רוסלאַנד און אייך, דעם ערדישען גאָט פון רוסלאַנד. און זאָל דער כבוד פון לאַנד אייביג שטראַהלען.

„...איצט וועלען מיר זעהן, ווער איז אַלעקסאַנדער — אַ טראָן-מערדער אָדער אַ זוהן פון פאָטערלאַנד, וואָס איז פעהיג אויף אַ גרויסען קרבן?...״ זענען דעם קייזער געקומען אויפ׳ן זכרון די ווערטער פון אַן׳אַנדער בריף; דער מחבר פון דעמדאָ-זיגען בריף, דער ליפלענדישער אַדעלמאַן פאָן-בעק איז פאַר די-דאָזיגע ווערטער אַריינגעזעצט געוואָרען אין שליסעלבורגער פע-סטונג, וואו ער איז אַראָב פון זינען.

אָבער דער קייזער האָט זיך אויך דערמאָהנט, ווי ער איז אַמאָל אַליין אַראָב פון זינען. דאָס איז געווען אין מאָסקווע בשעת דער קרוינונג; דעמאָלט פלעגט ער זיצען גאַנצע טעג פער-שפאַרט אין אַ צימער, די אויגען אויסגעשטעלט אין איין פינטעל אַריין, פונקט ווי ער זיצט עפּעטער אַצינד, אָהן שום מחשבות, און געפיהלט האָט ער, ווי עס רוקט זיך אָן דער שרעק פון משוגעת, אַ פחדנ׳ישער, חיה׳שער העסליכער שרעק, פון וועלכען עס ווערט קאַלט און די געדערם דרעהען זיך איבער. דערנאָך איז עס אַדורכגעגאַנגען. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין אַדורכגעגאַנגען אויף שטענדיג. אָבער אָט הויבט זיך עס אָן ווייזען צוריק.

גראַף פּאַלען, דער אָנפיהרער פון די פערשווערער, וואָס וואוינט שוין דרייאונצוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד אין זיין קורלענ-דישען גוט עקוי, פלעגט זאָגען מיט אַ רוהיגען פערשטאַנד, בשעת עס פלעגט קומען צו רייד וועגען 11-טען מערץ: „וואָס-וואָס,

דערפאַר אָבער וועל איך קאָנען געבען אַנ׳ענטפער פאַר גאָט !״
— אַזוי זאָגט ער, אָבער אַלע יאָהר אין דערדאָזיגער נאַכט טרינקט
ער זיך אָן טויט-שכור.

זאָל ער אפשר אַראָבנעהמען אַ ביישפּיעל פון איהם און
אַזוי אַדורכטרייבען די נאַכט?

ער איז אַוועק צוריק אין שלאָפצימער, וואו ער האָט גע-
נומען אַ לאָגעלע מיט אָפּיום; דערפון האָט ער אַראָבגעגאָסען
עטליכע טראָפּענס אין אַ בעכערל וואַסער און זיך ווידער גע-
לעגט אין בעט אַריין.

ווידער קולות, קולות און טריט פון לויפענדיגע מענשען
איבער די הילכיגע קאָרידאָרען און טרעפּ און זיי דערנעהנטערן
זיך: אָט-אָט וועט מען זיך אַריינרייסען, ווי אין יענער שרעק-
ליכער נאַכט. און אויפ׳ן לינקען שלייף פונ׳ם געלב-וועקסענעם
יתום׳דיג פנימ׳ל וואַקסט דער קליינער שוואַרצער פלעק, וואַקסט,
ווערט ברייטער און פערטיעפט זיך, ווי אַ שוואַרצער תהום, וואו-
הין ער וועט אַריינפאַלען.

און אין דער אייגענער צייט האָט דורכגעשלייכט אַ פרוי
דורך די טונקעלע זאַלען פון פּאַלאַץ, אין אַ גרויען קלייד, אין
אַ גרויען טיכעל, עהנליך צו אַ סטאַטוע פון אַ פאַרצייטיגער קלאָג-
פרוי אָדער צו אַ דענקמאָל אויף אַ קבר. אין איהרע בעוועגונגען
האָט זיך געזעהן דאָס, וואָס זי פלעגט אַליין זאָגען איבער זיך:
„מיין גאַנץ לעבען גנב׳ע איך מיך אַרום ביי אַ וואַנד.״ און איצט
האָט זי אויך דורכגעשלייכט ביי דער וואַנד, ווי אַ גנב, וואָס
האָט מורא, מען זאָל איהם נישט כאַפּען, אָדער ווי אַ נשמה,
וואָס האָט קיין תקומה נישט.

ביי דער טהיר, וואָס פיהרט צו די קייזערליכע צימערן,
האָבען די צוויי וואַכלייט איהר סאַלוטירט. דער יונגער אָפיציר,
וואָס האָט געדרעמעלט אין לעהנשטוהל, האָט קוים בעוויזען אויפ-
צושפּרינגען; ער האָט איהר סאַלוטירט מיט׳ן בלויזען שווערד,
און אַז זי איז אַדורכגעגאַנגען, דאָס געזיכט בעדעקט מיט אַ טי-
כעל, האָט ער איהר נאָכגעקוקט מיט יראה און רחמנות: ער
האָט דערקאָנט די קייזערין יעליזאַוועטאַ אַלעקסעיעוונאַ. קראַנ-

קערהייד האָט דער קייזער געפאָדערט, זי זאָל נישט אָפּטרעטען פון איהם, אָבער אַז ער איז געזונד געוואָרען, איז זי איהם שוין נישט נויטיג געוועזן. און אַזוי איז שוין שטענדיג: אין אַ צער—מיט איהם, אָהן אַ צער—אַליין. אַריינגעהן זאָגען איהם אַ גוטע נאַכט—האָט זי זיך נישט דערוועגט, פלעגט זי קומען שטי־לערהייד און קושען איהם אַ שלאָפענדיגען: אַזוי איז ער איהר נעהנטער געוועזן.

אַריין אין צימער, זיך אָנגעבויגט, זיך איבערגע׳צלמ׳ט און אַ קוש געטהאָן דעם שלאָפענדיגען אין שטערן.

כאַפּען האָט אַמאָר געוואָלט
די שפּיעלענדיגע פּסיכאָ,—

איז געקומען אויפ׳ן זכרון די אָדע, וואָס דערזשאַווין האָט געווידמעט דעם פּופּצעניעהריגען יונגעל און דער פּיערצעהניעהרי־גער מיידעל צו זייער חתונה. איצט האָט די אַלטע פּסיכאָ גע־קושט דעם פליכעוואַטען אַמאָר.

און פון דאָסניי איז זי אַוועק צוריק איבער די טונקעלע זאַלען און ביי דער וואַנד איז זי געגאַנגען, פּונקט ווי אַ גנב, וואָס האָט מורא, מען זאָל איהם נישט כאַפּען אָדער ווי אַ נשמה וואָס האָט קיין תקומה נישט.

ערשטעס קאַפּיטעל.

איצט האַנדעלט זיך וועגען איין זאַך: זאָל רוס-לאַנד זיין אָדער נישט זיין!

—אַזאַ, ווי עס איז היינט, מוז עס אונ-טערגעהן אינגאַנצען!

—אַך, ווי אַלץ איז ביי אונז העסליך, מען וועט שוין באַלד גאָרנישט קאָנען אויסהאַלטען!

—שוין לאַנג איז דער דעוויז פון יעדען רוס: וואס ער-גער, אַלץ בעסער!

—אָט, מיר ווילען מאַכען אַ רעוואָלוציע, וועט אַלץ בענייט ווערען...

פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין האָט געהערט די-דאָזיגע אויסגעשרייען נאָך אין פּאָרצימער פון רילייעווס וואוינונג.

דער געוועזענער פּאָדפּאָרוטשיק קאָנדראַטי פעאָדאָראָוויטש רילייעוו, איינער פון די דירעקטאָרען פון דער געהיימער גע-זעלשאַפט, האָט געוואוינט ביי דער מאָיקע, נעבען דער בלויער בריק, אינ׳ם הויז פון דער רוסיש-אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע, וואו ער איז געוועזען אָנגעשטעלט אַלס געשעפטספיהרער. אַלע זונטאָג פלעגט ער איינאָרדנען פאַר זיינע פריינד „רוסישע פרישטיגען”. אַלץ איז געוועזען אין רוסישען סטיל: דאַמאַסטענע טישטיכער, הילצערנע לעפעל, זאַלצמעסטעלעך מיט האָהנקאַמען, געשניצטע טעלער פון האָלץ. דאָס אייגענע איז אויך געוועזען מיט די משקות און שפייזען: בראָנפען, קוואַס, קאָהרברויט, זויערע קרויט און

פּישפּיראַגען—דאָס אַלץ האָט סימבאָליזירט די רוסישע פרייהייט, „מיר בעדאַרפֿען אויסמיידען אַלץ, וואָס איז אויסלענדיש, כּדי די תּאווה צו פרעמדע זאַכען זאָל נישט קאַליע מאַכֿען דאָס גע-פיהל צום פאָטערלאַנד: נישט דער רוימישער ברוטוס, נאָר דער נאָווגאָראָדער וואַדים בעדאַרף אונז דיענען פאַר אַ סימבאָל פון בירגערליכער טוגענד”,—פלעגט ריליעוו זאָגען.

די וואוינונג איז אַ קליינטשקע, אָבער אַ געמיטליכע; די פענסטער נידעריג צום טראָטואַר און איבערגעפלאָכטען מיט הוי-כע טשוהונענע שטעקעלעך. אויף אַלץ איז קענטיג די האַנד פון דער גוטער בעל-הבית'טע. אויף די פענסטער הענגען שניי-ווייסע פאָרהענגלעך פון טול; דערביי—בלומענטעפּ און אונטער אַ פער-שוויצטען גלאָז—אַ ציטרין, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון אַ פער-זייהטען קערנדעל; אַ שטייגעל מיט קאַנאַרקעס; די פּאָדלאָגע שמעקט מיט פריש-אויסגעשמירטען וואַקס און בעשפּריית מיט טרעטערס פון היימישער אויסאַרבייטונג; הייליגע בילדער מיט לעמפּלעך און מיט פּסח'דיגע אייער.

די זון האָט געשלאָגען גלייך אין די פענסטער אַריין און געוואָרפען אויף דער פּאָדלאָגע קרומע ליכטיגע פיער-עקען מיט אַ שאָטען פון די גראָבע פענסטער-ראַמען, ענליך צו די ראַהמען פון אַ טורמע. די קאַנאַרקעס האָבען זיך הויך צוגאָסען. און עס האָט זיך געדאַכֿט, אַז דאָס אַלץ קומט-פאָר נישט אין פּעטערבורג, נאָר ערגעץ אין אַ פערוואָרפען שטעדטעלע, אין אַ הילצערן היי-זעל: אַלץ זעהט-אויס עפּיס אַזוי איינפאַך, פרעהליך, אונשולדיג, ווי צו אַ געבורטסטאָג אָדער צו אַ חתונה.

פאַרהאַן אַ היבש ביסעל געסט—אַלץ מיטגלידער פון דער געהיימער געזעלשאַפט. מען זיצט, מען שטעהט, מען געהט-אַרום, מען שמועסט, מען בייסט-צו און מען רויכערט. אָבצופרישען די לופט, האָט מען געעפענט אַ פערטעלע אין פענסטער: פון גאַס האָבען זיך אַריינגעריסען די ערשטע קלאַנגען פון דראָזשקעס, דאָס געפּלוידער פון פאַלענדיגע דאַך-טראָפּענס און דאָס קלינגען פון קלויסטער.

שוין אַ חדש צייט ווי גאָליצין איז אָנגענומען געוואָרען אין

דער געזעלשאַפט, אָבער אויף די פערזאַמלונגען פלעגט ער כמעט נישט זיין. סאָפיע איז שווער קראַנק געוואָרען נאָכ׳ן שמועס מיט איהם אויף וויעלגאָרסקיס קאָנצערט. גאַנצע טעג האָט ער פערבראַכט ביי די נאַרישקינס אין צער און אין אונרוהיגקייט: ער האָט געהאַלטען, אַז ער איז שולדיג אין איהר קראַנקהייט. אָבער דערפאַר איז געווען שטאַרקער די שמחה פון געזונד-ווערען: נעכטען האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז עס איז שוין נישטאָ קיין סכנה.

גאָליצין האָט בעשלאָסען צו בעזוכען רילייעוו׳ן, וואוהין טרובעצקאָי האָט איהם שוין לאַנג גערופען.

—נו, וואָס, די נעוואַ האָט זיך נאָך גאָרנישט געריהרט?— האָט עמיצער אַ זאָג געטהאָן אין מיטען שווייגען, וואָס איז אַריינגעטראָטען, בשעת ער איז אַריין מיט טרובעצקאָי׳ן.

—ניין, אָבער זי וועט זיך מסתמא באַלד ריהרען: דער אייז איז טונקעל געוואָרען; עס געהען גרויסע קריעס אייז און מען האָט אַראָבגענומען די בריקען.

און אין דידאָזיגע ווערטער, ווי אין יענע, וואָס ער האָט געהערט ביים אַריינגעהן: „אָט, מיר וועלען מאַכען אַ רעוואָלוציע, וועט אַלץ בענייט ווערען״,—האָט ער אויך געשפירט עפּיס פרעהליכעס און פריהלינגדיגעס.

נייגיריג האָט ער אַריינגעקוקט אין די געזיכטער אַריין: זיי זענען גאָרנישט עהנליך צו פערשווערער; אַלץ יונגע, פרעהליכע און פריהלינגדיגע. „ליעבע קינדער״, האָט ער אַ טראַכט געטהאָן. און ווי אַ שכור׳ן ווייזט-אויס, אַז אַלע זענען שכור, אַזוי האָט זיך איהם, דעם גליקליכען, געדאַכט, אַז אַלע זענען גליקליך.

טרובעצקאָי האָט איהם בעקאַנט מיט רילייעוו׳ן.

דאָס פנים, ווי ביי אַ יונגעל, שוואַרצ׳חנ׳עוודיג, מאָגער, מיט אַרויסגעשטופּטע קינבאַקען; דינע, חוזק-העזה׳דיגע ליפּען; גרויסע שענע אויגען, רוהיג-אומעטיגע, אָבער אין אַ מאָמענט פון ליידענשאַפט צינדען זיי זיך אָן מיט אַזאַ פייער, אַז עס ווערט נישט היימליך פון זיי. אָנגעטהאָן, ווי אַ פראַנט, נאָר עטוואָס אָהן געשמאַק; אַ פלוימענפאַרביגער פראַק, גענייהט, אפנים, ביי

אַנ'אויסלענדישען שניידער, וואָס האָט זיך אָנגעגעבען פאַר אַ רוסישען; אַ צו-שרייענפאַרביגער זשילעט מיט גאָלדענע קנעפלעך און איינגע מאַנזשעטען מיט שפּיצען. און אין איהם אַליין, ווי אין דער וואוינונג, איז אויך פאַרהאַן עפּיס פשוט'עס, פרעהליך-געמיטליכעס, אונשולדיגעס, ווי פון אַ געבורטסטאָג אָדער פון גאָך אַ חתונה. דאָס ווייסע באַטיסטענע האַלזבענדעל איז זעהר גוט אויסגעבונדען, אפנים, דאָס ווייב האָט אויסגעבונדען און דער-ביי אַ קניפּ געטהאָן אין בעקעל אַריין און געזאָגט מיט ליעבע: „אַך, דו יונגעלע מיינס, שטיפערל!" די האָהר זענען גלאַט צו-געקאַמט און צוגעשמירט מיט פּאָמאַדע; בלויז אויף דער פּאַטיל-ניצע שטעקט אַ טשופּיק האָהר און וויל זיך נישט אונטערגעבען — אַ שטיפעריש יונגעל, אפנים, מאַכט זיך פאַר אַ שטילינקען.

— און איך געדענק איך, פירשט, נאָך פון דער לאָזשע פון פלאַמענדיגען שטערען און נאָך פריהער פון פיערצעהנטען יאָהר אין פּאַריז, — האָט ריליעוו געזאָגט גאָליצינ'ען. איהר האָט, דאַכט זיך, געדיענט אין פּרעאָבראַזשענסקען פּאָלק, און איך אַלס פּאָד-פּאָרוטשיק אין דער ערשטער רייטער-ראָטע אין דער אַרטילערי-שער בריגאַדע.

— יאָ, אָבער איהר האָט זיך זעהר געענדערט, און איך וואָלט אייך גאָרנישט דערקאָנט, — האָט גאָליצין געזאָגט. ער האָט איהם לחלוטין נישט געדענקט.

— נו, געוויס, צעהן יאָהר צייט! נאָך גאָר קינדער געווען דעמאָלט...

„און איצט נאָך אויך קינדער", האָט גאָליצין אַ טראַכט געטהאָן.

— רוסישע קינדער האָבען גענומען פּאַריז, בעפרייט אייראָפּאַ, וועלען זיי מיט גאָטס הילף אויך רוסלאַנד בעפרייען, — האָט ריליעוו, אַ בעגייסטערטער, געשמייכעלט און נאָכמעהר ענ-ליך געוואָרען צו אַ קליינינקען יונגעלע.

— און איהר זענט ביי אונז דער צעהנטער פירשט אין דער געזעלשאַפט, — האָט ער צוגעגעבען מיט יענעם ליעבען שמייכעל, וואָס איז אַלץ מעהר געפעלען געוואָרען גאָליצינ'ען. — [illegible]

גאַנצע רעוואָלוציע וועט זיין אַנ׳אויפשטאַנד פון וואַריאַגען-בלוט געגען דייטשישען בלוט, פון די רוריקס געגען די ראָמאַנאָווס.

—נו, וואָס זענען מיר פאַר אַ רוריקס! פאַרהאַן אַזויפיעל, גאָליצינס, ווי הינד אין גאַס—ווי איוואַנאָווס...

—אָבער פונדעסטוועגען אַ פירשט און אַ קאַמעריונקער,—האָט רילייעוו געזאָגט מיט עפּיס אַ צודרינגליכער אָפּענהערציג-קייט, ווי אַ חדר-יונגעל מיט אַ חדר-יונגעל.—מענשען מיט אַ העכערער שטעלונג זענען אונז זעהר נויטיג.

—אָבער די שטעלונג טויג אויף כּפּרות: אַראַקטשייעוו האָט מיר נישט לאַנג געמאַכט אַנ׳אויסרייד: איך וויל מיך אָנגעבען אין דימיסיע...

—פאַר קיין אופן נישט, פירשט! ווי אַזוי קאָן מען דאָס, איך בעט אייך! מיר האָבען אַזאַ כּלל: דעם פּאָסטען זאָלסטו פאַר קיין אופן אין דער וועלט נישט אַוועקלאָזען, כּדי מיר זאָלען האָבען אין אונזערע הענד אַלע וויכטיגע פּאָסטענס—סיי מיליטערישע און סיי ציווילע. און דאָס, וואָס איהר האָט אַ צוטריט צום הויף, האָט אויך אַ גרויסען ווערט. וועט איהר עפּיס דאָרט דערהערען, וועט איהר אונז מיטטיילען. אָט איז פּעדיע גלינקעלע—אַזוי רופען מיר גלינקאַ׳ן—אַ פּערוואַלטער איבער דעם גענעראַל-גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, אינפאָרמירט ער אונז וועגען אַלע מיטטיילונגען פון דער געהיים-פּאָליציי און טאַקי דורכדעם ראַטעווען מיר זיך...

—אָבער איך ווייס נאָך גאָרנישט, צי איך בין אָנגענומען געוואָרען אין דער געזעלשאַפט,—האָט דעם פירשט פערוואונדערט די אָפּענהערציגקייט, מיט וועלכער רילייעוו האָט איהם געוואָלט מאַכען פאַר זיין שפּיאָן,—בעדאַרף מען דען נישט געבען עפּיס אַ וואָרט, אַ שבועה, צי וואָס?

—מען בעדאַרף גאָרנישט. אַמאָל פלעגט מען זיך שווערען מיט׳ן עוואַנגעליום און שווערד; בלויז אַ קאָמעדיע געווען, אַ שטייגער, ווי די מאַסאָנישע נאַרישקייטען, היינט איז עס פּשוט׳ער. ווילט איהר, איז שוין: גיט איהר אַ וואָרט, אַז איהר וועט זיין אַ טרייער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט?

—איך גיב.

—נו, אָט איז געענדיגט!—האָט איהם ריליעוו פעסט געדריקט די האַנד.

—וואָס איז שייך צו אייער פירשטענטיטעל, בעדאַרפט איהר נישט מיינען, אַז איך האָב עס געזאָגט פון גאוה... איך שטאַם אפילו אַליין אויך פון אַדעל, אָבער אין דער נשמה בין איך אַ פּלעבייער. נישט אומזיסט האָט מיך געטויפט אַן׳אַלטער סאָלדאַט, אַ שלעפער און אַ בעטלער. און איך הייס טאַקי מיט אַ פוירשען נאָמען, ווי דער אַלטער סאָלדאַט—קאָנדראַטי הייס איך. דערפאַר אפשר האָב איך אַזוי ליעב דאָס פשוט׳ע פאָלק.

מען האָט זיך צוגעהערט צו דעם אַלגעמיינעם שמועס.

—ביי היינטיגען טאָג מוז יעדער דיכטער זיין אונבעדינגט אַ ראָמאַנטיקער; ראָמאַנטיזם איז די רעוואָלוציע אין דער ליטעראַטור,—האָט געזאָגט אַלעקסאַנדער בעסטוזשעוו, אַ דראַגונישער אָפיציר, אַ יונגערמאַן מיט יענעם געוועהנליכען אָנגענעהמען געזיכט, וועגען וועלכען חברים זאָגען: „אַ וואוילער יונג״ און מיידלעך אויף נעווסקי פּראָספּעקט: „אַך, אַ מחיה׳דיגער אָפיציר!״ אויך געווען עהנליך צו אַ יונגעל: מיט אַ צופרידענער מינע פלעגט ער אָנטאַפּען דעם שוואַרצען פוך אויף דער איבערשטער ליפּ, פונקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען, צי עס וואַקסען וואָנסען און פלעגט ריידען זיס און בעגייסטערט.

—דער אונפערגלייכליכער בייראָן—אָט ווער עס איז באמת אַ ראָמאַנטיקער! זיין פּאָעזיע איז גלייך צו עאָלס האַרפּע, אויף וועלכער עס שפּיעלט דער שטורם...

—ראָמאַנטיזם איז די שטרעבונג פונ׳ם מענשליכען אונענדליכען גייסט זיך אויסצוגיסען אין אַן׳ענדליכער פאָרם!—האָט אויסגעשריען אַ יונגערמאַן, ציוויל געקליידט; דאָס איז געווען דער קאָלעגיענראַט וויללהעלם קאַרלאָוויטש קיכעלבעקער, אָדער פשוט קיכעל, אַ רוסישער דייטש, אַ בלאָנדהאָהריגער, אַ לאַנגגעוויקסיגער, מיט אַרויסגעשטעקטע אויגען, עהנליך צו אַ שפּין. זיין קרום געזיכט האָט אויסגעזעהן עטוואָס משוגע. אָבער אַז מען האָט זיך צו איהם בעסער צוגעקוקט, איז עס געווען אונגעוועהנליך מילד.

—דאָס שענע איז דער אויפגאַנג פון אמת און דער אמת איז אַ שטראַהל פון גאָט אויף דער ערד, און איך אַליין בין אייביג!—האָט ער בעגייסטערט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און אומגעוואָרפען אַ גלאָז: ער איז געווען קורצזיכטיג און צוזייהט, נאָכאַנאַנד זיך אָנגעשטויסען אַן עפּיס און נאָכאַנאַנד פערלאָרען פון די הענד.

מען האָט זיך גענומען שפּאַרען וועגען פּושקינ׳ען. די קאַנאַרקעס האָבען זיך שטאַרק צוזונגען, פּונקט ווי זיי וואָלטען געוואָלט איבערשרייען די־יעניגע, וואָס שפּאַרען זיך. מען האָט בעדאַרפט פערהענגען דאָס שטייגעל, זיי זאָלען אַנטשוויגען ווערען.

—פּושקין איז געפאַלען, ווייל ער האָט נישט דערגרייכט די ריכטיגע פערווענדונג פון זיין טאַלענט און האָט איהם פערבּרויכט נישט דאָרט, וואו מען האָט בעדאַרפט,—האָט זיך בעסטוזשעוו אָנגערופען און צופרידען אָנגעטאַפּט די וואָנסעלעך.

—בּולגאַרין איז דיר טייערער?—האָט פּירשט אָדאָיעווסקי אַ שמייכעל געטהאָן; דאָס איז געווען אַ קאָרנעט פון גוואַרדיע, זעהר אַ שען יונגעל, עהנליך צו אַ מיידעלע, אַ פריהליכער, אַ לוסטיגער, וואָס האָט ליעב געהאַט זיך צו רייצען מיט בעסטוזשעוו׳ן און מיט די אַלע, וואָס האָבען גערעדט מליצה׳דיג.

—און וואָס מיינסטו?—האָט בעסטוזשעוו געענטפערט.—בּולגאַרין ווייס אַלעמאָל ווי זיך צו האַלטען. איהר וועט נאָך זעהן, זיין איוואַן וויזשיגין וועט גילטען פאַר אַ דענקמאָל פון דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור... אָבער אונזער פּושקין איז בלויז אַ ליעבע סירענע, אַ חנ׳עוודיגער מכשף און נישט מעהר. געוואָרען, זאָגט מען, אַנ׳אַריסטאָקראַט, האַלט זיך זעהר גרויס מיט זיין אַלטער זעקסהונדערטיעהריגער אַדעל-פאַמיליע; אַ קליינישקע נאָכאַמונג פון בייראָנ׳ען. מיר לאַכט זיך דערפון. קיין שכל איז נישטאָ—אָט וואו די צרה ליעגט. „די פּאָעזיע, זאָל מיר גאָט מוחל-זיין, בעדאַרף זיין, נאַרישליך"—מסתמא וועגען זיך אַזוי געזאָגט... אַריינגעגאַנגען צו איהם איינמאָל אַ חבר: „פּושקין איז אין דערהיים?"—„זיי רוהען אָב."—„מסתמא אַ גאַנצע נאַכט געאַרבּייט?"—„געוויס געאַרבּייט! אין קאָרטען געשפּיעלט!"

—טאַלענט איז גאָרנישט, די הויפּטזאַך איז די הויכע מדרגה פון געגרעכטיגקייט,—האָט קיבעל, וואָס האָט זעהר ליעב געהאַט פּושקינ׳ען, זיין ליצייִ-חבר, טריב צוגעשטימט.

—„זיי אַ דיכטער און אַ בירגער !״—האָט בעסטוזשעוו גע־מאַכט אַ סוף פון פּושקינ׳ען מיט דער הילף פון ריליייעווס אַ ליעד.— דער געגענשטאַנד פון פּאָעזיע בעדאַרף זיין—ברענגען נוצען דער וועלט און אויפפלאַמען אין די יונגע הערצער דעם חשק צו טהאָן גוטס פאַר דער געזעלשאַפט...

אָדאָיעווסקי האָט געמאַכט אַ תנועה, פּונקט ווי ער וואָלט דערשפּירט אַ שווערען ריח און זיך געשטעלט געגען זיין געגנער מיט דער העזה פון אַ חדר־יונגעל:

—ווייסטו, בעסטוזשעוו, וואָס פּושקין האָט געזאָגט זיין ברודער ליאָוואושקע׳ן ?

—ליאָוואושקע׳ן דעם שכור ?

—טאַקי דעם אייגענעם. די גאַנצע פּאָליטיק איז אַנ׳עניך אָר פאַר כאַמעס.

—הייסט עס, אַז מיר זענען אויך כאַמעס, וואָרום מיר בעשעפטיגען זיך דאָך אויך מיט פּאָליטיק ?

—כאַמעס זענען די אַלע, וואָס זענען מבזה דאָס הויכע און דאָס שענע !—האָט אָדאָיעווסקי אַ גלאַנץ געטהאָן אויף איהם מיט די אויגען, און אין דערדאָזיגער מינוט איז ער געווען אַזוי שען, אַז גאַליצין האָט איהם געוואָלט אויסקושען אַלע גלידער.

—וואָס איז העכער פון אַלגעמיינעם גליק ?—האָט בעסטו־זשעוו, זיכער אין זיך, אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען.—און וואָס קריכסטו אויף די ווענד ? וואָס איז, פּושקין איז אַ הייליגער, אַ נביא איז ער ?

—איך ווייס נישט, צי אַ נביא,—האָט זיך אַריינגעמישט אַ נייער, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען און געשוויגען—איך ווייס אָבער, אַז די אַלע היינטיגע שרייבער זענען נישט ווערט זיין מינדסטען נאָגעל...

מיט׳ן איינפּאַכען און שטילען געזיכט, מיט די פּשוט׳ע און שטילע ווערטער, איז איוואַן איוואַנאָוויטש פּושטשין אויסגעקומע

צווישען דידאָזיגע היציגע יונגלעך, ווי אַ גרויסער צווישען קינ־דער. אויך געווען פּושקינס אַ ליצײ-חבר. ער האָט אַוועקגעוואָר־פען דאָס גלאַנצפולע דיענסט אין דעם גוואַרדיען-פאָלק, צו ווע־רען אַ פּשוט׳ער גובערניע-ריכטער, וואָרום ער האָט געגלויבט, אַז די קליינע ענינים זענען אַזוי וויכטיג, ווי די גרויסע און אַז ביי דער סאַמע קלענסטער שטעלע קאָן מען זיין זעהר אַ גוטער ביר־גער. אין זיין פשטות און שטילקייט האָט גאָליצין געפיהלט עפּיס אַזוינס, וואָס איז נישט עהנליך צו די איבעריגע, עפּיס אַזוינס, וואָס איז נישט בעגייסטערט, נאָר וואָהרהאַפטיג, עפּיס פון פּוש־קינ׳ען. אפילו די עהנליכקייט פון די פאַמיליע-נעמען איז אויך אַזוי ווי נישט צופעליג: פּושטשין—פּושקין

—מיר ריידען דאָך אַלע וועגען אַרבייט, אָבער ער האָט געטהאָן,—האָט איוואַן איוואַנאָוויטש שטיל און פּשוט געזאָגט, אָבער אַלע האָבען זיך נישט-ווילענדיג צוגעהערט

—אָבער וואָס האָט ער געטהאָן?—איז שוין בעסטוושעוו אין כעס געוואָרען.—מען רעדט נאָר פּושקין און פּושקין. מעהר ווי ער איז שוין גאָר קיינער נישטאָ. אָבער וואָס האָט ער אַזוינס געטהאָן, זאָגט, איך בעט אייך

—וואָס האָט ער געטהאָן? ער האָט אונז אויסגעלערנט זאָ־גען דעם אמת...

—וואָסער אמת?

—אָט דעם אמת.

און אויך אַזוי פּשוט און שטיל האָט ער דורכגעלייענט דעם שמועס צווישען טאַטיאַנע׳ן און דער ניאַנע אין דעם נאָר־וואָס אָנגעהויבענעם דריטען קאַפּיטעל פון „אָנעגין”.

אַז ער האָט געענדיגט, זענען אַלע אַנטשוויגען געוואָרען, פונקט ווי די קאַנאַרקעס אונטער׳ן טיכעל

—ווי שען!—האָט אָדאָיעווסקי אַרויסגעמורמעלט.

—יאָ, דער פערז איז גלאַט און געפיהל אַ סך, אָבער וואָס איז דאָ אַזוינס?—האָט אפילו בעסטוזשעוו אָנגעהויבען, אָבער נישט בעענדיגט: אַלע האָבען אויף איהם שווייגענדיג אַ קוק געטהאָן

אַזוי, אַז ער איז אויך אַנטשוויגען געוואָרען און האָט נאָר מיט פֿעראַכטונג אָנגעטאַפּט די וואָנסען.

דאָס גאַסטצימער האָט זיך געגרענצט מיט'ן עסצימער און דערביי איז אויך געווען דאָס שלאָפֿצימער, אָבגעצוימט מיט אַ דין ווענדטעל. ווי אין אַלע נישט רייכע גאַסטצימערן, האָט זיך דאָ אויך געפֿונען אַ קאַנאַפּע מיט אויסגענייהטע קישעלען, אַ קיילעכיגער טיש מיט אַנ'אויסגעהאָפּטען טישטוך, אַ לענגליכער וואַנדשפּיגעל, אַ שלעכטע ליטאָגראַפֿיע פֿון נעאַפּאָל מיט'ן פֿייער-שפּייענדיגען באַרג וועזובי, אַ לייכטער פֿון קריסטאָל מיט וועקסע-נע ליכט, אויף דער פּאָדלאָגע אַ טעפּיך מיט אַ מאָר און אַ טיגער. ביים פֿענסטער אַ רעמעל מיט אַנ'אָנגעצויגענער שטריקעריי: אַ בלויע וועווערקע מיט אַנ'אויסגעבויגען רוקענדעל, ווי אַ טרע-פֿעלע; אַ קלאַוויר מיט אָפֿענע נאָטען פֿון אַ ראָמאַנס.

דו האָסט די ערטער מיר בעצירט:
איך פֿלעג פֿערברענגען דאָרט אַמאָל,
און דיין פֿער'כשופֿ'ט-זיסער בליק
האָט מיר געגעבען פֿרייד אָהן צאָהל

ען ברענט דאָ רויכער-סמאָלע, אָבער די קרויט און זשו-קאָווס טאַבאַק פֿון עסצימער האָבען פֿערטריבען דעם ריח פֿון סמאָלע.

נאַטאַלי מיכאַילאָוונע, ריליייעווס ווייב איז נאָך גאָר אַ יונגע און אַ חנ'עוודיגע פֿרוי; זי האַלט זיך עטוואָס אָנגעצויגען און דערמאָהנט אָן אַנ'אינסטיטוט-שילערין אָדער אָן אַ טאָכטער פֿון אַ פּאָפּ. און אויך פֿון איהר, ווי פֿון מאַן, האָט זיך געדאַכט, שמעקט דער רעזעדאַ-ריח פֿון אַ געבורטסטאָג אָדער פֿון נאָר-וואָס חתונה-געהאַטע. דאָס קליידעל איז פֿון היימישער אַרבייט, אָבער דער שניט איז מאָדערן. אויפ'ן האַלז אַ געשטריקט שאַר-פֿעל אויפ'ן שטייגער פֿון טרו-טרו, געקויפֿט, אפֿנים ביליג אין דער טוראָוור ליניע. די פֿריזור איז אויך אַ מאָדישע, אָבער זי פּאַסט זיך נישט צום פּנים—לאַנגע הענגענדיגע בוקליעס אַרום די אויערן. הייסט נאַטאַלי אָנשטאָט נאַטאַשע. אָבער לויט די הענד—אַ בעל-הבית'טע, לויט די אויגען—אַ גוטע מוטער

גאַליצין, פושטשין און אָדאָיעווסקי זענען איבערגעגאַנגען אין גאַסטצימער. דאָ האָט נאַטאַליע מיכאַילאָווגע געלייענט בול-גאַרינס ליטעראַריש בלעטעל און זיך געריוועלט פון פאַמיליען-גאוה:

„די אַרויסגעבער האָבן געהאַט דאָס גליק אונטערצוטראָגען צו איין עקזעמפלאַר פון דעם „פּאָלאַר-שטערען" זייערע קייזערליכע מאַיעסטעטען, דיביידע קייזערינס, און זענען דערפאַר בעלוינט געוואָרען מיט דער אַלערהעכסטער אויפמערקזאַמקייט: קאָנדראַטי פעאָדאָראָוויטש רילייעוו האָט בעקומען צוויי בריליאַנטענע רינגע-לעך און אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש בעסטוזשעוו—אַ גאָלדען טאַבאַק-פושקעלע פון וואונדערשענער אַרבייט."

—נו, וואָס קאָן מען זיך ווינשען נאָך?—האָט פושטשין געשמייכעלט.—אַמאָל פלעגט טרעדיאַקאָווסקי אונטערטראָגען דער קייזערין אַנ'אָדע און געהן פון דער טהיר צום טראָן אויף די קניה, און היינט טראָגען אונז אונטער מתנה'לעך די קייזערינס אַליין.

נאַטאַשע האָט נישט פערשטאַנען, זי איז נאָך רויטער גע-וואָרען, האָט נישט אויסגעהאַלטען, געבראַכט דעם פוטליאַר מיט די פינגערלעך, זיך בעריהמט און גלייכצייטיג געקלאָגט:

—אַטיע איז אַזאַ מאָדנער מענש, כלעבען! וויל בשום אופן נישט טראָגען, און וואָס פאַר בריליאַנטען דאָס זענען!—האָט זי זיך געקוויקט מיט'ן שטראַהלען-שפיעל פון די שטיינער.

—פאַר אַ רעפובליקאַנער פאַסט עס נישט, האַ?—האָט זיך פושטשין געוויצעלט.

—פאַרוואָס? איך בין אַליין אַ רעפובליקאַנערין, און פונ-דעסטוועגען פערגעטער איך די קייזערליכע פאַמיליע, בעזונדערס די קייזערינס. אַזוינע גוטע, וואוילע, בנאמנות...

—אַ רעפובליק מיט אַ קייזערליכער פאַמיליע?

—נו, איז וואָס?—האָט נאַטאַליע אויפגעהויבען די ברעמען מיט קינדערשער נאַאיוּוקייט.—אפילו קאָנדראַטי פעאָדאָראָוויטש זאָגט: אַ רעפובליק מיט אַ קייזער, אָנשטאָט אַ פרעזידענט, ווי איז די צפון-אַמעריקאַנישע שטאַטען.

—נאַטאַליע רייד נישט קיין נאַרישקייטען!—האָט ריליייעוו אָנגעשריען פון ווייטען.

אין גאַסטצימער האָט מען זיך געאַמפּערט איבער דעם טאָ-פּעלען פּאַלאַטע-סיסטעם, וועגען דירעקטע און נישט-דירעקטע וואַהלען אין דעם קינפטיגען רוסישען פּאַרלאַמענט.

ווילייעוו האָט עפּיס גע'טענה'ט, געשריען און געקלאַפּט מיט די פויסטען אָן טיש.

—נו, אָט איז דיר שוין ווידער! אַך, סאַראַ שלעכטער!—האָט איהם נאַטאַליע אָנגעקוקט מיט חוזק'דיגער צערטליכקייט.—אַנומעלט האָט ער זיך אויך אַזוי צואַמפּערט, צושריען און גע-קלאַפּט אין טיש, גאָרנישט געוואָלט הערען, וואָס מען רעדט צו איהם און איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען אָהן אַ היטעל. אַנ'-אומגליק מיט איהם!

—וועגען וואָס שמועסט מען? וועגען אַ רעפּובליק מיט אַ קייזערליכער פאַמיליע?

—איך געדענק שוין נישט, כלעבען. נאַרישקייטען. קיין אויסגעבלאָזענע איי נישט ווערט, און ער קאָכט זיך.

פּושטשינס שמייכעל איז געוואָרען אַ גוטער און אַ טרוי-עריגער.

—נו, וואָס, נאַסטיעלע הוסט נאָך אַלץ?

—ניין, גאָט צו דאַנקען, אַריבער. אָבער מיר האָבען זיך ראָס געשראָקען אַ ביסעל. מען זאָגט, אַז אין שטאָדט געהט-אַרום קאָקלוש. היינט אַרויס שפּאַצירען. טראָפּים האָט צוגעזאָגט צו שיקען פון דאָרף אַ לעבעדיג העזעל. מיר קאָנען זיך גאָרנישט דערוואַרטען—האָט שוין געענטפערט נישט די לייכטזיניגע נאַטאַ-ליע, נאָר די קלוגע און גוטע נאַטאַשע

אין אַ בעזונדער ווינקעלע האָט זיך געשמועסט אַ פּאָרל: דער קאַפּיטאַן יאַקובאָוויטש און דאָס פריילין טעליאַשאָוואַ גלאַ-פירע ניקיטישנע—נאַטאַשעס אַ שוועסטערקינד, אַ טשוכלאָמער מיידעל, וואָס איז געקומען קיין פּעטערבורג צו גאַסט און פאַר-איינוועגס אפשר טהאָן עפּיס אַ שידוך.

יאַקובאָוויטש, דער „העלדישער קאַווקאַזער", איז געוועזען

פערוואונדעט אין קאָפּ; די וואונד איז שוין לאַנג פערהיילט געוואָרען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ אַ שוואַרצען בינט און געפּראַנטעוועט דערמיט, ווי מיט אַנ׳אָרדענלענטע. ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ מענשען, וואָס קאָן זעהר לייכט נעהמען אַ פרויען-האַרץ און האָט זיך עפּטער דועלירט. פאַר אַ דועל איז ער פערשיקט געוואָרען קיין קאַווקאַז. דאָס פּנים בלאַס און נישט היימליך, מיט אַ צייכען פון בייראָניזם, הגם ער האָט בייראָנ׳ען קיינמאל נישט געלייענט און, מסתמא, גאָרנישט געהערט פון איהם.

ער האָט איבערגעבלעטערט גלאַשינקיעס אַלבאָם מיט די געוועהנליכע ליעדלעך און צייכנונגען. צוויי טייבעלעך איבער אַ קבר:

מיין קאַלטען קבר וועלען
צוויי טייבעלעך דיר ווייזען.
אַנ׳אַמאָר פלאַטערט איבער אַ בלומען-בוקעט
עס לעבט די ביהן פון רויזען
און גאָט אַמאָר פון טרעהרען.

און דערביי מיט אָבגעבליאַקירטען טינט און מיט אַנ׳אַלטפרענקישען כתב: „אָ, נאַטור! אָ, פיהלבאַרקייט!"

—איהר, הערן קאַוואַלערן, האַלט אונז, פרויען, פאַר נאַראָנים,—האָט דרייסט געפלאַפּעלט דאָס מיידעל.—אָבער מיר זענען קליגער פון אייך: דער מאַנסביל וועט דאָס גאַנצע לעבען נישט וויסען פון די אַלע ביטרע זאַכען פון אַ פרוי. אַ מאַנסביל קאָן מען דערקאָנען אין אַ חדש-צייט, אָבער אונז, פרויען, קיינמאָל נישט...

—איהר האָט רעכט, פריילין—האָט דער קאַפּיטאַן העפליך געענטפערט און בעוועגט מיט זיינע שוואַרצע וואָנסען, ווי אַ זשוק.—די גאַנצע ווייבליכע נאַטור איז אַ פיינסטער פלאָר, געוועבט פון די דינסטע פעדעמלעך, לייכטער צו געפינען דעם פילאָזאָפישען שטיין, איידער צו שטודירען אייער אונבעשטענדיג געשלעכט...

—פאַרוואָס אונבעשטענדיג? מיר קאָנען אויך ליעבען טריי. אונזער געשלעכט איז אפילו, נישט דאָס, וואָס אייערס: יעדע

פרוי בעדאַרף זיך אַרומוויקלען אַרום עמיצען, אַט ווי דערדאָזי-גער פלושטש און זי מוז האָבען עפּיס אַנ'אָנשפּאַר, אַנישט ווערט זי פערוועלקט,—האָט גלאַפּירע אָבגעזיפצט און זיס-מיד געשפּיעלט מיט איהרע קאַלמיקישע אויגעלעך און לאַנגע ברעמען, וואָס האָ-בען געלעגט אַ שאָטען אויף איהר ראָזיג-טונקעל פּנימ'ל. אַכט-אונצוואַנציג יאָהר איז זי אַלט. נאָך אַ יאָהר צי צוויי—און זי וועט אָבבליהען, אָבער דערווייל האָט זי נאָך יענעם לייכט-צוגענגליכען רייץ, וואָס איז אַזוי אויסגענומען ביי מענער.

—נו, געגוג דערמיט! דערצעהלט בעסער, קאַפּיטאַן, ווי איהר האָט זיך געשלאָגען אויף קאַווקאַז...

יאַקובאָוויטש האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען. ער האָט ליעב געהאַט צו דערצעהלען פון זיינע העלדישע מעשים. אַז מען האָט איהם געהערט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איינער האָט בעזיעגט גאַנץ קאַווקאַז.

—נו, מיין שווערד האָט טאַקי געגעסען לעבעדיג פלייש. דער איידעלער דאַמף פון בלוט האָט זיך געשפּרייט אויף זיין שאַרף! איז פון מיינער אַ קויל אַוועקגעפאַלען עפּיס אַ העלדי-שער רייטער, האָב איך מיט פערגעניגען אַריינגעשטאָכען מיין שווערד אין זיין האַרצען און דערנאָך אויסגעווישט דאָס בלוט פון שווערד מיט דעם פערדס גריווע..

—אַך, איהר זענט דאָך גאָר אַ מענש אָהן רחמנות!—ווערט גלאַשעלע פּשוט צוגאַנגען.

—פאַרוואָס אָהן רחמנות? אט ווען אַזאַ אונבעשיצט ווזען, ווי איהר...

—און דאָס איז גאָרנישט שרעקליך?—האָט זי איהם אי-בערגעשלאָגען און פערשעמט אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—שרעק, מיין פריילין, איז אַ געפיהל, וואָס איז די רוסען גאָרנישט בעקאַנט. וואָס עס וויל זיין, זאָל זיין—דאָס איז אונ-זער גלויבען. דער פייף פון אַ קויל האָט פאַר מיר וועניגער בעטרעף, ווי דאָס פייפען פון ווינד. מיין שינעל איז אין צוויי זייטען דורכגעשאָסען, מיין ביקס איז דורכגעשאָסען דורךביידע וועגדטלעך, אַ קויל האָט צובראָכען דעם שאָמפּאָל...

—און אַלע זענען אַזוינע העלדען?

—זאָגען וועגען אַ רוס, אַז ער איז אַ העלד, איז דאָס איי-גענע, ווי זאָגען, אַז ער געהט אויף צוויי פיס.

—נאָך איז יענער נישט געבוירען,
ווער עס זאָל דעם רוס בעזיעגען,

האָט די שענהייט בעשטעטיגט מיט אַ פּאַטריאָטיש ליעדעל.

אָדאָיעווסקי, וואָס איז אונבעמערקט צוגעגאַנגען הינטער'ן ווענדטעל און זיך צוגעהערט, האָט שיער נישט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער; ער האָט אַ וואונק געטהאָן גאָליצינ'ען. זיי האָבען זיך בעקאָנט און באַלד נאָהנט געוואָרען.

—און אָט דער איז אויך אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט? — האָט גאָליצין געפרעגט אָדאָיעווסקי'ן, ווען זיי זענען אבגעגאַנגען אָן אַ זייט.

—און נאָך וואָס פאַר אַ מיטגליד. ריליייעווס איינציגע האָפּ-נונג. ברוטוס און מאַראַ צוזאַמען. אונזער ערשטער טיראַנענמער-דער... נו, וואָס, ער געפעלט?

—יאָ, איהר ווייסט, ווען עס וואָלטען געווען אַ סך אַזוינע...

—נו, אַזוינע זענען, מאָלט אייך, נישט קיין סך פאַר-האַן, אָבער אַ זוינס איז אין אונז אַלעמען פאַרהאַן אַ סך. טשוכ-לאָמער בייראָניזם... און וואָס פאַר אַ ווינד האָט עס איהם גע-בראַכט אַהער, דער שווארציאָהר ווייס איהם! און דערפאַר, וואָס מען האָט איהם עפּיס אַ טשין נישט דערגעבען, עפּיס אַ קרייצ איז ער—

גרייט פון טראָן מלכים וואַרפען
און אין הימעל גאָט צורייסען,—

ווי ריליייעוו זאָגט. שלעכט איז נאָר דאָס, וואָס נישט בלויז טפשים מאַכען איהם נאָך און זענען איהם מקנא: אפילו פושקין אַליין האָט אַמאָל בעדויערט, וואָס ער האָט איהם נישט בעגעג-נט, צו שרייבען פון איהם דעם קאַווקאַזער געפאַנגענעם.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו פושטשינ'ען. אַז יענער האָט דערהערט וועגען וואָס זיי ריידען, האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן מיט זיין שטילען שמייכעל.

—יאָ, דידאָזיגע געמיינהייט איז אויך אין אונז אַלעמען פאַרהאַן. מיר אַלע זענען פלאַפּלער, מחברים, רעפּעטילאָווס: „מיר פילדערן, ברודער, מיר פילדערן!‟ אָדער ווי מען שרייבט וועגען אונז אין דער צענזור-פערוואַלטונג: „מיר איבען זיך אין דער כשר-זיטליכער ליטעראַטור‟. אָבער די הערן מחברים,—האָט געזאָגט אַלפיערי—זענען מעהר געניגט צו חקירה, איידער צו אַרבייט. ס׳איז בלויז טומעל און געפילדער און נישט מעהר

און, אַ קוק געטהאָן אויף גאָליצינ׳ען, צוגעגעבען:

—נו, נישט אַלע זענען דאָך אַזוינע, פאַרהאַן אויך בעסע-רע. מעגליך, אַז דאָס איז נישט קיין קלעפּיגע קראַנקהייט, נאָר אַזוי אַ וואונד-אויסשיטונג, ווי ביי קליינע קינדער: עס וועט אַליין אַדורכגעהן, ווען מיר וועלען אויסוואַקסען...

אַלע דריי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין גאַסטצימער. דאָרט האָט פירשט טרובעצקאָי, פּאָלקאָווניק פון לייב-גוואַרדיע, אַ רויטליכער און אַ לאַנגנאָזיגער, געשטופעלט, עטוואָס עהנליך צו אַ יודען, מיט אַן׳איידעלען און ליעבען פּנים, געלייענט זיין פּלאַן פון דער קאָנסטיטוציע:

„פאָרשלאָג פון אַן׳אוסטאַוו פאַר פּאָזיטיווער בילדונג, ווען זיין קייזערליכער מאַיעסטעט וועט זיין בעוויליגט...‟

—דאָנערשטאָג נאָכ׳ן רעגענדל!—האָט עמיץ אַ געשריי גע-טהאָן.

—הערט! הערט!

—„...וועט זיין בעוויליגט צו גרינדען מיט דער הילף פון בורא אַ סלאַוויאַניש-רוסישע אימפּעריע. ערשטער פּונקט: די פּראַק-טיק פון אַלע פעלקער האָט בעוויזען, אַז די אונבעגרענצטע מאַכט האָט אויך אַזעלכע שלעכטע פאָלגען פאַר דער רעגירונג, ווי פאַר דער געזעלשאַפט; אַז דאָס שטימט נישט—נישט מיט די הייליגע געזעצען פון דער אמונה און נישט מיט די וועגען פון געזונדטען שכל; אַז דאָס רוסישע פאָלק, וואָס איז פריי און נישט-אָבהענגיג, קאָן נישט געהערן צו אַ פּערזאָן אָדער צו אַ פאַמיליע...‟

מיט׳ן ערשטען פּונקט זענען אַלע געוועזען איינשטימיג; אָבער דער צווייטער פּונקט—דער פּונקט וועגען דער בעגרענצונג פון

ער מאָנאַרכיע, האָט אַרויסגערופען אַזוינע וכוחים, אַז טרובעצקאָי׳ען איז שוין נישט בעשערט געווען ווייטער צו לייענען. אַלע האָבען גערעדט צוזאַמען און איינער האָט נישט געהערט דעם צווייטען. מאַנכע זענען געשטאַנען פאַר אַ מאָנאַרכיע, אַנדערע—פאַר אַ רעפובליק.

—דאָס רוסישע פאָלק, איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען, פערשטעהט נישט קיין רעפובליק,—האָט אָנגעהויבען דער אינזשענער-פאָלקאָווניק גאַווורילע סטעפאַנאָוויטש באַטענקאָוו.

ער איז נאָך נישט געווען קיין מיטגליד פון דער געזעלשאַפט—ער האָט אַלץ געוואָלט ווערען אַ מיטגליד און אַלץ אָבגעלעגט. אָבער מען האָט איהם געגלויבט און הויך געשעצט פאַר זיין מערקווירדיגער דרייסטקייט: אין יאָהר 1814 האָט ער זיך אין דער שלאַכט ביי מאָנמיראַל אַזוי לאַנג געהאַלטען אויף אַ געפעהרליכער פאָזיציע, אַז ער איז אַרומגערינגעלט געוואָרען פון שונא, בעקומען צעהן וואונדען פון שטיק, געבליבען ליעגען אַ האַלב-טויטער אין פעלד און דערנאָך גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. אין דער שטאַבמעלדונג איז דעמאָלט געזאָגט געוואָרען: „פערלאָרען צוויי האַרמאַטען מיט דער דיענערשאַפט צוליעב דער גוזמא׳דיגער דרייסטקייט פונ׳ם אָפיציר באַטענקאָוו, וואָס האָט קאָמאַנדירט מיט זיי.” ער איז געווען אַ היימישער מענש ביי ספעראַנסקי׳ן, וואָס האָט איהם ליעב געהאַט פאַר זיינע גרויסע פעהיגקייטען; איצט האָט ער געדיענט ביי אַראַקטשייעוו׳ן, אָבער ער האָט געוואָלט בעפרייט ווערען פון זיין פאָסטען. אַ גרויסאַרטיגער אינזשענער, אַ טיעפער מאַטעמאַטיקער. „אונזער מיניסטער”,—פלעגט מען איהם אָנרופען אין דער געזעלשאַפט.

געבויגען, ביינ[ג], אונבעוועגליך, שווער אויפ׳ן טריט—צו דרייסיג יאָהר זעהט ער אויס אַלט, און, ווי פושטשין, מאַכט ער אין דער פערזאַמלונג אַנ׳איינדרוק פון אַ דערוואַקסענעם צווישען קינדער. אַ הויכער שטערען, אַ גלייכע נאָז, אַנ׳אַרויסגערוקטע גאָמבע און דער בליק פון אויג אַ קאָנצענטרירטער, פונקט ווי ער וואָלט געקוקט צוריק אין זיך אַריין. גערעדט האָט ער שווער,

פונקט ווי ער וואָלט גערעדט שווערע שטיינער. אין מויל—אַ ליולקע מיט אַ לאַנגען ביסערן-ציביק, און בשעת ער פערציהט זיך שטאַרק, דאַכט זיך, אַז ער ציהט פון דער ליולקע ווערטער, וועלכע דערפעהלען איהם.

—דאָס רוסישע פאָלק וועט נישט פערשטעהן קיין רעפּובליק, און אויב עס וועט יאָ פערשטעהן, איז אין דעם זין, ווי באָ-יאַרשטשינע. שוין די קלויסטערגעזאַנגען וועלען אונז נישט צוצו-לאָזען צו אַ רעפּובליק... אגב טויגען אונז גאָר איצט נישט קיין שום קאָנסטיטוציעס. די קייזערין יעקאַטערינע II האָט ריכטיג געזאָגט: עס איז נאָך נישט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט יענער שניידער, וואָס זאָל קאָנען צושניידען פאַר רוסלאַנד אַ קאַפטאַן...

—זאָגט גלייך: איהר זענט געגען אַ רעפּובליק?—האָט אויס-געשריען בעסטוזשעוו: ער האָט זיך עטוואָס געשראָקען פאַר באַ-זענקאָוו׳ן און נישט ליעב געהאַט איהם.

—יאָ, הייסט עס, אַזוי... איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען,—האָט באַטענקאָוו ווייטער געגומען דרעהען זיינע שווערע שטיינער.—לויט מיין בעזונדערער אַרט דענקען האָב איך נישט ליעב קיין רעפּובליק, וואָרום זי ווערט שטאַרק גערריקט דורכ׳ן דעספּאָטיזם פון די געזעצען. די רעפּובליקעס זעהען מיר אויס ווי אין אַלטען טעסטאַמענט, וואו יעדער, וואָס פאָלגט נישט דאָס געזעץ, ווערט פערשאָלטען; אָבער אַ מאָנאַרכיע איז שוין עהנליך צום נייעם טעסטאַמענט, וואו דער קייזער, גאָטס געזאַלבטער, פערשפּרייט לייטזעליגקייט און קאָן טהאָן גוטס מיט׳ן פאָלק. אַנ׳אַליינהערשער טהוט-אויף גרויסע זאַכען אָהן אַ געזעץ, וואָס מען וועט זיי קיינמאָל אין קיין שום רעפּובליק נישט אויפטהאָן מיט אַ געזעץ...

—אויב אייך געפעלט אַזוי די אונבעגרענצטע מאָנאַרכיע, טאָ וואָס זענט איהר אַריינגעטראָטען צו אונז אין דער געזעל-שאַפט?

—נאָך נישט אַריינגעטראָטען, אָבער, מעגליך, אַז איך וועל אפשר יאָ אַריינטרעטען... און צו וואָס? דערפאַר ווייל אין רוס-

לאַנד איז נישטאָ קיין אַליינהערשאַפט... נישטאָ קיין רוסישער קייזער, עס איז נאָר דאָ אַ דייטשער הערשער... דער רוסישער קייזער—איז אַ פאַטער, דער דייטשער איז אַ פיינד פון פאָלק אָט שוין צווייהונדערט יאָהר ווי עס זיצען אונז די דייטשע, אויפ׳ן קאַרק... פריהער די דייטשען און דערנאָך די זשידעס... דערמיט, איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען, איז שוין צייט צו פערענדיגען...

—ריכטיג, ריכטיג, באַטענקאָוו! אַראָב מיט די דייטשען! צו אַלדי שוואַרציאָהר די דייטשען!—האָט קיכעלבעקער בעגייסטערט אויסגעשריען.

—אָבער, קיכעלע, ווי אַזוי? דו ביזט דאָך אַליין אַ דייטש...—האָט זיך געוואונדערט אָדאָיעווסקי.

—אויב איך בין אַ דייטש, מעג איך אויך געהן צו אַלד שוואַרצע יאָהר!—איז קיכעלבעקער אויפגעשפרונגען מעשה-גזל, און שיער נישט אַראָבגעשלעפט פון טיש דאָס טישטוך מיט׳ן גאַנצען סערוויז.—אָבער איך וועל יענעם געבען אין פרצוף, ווער עס וועט זאָגען, אַז איך בין נישט קיין רוס!..

—טאָ בעגרייפט-זשע, מיינע הערן, אַז דער דרך פון אייראָפּאַ איז נישט אונזער דרך,—האָט באַטענקאָוו מיט די לעצטע כחות אַרויסגעשטופט דעם סאַמע שווערסטען שטיין.—אונזער געשיכטע פאָדערט גאָר אַנדערע געדאַנקען; רוסלאַנד האָט גאָר קיינמאָל קיין שום אַלגעמיינעס נישט געהאַט מיט אייראָפּאַ...

—טאַקי פּשוט גאָרנישט?—האָט פּושטשין אַ שמייכעל געטהאָן.

—גאָרנישט... דאָס הייסט אין דעם עיקר, איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען, אין דער סאַמע הויפּטזאַך; נו, אין די נאַרישקייטען—אין האַנדעל דאָרטען, אין מלאכה, כ׳ווייס, נאַרישקייטען...

—און די אויפקלערונג איז אויך נאַרישקייט?

—און די אויפקלערונג איז בלאָטע בנוגע צו דער הויפּטזאַך.

—דאָס נאַציאָנאַלע איז גאָרנישט געגען דעם אַלמעכטיגן!—האָט בעסטושעוו בעמערקט.

באַטענקאָוו האָט איהם קרום אָנגעקוקט און נישט געענטפערט.

—אָבער וואָס איז ביי אייך די הויפּטזאַך, דאָס סאַמע וויכטיגסטע?—האָט מעז זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען פון אַלע זייטען.

—וואָס איז די הויפּטזאַך?—האָט ער פערצויגען די ליולקע אַזוי, אַז דער ציביק האָט גענומען כריפּען.—דער רוסישער מענש איז דער סאַמע פרייסטער מענש אין דער וועלט...

—אָט האָסטו דיר!—טאָ צו וואָסער שוואַרציאָהר בעדאַרפען מיר האָבען אַ קאָנסטיטוציע. צוליעב וואָס אַרבייטען מיר?

—איך זאָג: ווילען-פריי, אָבער נישט קערפּער-פריי,—האָט באַטענקאָוו פערבעסערט.—דער רוסישער מענש איז דער סאַמע פערקנעכטעסטער און דער סאַמע פרייסטער: דער קערפּער אין קנעכטשאַפט, די נשמה פריי.

—די נשמה פון אַדעל, אָבער נישט פון די לייב-פויערים?

—און די לייב-פויערים, אַלצאיינס...

—איהר מיינט דאָ די אורעלטע, די ווילדע פרייהייט, האַ?

—קיין אַנדערע איז נישטאָ. מעגליך, אַז זי וועט אַמאָל זיין, אָבער דערווייל איז נישטאָ.

און אין אייראָפּאַ?

—אין אייראָפּאַ איז פאַרהאַן מאַכט און געזעץ. דאָרט האָט מען ליעב די מאַכט און מען פערהייליגט דאָס געזעץ. זיי קאָנען בעפעלען און קאָנען אויך פאָלגען. אָבער מיר קאָנען נישט. מיר וואָלטען אפילו געוואָלט, אָבער מיר קאָנען נישט. מיר היטען דאָס געזעץ, מיר האָבען אָבער נישט ליעב די מאַכט—און טהו זיך עפּיס. „דו טשעפּע זיך אָב פון מיר און געה אין דר'ערד אַריין, אַוועק פון מיינע אויגען!” ביי זיך אין האַרצען זאָגט אַזוי יעדער רוס צו זיין נאַטשאַלניק. איך ווייס נישט, ווי איהר, מיינע הערן, אָבער איך לייד נישט קיין מאַכט, מיר עקעלט דערפון. פאַר מיר איז יעדע מאַכט אַ גיהנם. און בלויז דערפון אַליין פערשטעה איך, אַז איך בין אַ רוס,—האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף אַלע צוהערער אַזוי אויפריכטיג, אַז אַלע האָבען פּלוצלונג דערפיהלט די אויפריכטיגקייט פון דידאָזיגע אונפערשטענ-

דליכע ווערטער, וואָס האָבען אַזוי ווי קיין שום זין נישט גע-
האַט. אָבער דער עולם איז אויפגערעגט געוואָרען און געענטפערט׳

—וואָס ווילט איהר, באַטענקאָוו, האָט רחמנות! האָבען מיר
דען נישט קיין מאַכט?

—נו, וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַכט? אָך און וועה צו איהר.
הפקרות, מוטוויליגקייט, אונגעזעצליכקייט. און דעריבער טאַקי
האָט מען ליעב די רוסישע קיסרים, ווייל זיי האָבען קיין שום
מענשליכע מאַכט נישט, נאָר געטליכע מאַכט, גאָטס בעזאַלבונג.
נישט געזעץ, נאָר לייטזעליגקייט. דאָס וועלען דייטשען נישט
פערשטעהן, ווי איהר וועט זייערס נישט פערשטעהן. און דאָס
איז די הויפטזאַך, דאָס איז אַלץ! רוסלאַנד האָט זיך, הייסט עס,
נו, איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען, געמאַכט כלומר׳שט
פאַר אַ מלוכה, אָבער וואָס רוסלאַנד איז אַזוינס, ווייס קיינער
נישט... נישט די רעגירונג רעגירט ביי אונז, נאָר דער בעל-
מופת ניקאָלאַי...

—און אַראַקטשייעוו?

—אַראַקטשייעוו מיט לייטזעליגקייט

—דיענט איהר נישט אַמאָל דערפאַר אין די מיליטערישע
קאָלאָניעס, ווייל דאָרט איז פאַרהאַן לייטזעליגקייט?

אָבער באַטענקאָוו האָט נישט בעמערקט דאָס חוזק׳ן, פונקט
ווי ער וואָלט נישט דערהערט. שווער און אונבעוועגליך האָט
ער זיך צוגעהערט צו זיינע אייגענע געדאַנקען. לאַנגזאַם האָט
ער זיך אָנגעצונדען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז געגען דעמ-
דאָזיגען שווערען פייער, איז די לייכטע היץ פון די איבעריגע,
ווי אַ שטרוי-פייערל געגען אָנגעברענטע שטיינער.

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, זיך פערטראַכט, פערצויגען
די ליולקע, אָנגעזאַמעלט אַ מויל מיט רויך און אַרויסגעלאָזט איהם
אין בויגעלעך.

—אַלץ, וואָס איז אין רוסלאַנד פאַרהאַן פון דער לייטזע-
ליגקייט, איז גוט, און אַלץ, וואָס עס איז פאַרהאַן פון געזעץ,
איז שלעכט,—האָט ער געענדיגט און אַזוי ווי אַליין הנאה-געהאַט

פון דער פערענדיגטער קלאַרקייט פון זיין געדאַנק; געווען קענטיג, אַז אַ מאַטעמאַטיקער.

—וואָס פאַר אַ מין געמיינהייט! וואָס פאַר אַ מין געמיינהייט!—האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ כעס׳דיגער אויסגעשריי...

דאָרט, אין ווינקעל ביים אויוועו, איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, מיט אַ יתום׳דיגען, הונגעריגען און אויסגעמאָגערטען פנים, ווי דאָס גרויע געוועהנליכע פערשטויבטע פנים פון אַ פערוואָרפענעם אַרמעאישען פאָרוטשיק, מיט אַ דיקער אָבגעשטאַנענער אונטערשטער ליפּ און מיט נעבעכדיגע אויגען, ווי ביי אַ קראַנקען קינד אָדער אַ הונד, וואָס האָט פערלאָרען זיין בעל-הבית. אַנ׳אָבגעניצטער שוואַרצער ציוויל-פראַק, אַנ׳אַלטפרענקיש האַלזטיכעל, אַ שמוציג העמד פון לייוועגד, אַרומגעפליקטע הויזען, אויסגעטראָטענע שיך. עפּיס אַ מין גזלן פון אַ דראַמע אָדער אַ קלאַווירשטימער. „אַ פּראָלעטאַריער"—דאָסדאַזיגע ווערטעל איז נאָרוואָס בעקאַנט געוואָרען אין רוסלאַנד.

ער איז אונבעמערקטערהייד אַריין; אין אָנהויב וכוח און זיך כמעט מיט קיינעם נישט בעגריסט. דורשטיג האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן בראָנפען און אויף די פיש-פּיראָגען; אויפגעגעסען דריי גאַנצע שטיקער און פערטרונקען מיט פינף גלעזעלעך; דערנאָך אַוועק פון טיש, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל ביים אויוועו, פערלעגט די הענד אויפ׳ן האַרצען מעשהנאַפּאָלעאָן און די גאַנצע צייט אַזוי געשטאַנען, קיין שום וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר פון אויבען-אַראָב געקוקט אויף די, וואָס שפּאַרען זיך און געשמייכעלט מיט פעראַכטונג.

—ווער איז דאָס?—האָט גאָליצין געפרעגט אָדאָיעווסקי׳ן.

—פּעטער גריגאָריעוויטש קאַכאָווסקי, אַ פאָרוטשיק אין דימיסיע. אויך אַ טיראַנענמערדער... יאַקובאָוויטש איז נומער איינס, דער איז נומער צוויי...

—אַז קאַכאָווסקי האָט אויסגעשריען: „וואָס פאַר אַ געמיינהייט!"—האָבען זיך אַלע אומגעקוקט און עס איז געוואָרען שטיל. מען האָט געמיינט, אַז באַטענקאָוו וועט זיך בעליידיגען. אָבער ער האָט ווייטער גערעדט רוהיג און פערטראַכט, פונקט

ער וואָלט נאָך אַלץ ווייטער ענטוויקעלט זיין אייגענעם גע-דאַנק:

—איהר האָט רעכט, מיין הער: אַט דאָס גרויסע קאָן ווע-רען אַ געמיינהייט. און בלויז געמיינהייט איז היינט טאַקי פאַרהאַן אין רוסלאַנד. אָבער נישט אַלעמאָל איז דאָך אַזוי געוועזן. און טאַקי דעריבער בעדאַרף מען האָבען אַ רעוואָלוציע, עס זאָל פון דאָסניי ווערען נישט געמיין...

—נו, וואָס ווילסטו דאָ, ברודער, דרעהען אַ ספּאָדעק?—איז רילייעוו סוף-כל-סוף אַרויס פון די כלים.—דו זאָג בעסער פשוט: דו ביזט פאַר אַ קייזער, צי נישט?

—פאַר אַ קייזער? ניין, דאָס הייסט, איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען, אויב פאַר אַ קייזער, איז נישט פאַר אַזאַ, ווי דער היינטיגער. אַנ׳עכטער צאַר איז אַלצאיינס, ווי אַ קדוש. ער גיט די נשמה אַוועק דעם פאָלק. ער ליידט יסורים און שווייגט. ער וועט זיך אַליין פון זיין טראָן אָבזאָגען, זיין מאַכט גאָר איבערגעבען און דאָס פאָלק בעפרייען... אָבער דער וואָס?

—אָבער, געדענקסט, ער האָט דאָך אויך בעשטעטיגט אין „הייליגען פערבאַנד": אַלע קיסרים פון דער ערד לעגען-אַוועק זייערע קרוינען ביי די פיס פון דעם איין-איינציגען מלך פון הימעל?

—אַ גרויסער, אַ גרויסער געדאַנק! גאָר אַ גרויסער! קיין גרעסערער רעיון פון דעם איז קיינמאָל נישט געוועזן אויף דער ערד און וועט קיינמאָל מעהר נישט זיין. אָבער די געמיינע לייט האָבען עס אַזוי פערדרעהט, אַזוי פעראומרייניגט, אַז עס קאָן אפשר צונויף קומען אַ מעטערניכ׳ן אָדער אַ טייוועל. דערפאַר איז נאָך וועניג, מען זאָל זיי דער׳הרג׳ענען!—האָט ער אַ טרייסעל געטהון דעם פויסט מיט אונגעריכטען גרימצאָרן, און אין דער-דאָזיגער מינוט איז געוועזן קענטיג אויף איהם, אַז ער קאָן פער-לירען די גאַנצע קאָמאַנדע מיט די האַרמאַטען פון צופיעל העל-דישקייט.

און אויב אַזוי,—האָט זיך רילייעוו צולאַכט,—איז אוב אַלצאיינס: אַ צאַר איז אַ צאַר. ווער עס איז נישט קיין דאָס,

דער איז אַ באַטקע. אָבער די רעוואָלוציע איז נויטווענדיג!

באַטענקאָוו איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט בייז אַרויס-געקלאַפּט די אַש פון דער פערלאָשענער לולקע, פונקט ווי ער אַליין וואָלט פערלאָשען געוואָרען: ער האָט בעמערקט, אַז קיי-ער פערשטעהט איהם נישט.

מאַנכע האָבען געלאַכט, אַנדערע זענען געווען בייז.

—ער רעדט און מען פערשטעהט נישט

—אונזער מיניסטער איז, דאַכט זיך, נישט ביי די געדאַנקען!

—וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַסאָנישע סודות?

—אין די אויערן גרילצט!

—אַ שטראַהלענדיגער אונזין!

—מיט אַ צאַר און אָהן אַ צאַר אין קאָפּ. אויף אַזאַ מין אַרט וועסטו באמת קיין רעוואָלוציע נישט מאַכען!..

—אַ שפּיאָן, ווי זעהט איהר דאָס נישט, חברה? פּשוט אַראַקטשייעווס אַ שפּיאָן!—האָט בעסטוזשעוו איינגערוימט זיינע שכנים אויפ'ן אויער און דערביי אַליין נישט געגלויבט און געוואוסט, אַז די אַנדערע וועלען דערין אויך נישט גלויבען.

און דאָך האָבען אַלע געפיהלט, אַז אין באַטענקאָוו'ן איז עפּיס אַזוינס פאַרהאַן, וואָס מען קאָן עס נישט בעזיעגען מיט קיין שום געלעכטער.

בלויז איין גאָליצין האָט פערשטאַנען: ער האָט זיך דער-מאָנט אָן די פּאַריזער שמועסען מיט טשאַאַדאַיעוו'ן וועגען דעם געגענזאַץ און דער עהנליכקייט פון די צוויי אייביגע צווילינגס, דעם רוסישען קייזער און דעם רוימישען פּאָנטיפער—און פּלוצ-לונג האָט זיך איהם פון דער טיעפעניש פון דער נשמה אויפ-געהויבען דאָס גאַנצע פערבאָרגענע און שרעקליכע, וואָס האָט איהם שוין לאַנג געפּייניגט, ווי אַ קראַנקהייט. ער האָט געוואוסט, אַז מען בעדאַרף נישט ריידען, אַז קיינער וועט אַלצאיינס גאָר-נישט פערשטעהן. אָבער עפּיס איז איהם צוגעטראָטען צום האַלז און ער האָט זיך דערשפּירט זעהר אויפגערעגט. ער איז אויפגע-שטאַנען, צוגעגאַנגען צו באַטענקאָוו'ן און מיט עטוואָס אַ ציטער-דיגען קול איהם געזאָגט:

—קאַלאָווסקי האָט עס פריהער אָנגערופען געמיינהייט, אָבער דאָס איז נאָך ערגער, ווי געמיינהייט...

—נאָך ערגער ווי געמיינהייט?—האָט באַטענקאָוו אַ קוק געטהאָן אויף איהם ווידעראַמאָל אָהן בעליידיגונג, נאָר פערוואונדערט און נייגיריג.

—וואָס קאָן זיין ערגער פון געמיינהייט?—האָט עמיצער געפרעגט.

—גאָטלעסטערונג,—האָט גאָליצין געענטפערט.

—אין וואָס זעהט איהר דאָ, ווי זאָגט מען דאָס, איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען, גאָטלעסטערונג?—האָט באַטענקאָוו נאָך אַלץ נייגיריג געפרעגט.

—איהר מאַכט דעם צאַר פאַר אַ קריסטוס, אַ מענשען פאַר אַ גאָט. אפשר איז דאָס אַ גרויסער געדאַנק, אָבער אַ טייוועלשער! די גרעסטע גאָטלעסטערונג, געמיינהייט פון געמיינהייט!..

אַנטשוויגען געוואָרען פלוצלונג, זיך אַרומגעקוקט, געקומען צו זיך. די ליפען זענען איהם אויסגעקרימט געוואָרען פון זיין געוועהנליכען שמייכעלע, וואָס איז געווען שלעכט נישט צו אַנדערע, נאָר צו זיך אַליין. די שפּאַקולען מיט זייער טויטען גלאָזגלאַנץ האָבען בעדעקט דאָס לעבעדיגע פייער פון די אויגען. ער איז געוואָרען עהנליך צו גריבאָיעדאָוו'ן, בשעת יענער האָט זיך געפונען אין די סאַמע איראָנישע מינוטען. „פון וואָס האָט עס זיך אָנגעהויבען?"—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן מיט פערדראָס. עס איז געווען מאוס, פונקט ווי ער וואָלט אויסגעגעבען אַ פרעמדען סוד.

און באַטענקאָוו האָט זיך ווידער בעוועגט, נישט וועניגער אויפגערעגט, ווי פריהער; אומגעלומפערט-לאַנגזאַם האָט ער זיך בעוועגט, פונקט ווי ער וואָלט געקייקעלט שווערע שטיינער.

—אפשר, איז דאָ אויך פאַרהאַן אמת, ווי זאָגט מען דאָס, איך זאָל נאָר קיין ליגען נישט זאָגען... איך האָב אַליין אויך געטראַכט. נו, מיר וועלען נאָך מיט אייך שמועסען, אויב איהר וועט וועלען.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּיס מוסף-זיין און נישט בע-

י. טערעזשקאָווסקי.

וויזען: דער עולם האָט אָנגעהויבען טומלען און לאַכען.

מיינט איהר דען ערנסט וועגען טייוועל?—האָט בעסטו-זשעוו געפרעגט.

—ערנסט. וואָס איז?

—איהר גלויבט אין טייוועל?

—איך גלויב.

—מיט הערנער און מיט אַנ׳עק?

—טאַקי נאָר מיט הערנער און מיט אַנ׳עק.

—און איהר מיינט, אַז ער זיצט דאָ?

—כמעט אַזוי.

—נו, גיב איך אייך אָב מזל-טוב: איהר האָט געכאַפּט דעם טייוועל פאַר׳ן עק.

—מען האָט זיך דערעדט ביז שדים.

פון גאַסטצימער איז אַרויסגעגאַנגען יאַקובאָוויטש; ער האָט זיך צוגעהערט און זיך פּלוצלונג אָנגעצונדען; קיינער האָט נישט געוואוסט אויף וועמען און פאַרוואָס. דער קלוגער געשפּרעך, אין וועלכען ער האָט זיך נישט געקאָנט בעטייליגען, האָט איהם, וואַהרשיינליך, בעליידיגט.

—מיר דאַרפען ריידען צו דער זאַך, פלוידערט מען, שוואַרץ-יאָהר וייס וואָס...

—הערט! הערט!

—וועגען וואָס בעדאַרפען מיר ריידען?

—אָט וועגען דעם. דער קייזער איז דער קערן פון אַלע צרות, און דעריבער, אויב מיר ווילען זיין פריי...

—נו, גענוג, גענוג, ברודער, גענוג. מיר ווייסען, אַז דו ביזט אַ כוואַט,—האָט איהם רילייעוו בערוהיגט.

—פערמאַכט כאָטש דאָס פענסטערלע, וואָרום דער קוואַרטאַל-נער קאָן נאָך דערהערען,—האָט אָדאָיעווסקי געלאַכט.

—ניש׳קשה, ער וועט מיינען, אַז מיר זעצען-איבער שי-לער׳ן, אָדער מיר מאַכען איבונגען אין דער כשר-זיטליכער לי-טעראַטור.

—אויב מיר ווילען זיין פריי,—האָט יאַקובאָוויטש ווייטער

געזאָגט; ער האָט נישט געוואָלט הערען, וואָס מען רעדט צו איהם און זיינע ווערטער האָט ער אויסגעשריען מיט אַזאַ אונ-נאַטירליכען ברען, ווי פריהער, בשעת ער האָט דערצעהלט פון זיינע העלדישע מעשים אויף קאַווקאַז,—בעדארפען מיר פריהער פון אַלץ פערניכטען...

—פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! דער אייז געהט!—איז נאַסטיעלע, ריליי-עווס קליין מיידעלע, אויך אַזאַ שוואַרצ'חנ'עווודיגע און שאַרפאוי-גיגע, ווי ער, אַריינגעלאָפען אין צימער מיט פרעהליכע גע-שרייען.—אויף דער נעווע איז איצט אַזוי שען, פּאַפּאַ! מען האָט פונאַנדערגענומען די בריקען און אַזויפיעל מענשען שטעהען. מען שיסט פון האַרמאַטען, דער אייז צוגעהט! דער אייז צוגעהט!

און יאַקובאָוויטש האָט טאַקי נישט בעוויזען צו זאָגען, וועמען מען בעדאַרף פערניכטען. אַלע, אַלע האָבען זיך פערנו-מען מיט נאַסטיעלע'ן. באַטענקאָוו האָט זיך אָנגעבויגט, אויסגע-שפרייט די הענד, זי געכאַפּט, אַרומגענומען און אַ קיצעל געטהאָן.

—די קראָהה—די שוואַרצע קראָהה, האָט קאַשע פערקאָכט, אויף דער שוועל זיך געשטעלט, געסט צונויפגערופען, דעם גע-געבען, יענעם געגעבען...

—אָבער איך שרעק מיך גאָרנישט, איך האָב נישט מורא!—האָט זי זיך אָבגעשלאָגען פון זיין קיצלען.—באַטיע, האַ, באַטיע, זינג מיר דאָס ליעדעל וועגען דער סאָווע.

באַטענקאָוו האָט זיך איינגעבויגען, זיך צונויפגעקניידערט, געמאַכט קיילעכדיגע אויגען און גענומען זינגען פריהער מיט אַ דין שטימעלע, דערנאָך ברייטער און שטאַרקער:

זיצט די סאָווע אויף דער ערד,
הויבט דאָס פליגעל, ווי אַ שווערד;
מיט די אויגעלעך קלאָפּ-קלאָפּ
מיט די פיסעלעך טאָפּ-טאָפּ...

און ער האָט געפּאַטשט מיט די הענד איבער די לענדען, פונקט ווי מיט פליגלען און צוגעטופּעט שווער מיט די פיס, אומגעלומפּערט, שרעקליך לאַנגזאַם, אַזוי, אַז ער איז באמת עהנ-ליך געווען צו אַ גרויסען פויגעל.

נאַסטיעלע איז אויך געשפּרונגען, געטופּעט מיט די פיס, געקלאַפּט מיט די הענדטלעך און זיך צוגאָסען מיט אַ שאַרף-קלינגענדיג-געלעכטער.

ענדיגט דאָס ליעדעל, האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאָן אין די הויפענס און אויפגעהויבען הויך איבער'ן קאָפּ—די סאָווע איז אַוועקגעפלויגען—און אַראָבגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס מיי-דעלע האָט זיך צערטליך צוגעטוליעט צו איהם.

—פּעטער גזלן!—האָט זי פלוצלונג אָנגעוויזען אויף יאַקו-באָוויטש׃ יענער האָט מעשה-וואָלף פערריכט דעם שוואַר-צען בינט אויפ'ן שטערען, נישט נאַטירליך גענומען פינקלען מיט די אויגען, געמאַכט אַ שרעקליך פּנים און איז באמת געוועזען אַזוי ענליך צו אַ גזלן, אַז אַלע האָבען זיך צולאַכט.

יאַקובאָוויטש איז נאָכמעהר צורייצט געוואָרען. ער האָט געדריקט מיט די אַקסלען און איז אַוועקגעגאַנגען—מיט קיינעם זיך נישט געזעגענט.

רילייעוו האָט אַריינגעפיהרט גאָליצינ'ען אין קאַבינעט.

—נו, וואָס, ווי? געפעלט אייך ביי אונז?

זעהר.

—אָבער דער עולם איז נאָך גאָר יונג? אַז די קינדער צושטיפען זיך שטאַרק, בעדאַרף מע' זיי געבען מיט'ן רוט? אַזוי, וואָס?

—איך זאָג עס נישט,—האָט גאָליצין נישט-ווילענדיג אַ שמייכעל געטהאָן דערפון, וואָס רילייעוו האָט אַזוי ריכטיג פער-שטאַנען זיין געדאַנק.

—אָבער איהר טראַכט אַזוי, נישט וואָהר?.. נאָר וואָס קאָן מען דערצו העלפען, מילא. אַ רוס, אַז ער ווערט אַלט דרייסיג יאָהר, טויג ער בלויז אויפ'ן פייער. נאָר קינדער קאָנען ביי אונז מאַכען אַ רעוואָלוציע. און בנוגע צום רוט... וואו זענט איהר דערצויגען געוואָרען?

—אין פּענסיאָן פון אַבאַט ניקאָלאַס.

—נו, האָט איהר נישט פערזוכט קיין ריטער. אָבער אונז, ווי איהר קוקט אונז אָן, האָט מען אין קאָרפּוס געשונדען די

הויט. מיך בעזונדערס: געווען אַ שטיפער אַ גרויסער, די וועלט איבערגעקעהרט. און דאָך ניש׳קשה—דורכגעקומען. ליעגסט זיך אַזוי אונטער די ריטער אָהן אַ שום פּיפּס און בייסט נאָר די הענד ביז בלוט. און שטעלסטו זיך נאָר אויף די פּיס, בּושעוועסטו נאָכמעהר. שרעקסט זיך פאַר קיין זאַך נישט. דאָס איז געווען אַנ׳עכטער בונט. און אַזוי האָט מען טאַקי בעדאַרפט טהאָן מיט דער רוסישער רעגירונג... די גאַנצע רעוואָלוציע ליעגט אין איין וואָרט: וואַג!

—איהר האָט דאָ אומעטום לעמפּעלעך,—האָט זיך גאַליצין אָנגערופען, בעמערקענדיג דאָ, אין קאַבינעט, ווי אין גאַסטצימער און עסצימער, ברענט אַ לעמפּעלע פאַר׳ן הייליגען בילד.

—יאָ, דאָס ווייב האָט ליעב. וואָס איז?

גאַליצין האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר ריליעוו האָט זיך ווייטער אָנגעשטויסען.

—איך בין גלייכגילטיג צו די לעמפּלעך. איך גלויב נישט אין גאָט. און צוריקגערעדט, ווייס איך אַליין נישט. וועניג גע-טראַכט וועגען דעם. יענע וועלט געהט מיר גאָרנישט אָן. אָבער עס מוז, דאַכט זיך, עפּיס יאָ זיין... און איהר?

—איך גלויב.

דעריבער האָט איהר פריהער יצרעדט וועגען טייוועל... אָבער פאַרוואָס?

—וואָס הייסט, פאַרוואָס?

—פאַרוואָס גלויבט איהר?

—איך ווייס נישט, אָבער מיר קומט-אויס, אַז אָהן דעם קאָן מען גאָרנישט...

—און די רעוואָלוציע אויך נישט?

—און די רעוואָלוציע אויך נישט.

—נו, ווי איז, אַז איך גלויב נישט און פונדעסטוועגען גיב איך אייך מיין וואָרט, אַז אין צוויי יאָהר אַרום מאַכען מיר אַ רעוואָלוציע?

עפּיס אַ ווילד פייערל האָט אויפגעלייכט אין זיינע אויגען. אָבער דער טשוב אויף דער פאַטילניצע האָט נאָך אַלץ געשטעקט

אַזוי קינדיש-אונבעהאָלפען, ווי ביים צולאָזענעם יונגעל אין קאָרפוס.

—אַ העזעלע! אַ העזעלע!—האָבען זיך ווידער דערהערט נאַסטיעלעס פרעהליכע אויסגעשרייען אין עסצימער.

דער סטאַראָסטע טראָפימאָוו האָט געבראַכט אין קיך אַריין דעם צוגעזאָגטען האָז. ער האָט זיך אַרויסגעריסען ביי נאַסטיעלע'ן, וואָס האָט זיך געשפּיעלט מיט איהם, און אַנטלאָפען געוואָרען אין די צימערן. זי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך איהם און נישט געקאָנט איהם כאַפּען. האָט ער זיך בעהאַלטען אין עסצימער אונטער'ן טיש. געוואָרען אַ בהלה. קיכעלע איז אַרומגעקראָכען, ווי אַ לאַנגפיסיגע חיה, איבער דער פּאָדלאָגע, פערטשעפּעט מיט'ן פוס ד'עם טיש, שיער נישט אומגעוואָרפען איהם, זיך אויסגעצויגען מיט די לאַנגע הענד, אָבער דער האָז איז איהם אַריבערגעשפּרונגען איבער'ן קאָפּ, אַנטלאָפען אין גאַסטצימער און זיך בעהאַלטען אונטער גלאַשעלעס קלייד. האָט זי אויפגעהויבען די פיסלעך און געמאַכט אַ גוואַלד. אין דער בהלה איז אַראָבגעפאַלען דאָס טיכעל פון שטייגעלע. די קאַנאַרקעס האָבען פון דאָסניי גענומען קנאַקען אָהן רחמנות, פּונקט ווי זיי וואָלטען געוואָלט אַלעמען פערשרייען און פערטומלען. דורכ'ן אָפענעם פענסטער האָט זיך דערטראָגען דאָס קלינגען פון קלויסטער, ווי אַ ליעד פון אייביגער פרייהייט—אַ פרעהליכער פריהלינגס-קלאַנג פון געבראָכענע אייז-קריעס.

„ליעבע קינדער!—האָט געטראַכט גאָליצין.—ווער ווייס? אפשר בעדאַרף עס אַזוי זיין? אייביגע פרייהייט—אייביגע קינדהייט?..."

די זון האָט געוואָרפען אויף דער פּאָדלאָגע קרומע ליכטיגע פיערעקען מיט אַ שוואַרצען שאָטען פון גראַטעס, אַזוי ווי פון טורמע-גראַטעס. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די פרייהייט איז ווי די זון און די קנעכטשאַפט איז ווי דער שאָטען פון די גראַטעס. דעמדאָזיגען שאָטען וועלען אפילו נאַסטיעלעס פיסעלעך לייכט איבערשפּרייזען.

צווייטעס קאַפּיטעל.

ילייעוו און בעסטוזשעוו זענען איינמאָל געזעסען ביים קאַמין אין עסצימער, אין דעם אייגענעם עסצימער, וואו עס פלעגען פאָרקומען די רוסישע פרישטיגען, און האָבען געשמועסט וועגען די ענינים פון דער געהיימער געזעלשאַפט.

דאָס האָלץ אין קאַמין האָט געקנאַקט ווי אין אַ פראָסט און אין קוימען האָט געבלאָזען אַ ווינטערדיגער ווינד. פון פענ-סטער האָט מען געקאָנט זעהן, ווי אויפ'ן ראָג מאָיקע, ביי דער בלויער בריק, האָט דער ווינד אַראָבגעריסען די היטלען ביי די פאַרבייגעהער, ווי ער האָט אויפגעבלאָזען, ווי זעגעל, די קליי-דער ביי די ווייבער און פערדעקט די קעפּ פון די טשינאָווניקעס מיט די קאָלנערס פון זייערע פוטערס.

דער ערשטער אייזגאַנג אויף דער נעווע איז שוין געענ-דיגט; איצט געהט שוין דער צווייטער—אויף דער לאַדאָגא-אָזערע. עס האָט געבלאָזען אַ צפון-מזרח-ווינד; אַלץ, וואָס האָט גענומען צוגעהן, איז פון דאָסניי פערפראָהרען געוואָרען; די קאַלוזשעס זענען בעצויגען געוואָרען מיט דינע אייזנעדעלעך; ווי אַ ווייסער רויך האָט זיך געשפרייט איבער דער ערד אַ געמיש פון שניי און רעגען און עס איז געוואָרען פון דאָסניי ווינטער, פּונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין פריהלינג נישט געווען.

אָבער דאָך איז געווען פריהלינג. טיילמאָל האָט זיך אויס-בעלייטערט דער הימעל; דורך די צוריסענע שטיקער וואָלקען

האָט אַרויסגעקוקט אַ בלויער און אַ גרינער דורכזיכטיגער הימעל, ווי אייז; די זון האָט געוואַרימט; דער שניי איז צוגאַנגען; פון די זדעבער האָט זיך אויפגעהויבען אַ פּאַר. די נאַסע גלאַטע רוקענס פון די פערד האָבען געגלאַנצט, ווי ים-הינד. און די בלאָטעס אויף די גאַסען האָבען פון ווייטען, אויף דער זון, גע-גלאַנצט ווי זילבער. און אַלץ איז געוואָרען צווייערליי: צוויי-ערליי האָבען געטרילערט די קאַנאַרקעס אין שטייגעל: איז גע-ווען קאַלט, האָבען זיי אומעטיג געטרילערט, איז געווען פריה-לינג—האָבען זיי פרעהליך געקנאַקט.

—קיינער טהוט גאָרנישט,—האָט ריליייעו גערעדט אין יע-נער שלעכטער שטימונג, וואָס פלעגט איהם עפטער בעפאַלען און אויך אַזוי פלוצלונג פערשווינדען, ווי זי פלעגט קומען.—אָבער טהאָן בעדאַרף מען דאָך עפּיס. שוין צייט אָנצוהויבען...

—יאָ, שוין צייט אָנצוהויבען,—האָט בעסטושעוו געזאָגט און זיך איבערגעהאַקט אין מיטען אַ געגעץ.—נישט אויסגעשלאָ-פען זיך. פון אָנהויב אין קאָרטען געשפּילט אין קלוב, דערנאָך אין יעקאַטערינענהויף—טראָקטעס און אין געלען שענקעלע—די גאַנצע נאַכט מיט ציגיינערינס. איצט איז נישט ניחא וועגען די-דאָזיגע ענינים צו ריידען; איצט וואָלט זיין גאָרנישט שלעכט צו מאַכען פון דאָסניי אַ שנאַפּס און דערצעהלען פון די אַלע זאַכען, וואָס זענען אָבגעטהאָן געוואָרען ביינאַכט.

בעסטושעוו איז געווען אַ וואוילער יונג: אַ גוטער חבר, אַ דרייסטער אָפיציר און אַ גאַנץ שאַרפזיניגער שריפטשטעלער, אַ מיטאַרבייטער פון'ם „פּאָלאַרשטערן". אָבער אין דער פערשווערונג איז ער אַריינגעפאַלען, ווי אַ יון אין סוכה—צוליעב יונגעלשער גאוה, צוליעב ביירעניזם, צוליעב וועלען נאָכמאַכען יאַקובאָוויטש'ן. ער האָט געשפּילט אין אַ פערשווערונג, ווי קינדער שפּילען אין גזלנים. אָבער ער האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז אַזאַ מין שפּיעל קאָן זיין געפעהרליך און ער האָט אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי אַרויסצוגעהן פון דער געזעלשאַפט און דערביי נישט ברעכען זיין וואָרט. זומער וועט ער חתונה-האָבען אין מאָסקווע און אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד.

„איצט מאַכט נאָך נישט אויס,—האָט ער פאַר זיך געטראַכט,—אָבער אַז איך וועל חתונה-האָבען, וועל איך בשום אופן נישט פערבלייבען אין דער געזעלשאַפט, און זאָלען זיי זאָגען, וואָס זיי ווילען".

—יאָ, שוין צייט אָנצוהויבען,—האָט ער איבערגע'חזר'ט מיט אַ בעזונדער היץ; אָבער אונטער רילייעווס פאָרשענדיגען בליק האָט ער אָבגעקעהרט דעם קאָפּ, פעררוכט מיט אַ צווענגעל דאָס פייער אין קאַמין און איילינ, ערנסט צוגעגעבען:

—אָבער פעסטעל, זאָגט מען, איז שוין דאָ...

—פעסטעל! עס קאָן נישט זיין! פאַרוואָס זאָל ער זיך בעהאַלטען, די אויגען נישט וועלען ווייזען?—האָט זיך רילייעוו געוואונדערט.

—ער האָט מורא, צי וואָס?—האָט בעסטוזשעוו ווייטער געזאָגט.—מען לויערט איהם נאָך. ביים צאַר אַליין אויפ'ן אויג. און אונז היט מען אויך. נישט דורכצוגעהן פון שפּיאָנען. געדענקסט, גלינקעלע האָט נישט לאַנג געזאָגט: „היט זיך!" אָבער פעסטעל הויבט-אָן שטאַרק צוצוטרייבען: אין דער דרום'דיגער אַרמעע, שמועסט מען, שטעהט די זאך אַזוי, אַז מען קאָן זיי קוים אָבהאַלטען. געניג אַז איין ראָטע זאָל זיך צובונטעווען און עס זאָל זיך אַליין אָנהויבען. ער לעגט אונז פאָר, מיר זאָלען זיך פעראייניגען מיט דער דרום'דיגער אַרמעע...

—וואָלט נאָר געווען, ווער עס זאָל זיך פעראייניגען!—האָט רילייעוו ביטער אַ שמייכעל געטהאָן.

—יאָ, ווייניג מענשען,—האָט בעסטוזשעוו בעשטעטיגט און מיט דער אייגענער היץ דורכגעלייענט רילייעווס אַ ליעד:

טרעפסט נאָר מענשען טריבע-פינסטערע,
זוכסטו בעסערע אַרום,
טרעפסטו מתים, לאַנג-געשטאָרבענע
אָדער קינדער, שוואַך און שטום.

—יאָ, מתים, לאַנג-געשטאָרבענע!—האָט רילייעוו אָבגעזיפצט און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.—וואָס מיינסטו, סאַשע: איך רייד נאָר אויף אַנדערע און אַליין... ניין, ברודער, איך ווייס,

איך בין אַליין אויך אַנ׳אויסוואורף. פאַר׳ן ווייב, פאַר׳ן טעכטערל, פאַר אַ וואַרים ווינקעלע און פאַר אַ קלינגענדיג ליעד וואָלט איך אָבגעגעבען אַלץ—אַלע פרייהייטען. און יאַקובאָוויטש וואָלט זיי אָבגעגעבען פאַר זיין האַס, קאַכאָווסקי—פאַר רוהם, פושטשין—פאַר זיין עהרליכקייט, אָדאָיעווסקי—פאַר זיין שטיפערישקייט...

—און איך?

—און דו—פאַר קאָרטען, פאַר מיידלעך, פאַר פליגעלאַדיו-טאַנטישע אַקסעלבאַנדען... אָבער וואָס איז דאָ צו ריידען: אַלע זענען גוט! אין דער הייליגער שריפט, געדענקסטו, ווערט געזאָגט: דער, וואָס לעגט זיין האַנד אויפ׳ן פלוג און קוקט צו-ריק, דער איז נישט ווערט צו זיין אין גאָטס מלוכה. אָבער מיר אַלע קוקען צוריק. מיר אַלע זענען פיפערנאָטערס, פלאַפלער, פייפער. מיר האָבען אַלע ניין מאָס רייד, אָבער אַז מען בע-דאַרף עפּיס טהאָן, לאָזען מיר אַראָב די נאָז... עך, סאַשע, סאַ-שע, ווייסטו, ברודער?.. מיר דאַכט זיך אַלץ: מיר ווילען אַדורכ-פאַלען, מיר ווילען זיך אַנידערזעצען אין אַ בלאָטע, מיר ווילען גאָרנישט אויפטהאָן, גאָרנישט! מיר נעהמען אַ זאַך נישט נאָך אונזערע כחות נאָך—די הענד זענען צו-קורץ. דאָס וועט אַלץ אָר בלייבען ביי שענע ווערטער. פושטשין האָט רעכט..

אַוועקגעלעגט די האַנד בעסטוזשעוו׳ן אויפ׳ן אַקסעל און ארויסגעזאָגט מיט גרויס פאָמפע, מיט יענעם אונגערנדיגען טעאַ-זראַלישען טאָן, אין וועלכען זיי אַלע, ווי אויפריכטיג זיי זענען ישט געווען, פלעגען אַריינפאַלען:

—אויך אין דיינע אויגען, אַלעקסאַנדער, לייען איך אַזוינס, וואָס איז געגען דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט!

—נו, גענוג שוין, גענוג, וואַרף-אַוועק, זאָגט מען דיר! דאָס איז דאָך עפּיס, נשמה מיינס, פון שילערס רויבער. און צו וואָס זאָל מען דאָס אַלץ אויף מיר אַרויפוואַרפען, פון אַ קראַנקען קאָפּ אויף אַ געזונדטען? איהר זענט אַלע פאַנטאַזיאָרען, אָבער איך בין אַ סאָלדאַט: איך טויג נישט צו רייד, נאָר צו מעשים, אַז אָנהויבען—איז אָנהויבען. פונמיינטוועגען כאָטש די רגע!

האט בעסטוזשעוו געענטפערט מיט דעם אייגענעם טעאטראלי-שען טאן

און ער האט נישט געוואלט און ער האט געוואוסט, אז מען בעדארף נישט ריידען, אבער עס האט זיך אליין גערעדט. אבער אויב ער האט געלייגט, איז נישט איינגאנצען: ער האט נאר בעדארפט משער-זיין, ווי א גוטער אקטאר, אז ער פיהלט כלומר׳שט עפיס און ער האט טאקי באלד אנגעהויבען פיהלען. אבער טיילמאל זענען די געפיהלען געווען גענארטע און דעמאלט פלעגט ער אליין נישט וויסען וואסערע פון זיי זענען די עכטע.

—ניין, איצט קאן מען נישט,—האט רילייעוו אנגעהויבען שוין מיט א פרעהליכען טאן; אלעמאל אזוי: אויסגעקלאגט זיך, איז ער מונטערער געווארען.—ביי דער איצטיגער מינוט קאן מען נישט. אט דעם קינפטיגען פריהלינג, אויפ׳ן מאי-פאראד, אדער אויף דער פייערונג אין פעטערהאף, זומער, צי וואס... יאקובא-וויטש׳ן וואלט מען כאטש איצט געקאנט אראפלאזען פון דער קייט: די האנד וועט איהם א ציטער נישט טהאן. אבער איך האב מורא: ער וועט נאך אנמאכען צרות, אלע וועלען זיך אויפהויבען געגען דער געזעלשאפט...

—היט זיך, רילייעוו: דיין קאכאווסקי איז נאך ערגער פאר יאקובאוויטש׳ן. אנומעלט איז ער ווידער געפאהרען אין צאר-סקאיע סעלא...

—דו לייגסט!

—פרעג איהם אליין... דער קייזער, שמועסט מען, שפא-צירט איצט אליין אין פארק, אהן א וואך... נו, לויערט ער אויף איהם, קוקט איהם נאך. נו, ווי ווייט איז דאס פון א פער-ברעך? דעמאלט וועלען מיר אלע אומקומען פאר גארנישט... וואלסטו איהם כאטש אנגעלערנט, צי וואס?

—וועסט איהם אנלערנען, אודאי!—האט רילייעוו געזאגט און געדריקט מיט די אקסלען פון פערדראס.—אנומעלט איז ער אריינגעפאלען צו מיר, ווי א משוגע׳גער, קוים בעוויזען צו זאגען בוט-מארגען און באלד פון ערשטען ווארט אויסגעשאסען: הער,

זאָגט ער, ריליייעו, איך בין דיר געקומען זאָגען, אַז איך האָב בעשלאָסען צו דער׳הרג׳ענען דעם צאַר. גיב דאָס איבער דעם העכסטען ראַט, און זאָל מען בעשטימען אַ טערמין... איך בין געלעגען אויף דער קאַנאַפּע, בין איך אויפגעשפרונגען, ווי אַנ׳אָבגעבריהטער. וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, משוגע׳נער! דו ווילסט, אפנים, אומברענגען די געזעלשאַפט... רייד איך מיט איהם מיט גוטען און מיט בייזען, עס העלפט אָבער נישט. האָט זיך איינגעשפּאַרט, כאָטש האַק איהם דעם קאָפּ. מילא, פערפאַלען. סוף-כל-סוף האָב איך געמוזט פאַלען פאַר איהם אויף די קניה און בעטען רחמים: „האָב, זאָג איך, כאָטש רחמנות אויף נאַטאַשע׳ן און אויף נאַסטיעלע׳ן!“ נו, דאָ האָט ער זיך אַזוי ווי פערטראַכט, זיך איינגעשטילט, דערנאָך זיך צעוויינט און אַרומגענומען מיך: „נו, זאָגט ער, רעכט, איך וועל וואַרטען נאָך אַ ביסעל...“ און דערמיט איז ער אַוועק. אָבער אויף לאַנג?

—אָט האָט מען זיך דאָס גענומען אַ צרה אויפ׳ן קאַרק!— האָט בעסטושעוו אַרויסגעמורמעלט.—און ווער איז ער אַזוינער? פון וואַנען האָט ער זיך דאָס גענומען? אַרויפגעפאַלען, ווי שניי אויפ׳ן קאָפּ. צי איז ער אַמאָל נישט קיין שפּיאָן, כלעבען?..

—וואָס רעדסטו, ווי קומט ער צו אַ שפּיאָן! זעהר אַנ׳אָרענטליכער יונג. אַ דוואָריאַנין פון דער אַלטער פּוילישער שלאַכטע. און אַ געבילדעטער: צו די דייטשען זיך געפאָהרען לערנען, אין גוואַרדיע געדיענט, דעם פראַנצויזישען קריעגסצוג דורכגעמאַכט, נאָר פאַר עפּיס אַ העזה׳דיגע מעשה איבערגעפיהרט געוואָרען אין דער אַרמעע און דאָרטען זיך אָנגעגעבען אין דימיסיע, פערמעגט אַ שטיקעל אימעניעלע אין סמאָלענסקער גובערניע, אָבער ער האָט געשפּיעלט אין קאָרטען און זיך פערשפּיעלט פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז זיך אַלץ מכין-געווען צו פאָהרען קיין גריכענלאַנד, אָנטייל-נעהמען אין אויפשטאַנד; צוליעב דעם איז ער געקומען קיין פּעטערבורג און איז דאָ געבליבען שטעקען. ער האָט דאָ אַלץ אַראָבגעלאָזען ביז דעם לעצטען פאָדעם פון די הויזען און איז שיער פון הונגער נישט געשטאָרבען. איך

האָב איהם עטוואָס אויסגעהאָלפען און אַריינגענומען אין דער געזעלשאַפט...

מען האָט אָנגעקלונגען אין טהירגלעקעל. עס האָט זיך גע-הערט, ווי קאַכאָווסקי רעדט אין פאָרצימער מיט׳ן דיענער.

—דער הער איז אין דערהיים?

—אין דערהיים. איהר קאָנט אַריינגעהן.

—זעה, טאַקי ער?—האָט זיך רילייעוו צוגעהערט.—טאַקי ער, ווען מען וואָלט דערמאָהנט אַ טויטען, וואָלט ער אויך גע-קומען...

קאַכאָווסקי איז אַריין, זיך בעגריסט, ווי תמיד, שווייגענ-דיג, פון אויבען אַראָב, מיט צוויי פינגער, פונקט ווי ער וואָלט זיי געטהאָן אַ טובה. אָבער אָנגעטהאָן איז ער געוועזן נאָך ערגער ווי אינ׳ם טאָג פונ׳ם רוסישען מאָלצייט און אויסגעזעהן האָט ער נאָך הונגעריגער ווי דעמאָלט. ער האָט זיך אויך צוגעזעצט צום פייער, געוואַרימט זיינע דערפראָהרענע הענד און געטריקענט ביי די קאַמין-אייזענדלעך זיינע מיט בלאָטע בעשפריצטע שטיוועל בעבען בעסטוזשעווס פראַנטישע לאַקירטע פליגעל-אַדיוטאַנטישע באָטפאָרטען.

—וואָס, פעטיע, דערפראָהרען געוואָרען? ווילסט עפּיס צו-בייסען?—האָט רילייעוו איבערגעריסען דאָס שווערע שטילשווייגען.

קאַכאָווסקי האָט נישט געענטפערט. ער האָט נאָר בייז און קרענקליך אַ צוק געטהאָן מיט די אַקסלען, פונקט ווי פון פראָסט.

—מאָרגען פאָהר איך. זענט מיר געזונד.

—וואוהין?

—קיין סמאָלענסק.

—וואָס איז דיר עפּיס איינגעפאַלען?

—און וואָס האָב איך דאָ צו טהאָן מיט אייך? איך לעב ווי אַ הונד, געה-אויס פון הונגער, זיך איינגאַנצען אַרומגעריסען, נישטאָ פאַר וואָס שטיוועל צו קויפען. און ביז איהר וועט נאָך...

—אינגיכען, פעטיע, אינגיכען. דאָס איז דאָך עפּיס נישט פון אונז אָבהענגיג...

—נאָר פון וועמען-זשע?

—פון דעם העכסטען ראַט. ווי ער וועט בעשטימען...

—דו מיינסט, די אונזעהעוודיגע ברידער?

—נו, יאָ, טאַקי זיי. מיר מיט דיר זענען דאָך פּשוט'ע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט, ווייסט עס דאָך אַליין.

—איך ווייס פון גאָרנישט און וויל פון גאָרנישט וויסען! איך שפּיי אויפ'ן העכסטען ראַט! עפּיס סודות מאַסאָנישע! אונזעהעוודיגע ברידער! איהר נאַרט מעהר נישט מענשען, פאַר דער נאָז פיהרט איהר זיי. אָבער מיט וואָס בין איך ערגער פון אייערע אונזעהעוודיגע ברידער, דער רוח זאָל זיי נעהמען! דערפאַר וואָס איך בין אַ דימיסיאָנירטער אַרמעע-אָפיציר, אָהן הויזען, אַ בעטלער, אַ פּראָלעטאַריער—בין איך, הייסט עס, נישט ווערט דאָס צו זיין!—האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטהאָן אין ברוסט און מיט אַ בעזונדער שטאָלץ איבערגע'חזר'ט דאָסזעלבע נייע ווערטעל.— איך בין אפילו אַ פּראָלעטאַריער, אָבער מיין כּבוד איז מיר נישט וועניגער טייער, ווי אייערע סאָפּעגדיגע אַדעלליים, גוואַרדעאישע טויגעניכטסען, פּירשטלעך און קאַמעריונקערס פון די הויפהינד!..

—וואָס זידעלסטו זיך? קיינער האָט דיין כּבוד נישט אָנגעריהרט. און ווילסטו אַוועקגעהן, קאָנסטו געהן געזונדטערהייד, פאַרהאַן אָהן דיר אויך גענוג. דו רעדסט אַלץ וועגען דיין כּבוד, אָבער פאַרהאַן מענשען, וואָס ווילען לטובת דער מענשהייט אָפּפערן נישט בלויז מיט'ן לעבען, נאָר אויך מיט זייער כּבוד...

—ווער זענען זיי? ווער?—איז קאָנאָווסקי בלאַס געוואָרען און אויפגעשפּרונגען, ווי עמיצער וואָלט איהם אַ ביס געטהאָן.— אפשר מיינט איהר יאַקובאָוויטש'ן?

—און אפילו יאַקובאָוויטש...

—ער איז אַנ'אויסוואורף!

—דו ביזט אַזאַ בעל-מקנא, מיין ליעבער, אַז דו פאַלסטאָן אויף אַלץ, וואָס דו קאָנסט עס גאָרנישט...

—געמיין קאָן איך נישט זיין...

—וואו זעהסטו געמיינהייט?

—די נקמה פון אַ בעליידיגטען מטורף איז אַ געמיינהייט.

אַ מאוס'ע זאַך! און אונטער דער מאַסקע פון אַלגעמיינעם גליק—נאָך געמיינער... געהן דער'הרג'ענען דעם צאַר איז נישט קיין קונץ—דאָס קאָן יעדערער. אָבער מען בעדאַרף דערויף האָבען רעכט, דו הערסט, רעכט!

—רעכט צו דער'הרג'ענען?

—דאָ איז נישט דער מאָרד, נאָר עפּיס אַנדערש... אפשר נאָך ערגער פונ'ם מאָרד, גאָר אַנ'אַנדער זאַך... אָבער איהר פערשטעהט עס נישט. קיינער פערשטעהט גאָרנישט. אָ, גאָט מיינער!

פלוצלונג האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן שטול, פערמאַכט די אויגען און זיין פנים איז אינגאַנצען בעדעקט געוואָרען מיט אַ טויטקייט.

—וואָס איז מיט דיר, פּעטיע? ביזט נישט געזונד?

—ניין, גאָרנישט, עס וועט איבערגעהן. דער קאָפּ שווינדעלט מיר. גיב מיר אַ ביסעל וואַסער אָדער אַ גלאָז ווייז...

ווי תמיד פאַר'ן פריהשטיג, האָט אין ריליייעווס עסצימער געשמעקט עפּיס בע'טעמ'טעס און געפּרעגעלטעס. קאַכאָווסקי'ן האָט בעקעהרט צוריק פון הונגער און פון דעמדאָזיגען ריח.

ריליייעוו האָט זיך אָנגעשטויסען, גיך אַוועקגעלאָפען אין קיך אַריין, געבראַכט פון דאָרטען אַ טעלער קרויט מיט פלייש און אַ גראַפין בראָנפען. אַז ער האָט געענדיגט עסען, האָט איהם ריליייעוו אַוועקגעפיהרט אין קאַבינעט אַריין.

—הער-נאָר, פּעטיע, נו, ווי שעמסטו זיך עס נישט: הונגערסט און קיין געלד נעהמסטו נישט. נו, זאָג אַליין: אַזוי בעגעהען זיך חברים, האַ

ער האָט געעפּענט אַ שופלאָד פון טיש.

—אויב דו ווילסט מיך נישט בעליידיגען... דאָ האָסטו דאַכט זיך, צוויי הונדערט...—האָט ער איהם אַריינגערוקט אין האַנד אַריין אַ בלוי פּעקעלע מיט אַסיגנאַציעס.

—צו וואָס בעדאַרף איך אַזויפיעל?—איז קאַכאָווסקי נישט מרוצה-געוואָרען; די אַראָבגעהאָנגענע אונטערשטע ליפּ האָט איהם געציטערט.—דער בעל-הבית'טע אין געוועלבעל און דעם שניידער יוכצי. דער פערשאָלטער זשיד לאָזט נישט לעבען, קריכט אַלע

טאָג און סטראָשעט מיט טורמע...

ביי דעם שניידער יונצי האָט מען בעשטעלט אַ מיליטערי-שען מונדיר; אויף ריליייעווס פערלאַנג איז קאַכאָווסקי מרוצה-געוואָרען אַריינצוטרעטען פון דאָסניי אין דער אַרמעע און האָט דערלאַנגט אַ בקשה אין יעלעצקען פעכאָטנעם פאָלק.

צולעצט, האָט ער גענומען דאָס געלד, נישט איבערגע-צעהלט, איילינ און אומגעלומפערט אַריינגעשפאַרט עס אין דער זייטיגער הויזענקעשענע, פונקט ווי דאָס זעקעלע מיט טאַבאַק.

—דער מונדיר איז פאַרטיג?—האָט ריליייעוו געפרעגט.

—פאַרטיג.

—נו, איז גוט. אַ פראַק פאַסט דיר נישט. אין מונדיר ביזטו אימפאָנירענדיגער און וועסט קאָנען בעסער ווירקען... און מיט די פויערים, ווי איז?—האָט ער צוגעגעבען און זיך פערטראַכט.—וואָלסטו זיי אפשר פערקויפט, צי וואָס? הונדערט רובל איז דער היינטיגער קורס פון אַ נפש. דרייסיג נפשות—דאָס איז געלד, אויפ'ן גאַס וואַלגערט זיך עס נישט. איך וואָלט עס דיר גיך געמאַכט: דורך אונזער פאַלאַטע...

—אַ, דאָס איז ווערט אַנ'אויסגעבלאָזען איי... זיי זענען פער'משכנ'ט, די פראָצענטען האָב איך שוין לאַנג נישט געצאָהלט, שוין אודאי דורכגעלאָזט דעם טערמין,—האָט קאַכאָווסקי געלייגט און איז פיינליך רויט געוואָרען.—איך האָב זיי נישט פער'-משכנ'ט, נאָר פערשפּיעלט אין קאָרטען מיט עפּיס אַ שולער אויפ'ן לעבעדיאַנער יריד.

—נו, זענען מיר, אַלזאָ, שלום, האַ, פעטיעלע? בייזער זיך נישט—האָט ריליייעוו געזאָגט און געדריקט איהם די האַנד און דערביי אַריינגעקוקט איהם אין פנים אַריין מיט זיין ליעבען יונ-געלשען שמייכעל.

אָבער יענער האָט זיך נאָך אַלץ אָבגעקעהרט, נישט גע-קוקט איהם אין די אויגען אַריין און געטראַכט: „נו, ווי קאָן איך שוין דאָ זיין אין כעס, אַז איך האָב גענומען געלד?" יע-דעס מאָל, אַז ער האָט גענומען געלד, האָט ער געהאַט אַזאַ געפיהל, ווי ער וואָלט די אייגענע נשמה פערשפּיעלט דעם טייוועל.

—איך בין, מיין ליעבער, נישט אין כעס... פארוואס?..
עס איז סתם פאסקודנע, טיילמאל אזוי פאסקודנע אויפ'ן הארצען, כאטש נעהם און האק זיך אריין א קויל אין שטערען. איך קאן נישט מעהר, איך האב שוין קיין כחות נישט!..

—נו, גענוג, גענוג,—האט איהם ריללייעוו געטרייסט און געטראכט, אפנים, פון עפיס אנדערש.—שוין נישט פיעל צו ווארטען, ווערסט עטוואס צו-ליידען... צו וואס ביסטו, אייגענטליך, געפאהרען קיין צארסקאיע סעלא?

—קיין צארסקאיע סעלא? ווייסט אליין... עך, ברודער, מען בעדארף נישט מעהר, ווי אנצילעווען. אין צעהן טריט. איינער אליין. פונקט ווי ער וואלט זיך גערייצט...

—אבער דו האסט דאך אליין געזאגט: אז דער'הרג'ענען איז א קלייניגקייט, אבער מען בעדארף, אז...

—איך ווייס שוין, איך ווייס שוין. אבער איך קאן נישט מעהר... גאט מיינער! ווען פארט?

—איך זאג דאך דיר, אז אינגיכען. נו, עהרנווארט, אט האסטו דיר מיין שבועה מיט'ן קרייץ—ריללייעוו האט זיך איבערגע'צלמ'ט פאר'ן הייליגען בילד, ווי אנומעלט בשעת'ן שמועס מיט גאליצינ'ען—דו, נאר דו אליין און מעהר קיינער! זאלסטו עס טאקי וויסען. און דעם העכסטען ראט וועלען מיר וועגען דעם מודיע-זיין און א טערמין וועלען מיר בעשטימען. דו ביזט ווערט... איך ווייס, פעטיע ליעבער, איך ווייס, אז דו ביזט ווערט...

ין קאכאווסקיס אויג האט עפיס א בלישטשע געטהאן, ווי דער גלאנץ פון געשארפטען שטאל. און ריללייעוו האט געקוקט אויף איהם, ווי א שלייפער, וואס פרובט א מעסער, צי עס איז שארף. יא, שארף.

בעסטוזשעוו איז ביים אנהויב געשפרעך אריבער אין גאסטצימער—נישט צו שטערען זיי. דערנאך, אז זיי זענען אריין אין קאבינעט, האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין עסצימער, זיך אנידערגעזעצט ביים פייער און פעררוויכערט א לולקע. אבער ער האט זי ארויסגעלאזט פון האנד און איז אנטדרעמעלט געווארען.

אין שלאָף האָט ער געזעהן, ווי ער פערלעגט אַ באַנק, שלעפּט קופּעס גאָלד און די ציגיינערין מאַליאַרקע זיצט איהם אויפ׳ן שויס און קיצעלט איהם, לאַכט און לאָזט נישט שפּיעלען. אויפ־געכאַפּט האָט ער זיך אַ פערדראָסיגער, ווייל דער אָנגענעהמער חלום איז איהם איבערגעריסען געוואָרען. דעמאָלט איז קאַכאָווסקי מיט ריליייעוו׳ן אַרויס פון קאַבינעט; ריליייעוו האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן זייגער: ער האָט נאָך פאַר׳ן פריהשטיג בעדאַרפט אַריינגעהן אין דער פערוואַלטונג פון דער רוסיש־אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע. בעסטוזשעוו איז זיך אויך מכין־געווען אַוועקצוגעהן: ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער בעדאַרף נאָך מאַכען אַ וויזיט דער מוהמען, וואָס פייערט היינט איהר געבורטסטאָג.

—צופיהרען אייך, קאַכאָווסקי?

—איך דאַנק. איך בין געוועהנט צו געהן צופוס. אגב בע־דאַרף איך גאָר געהן מיט אַנ׳אַנדער וועג.

בעסטוזשעוו האָט איהם אָבגעפיהרט אין דער זייט, אַזוי, אַז ריליייעוו זאָל נישט הערען.

—איך בעט אייך, פאָהרט מיט מיר איינאיינעם. איך בע־דאַרף מיט אייך ריידען וועגען די ענינים פון דער געזעלשאַפט.

—נו, מען קאָן פאָהרען,—האָט קאַכאָווסקי געזאָגט און אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט פערוואונדערונג: זיי האָבען איינאַנ־דער נישט ליעב געהאַט און האָבען קיינמאָל נישט געשמועסט וועגען די ענינים פון דער געזעלשאַפט.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען. קאַכאָווסקי האָט אָנגע־טהאָן אַ ברייטען שוואַרצען קאַרבאָנאַרען־הוט און אַ משונה׳דיגען לייכטען אַלמאַוויוואַ־מאַנטעל, עהליך צו אַ זומערדיגען מאַנטעל. אין דעמדאָזיגען הילוך איז ער נאָך עהנליכער געווען צו אַ טעאַטער־גזלן אָדער צו אַ קלאַווירשטימער.

ביים צופאָהר האָט געוואַרט בעסטוזשעווס פליגעל־אַדיוטאַנ־טיש עקיפּאַזשל, אַנ׳עלעגאַנט ענגליש עקיפּאַזשל, הויך געבויט; דער קוטשער—אַ בראַווער יונג אין אַ הוט מיט פּאַווע־פעדערן; דאָס נעבענפערד האָט געהאַט אַ דינעם שוואַנעהאַלז,ביידען איז איינג געווען אין עקיפּאַזשל. בעסטוזשעוו האָט זיך געזעצט מיט

אַ זייט, נישט בעקוועם: דער „גוואַרדעאישער טויגעניכטס“ האָט מיט גרויס העפליכקייט אָבגעלאָזט זיין אָרט „דעם פּראָלעטאַריער“. אויפ׳ן וועג האָט ער געבעטען, ער זאָל איהם דערלויבען אָבצו־פיהרען אין דרוק אַריין די קאָרעקטור פון „פּאָלאַר־שטערען“.

עס האָט אַרויסגעקוקט די זון, אָבער אונטער איהר האָבען די גאַסען אויסגעזעהן נאָך וויסטער, נאָך איינטעניגער, ברייט ווי מערק, מיט שורות גרויע קליינטשקע הייזעלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטען צוגעפּאַטשט געוואָרען צו דער ערד, און מיט די טורמס פון פייערלעשער, וואָס האָבען וואו־נישט־וואו אַרויסגעשטעקט צווישען די שורות הייזלעך; די בלאַס־געלבע קאַזיאָנע הייזער האָבען זיך נאָך טריבער געצייכענט אונטער דעם בלאַס־גרינעם הימעל.

מען איז אַרויסגעפאָהרען אויף דעם נעווסקי פּראָספּעקט. פון דער פּאָליצייבריק ביז דער אַניקין־בריק איז דידאָזיגע גאַס, אויפ׳ן בעפעהל פון קייזער פּאַוועל, בעזעצט געוואָרען מיט ליפּע־בוימלעך, אין אַ משך פון דרייסיג טעג, אין די סאַמע ברענענדיגסטע פרעסט; די גריבער פאַר די בוימער האָט מען בעדאַרפט האַקען מיט העק און דערוואַרימען מיט פייער, אַז די פערפראָהרענע ערד זאָל ווייכער ווערען. איצט, אונטער דעם פראָסטיגען ווינד, זענען דידאָזיגע קראַנקע ליפּע־בוימלעך, וואָס האָבען געציטערט מיט זייערע נאַקעטע צווייגלעך, געוועזן עהנליך צו קראַנקע קינ־דער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלען קיינמאָל נישט בליהען. אָבער עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען דער פריהלינג־שפּאַציר צווישען דידאָזיגע בוימלעך. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען מיליטערלייט אין דרייקאַנטיגע היט מיט האָהנפעדערן, טשינאָוו־ניקעס אין פריזענע מאַנטלען, סוחרים אין לאַנגע „סיבירקעס“. דאַמען אין רוסישע פעלצמאַנטלען און אין בונטע פאַריזער הי־טעלעך, ווי בלומען, זענען ביים גאָסטיני דוואָר אַרויסגעשטיגען פון די קאַרעטען, אונטערגעהאַלטען פון די ליווריי־ענדיגער. אַ צוג פון פריצ׳ישע קאַרעטען האָט זיך פאַרבייגעצויגען און די יונגלעך־פאָרייטער האָבען מיט דינע שטימעלעך נאָכאַנאַנד גע־שריען: „אי־אי־אי!“ אויף אַ פאָסטוועגעל האָט געאיילט אַ פעלד־

יעגער, ברעכענדיג האַלז און נאַקען און דערבײַ זענען געפאָהרען דראָזשקעס-גיטאַרעס, וואָס האָבען געסקריפּעט און געקלאַפּט אי-בער׳ן שטיין פון ברוק. אויף דידאָזיגע דראָזשקעס זענען די פאָהרער געזעסען רייטענדיג, ווי אויף זאָטלען, און זיך אָנגע-האַלטען ביים גאַרטעל פון פוהרמאַן; אויף דעם פוהרמאַנס רוקען האָט זיך געבאָמבעלט אַ בלעכעל מיט אַ נומער. פאַר אַ מאַרשי-רענדיגער סאָלדאַטען-אָבטיילונג האָט געשפּיעלט אַ מיליטערישער אָרקעסטער.

און אין דער איינטעניגקייט פונ׳ם מאַרשירענדיגען מיליטער, אין דער איינטעניגקייט פון די ווייסע קאָלאָנעס אויף די געלבע פאַסאַדען פון די קאַזיאָנע הייזער האָט זיך געשפּירט דער גייסט פון יענעם, וואָס האָט געזאָגט: „איך האָב ליעב אין אַלץ די איינטעניגקייט". עס האָט זיך גערדאַכט, אַז די גאַנצע שטאָדט איז אַ גרויסע קאַזאַרמע אָדער אַ פּלאַץ-פּאַראַד, וואו אונטער דער קלאַ-פּעריי פון באַראַבאַנעס האָט זיך אַלץ אויסגעצויגען אין אַ פראָנט, פערהאַלטען דעם אָטעם און פערגליווערט געוואָרען.

בעסטוזשעוו האָט עפּיס געזאָגט קאַכאָווסקי׳ן, אָבער יענער האָט נישט געהערט, געקוקט נאָר אויף די מחנות מענשען און געטראַכט: צווישען אָט די מחנות מענשען קאָן איהם קיינער נישט. אָבער עס איז גאָהנט די שעה, ווען אָט די אַלע מענשען, גאַנץ רוסלאַנד, די גאַנצע וועלט וועט זיך דערוויסען און זיך אַ צאַפּעל טהאָן פון שרעק און יראה פאַר דעם, וואָס ער האָט אויפגעטהאָן.

„איך וועל אייך צושיקען דאָס אַרטיקעלע, וועט איהר דורכלייענען...

—וואָסער אַרטיקעלע?

—מיין אַרטיקעלע: „בעטראַכטונגען איבער דער רוסישער ליטעראַטור פאַר׳ן משך פון יאָהר 1824."

בעסטוזשעוו האָט גערעדט וועגען זיין אַרטיקעל, וועגען זיין פערד, זיין מוהמען, זיין ציגיינערין מיט אַזאַ פרעהליכער מינע, פונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין ספק נישט געקאָנט זיין, אַז דאָס איז פאַר אַלעמען אינטערעסאַנט.

—איבעריגענס, איז די ליטעראַטור בלויז אַ נישטיג בלעטעל פון מיין לעבען... איך קאָן, ווי שעניע ביי דער גילאָטינע, זאָגען, אַ קלאַפּ טהאָענדיג זיך אין שטערען אַריין: „דאָ איז עפּיס געווען!” מיין נערוועניסיטעם איז עאָלס האַרפּע, אויף וועלכער עס שפּיעלט דער שטורמווינד.

דאָס האָט ער אַמאָל געזאָגט וועגען בייראָנ׳ען און דערנאָך האָט ער עס גענומען איבער׳חזר׳ן וועגען זיך.

קאַכאָווסקי האָט איהם בייז אָנגעקוקט.

—איהר האָט, דאַכט זיך, געוואָלט מיט מיר ריידען וועגען אַ וויכטיגען ענין?

—יאָ, יאָ, געוויס, וועגען אַ וויכטיגען ענין. אָבער אויף דער גאַס, ווייסט איהר, איז נישט זעהר בעקוועם... דער פּוהרמאַן קאָן דערהערן. מען שפּירט אונז שטאַרק נאָך. איך בין אפילו נישט זיכער אין די אייגענע מענשען.—האָט ער צוגעגעבען אויף פראַנצויזיש. אָט, ווען איהר וואָלט דערלויבט אַריינכאַפּען זיך צו אייך אויף אַ רגע׳לע...

—אָך, מיט פערגעניגען,—האָט קאַכאָווסקי טרוקען געזאָגט.

אונטערוועגס האָט בעסטוזשעוו איינגעקויפט אין די מילוטינגעשעפטען צובייסונג און שאַמפּאַניער. קאַכאָווסקי האָט נישט געפרעגט, צו וואָס. דעם גאַנצען וועג האָט ער, אַנ׳אָנגעבלאָזענער, געשוויגען.

געוואוינט האָט ער אין דער קאָלאָמנע-פאָרשטאָדט, אין ענגעלגאַרדטס הויז, אין אַ בעזונדערן אַלטען קרומען פליגעלע.

שטיגען—פינסטערע, וואָס האָבען געשמעקט מיט קעץ און קיך-אָבפאַל. נישט איינצושמוצען זיך, האָט זיך בעסטוזשעוו בעדאַרפט אָנבויגען, אַראָבנעהמען פון קאָפּ זיין העלם מיט׳ן וויי-סען פעדערבוש, וואָרום דערביי האָבען זיך געטריקענט אויף אַ שטריק פערשידענע קיך-שמאַטעס. צוויי אַלטע ווייבער האָבען זיך געקריגט אויף די שטיגען צוליעב אַ פערפאַלענעם הערינג, און איינאַנדער געשטופּט אין פּנים אַריין אַ פערטריקענטען הערינגעק. פון אַנ׳אָפענער טהיר האָט אַרויסגעקוקט אַנ׳אָנגעפאַרבט מיידעל מיט אויפגעבלאָזענע האָהר, מיט אַ גיטאַרע אין דער האנ־

און טיעפער אין צימער האָט אַ הייזעריגער באַס געזונגען אַ ליעדעל, וואָס איז שטאַרק באַליעבט געווען ביי די קאַנצעלאַריע-בעאַמטע:

אָ, גלאַפירע, מיין גלאַפירע,
מיר אָהן דיר איז קאַלט און ביטער,
און עס זעהט מיר אויס דאָס לעבען
ווי אַ שוואַרץ און בייז געוויטער.

קאַלאָווסקיס צימער, וואָס האָט זיך געפונען סאַמע אין דער-הויך, אויפ'ן לעצטען שטאָק, איז געווען עהנליך צו אַ בוי-דעם-שטיבעל. אונטען, מסתמא, האָט געמוזט זיין א קוזניע, וואָ-רום די הילצערנע ווענדטלען, בעקלעבט מיט בלויע טאַפּעטען און אויסגעשמירט פון ווילגאָטש, פלעגען טיילמאָל אויפציטערן פון שרעקליכע האַמער-קלעפּ. אויפ'ן טיש זענען געלעגען די ווערק פון פּלוטאַרך און ליוויוס אין דער פראַנצויזישער איבער-זעצונג פון XVIII יאָהרהונדערט און דערביי איז געשטאַנען אַ טעלער מיט אַנ'אַרומגעגעסענעם ביין און אַ שטיקעל זויערע או-גערקע. אָנשטאָט אַ טיש—אַ פּעלדבעט, אָנשטאָט אַ דעקע—אַנ'אָפּי-צירישער שינעל און אַ רויטער קישען אָהן אַ טשיכעל. אויף דער וואַנד—אַ קליינינקע קופּערנע קריסטוס-קרייצונג און דער פּאָר-טרעט פון'ם יונגען זאַנד, וואָס האָט דער'הרג'עט דעם רוסישען שפּיאָן קאָצעבו. אונטער'ן גלאָז פון'ם פּאָרטרעט איז געלעגען אַנ'אויסגעטריקענט בלימעל, מסתמא פון זיין קבר, דערביי אויך אַ שמאַטקעלע, איינגענעצט אינ'ם בלוט פון'ם אויפגעהאַנגענעם און פיער שורות פון פּושקינס אַ ליעד „דער קינזשאל", וואָס קאַלאָוו-סקי האָט אַריינגעשריבען:

אָ, יונגער זאַנד! דו שענקסט דיין קאָפּ דער תליה
אין צער און אַנגסטען אָהן אַ שיער!
נאָר אייביג וועט דיזעלבע קאַלטע תליה
דערצעהלען וואונדער בלויז פון דיר

אַריין אין צימער, איז קאַלאָווסקי געוואָרען נאָך מרה-שחורה'דיגער—זיך געשעמט, אפנים, מיט זיין אָרימקייט. אַליין האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן בעטעל און דעם גאַסט פאָרגעלעגט

דעם איינציגען שטול, ביידע האָבען געשוויגען. בעסטושעוו האָט געהאַלטען אויף די קניה דאָס פּעקעל מיט צובייסונג און וויין און האָט נישט געוואוסט, וואו מען לעגט עס אַנידער. פאַר איין ברירה האָט ער עס געלאָזט ליעגען אויפ׳ן טיש.

—הערט, קאַכאָווסקי,—האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבען איילִיג און, ווייזט-אויס, אויך פערשעמט—רילייעוו האָט אייך גאָרנישט געזאָגט וועגען העכסטען ראַט?

—גאָרנישט.

—איך פערשטעה נישט, כלעבען, וואָס ער בעהאַלט זיך. אַזאַ מענשען, ווי איהר, מעג מען אַלץ אָנטרויען... נאָר עס איז סתּם קיין העכסטער ראַט נישטאָ, וואָרום דער גאַנצער ראַט איז בלויז—רילייעוו אַליין...

—און וואָס איז טרובעצקאָי, פּושטשין, אָדאָיעווסקי?—האָט קאַכאָווסקי געפרעגט כלומר׳שט גלייכגילטיג, אָבער אין דער־אמת׳ען געוואַרט מיט גרויס נייגיר אויף בעסטושעווס ענטפער.

—זיי זענען בלויז מאַריאָנעטען אין רילייעווס האַנד. ער נעהמט אַלץ אויף זיך און דריקט-אויס זיינע מיינונגען, ווי אַ דיקטאַטאָר. ער נאַרט אַלעמען און זיך אויך. רעוואָלוציע—דאָס איז דער פּונקט, אויף וועלכען ער איז משוגע-געוואָרען. נישט קיין שלעכטער מענש, אָבער ער איז אינגאַנצען אַריין אין זיינע פאַנטאַזיעס, חלומות, נו, מיט איין וואָרט, אַ מחבר, ווי מיר אַלע בעלי-עבירה׳ניקעס. ער קאָן נאָר פערקאָכען אַ קאַשע, אָבער אויפ־עסען זי וועלען מוזען אַנדערע.

אַנטשוויגען געוואָרען און דערנאָך צוגעגעבען:

—נו, האַלט איך, אַלזאָ, פאַר מיין חוב, אייך מיטצוטיילען וועגען דעם. איך וויל קיינעם נישט נאַרען, נישט אונטערשטעלען קיין הינטערפיסלעך. זאָל ער דאָס טהאָן, אָבער איך וויל נישט. יעדער בעדאַרף וויסען, וואָס ער טהוט און אויף וואָס ער געהט... האָב איך אייך דען נישט געזאָגט, אַז דער צאַרענמאָרד בעדאַרף נישט זיין פערבונדען מיט דער געזעלשאַפט?

—געזאָגט.

—נו, אָט זעהר איהר. ער גרייט אייך צו, איהר זאָלט

זיין דאָס מעסער אין זיינע הענד: ער וועט אַ קלאַפּ טהאָן מיט איהם און צוברעכען דאָס מעסער. איהר האָט קיין שום בעדייטונג נישט פאַר איהם. איהר זענט נאָר אַ געמיין געוועהר צו אַ מאָרד. אַנ׳אָבגעשניידטער קרבן... איבעריגענס, זענען אָט די אַלע אונזעהעוודיגע ברידער...

—ער געהערט אויך צו זיי?

—צו זיי. אָט די אַלע הערן, זאָג איך, האָבען איין כונה: שאַרען הייסע קויהלען מיט פרעמדע הענד... און דאָס וויל מען טהאָן אויך מיט אייך: דאָס בלוט וועט פאַלען אויף אייער קאָפּ, אָבער זיי וועלען זיך צעוואַשען די הענד און וועלען אייך די ערשטע אַרויסגעבען. יאַקובאָוויטש—נו, מיט יענעם וויל מען בעפוצען די געזעלשאַפט: אַ קאַווקאַזישער העלד. אָבער איהר... ריליייעוו מיינט, אַז איהר זענט ביי איהם אויף פענסיע—איהר נעהמט דאָך געלד... אַנ׳אָנגעדונגענער רוצח...

—איך... איך... ריליייעוו... געלד... עס קאָן נישט זיין!—האָט קאַכאָווסקי אַרויסגעשעפּטשעט אַ בלאַסער.

—שוין-זשע זעהט איהר עס אַליין נישט?—אָבער איך האָב, זאָג איך אייך דעם אמת, געטראַכט...—ער האָט נישט געענדיגט און אַ קוק געטהאָן אויף קאַכאָווסקי׳ן. יענער האָט פערשטעלט מיט די הענד דאָס געזיכט און איז לאַנג אַזוי געזעסען אונבעוועגט, שווייגענדיג. אונטען האָט געקלאַפּט דער קוזניעהאַמער, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קלאַפּט זיין אייגען האַרץ.

פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען מיט ברענענדיגע אויגען און מיט אַנ׳אויסגעקרימטען פנים פון רציחה.

—אויב איך בין אין זיינע הענד אַ מעסער, וועט ער זיך אַליין פערשטעכען אָן איהם. זאָגט עס איהם...

זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און גענומען געהן אויף-און-אָב איבער׳ן צימער.

—איך וועל מיין כבוד נישט פערקויפען אַזוי ביליג! איך וועל מיך קיינעם נישט לעגען, ווי אַ טרעפּעלע, אונטער די פיס...

איך וועל אייך אַלעמען... אָ, געמיינע לייט! געמיינע לייט! געמיינע לייט!

און, אַ מידער, האָט ער זיך פון דאָסניי אַנידערגעוואָרפען אויפ׳ן בעטעל.

—אָבער, בעסטוזשעוו, וואָס טהוט זיך דאָ?.. איך, שוטה, האָב געגלויבט... איך האָב דערין קיין פערברעכען נישט געזעהן, אַבי דערפון זאָל אַרויס אַ טובה פאַר אַלעמען. איך האָב נאָר גע-גלויבט, אַז איך טהו גוטס פאַר גוטס, אָהן בעצאָהלט... ביז דאָס האַרץ מיינס וועט זיך אָבשטעלען, דאָס פאָטערלאַנד איז מיר טייערער פון אַלץ אויף דער ערד און אפילו פונ׳ם הימעל...

אַ פאָך געטהאָן איבער׳ן קאָפּ פערצווייפעלט מיט די הענד, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך.

—אַלץ אָבגעגעבען—דאָס לעבען, דאָס גליק, דאָס געוויסען און די עהרע... און זיי? גאָט אין הימעל!.. בעסטוזשעוו, נישט פאַר זיך בין איך בעליידיגט, פערשטעה עס, נאָר פאַר דער גאַנ-צער מענשהייט... וואָס פאַר אַ מין געמיינהייט... וואָס פאַר אַ מין שמוץ—אין אַ מענשען, דעם זוהן פון הימעל!..

ער האָט גערעדט מיט מליצה, ווי פון אַ בוך, אַזוי ווי נישט אויפריכטיג, אין דער׳אמת׳ען אָבער אויפריכטיג, מיט׳ן גאַנצען האַרצען.

בעסטוזשעוו האָט פונאַנדערגעבונדען דאָס פעקעל, אַרויס-גענומען דעם וויין און די צובייסונג. ער האָט אומגעדרעהט אין האַנד דאָס פלעשעל, געזוכט מיט די אויגען אַ פראָפּענציהער און נישט געפונען. האָט ער אָבגעבראָכען דאָס העלזעל. דעם וויין האָט ער אָנגעגאָסען אין אַ בירגלאָז און אין אַ קרוג פון וואַש-טישעל.

—נו, גענוג, מיין ליעבער, גענוג.—האָט ער איהם חבר׳ליך אַ פאַטש געטהאָן איבער׳ן אַקסעל.—עס וועט זיך איבערקאָכען, וועט זיין רעכט... לאָמיר בעסער צוזאַמען אַ טראַכט טהאָן, וואָס מיר האָבען צו טהאָן... אָבער פריהער לאָמ[illegible]אַכען לחיים, דאָס מאַכט קלערער דעם קאָפּ.

אויסגעטרונקען, זיך פערטראַכט און פון דאָסניי אָנגעגאָסען.

—אָבער ווייסט איהר?—האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי דאָס וואָלט איהם נאָר-וואָס געקומען אויפ׳ן זינען:— איך וואָלט פערמאַכט די געזעלשאַפט און אָנגעהויבען אַלץ פון דאָסניי... איהר וועט זיין דער הויפט-דירעקטאָר, און איך וועל אייך צונויפזאַמלען מענשען. ווילט איהר?

נישט בעשאַפען קיין נייע געזעלשאַפט, נאָר פעררירכטען די אַלטע—דאָס איז געווען זיין געהיימער געדאַנק. און אויך אַזוי ווי ריליייעוו האָט ער געטראַכט צו מאַכען קאַכאָווסקי׳ן פאַר זיין געוועהר. אָבער יענער האָט גאָרנישט פערשטאַנען און כמעט ווי נישט געהערט.

—ניין, צו וואָס? מען בעדאַרף נישט,—האָט ער געזאָגט און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.—איך בעדאַרף קיינעם נישט האָבען. איך אַליין. אויב קיין מענשען זענען נישטאָ, אויב קיין געזעלשאַפט איז נישטאָ, בין איך אַליין פאַר אַלעמען. איך וועל געהן און דאָס מאַכען. אַזוי בעדאַרף עס זיין... און זאָל זיך דערנאָך זיין, וואָס עס וויל. איצט וועט מיך שוין קיינער נישט אָבשטעלען... אַזוי בעדאַרף עס זיין... אַזוי בעדאַרף עס זיין... אַזוי בעדאַרף עס זיין... איך ווייס... איך אַליין...

ער האָט גערעדט, ווי אין פיבער; דורשטיג געטרונקען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז; נישט געוועהנט דערצו, איז ער באַלד שכור געוואָרען. בעסטוזשעוו האָט איהם פאָרגעלעגט צו מאַכען לחיים אויף ד ו. האָבען זיי אויסגעטרונקען און זיך צוקושט. דערנאָך ווידער אויסגעטרונקען און ווידער זיך צוקושט.

—ווייסט, בעסטוזשעוו?—האָט קאַכאָווסקי פלוצלונג געזאָגט, אָבער שוין אָהן כעס, נאָר מיט אַנ׳אונגעריכטען גוטען און מיל-דען שמייכעל.—אפשר געהט עס אַלץ צו בעסער? איך בין אַ יתום אין דער וועלט. נישט קיין קרוב, נישט קיין גואל. שטענ-דיג אַליין. פון געבוירען-אָן אַזוי. א פערשטויסענער, אַנ׳אָבגע-שיידטער... נו, וואָס? מסתמא שוין אַ מזל אַזאַ. איינער, איינער פאַר אַלעמען. איך בעדאַרף גאָרנישט האָבען—נישט קיין גליק, נישט קיין רוהם, נישט קיין פרייהייט. אין קייטען וועל איך זיין אייביג פריי, שטאַרק און פריי איז יענער, וואָס האָט אין זיך

דערקאָנט די קראַפט פון דער מענשהייט. איז עס דען נישט אַלצאיינס—שטאַרבען אויף דער תּליה אָדער אין דער העכסטער מינוט פון תּענוג! אָ, ווען דו, אַלעקסאַנדער, וואָלסט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מין שמחה עס פילט-אָן מיין נשמה, וואָס פאַר אַ מין רוהיגקייט איך שפיר איצט, אין דערדאָזיגער מינוט!

„ווי דערדאָזיגער שילער האָט זיך דאָס צורעדט אַ בי-סעל!״—האָט בעסטוזשעוו אַ טראַכט געטהאָן מיט פערדראָס. ער האָט פערשטאַנען, אַז פונ׳ם שמועס מיט איהם וועט גאָרנישט אַרויסקומען: ער וועט אַרויסלאָזען עטליכע טרעהרען, זיך אַ בי-סעלע בלאָזען און ענדיגען דערמיט, וואָס ער וועט פון דאָסניי אַוועק צו רילייעוו׳ן: דער רוח אַליין האָט זיי, וואַהרשיינליך, גע-בונדען מיט אַ שטריק.

זיי האָבען נאָך לאַנג געשמועסט, אָבער איינאַנדער כמעט נישט געהערט און אויך נישט בעמערקט, אַז זיי ריידען פער-שידענע זאַכען.

—אָהן פרויען, מיין פריינד, וואָלט זיך גאָרנישט געלוינט צו לעבען אויף דער וועלט!—האָט בעסטוזשעוו אויסגעשריען נאָך דער צווייטער פלאַש, און נאָך דער דריטער האָט ער שוין גע-וואָלט „זיך טרינקען אין די פלאַמען פון ליעבע און ערדצושטע-רונג.״ נאָך דער פיערטער פלאַש האָט קאַכאָווסקי דערצעהלט, ווי ער האָט געריסען בלומען און געוויינט אויף זאַנדס קבר און בעסטוזשעוו האָט אויסגעשריען און נאָכגעמאַכט יאַקובאָוויטש-נאַ-פאָלעאָנ׳ען: „מיין נשמה איז פון גראַניט—אפילו דער בליץ וועט זי נישט טרעפען!״ און, פלאָנטערענדיג מיט דער צונג, האָט ער גענומען דערצעהלען פון זיינע ליעבע-נצחונות:

—אַז מען האָט אונז איינגעקוואַרטירט ביי די פוילישע פאַנעס, האָבען מיר ראָמאַנסירט מיט שענע פוילישע פרויען. אַך, סאַראַ לעבען! מען שכור׳ט און מען ווערט אויסגעניכטערט דורך שאַמפּאַניער! עס פויקען צימבאַלען און מיידלעך טאַנצען. אַ מחיה! אָבער דו, פעטקע, ביזט דאָך גאָר אַ נזיר און אַ מיזאַנטראָפּ! ביי דיר קאָן דאָס נאָך אויסקומען קרום?.. נאָר וואָס קאָן מען טהאָן, ברודער. די נאַטור האָט אין מיר אַריינגעגעבען נישט קיין

בלוט, נאָר פלאַמפייערדיגע לאַווע. מיין ווילדע תאוה צוברענט די פרויען, ווי שטרוי. וועסט גלויבען, אין די שוואַרצע זומפען האָבען מיך די דאַמען שיער נישט פערגוואַלטיגט. מען האָט נאָר בעדאַרפט אַ פייף טהאָן—איז געקומען אַ גאַנצער טוץ... איבעריגענס, פערהאַס איך אַלץ, וואָס ווערט גערופען גרויסע וועלט, וואָרום איך ווייס שוין לאַנג, ווי לייכט עס איז אַריינצופיהרען זי אין פערלעגענהייט. איך בין נישט בעשאַפען געוואָרען פאַר דער וועלט. מיין האַרץ איז אַנ׳אָקעאַן און איבער איהם הענגט אַ שווערע פינסטערניש...

בעסטוזשעוו האָט נאָך לאַנג גערעדט. אָבער קאַבאָווסקי איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרען און זיך אָנגעבלאָזען. ער האָט גע-פיהלט, אַז מען האָט צופיעל אויסגעטרונקען און צופיעל געפּלוי-דערט. עס האָט איהם געשווינדעלט דער קאָפּ—מעגליך פונ׳ם בראָנפען, מעגליך פון בעסטוזשעווס דרשות. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דידאָזיגע דרשות, און נישט דער לימבורגישער קעז, פילען-אָן דאָס צימער מיט אַ שווערען גערוך.

בעסטוזשעוו האָט זיך, סוף-כל-סוף, דערמאָנט אָן זיין מוה-מען, וואָס פראַוועט איהר געבורטסטאָג.

—זי וועט נאָך אודאי בייז ווערען, די אַלטע מכשפה, אויב איך וועל נישט קומען זי באַגריסען. איך טאָר זי אָבער נישט דערצאָרנען: זי האָט פּראָטעקציע צו מיין זקן..

ער זקן איז געווען דער ווירטענבערגער הערצאָג, ביי וועלכען ער האָט געדיענט אַלס פליגעלאַדיוטאַנט.

—אָבער די אַלטע מכשפה איז מיט איהרער אַ פראָטעקציע בעסער פון די יונגע אַמאָל!—האָט קאַבאָווסקי געשמייכעלט מיט אָפענעם עקעל, נאָר בעסטוזשעוו האָט נישט בעמערקט.

—פּראָטעקציע, מיין הער, טאָר מען קיינמאָל נישט אַוועק-מאַכען מיט דער האַנד: דאָס איז ביי אונז אויך אַ כלל אין דער געהיימער געזעלשאַפט...

זיך געקראָכען קושען פאַר׳ן אַוועקגעהן.

—און ווי האָב איך דאָס געקאָנט עפענען דאָס האַרץ פאַר דעמדאָזיגען לאָבוז,—האָט קאַבאָווסקי מיט עקעל אַ טראַכט געטהאָן,

אַז דער גאַסט איז אַוועק, האָט ער געעפֿענט דאָס פֿער-טעלע און אַרויסגעוואָרפֿן דעם איבערגעבליבענעם לימבורגישען קעז. ער האָט געקוקט אין פֿענסטער דורכ׳ן פֿאַרקאַן אויף די בעקאַנטע שילדען פון די געוועלבלעך: „פֿערקויף פון פֿערשידע-נע מעהלען"; „דער שניידער איוואַן דאָבראָכאָטאָוו פון די אויס-לענדער"; פון הויף האָבען זיך דערטראָגען די אומעטיגע קלאַנ-גען פון גאַסען-הענדלער:

—סאַלאַט! סאַלאַט!

—שלייפֿען, שלייפֿען מעסערלעך!

און אונטען, אויף די טרעפ—די גיטאַרע:

אָ, גלאַפֿירע, מיין נחמה,

ביזט מיין לעבען, מיין נשמה...

און ווידער:

—שלייפֿען, שלייפֿען מעסערלעך!

—סאַלאַט! סאַלאַט!

אַוועק פון פֿענסטער און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ן גע-לעגער. דער קאָפּ האָט געשווינדעלט; די האַמערס פון קוזניע האָבען געהאַקט אין די שלייפֿען; אַנ׳אומעט—אַ נודנעקייט צו טויט. דאָס גאַנצע לעבען איז ווי דער לימבורגישער קעז מיט׳ן שלעכ-טען ריח.

אַרויסגערוקט פון אונטער׳ן געלעגער אַ קאַסטען, פון קאַ-סטען אַרויסגענומען אַ פּאָר פּיסטאָלעטען, טייערע ענגלישע פּיסטאָ-לעטען פונ׳ם נייעסטען סיסטעם—דער איינציגער לוקסוס אין זיין אָרימער בעל-הבית׳ישקייט—זיי בעקוקט און אויסגעווישט מיט אַ שמאַטקעלע. דערנאָך אָנגעלאָדען און צוגעלעגט דאָס רעהרל צו די שלייפֿען: די ריינע קעלט פונ׳ם שטאָל האָט מחיה׳דיג גע-ווירקט, ווי די קעלט פונ׳ם וואַסער, מיט וועלכען מען וואַשט-אָב דעם הייסען שטויב פון קערפּער.

ווידער אַוועקגעלעגט די פּיסטאָלעטען, אָנגעטהאָן דעם אַל-מאַוויווע-מאַנטעל, גענומען דעם קאַסטען, זיך אַראָבגעלאָזט פון די טרעפּ און אַרויס אויפ׳ן הויף. פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַרביי די קינ-דער, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט, האָט ער צוגערופֿען איינס—

פעטקען. יענער איז באַלד צוגעלאָפען, פונקט ווי ער וואָלט גע-וואוסט, וואוהין און נאָך וואָס. דער הויף האָט זיך געענדיגט מיט געהילץ-סקלאַדעס. הינטער זיי—גערטנער, לעדיגע פּלעצער און אַ פערוואָרפענער שטאַהל.

אַריין אין שטאַהל און פערשפּאַרט די טהיר אויפ'ן ריגעל. אויף דער ערד זענען געשטאַנען קערב מיט לעדיגע פלעשער. קאַכאָווסקי האָט אַוועקגעלעגט אַ ברעט מיט די עקען אויף צוויי הויפענס ציגעל, אויפ'ן ברעט אויסגעשטעלט אין איין שורה דריי-צעהן פלעשער, אַרויסגענומען די פיסטאָלעטען, זיך צוגעציעלט און אויסגעשאָסען אַזוי טרעפליך, אַז ער האָט צוקלאַפּט איין פלאַש—די טאַמע לעצטע און בעת מעשה נישט אָנגעריהרט די דערבייאיגע. דערנאָך די צווייטע, די דריטע, די פירטע, און אַזוי אַלע דרייצעהן—כסדר. בשעת ער האָט געשאָסען, האָט פעטקע אָנגעלאָדען, און ער האָט געשאָסען אייגס נאָכ'ן אַנדערן, אָהן הפסקות.

נאָך דער ערשטער פלאַש האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:
—אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש
נאָך דער צווייטער:
—קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש.
נאָך דער דריטער:
—מיכאַאיל פּאַוולאָוויטש.
און אַזוי—אַלע נעמען לויט דער אָרדנונג.

געקומען צו דער קייזערין יעליזאַוועטע אַלעקסעיעוונע, האָט ער זיך גענומען ציעלען, אָבער ער האָט נישט אויסגעשאָסען, אַראָבגעלאָזט דעם רעוואָלווער, זיך פערטראַכט.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זי איינמאָל געטראָ-פען אין גאַס. דאָס עקיפּאַזשל איז געפאָהרען טריט-ביי-טריט. ער איז דעמאָלט אַליין געגאַנגען איבער דער לעדיגער ברעג-גאַס און זיך אָנגעטראָפען מיט דער קייזערין געזיכט צו געזיכט. נישט געוואַרט אויף זיין גרוס, האָט זי, די ערשטע, מיט אַ מידער גע-וועהנטער בעוועגונג אַ נויג געטהאָן איהר שענעם קאָפּ מיט'ן בלאַסען פנים אונטער אַ שוואַרצער וואַאל. ווי עס געשיהט עפטער

ביי אַזוינע פאַרבייגעהענדיגע צופעליגע בעגעגענישען צווישען צוויי אונבעקאַנטע מענשען, איז דער שנעלער בליק, מיט וועלכען זיי האָבען זיך ביידע דורכגעוואָרפען, געווען אַ ווייטזעהעג־דיגער: „וואָס פאַר אַ פער׳יתומ׳טע אויגען!“—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, און פלוצלונג האָט איהם אויסגעוויזען, אַז כמעט דאָס אייגענע, כמעט מיט די אייגענע ווערטער האָט זי אַ טראַכט געטהאָן וועגען איהם: פונקט ווי צוויי מזלות וואָלטען געשטרעבט אין דער אייביגקייט צו בעהעפטען זיך אין דעם איין קוק, וואָס האָט געדויערט אַ רגע, ווי אַ בליץ, און דערנאָך פונאַנדערצושיידען זיך פון דאָסניי אין דער אייביגקייט.

„יעליזאַוועטע אַלעקסעיעווגע׳ן“ האָט ער נישט געטשעפעט און אויסגעשאָסען, לויט׳ן סדר, אין דער צווייטער פלאַש.

בשעת ער האָט צושאָסען די אַלע דרייצעהן, אויסער איינער, האָט ער אַוועקגעשטעלט נייע פלעשער. און ווידעראַמאָל:

—אַלעקסאַנדער פאַוולאָוויטש.

—קאָנסטאַנטין פאַוולאָוויטש.

—מיכאַאיל פאַוולאָוויטש...

דאָס גלאָז האָט זיך געשאָטען אויף דער ערד מיט אַ מעלאָדישער פרעהליכער קלינגעריי, ווי קינדערשער געלעכטער. אין ווייסען רויך, בעלויכטען מיט די רויטע פייערלעך פון די שאָסען, איז ער, אַ שוואַרצער, אַ לאַנגער און אַ מאָגערער, געווען עהנליך צו עפּיס אַ גייסט.

און דער קליינער פעטקע האָט געהאַט גרויס תענוג דערפון, וואָס דער גרויסער פעטקע טרעפט אַקוראַט אין ציעל אַריין און האָט נאָך קיין איין פעלער נישט געמאַכט. ביי ביידען אויף די פנימ׳ער—איין-און-דערזעלבער שמייכעל.

ון לאַנג האָט זיך געצויגען דידאָזיגע אונשולדיגע פערוויילונג—די שיסעריי אויף פלעשער.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

עו רילייעוו׳ן זענען געגאַנגען אזויפיעל מענשען, אַז מען האָט אָבגעריסען דאָס גלעקעל אין פּאָרצימער. דער געשיקטער קאָזאַקעל פילקע האָט עס ווי-עס-איז פערבונדען מיט אַ שטריקעל ביז וואַנען מען וועט עס פעררייכטען ווי געהעריג. „נישט קיין אומגליק, אַז מען וועט זיך נישט דערקלינגען, סיי-ווי קריכט מען אַהער מיט נאַרישקייטען״,—האָט געטראַכט דער בעל-הבית, מיד פון די וויזיטען און קראַנק. ער האָט זיך, אַפּנים, פערקיהלט ביים אייזגאַנג אויפ׳ן טייך.

איינמאָל, סוף אַפּריל, זיצענדיג שפּעט ביי דער אַרבייט אין דער פערוואַלטונג פון דער רוסיש-אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע, האָט ער זיך דערמאָנהט, אַז ער האָט אין דערהיים פערגעסען נויטיגע פּאַפּירען. ער האָט געוואוינט אויף דיזעלבע שטיגען, וואו די פערוואַלטונג, נאָר מיט אַ שטאָק נידעריגער. איז ער אַראָב, נישט אָנגעקלונגען און געעפענט די טהיר מיט אַ שליסעל, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגען מיט זיך. די טהיר האָט ער נישט פערשלאָסען צוריק און איז אַריין אין קאַבינעט, וואו ער האָט אויפגעזוכט אַ בלוי אַמטענהעפט: „די קאָלאָניע ראָס אין קאַליפאָרניען״, און געוואָלט געהן צוריק אין דער פערוואַלטונג. אָבער דורכגעגאַנגען דאָס עסצימער. האָט ער דערהערט אַ קול אין גאַסטצימער. ער איז געבליבען שטעהן אַ פערוואונדערטער

וואָרום ער האָט געמיינט, אַז קיינער איז נישטאָ אין שטוב: דאָס ווייב איז פריהער אַוועקגעגאַנגען און גלאַפּירע האָט געוואָלט געהן מיט איהר צוזאַמען. ווער-זשע קאָן דאָס זיין? צוגעגאַנגען צו דער עטוואָס אָפענער טהיר און זיך צוגעהערט: יאַקובאָ-וויטש מיט גלאַפּירע׳ן.

ריליייעוו׳ן זענען שוין לאַנג בעקאַנט געווען זייערע ליעבע-אַוואַנטורעס. ער האָט אפילו געבעטען דאָס ווייב, זי זאָל אָבהי-טען דאָס מיידעל פון אַ צרה און משלח-זיין זי אַהיים אינ׳ם טשוכלאָמער גוט צו די מוהמעס. יאַקובאָוויטש איז נישט קיין חתן און קאָמפּראָמעטירען דאָס מיידעל איז ביי איהם גאָר אַ קליי-ניגקייט. דערויף איז דאָך דאָס אַ שרעקליכער מענש. נאָך גאָר נישט לאַנג האָט ריליייעוו געהאַט אַ דועל אויף צוליעב דער ווייבס אַ קרובה, וואָס איז אָבגענאַרט געוואָרען. שוין-זשע וועט ער זיך מוזען ווידעראַמאָל שלאָגען צוליעב דער טפשה גלאַפּירע?..

—איך בין, ווי אַ שטיק פון אַ צובראָכענער שיף, וואָס דער שטורמווינד האָט אַרויסגעוואָרפען אויף אַ וויסטען ברעג,—האָט יאַקובאָוויטש גערעדט,—אַך, פאַרוואָס האָט דער מערדערישער בליי נישט איבערגעהאַקט מיין עקזיסטענץ אויף די קאַווקאַזער בערג?.. וואָס איז ווערט מיין עקזיסטענץ? דאָס איז אַנ׳אַראָבגעפאַלען בלאַט צווישען הערבסטבלעטער, אַ פאָהן פון אַ שיף, וואָס טרינקט זיך, און הויבט זיך אויף בלויז אויף אַ רגע פונ׳ם תהום.

—אַ ליעבענדיג האַרץ וועט אייך מציל-זיין,—האָט גלאַשענ-קע זיס געוואָרקעט.

—ניין, וועט נישט מציל-זיין!—האָט יאַקובאָוויטש אָבגע-זיפצט.—מיין נשמה איז ווי דער אָקעאַן, וואָס ליעגט אונטער אַ שווערער פינסטערניש...

ריליייעוו האָט זיך געוואונדערט: ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז אָט די אייגענע ווערטער וועגען אָקעאַן דאָט אויך געזאָגט בעסטוזשעוו: ווער ביי וועמען האָט גענומען?

די ווערטער זענען איבערגעגאַנגען אין אַ ליידענשאַפטליכען געמורמעל. עס האָט זיך דערהערט, ווי דאָס מיידעל האָט אַ געשריי געטהאָן:

—אַך, וואָס טהוט איהר, וואָס טהוט איהר, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש! לאָזט מיך, מען דאַרף נישט, גאָט אין הימעל!..

רילייעוו האָט געעפּענט די טהיר און דערזעהן גלאַשענקאָ'ן אין יאַקובאָוויטשעס אָרעמס: לויט זיינע קושען, איז געוועזן קענטיג, אַז דאָס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל.

גלאַפירע האָט אויסגעשריען און געוואָלט פאַלען אין חלשות, וואָרום זי האָט זיך שטאַרק געשראָקען פאַר'ן ברודערל—אַזוי פלעגט זי רופען רילייעוו'ן. אָבער זי איז בעסער אַנטלאָפען אין קיך אַריין און דאָרט זיך בעהאַלטען אין אַלקירל, פונקט ווי אַ זעכצעהניעהריג מיידעל, וואָס מען האָט געכאַפּט מיט אַ קאַדעט.

רילייעוו האָט גענומען יאַקובאָוויטש'ן פאַר'ן האַנד און צריינגעפיהרט איהם אין עסצימער אַריין.

—נו, וואָס, מזל-טוב אייך? פון דער סעודה צו דער חופּה?

יאַקובאָוויטש האָט געשוויגען.

—ענטפערט-זשע, מיין הער, זאָגט מיר, וואָס קלערט איהר צו טהאָן?..

—זעהסט דאָך אַליין, איך וואָלט עס געהאַלטען, נאַטירליך, פאַר אַ גליק. אָבער דו ווייסט דאָך מיין לאַגע. איך קאָן נישט חתונה-האָבען. איך האָב נישט דאָס רעכט צו פערבינדען דאָס לעבען פון אַ יונגען ווייבען..

—אָבער דאָס רעכט צו קאָמפּראָמעטירען?

—הער-נאַר, רילייעוו, דאַכט זיך, אַז גלאַפירע איז נישט קיין קליין מיידעלע...

—נאָך ווי אַ קליין מיידעלע! אַן'אַלט מיידעל. אָבער כל-זמן זי איז ביי מיר אין שטוב, וועל איך קיינעם נישט דערלאָזען...

ווען דאָס וואָלט געשעהן אויף קאַווקאַז, וואָלט יאַקובאָוויטש איינגעגאַנגען אויף אַ דועל: ער האָט געהאַט יענע דרייסטקייט, וואָס קומט פון גאוה, און האָט אויסגעצייכענט געשאָסען, אָבער רילייעוו שלעכט. נאָר דאָ, אין פּעטערבורג, אויף די אויגען פון קייזער האָט אַ דועל געשמעקט מיט אַ נייער פערשיקונג, מיט קאַליע מאַכען די קאַריערע און מעגליך אויך מיט ענטדעקען די געהיימע געזעלשאַפט, און דעמאָלט איז אַלץ קאַפּוט.

אַלעקסאַנדער I.

—דו ווייסט דאָך, נשמה מיינע, אַז איך בין נישט קיין טרוס און בין שטענדיג גרייט איבערצוטרישען זיך מיט די קוילען, אָבער אויף דיר הויבט זיך נישט די האַנד. און עס איז אויך נישטאָ פאַרוואָס, כלעבען...

—אָבער דו ביזט אַ פּאָדלעץ!—האָט ריליייעוו אויסגעשריען און אויף זיין פּאַטילניצע האָט זיך אויפגעהויבען דער טשוב; ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ סטראַשענדיגער פּאָזע, ווי אַמאָל, אין קאָרפּוס, פאַר אַ געשלעג.—ווערסטו זיך נישט שלאָגען, נישט שלאָגען?..

נאָך אין אָנהויב געשפּרעך האָט דאָס גלעקעל געקלונגען אין פּאָרצימער. דערנאָך אַ צווייט, אַ דריט, אַ פיערט מאָל האָט דאָס גלעקעל געקלונגען. דאָס לעצטע מאָל האָט עס אַזוי ווי אַ האַווקע געטהאָן און אַנטשוויגען געוואָרען: מסתמא פון דאָסניי זיך אָבגעריסען.

צ, צו אַלדי שוואַרציאָהר! ווער'ן האָט שוין דאָ ווידער אָנגעטראָגען דער רוח? און פילקע, דער פּאָדלעץ, פּאָפּט״—האָט ריליייעוו געטראַכט האַלבאונבעוואוסטזיניג און דאָס האָט נאָכמעהר פערשטאַרקט זיין גרימצאָרן.

—ווערסטו זיך נישט? ווערסטו זיך נישט?—איז ער אָנגעטראָטען אויפ'ן געגנער, אַ בלאַסער, מיט פערדריקטע פויסטען.

געווען איז ער נישט קיין הויכער און אַ גאַנץ שוואַכער. אַנטקעגען איהם האָט יאַקובאָוויטש אויסגעזעהן, ווי אַ גברן און אַ ריז. אָבער אין ריליייעווס פערפּרעסטע, דינע, בלאַסגעוואָרענע ליפּען, אין די ברענענדיגע אויגען און אפילו אין דעם יונגעלשען טשוב אויף דער פּאַטילניצע האָט זיך געפיהלט אַזאַ מין ברען, אַז יאַקובאָוויטש האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט אויף הינטער. און ווען ריליייעוו וואָלט זיך אין דער מינוט איינגעקוקט אין איהם, וואָלט ער אפשר פערשטאַנען, אַז דער „העלדישער קאַווקאַזער״ איז גאָרנישט אַזאַ העלד, ווי מען מיינט.

– קאָנדראַטי פיאָדאָראָוויטש ריליייעוו?—האָט עמיץ אַרויסגעזאָגט.

יענער האָט זיך אָבגעקעהרט און דערזעהן אַן אונבעקאַנטען

יונגעמאַן אין אַנ׳אַרמעאישען טונקעל-גרינעם מונדיר, מיט אַ הויכען רויטען קראַגען און מיט שטאַבּאָפיצירישע עפּאָלעטען.

—ענטשולדיגט, מיינע הערן,—האָט דער אַריינגעקומענער אַרויסגעזאָגט און געקוקט אַ מבולבל׳ער דאָ אויף רילייעווען, דאָ אויף יאַקובאָוויטש׳ן,—איך האָב מיך נישט געקאָנט דערקלינגען. וואַהרשיינליך, דאָס גלעקעל קאַליע, די טהיר אָפען...

—וואָס בעדאַרפט איהר, מיין הער?—האָט רילייעוו אויסגעשריען.

—דערלויבט זיך פאָרצושטעלען,—האָט ווייטער דער גאַסט געזאָגט מיט אַ שמייכעל קוים צום זעהן,—פּאָלקאָווניק פּאַוועל איוואַנאָוויטש פּעסטעל!

—פּעסטעל! פּאַוועל איוואַנאָוויטש!—האָט זיך רילייעוו אַ וואָרף געטהאָן צו איהם און דאָס פּנים איז איהם ליכטיג געוואָרען מיט יענער פּלעצליכער געפיהל-ענדערונג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם.

—איך בעט אייך, מיינע הערן, שטערט זיך נישט. איך וועל אַנ׳אַנדערש מאָל...—האָט פּעסטעל אָנגעהויבען.

—ניין, וואָס רעדט איהר, וואָס רעדט איהר, פּאַוועל איוואַנאָוויטש. איך בעט אייך זעהר!—האָט רילייעוו גענומען שמייען, דריקענדיג איהם די האַנד און צונעהמענדיג ביי איהם דעם הוט.

יאַקובאָוויטש׳ן האָט ער שוין גאָר פערגעסען. יענער האָט זיך אין דער-גיך דורכגעשמוגעלט אין פּאָרצימער, איילּיג זיך אָנגעטהאָן און אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

דער בעל-הבית האָט אַוועקגעפיהרט דעם גאַסט אין קאַבינעט אַריין און נאָך אַלץ געשמייעט אַרום איהם מיט גוזמא׳דיגער העפלּרכקייט.

—ווילט איהר אפשר רויכערן

—אַדאַנק, איך רויכער נישט.

—נו, גאָט צו דאַנקען, פאָרט אונז נישט פערגעסען,—האָט רילייעוו פון דאָסניי געברענט און זיך געפלאָנטערט אין די רייד און די רעיונות—און איך האָב שוין, דעם אמת געזאָגט, געמיינט, אַז איהר וועט אַזוי אַוועקפאָהרען און מיר וועלען זיך נישט זעהן,

—מען שפּיאָנירט מיר נאָך, הצב איך בעדאַרפט וואַרטען,—האָט פעסטעל גענומען ריידען מיט אַ ריינער רוסישער אויס-שפּראַך, אָבער צו-גראַמאַטיקאַליש און צו-דייטליך און דערין האָט זיך געלאָזט שפּירען דער דייטש.—איך בין געקומען מיט׳ן גענע-ראַל קיסעלעוו, דעם נאַטשאַלניק פון שטאַב. דער קייזער האָט געפרעגט וועגען מיר... מען בעדאַרף זיין פאָרזיכטיג... און ווער איז דאָס ביי איך?

—יאַקובאָוויטש.

—אַ, איך וויס... די טהיר איז, דאַכט זיך, נישט פער-שלאָסען? אייער יונגעל שלאָפט?

—אַך, ווירקליך!—האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן ריליייעוו.

אַוועקגעלאָפען, פערשלאָסען די טהיר, אויפגעוועקט פילקע׳ן, געהייסען וואַרטען אויף דער בעל-הבית׳טע און זיך אומגעקעהרט צוריק אין קאַבינעט אַריין.

—נו, ווי איז ביי איך אין דער דרום-געזעלשאַפט?—האָט ער, אפנים, נישט געוואוסט, ווי אַזוי אָנצוהויבען. ער האָט אָנ געקוקט פעסטעל׳ן.

אַ מענש פון אַ יאָהר דרייסיג, אַנ׳אויפגעבלאָזען געזיכט מיט אַ נישט-געזונדטען געלב-בלאַסען פאַרב, ווי ביי אַ מענשען, וואָס זיצט דאָס גאַנצע לעבען. שוואַרצע שיטערע האָהר, וואָס הויבען שוין אָן אויסצוקריכען. אַ געטאָקטער בולט׳ער שטערען, פונקט ווי פון העלפאַנדביין. דער קוק פון די שוואַרצע, ברייט-פונאַנדער-געשטעלטע און טיעף-זיצענדיגע אויגען, אָהן אַ גלאַנץ—איז אַזאַ שאַרפער און אַזאַ שווערער, אַז דידאָזיגע אויגען מאַכען אַנ׳איינ-דרוק פון קאַסאָקע. אויך אין דער גאַנצער אויסערליכקייט איז פאַרהאַן עטוואָס שווערעס, פערגליווערטעס, אונבעוועגליכעס, פונקט ווי פערשטיינערטעס. מען האָט געשמועסט פון זיין עהנליכקייט מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען. אָבער אויב עס יאָ געווען עפּיס עהנליכקייט, איז עס נישט אין די שטריכען, נאָר אין עפּיס אַנדערש.

אַ וואוקס—נידעריגער פון אַ מיטעלער. אומגעלומפּערט, איינ-געצויגען, איין אַקסעל העכער פון צווייטען, ווי ביי מענשען, וואָס שרייבען. אָנגעטהאָן אָהן פּוץ און אָבגעלאָזט. דער מונדיר

מיט די לאַנגע פּאָלעס איז שלעכט אויפגעניהט. אַנ'אויעזדנער זשיד מסתמא אויפגעניהט. דאָס גרינע געוואַנד אויפ'ן רוקען איז אָבגעבליאַקירט. דאָס גאָלד פון די עפּאָלעטען איז שוואַרץ געוואָרען. אַנ'אָרדען פון הייליגען וולאַדימיר מיט אַ באַנד, אַנ'אָרדען פון דער הייליגער אַנע, אַנ'אָרדען פורלעמעריט און אַ גאָלדען שווערד'על פאַר העלדישקייט: אַ העלד פון צוועלפטען יאָהר.

„אָבער ער מיינט דאָך טאַקי, אַז ער איז אַ גאַנצער נאַפּאָלעאָן", — האָט ריליייעו אַ טראַכט געטהאָן און דערשפּירט מיט אַמאָל עפּיס אַנ'אונבעוואוסטזיניגע פיינטשאַפט.

פּעסטעל איז אָהן הכנות צוגעטראָטען גלייך צום ענין:

—איך בין געקומען קיין פּעטערבורג מאַכען איידך אַ פּאָרשלאָג, איהר זאָלט זיך פעראייניגען מיט דער דרום'דיגער געזעלשאַפט, — האָט ער אָנגעהויבען און געקוקט גלייך אויף ריליייעו'ן מיט זיין שאַרפען, אַזוי ווי קאַסאָקען אויג. — אָבער דעריף מוזען מיר וויסען גענוי אייערע כוונות — סיי פון דער היגער סעקציע און סיי פון אייך גופא, קאָנדראַטי פיאָדאָראָוויטש: איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס פאַר אַ מלוכה-אָרדנונג האַלט איהר פאַר דער בעסטער בנוגע צו רוסלאַנד?

דער שמועס האָט זיך געצויגען איבער צוויי שעה. פּעסטעל האָט כּסדר פאָרגעלעגט — די צפון-אַמעריקאַנישע רעפּובליק, די נאַפּאָלעאָנישע אימפּעריע, דעם רעוואָלוציאָנערן טעראָר, די ענגלישע, פראַנצויזישע, שפּאַנישע קאָנסטיטוציעס. יעדער מלוכה-אָרדנונג האָט ער בעזונדער אָבגעגעבען איהר שבח, אָבער אַז ריליייעו האָט אָנגעוויזען אויף זייערע דעפעקטען, האָט ער אייליג צוגעשטימט און תיכף ומיד איבערגעגאַנגען צו אַ צווייטער מלוכה-אָרדנונג. געווען עהנליך צו אַ געריכטספערהער אָדער צו אַ שול-עקזאַמען.

—אייער מעטאָד איז אַ סאָקראַטישער, — האָט ריליייעו בעמערקט און דערמיט געגעבען אָנצוהערעניש אויף דער נישט-אָנשטענדיגקייט פון פערהער.

—יאָ, איך האָב ליעב די פאַרצייטיגע, — האָט פּעסטעל נישט

פערשטאַנען אָדער נישט געוואָלט פערשטעהן און ווייטער גע־
פיהרט דעם עקזאַמען

ריליייעוו האָט געכּעס׳ט און וואָס מעהר ער האָט גע־
כּעס׳ט, אַלץ מעהר האָט ער זיך אויסגעגעבען. אָבער אין דער
אייגענער צייט האָט איהם דערדאָזיגער שמועס פערשאַפט אַ סך
פערגעניגען, פּלנקט ווי ער וואָלט געהאַלטען אַ קלוג בוך, פון
וועלכען מען קאָן זיך נישט אָברייסען. „אַ קלוגער מאַן אין פּולען
זין פון וואָרט״,—האָט ער זיך ד׳ערמאָהנט אָן פּושקינס מיינונג
וועגען פּעסטעל׳ן. זיין קול אַליין האָט געהאַט עפּיס אַ כּשוף׳די־
גען קלאַנג און די לאָגיק האָט געפאַנגען, ווי פּרויענרייץ.

די צייט איז געלאָפען אַזוי שנעל, אַז ריליייעוו האָט זיך
געוואונדערט, בעמערקענדיג, אַז עס ווערט שוין פינסטערליך. עס
האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין צוויי שעה, נאָר אַ האַלבע שעה
איז אַוועק. און נאָך האָט זיך געדאַכט, אַז הערענדיג פּעסטעל׳ן,
פאַלט ער אַריין אין עפּיס אַ היפּנאָז, אין עפּיס אַ שרעקליכער
און זיסער שלעפעריגקייט, ווי אַ שלאַנג אונטער מוזיק. און אפשר
האָט זיך דער פיבער אָנגעהויבען צו אָוועגד. טיילמאָל פלעגט
איהם דורכלויפען איבער׳ן לייב אַ לייכטער פיבער, עהנליך צו
אַ זיסער שלעפעריגקייט. אַזוינס טרעפט אָפט אין אָנהויב פון אַ
היצקראַנקהייט.

—הערט־נאָר, פּעסטעל,—האָט ער געפּרובט אַראָבטרויסלען
פון זיך דעם כּשוף,—ביי אייך איז אַלץ אַזוי קלאָר און פּשוט,
ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער. אָבער פּאָליטיק איז נישט קיין
מאַטעמאַטיק, מענשען זענען נישט קיין ציפער און געפיהלען זע־
נען נישט קיין חשבונות...

—אָ, נאַטירליך!—האָט פּעסטעל איינגעשטימט.—פּאָליטיק
איז נישט קיין אַבסקראַקטער געדאַנק, נאָר פלייש און בלוט, דאָס
איז פּעלקערלעבען, דאָס איז געשיכטע. נעהמען מיר געשיכטע...
„און אָנהויבענדיג פון נמרוד׳ן,—האָט ריליייעוו דערנאָך
דערצעהלט,—איז ער פּאַוואָליע דורכגעגאַנגען דורך אַלע ענדערונ־
גען פון רעכט און געזעץ. ער האָט אָנגעריהרט גריכענלאַנד,
רוים און בעוויזען, ווי וועניג די פּאַרצייטיגע האָבען פערשטאַנען

פרייהייט, אָהן דער פאָרשטעהערשאַפט פון פאָלק. ער האָט זיך שנעל אַדורכגעטראָגען דורכ'ן מיטעלאַלטער, וואָס האָט איינגע-שלונגען די בירגערליכע פרייהייט און אויפקלערונג. ער האָט זיך אויך אָבגעשטעלט אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און האָט איינגעפונען, אַז דורך איהר איז אויך דאָס ציעל נישט דער-גרייכט געוואָרען. צולעצט, איז ער געפאַלען אויף רוסלאַנד און אַריינגעפיהרט מיך אין איהר רעפובליק.

—מען בעדאַרף אָנערקענען, אַז אין דעם ענין פון מלוכה-רעפאָרמעס זענען אַלע פאָרגענגער אונזערע געווען חדר-יונגלעך און די וויסענשאַפט אַליין איז נאָך געלעגען אין די וויקעלען!—האָט ריליייעוו אויסגעשריען מיט התפעלות.

אָבער פעסטעל האָט אַדורכגעלאָזט פאַרביי אויער דעמדאָ-זיגען שבח און פון דאָסניי גענומען עקזאַמענירען.

—אַלזאָ, זענט איהר איינשטימיג מיט מיר?

—יאָ, אין אַלץ!

—טאָ ווי אַזוי מיינט איהר איינצואָרדנען די אַרבייט?—האָט פעסטעל לאַנגזאַם געזאָגט און אָנגעדריקט אויף יעדען וואָרט בעזונדער.

ריליייעוו האָט שוין לאַנג פאָרגעפיהלט דידאָזיגע פראַגע. ער האָט זי געזעהן דורכ'ן היפנאָז, ווי די שלאַנג זעהט דעם פערכשופ'טען בליק פון מכשף. ער האָט פערשטאַנען, אַז פעסטעל איז נישט דאָס, וואָס זיי—ראָמאַנטיקער, בעלי-מליצה, פאַנטאַזאָרען. פאַר איהם איז פערשטעהן—בעשליסען, זאָגען—טהאָן. און דאָס ערשטע מאָל האָט ריליייעוו'ן אויסגעזעהן שרעקליך שווער און פעראַנטוואָרטליך דאָס אַלץ, וואָס האָט אַזוי לייכט אויסגעזעהן אין דער פאַנטאַזיע.

-איך ווייס נישט,—האָט ער זיך נישט-ווילענדיג אָבגע-קעהרט, אָבער ער האָט נישט געזעהן, נאָר געשפּירט אויף זיך אַ שווערען קוק.—מיר זענען נאָך נישט גרייט, אַ סך זאַכען האָבען מיר נאָך גאָרנישט בעשלאָסען...

—נישט בעשלאָסען? איהר ווייסט נאָך נישט? ניקיטש! פּאָ-

 ראַוויאָוו שרייבט ביי אייך אַלץ קאָנסטיטוציעס. אָבער מיר קאָ-

נען דאָך נישט ווירקען דורך אַ פען... יאָ, פון טראַכטען ביז טהאָ, איז נאָך גאַנץ ווייט... איז ווי זאָל זיין, קאָנדראַטי פיאָדאָראָוויטש?

—וואָס פרעגט איהר בלויז מיך, פּאַוועל איוואַנאָוויטש?—האָט רילייעוו אויפגעהויבען די אויגען און דערפיהלט, אַז אָט-אָט וועט ער גאָר אין כעס ווערען און איהם אויסזידלען.—און איהר אַליין, ווי?

—וואָס הייסט מיר?—האָט פעסטעל געענטפערט מיט דער אייגענער גרייטקייט און שטיל ווי פערטראַכט צוגעגעבען,—מיר מיינען, אַז מען בעדאַרף אַלעמען...

—וואָס אַלעמען?

—אַלעמען פערניכטען, אָנהויבען די רעוואָלוציע דורך אַנ'-אָנפאַל אויף אַלע מיטגלידער פון דער קייזערליכער פאַמיליע.

Les demimesures ne valent rien; nous voulons avoir maison nette... איהר רעדט אויף פראַנצויזיש?

—ניין, איך פערשטעה נישט.

—האַלבע מיטלען, זענען גאָרנישט ווערט. מיר ווילען אינגאַנצען, ביז אַ האָהר—האָט ער איבערגעזעצט און זיך צוגעהערט צו די טריט אין דערבייאיגען צימער.

—ווער איז דאָס?

—מיין פרוי.

—פאַר איהר קאָן מען?

—מען קאָן,—האָט רילייעוו נישט-ווילענדיג אַ שמייכעל געטהאָן.—איבעריגענס, אויב איהר זענט אונרוהיג...

—ניין, איך בעט אייך, איך האָב מיך, דאַכט זיך... ענטשולדיגט, איך בעט אייך, טיילמאָל בין איך זעהר אַ צוזייהטער און טראַכט בעת-מעשה פון עפּיס אַנדערש...—האָט פעסטעל אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַנ'אונגעריכטען פשוט'ען שמייכעל, פון וועלכען דאָס גאַנצע פנים איז איהם פּלוצלונג פערענדערט געוואָרען—יונגער איז עס געוואָרען און שענער.

—אַ מאָדנער מענש!—האָט רילייעוו אַ טראַכט געטהאָן און איהם האָט אויסגעוויזען, אַז פעסטעל קוקט דורך איהם ווי דורך גלאָז.

די טריט האָבען זיך מעהר נישט געהערט.

—וועגען וואָס האָבען מיר געשמועסט?—האָט פעסטעל ווייטער גערעדט.—יאָ, אַלעמען אָדער נישט אַלעמען... האָט איהר נאָך טאַקי נישט בעשלאָסען? איהר ווייסט נאָך נישט?

—איך ווייס נאָר פון איין זאַך,—האָט זיך רילייעוו פון דאָסניי געוואָלט אויפרעגען,—אויב מען זאָל אַלעמען, וועט אָט דאָס גאַנצע בלוט פאַלען אויף אונז. די רוצחים וועלען פערהאַסט ווערען ביים פאָלק און מיר אויך צוזאַמען מיט זיי. גיט נאָר אַ טראַכט צו וואָס פאַר אַ שרעקען עס פיהרען אַזוינע רציחות! מיר וועלען אויפהויבען גאַנץ רוסלאַנד...

—אָ, געוויס, מיר האָבען וועגען דעם געטראַכט און בעשלאָסען אָנצונעהמען מיטלען. די, וואָס וועלען אויסגעוועהלט ווערען דערצו, בעדאַרפען זיך געפינען אויסער דער געזעלשאַפט. בשעת זיי טהוען-אָב זייער אַרבייט, ווערען זיי תיכף געטויט דורך דער געזעלשאַפט, פונקט ווי מען וואָלט נקמה-נעהמען פון זיי פאַר'ן לעבען פון דער קייזערליכער פאַמיליע. דערמיט וועט אָבגעוואָרפען ווערען יעדער פערדאַכט, אַז מיר האָבען זיך אויך בעטייליגט. מיר בעדאַרפען זיין ריין פון בלוט. דערלאַנגענדיג דעם קלאַפּ, וועלען מיר צוברעכען דעם קינזשאַל.

רילייעוו האָט זיך דערמאָהנט, אַז כמעט מיט די אייגענע ווערטער האָט ער געטראַכט וועגען קאַכאָווסקי'ן; אָבער דאָס איז געווען זיין סאַמע פערבאָרגענסטער שרעקליכסטער געדאַנק. און פעסטעל האָט זיך גערעדט אַזוי פשוט.

—וויפיעל האָט איהר?—האָט ער אויך אַזוי פשוט געפרעגט.

—וואָס הייסט וויפיעל?

—וויפיעל מענשען, וואָס זענען גרייט צו אַרבייטען.

—צוויי.

—ווער?

—יאַקובאָוויטש און קאַכאָווסקי.

—קען מען זיך אויף זיי פערלאָזען?

—יאָ, איבעריגענס, ווייס איך נישט,—האָט זיך רילייעוו פערהאַקט, דערמאָהנענדיג זיך אָן זיין פריהערדיגען שמועס, „מיט'ן

העלדישען קאווקאזער".—יאקובאָוויטש איז אפשר נישט אַזוי... אויף קאַכאָווסקי׳ן קאָן מען זיך מעהר פערלאָזען...

—הייסט עס—איינער-צוויי. ווענינ. מיר האָבען צעהן. מיט אייערע—עלף אָדער צוועלף. און דאָס איז אויך ווענינ.

—וויפיעל-זשע בעדאַרפט איהר?

—אָט רעכענט נאָר אויס.

פערבויגען די פינגער אויף דער לינקער האַנד און מיט דער רעכטער זיך מכין-געווען צו צעהלען.

—נו, צו איינעם אויף יעדען. וויפיעל זענען זיי פאַרהאַן?

ער האָט געהאַלטען גרייט די האַנד און געוואַרט.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע, אָבער צוליעב דער הויכער וואַנד סאַמע נעבען פענסטער איז אין צימער פינסטער געווען. און אין דערפינסטער האָט דידאָזיגע ווייסע האַנד מיט׳ן דימענט-פינגערל, וואָס האָט שוואַך געלויכטען אין ריליייעווס אויגען, אויסגעזעהן נאָך ווייסער. ווידער אַ כשוף׳דיגער בליק פון מכשף, פון דאָסניי אַ היפנאָז.

—נו, וואָס, רופט-אָן די נעמען?—האָט פעסטעל אַזוי ווי געהייסען.

און ריליייעוו האָט זיך צוגעהערט און גענומען צעהלען.

—אַלעקסאַנדער פאַוולאָוויטש.

—איינס,—האָט ער פערבויגט דעם גרויסען פינגער אויף דער לינקער האַנד.

—קאָנסטאַנטין פאַוולאָוויטש.

—צוויי,—פערבויגט דעם ווייז-פינגער.

—מיכאַאיל פאַוולאָוויטש.

—דריי,—פערבויגט דעם מיטעלסטען.

—ניקאָלאַי פאַוולאָוויטש.

—פיער—אַ פערטען פינגער פערבויגט.

—אַלעקסאַנדער פאַוולאָוויטש.

—פינף,—פערבויגט דאָס קליינע פינגערל.

צי ריליייעוו׳ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, צי עס איז פינסטער געווען אין צימער, אָבער איהם האָט אויסגע-

וויזען, אַז פעסטעל איז ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען, נאָר די ווייסע הענד זענען בלויז געבליבען. זיי האָבען זיך אָבגעטיילט פון קערפער און געבליבען הענגען אין לופטען, ווי ביי אַ גייסט. און געשווינד האָבען זיך אויף זיי בעוועגט די פינגער, ווי די ווייסע ביינדלעך אויף אַ רעכענברעטעל. ער האָט אַלץ גערופען און גערופען און די פינגער האָבען אַלץ געצעהלט און געצעהלט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט קיין סוף נישט נעהמען.

—אויף אַזאַ אופן איז דאָס אַ מעשה אָהן אַ סוף!—האָט פון דערפינסטער אַרויסגעזאָגט עפּיס אַ קול, פּונקט ווי אַ גייסט וואָלט גערעדט.—אַז מען זאָל אויך אַזוי אויס׳הרג׳ענען אין די פרעמדע לענדער, וועט טאַקי קיין סוף נישט נעהמען. אַלע גרויס-פּיר-שטינס האָבען קינדער... וועט אָבער נישט זיין גענוג, ווען מיר וועלען זיי דערקלערן פאַר אַבדיקירט? און ווער וועט עס וועלען פערנעהמען אַזאַ בלוטיגען טראָן? ווי מיינט איהר?

ריליייעוו האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבעל ער האָט קיין קול נישט געהאַט: עפּיס אַ דושנע משא האָט זיך אַנידערגעלעגט אויף איהם, ווי אין אַ היצקראַנקייט.

—און ווייסט איהר, דאָס איז דאָך אַ שרעקליכע אַרבייט,—האָט ווידעראַמאָל גענומען ריידען פון דערפינסטער דער אייגענער קול פון גייסט.—ווי קרעמער אויף די רעכענביינדלעך מאַכען מיר דאָ אַ חשבון, דאָס איז דאָך אָבער בלוט..

ריליייעווס געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט. ער האָט נישט געוואוסט, ווער דאָס איז: צי ער אַליין טראַכט אַזוי, צי יענער רעדט עס.

אָבער ווי קאָן אַנדערש זיין? מיט פילאַנטראָפּיע וועסטו נישט נאָר קיין רעוואָלוציע נישט מאַכען,—וועסט אפילו קיין שאַך-פּאַרטיע נישט געווינען. גרינדער פון אַ רעפּובליק צייכענען זיך זעלטען אויס מיט צערטליכער פיהלבאַרקייט... איך ווייס נישט, ווי אַזוי איהר,—איך אָבער האָב מיך שוין אָבגעזאָגט פון געפיהל-זאַכען און פאַר מיר עקזיסטירען בלויז געזעצען. און אין די הייליגע שריפטען ווערט געזאָגט: דער, וואָס לעגט זיין האַנד

אויפ'ן אַקער און קוקט אויף צוריק, דער איז נישט ווערט אויפ־צושטעהן תחית־המתים...

ריליייעוו האָט זיך דערמאָהנט, אַז די אייגענע ווערטער האָט ער געזאָגט אויף בעסטוזשעוו'ן. אָבער ווער איז דאָס? פּעסטעל? וואָסער פּעסטעל? פונוואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער? אַריין גלייך פון דער גאַס. מעגליך, אַז דאָס איז גאָר־נישט פּעסטעל, נאָר דער שוואַרציאָהר ווייס איהם ווער?

ריליייעוו האָט זיך אויפגעהויבען מיט גרויס אַנשטרענגונג און אַוועק צו דער טהיר.

—וואוהין?

—ברענגען אַ לאָמפּ, פּינסטער.

געקומען אין קאַבינעט אַריין מיט אַ לאָמפּ, פאַר'ן שיין האָט פּעסטעל אויסגעזעהן ווי אַנ'עלטער פּעסטעל. ווידעראַמאָל האָט ער גענומען ריידען, אָבער ריליייעוו האָט שוין נישט גע־ענטפערט און כמעט נישט געהערט. ער האָט נאָר געטראַכט פון איין זאַך: דער גייסט זאָל וואָס גיכער אַוועק. דער קאָפּ האָט געדרעהט. אַז ער האָט פערמאַכט די אויגען, האָבען זיך ווייסע הענד בעוועגט איבער אַ רויטען פאָן.

—זאָגט איהר נישט געזונד?—האָט פּעסטעל צולעצט בע־מערקט.

—יאָ, אַ ביסעל, דער קאָפּ טהוט וועה... אָבער ניש'קשה, עס וועט דורכגעהן. רעדט, איך בעט אייך, איך הער.

—ניין, צו וואָס? איך האָב אייך שוין אַזוי אויך פערמאַ־טערט. בעסער אַריינקומען א צווייט מאָל, אויב איהר וועט דער־לויבען. אגב האָבען מיר, דאַכט זיך, שוין וועגען אַלץ איבער־געשמועסט.

מען איז אַריין אין עסצימער.

—ווייסט איהר אפשר נישט, קאָנדראַטי פיאָדאָראָוויטש,—האָט פּעסטעל געפרעגט ביים שיידען זיך,—וואו קאָן מען דאָ ביי אייך אין פּעטערבורג קויפען אַ שאַרף?

—אַ וואָסער שאַרף?

—אַ געוועהנליכען שאַרף—אַ טערקישען אָדער אַ פּערסישען.

—איך ווייס נישט. מען בעדאַרף פרעגען ביי דער ווייב. נאַטאַלי, קום נאָר אַהער,—האָט ער אַ רוף געטהאָן דאָס ווייב.

אַריינגעקומען נאַטאַליע מיכאַילאָוונע. רילייעוו האָט זי בעקענט מיט פעסטעל׳ן.

—פאַוועל איוואַנאָוויטש פרעגט, וואו קאָן מען קויפען אַ טערקישען שאַרף?

—פאַר וועמען ברויכט איהר—פאַר אַן׳עלטערער צי פאַר אַ יונגער,—האָט נאַטאַליע מיכאַילאָוונע געפרעגט.

—פאַר אַ שוועסטער, זיבעצעהן יאָהר אַלט.

—נו, בעדאַרפט איהר גאָרנישט קיין טערקישען שאַרף, נאָר אַ לייכטען, אַ קאַשעמירער. איך האָב נישט לאַנג געזעהן ביי אייבולאַטאָוו׳ן, צווישען די טוכקראָמען, זעהר שענע שאַרפען—בלעדעביואל, מיט שטערענדלעך. היינט די נייעסטע מאָדע...

פעסטעל האָט געפרעגט דעם נומער פון דער קראָם און פערצייכענט אין אַ ביכעלע.

—אָבער איהר זאָלט וויסען, אַז מען בעדאַרף זיך דינגען. איהר קאָנט?

—איך קאָן. אין אַן׳ענגלישען געשעפט האָב איך נישט לאַנג געקויפט עשאַרפּ טרו-טרו פאַר פינפאונצוואַנציג רובל און שפּיצען צו גיין מיט אַ האַלבען רובל אַן׳ארשין. נישט טייער?

—נו, בילליג אויך נישט,—האָט זיך נאַטאַליע מיכאַילאָוונע צולאַכט.—מענער בעדאַרפען נישט קויפען קיין פרויענזאַכען.

געשוויגען אַ ווײַלע און דערנאָך העפליך געפרעגט:

—די שוועסטער וואוינט מיט אייך?

—ניין, אין דאָרף. איך האָב צוויי שוועסטער. אויעזדנע באַרישנעס. זיי ריכטען זיך זעהר שטאַרק אויף מתנות פון פעטערבורג, מען בעדאַרף יעדער קויפען דאָס, וואָס עס פּאַסט זיך פאַר איהר—לויף איך אַרום איבער די קראָמען...

—איהר האָט זיי צופּיעסטעט.

—נו, וואָס קאָנסטו מאַכען? זיי זענען אַזיינע שענע, קלוגע. בעזונדערס די עלטערע, מיר זענען נאָך גרויסע פריינד מיט איהר פון קינדהייט-אָן. מען וויל מיך אַלץ חתונה-מאַכען אין

פאָלק. און איך זאָג, אַז אַ גוטע שוועסטער איז בעסער פון אַ ווייב...

—נו, איהר וועט זיך פערליעבען, וועט איהר חתונה-האָבען.

—אָבער איך בין שוין פערליעבט

—אין וועמען?

—טאַקי אין איהר, אין דער שוועסטער.

—נו, וואָס רעדט איהר, גאָט איז מיט אייך! קאָן מען דען?..

—און נאָך ווי!—האָט פעסטעל געשמייכעלט און זיין פּנים איז פון דאָסניי יונגער און שענער געוואָרען.

—אָבער רילייעוו האָט אין דעמדאָזיגען שמייכעל געזעהן עפּיס ציטריגעס, יתום׳דיגעס, ווי אינ׳ם שמייכעל פון אַ שווערען חולה אָדער פון זעהר אַ מידען מענשען. פערשטעהן—הייסט בע-שליסען, זאָגען—הייסט טהאָן. איז דאָס טאַקי אַזוי? צעהלט מאָר-דען אויף די פינגער און עשאַרפּ טרו-טרו; פיהלט נישט און איז פערליעבט אין דער שוועסטער. צי איז ער אויך נישט אַמאָל אַזאַ מין טרוימער ווי זיי אַלע—נאָר. ער לייגט געשיקטער? „אַ נאַפּאָלעאָן אָהן מזל...״—האָט רילייעוו אַ שמייכעל געטהאָן און ענטגילטיג בעשלאָסען: „איינער איז אַ פיינד—אָדער ער, אָדער איך.״

פעסטעל איז אַוועק. מען האָט דערלאַנגט אָווענדברויט. רילייעוו האָט נישט געגעסען און זיך געלעגט שלאָפען. נאַטאַליע מיכאַילאָוונע האָט געמאַכט אַ חשבון פון איהר ווירטשאַפט, אָפּ-געזאָגט איהר תּפילה צו גאָט און זיך אויך געלעגט שלאָפען.

ווי אַלעמאָל פאַר׳ן שלאָף, האָט זי דערצעהלט דעם מאַן וועגען זייערע געשעפטען: וועגען פערקויף פון היי און האָבער אין דעם אונטערשטעדטעלשען דערפעלע באַטאָוו און ראָזשדע-סטווען, וועגען דעם, אַז די פויערים זענען איבערגעגאַנגען צו די פּריצים אויף אַרבייט, וועגען נישט געצאָהלטע שטייערן, ווע-גען סטאַראָסטע, וואָס איז אַ גנב, וועגען אַריינטראָגען זיבענהונ-דערט רובל פּראָצענטגעלד אין לאָמבאַרד, און וועגען לאַפּקע-געלד אין סענאַט צוליעב דער מוהמעס פּראָצעס. אָבער צולעצט,

האָט זי בעמערקט, אַז ער הערט זי נישט.

—שלאָפסט, אַטיע?

—ניין, וואָס איז?

—וואָס הייסט, וואָס איז? איך רייד און דו הערסט נישט... אַזוי איז אַלעמאָל! קיין זאַך אַרט דיר נישט, אויסער דער גע-זעלשאַפט. נאָר אויב די געזעלשאַפט איז דיר טייערער פון אַלץ, טאָ רייד אָפען. דו ביזט דאָך נישט אַליין. „קאָנסטיטוציע, רע-וואָלוציע, רעפּובליק"—אָבער וואָס בין איך און נאַסטיעלע שולדיג?

זי האָט גערעדט מיט אַ וויינענדיגען קול און געוואַרט, צי ער וועט ענטפערן. אָבער ער האָט געשוויגען.

—נו, זאָג אַליין, אַטיע, אויב עס זאָל, חלילה, עפּיס גע-שעהן מיט דיר, וועל איך דאָס נישט אויסהאַלטען! זאָלסטו טאַקי וויסען, אַז דו מאַכסט אומגליקליך מיך און נאַסטיעלע'ן...

—נאַטאַשע,—האָט ער געזאָגט און, אַ בייזער, זיך איבער-געקעהרט פון איין זייט אויף דער צווייטער,—וויפיעל מאָל האָב איך דיך נעבעטען, דו זאָלסט נישט ריידען קיין נאַרישקייטען. נו, וואָס זעהסטו דאָרט פאַר אַ געזעלשאַפט! אָט מען פּלוידערט בלויז... קאָנסט זיין רוהיג: מיט מיר וועט קיין זאַך נישט גע-שעהן... נו, גענוג, הער-אויף, מיין טייערע, עס זיך נישט אָב דאָס האַרץ, בערוהיג זיך, שלאָף געזונד.

—אַך, אַטיע, אַטיעלע טייערער!.. נו, וואָס בעדאַרפסטו, וואָס טויג דיר דידאָזיגע געזעלשאַפט? קנאַפּ גוטע זאַכען קאָן מען טהאָן אָהן איהר? דו ביזט דאָך עפּיס ביי מיר אַזאַ קלוגער, שרייבסט דאָך אַזוינע ליעדער, די נאַטשאַלסטוואָ האָט דאָך דיך אַזוי ליעב! וואָלסטו בעסער גאָר אַוועק פון זיי, וואָלטען מיר זיך געלעבט רוהיג, שטיל און גליקליך. נו, וואָס בעדאַרף מען נאָך, גאָט אין הימעל!..

ער האָט זי וואַרים, אָהן ווערטער אַרומגענומען. זי איז שטיל געוואָרען, אַ פּאָר מאָל שווער אָבגעזיפצט, ווי אַ קליין קינד, וואָס וויינט זיך אָן און ווערט דערנאָך איינגעשלאָפען; און דער-

 נאָך האָט ער דערהערט די בעקאַנטע, קאָמישע, דינע כראָפּעריי.

אין די ערשטע טעג נאָך דער חתונה, בשעת ער האָט זי בע-זונגען אין ליעדער:

ביזט שענער פון דער זון, וואָס שיינט:
ביזט מיינע היינט! ביזט מיינע היינט!

האָט ער זיך געוואונדערט און זיך שטאַרק געערגערט פון דעמדאָ-זיגען כראָפּען. דערנאָך האָט עס איהם זיס איינגעוויעגט, ווי אַנ׳-אַלט קינדערש ליעדעל.

אָבער היינט האָט ער אויך אונטער דעמדאָזיגען ליעדעל נישט געקאָנט איינשלאָפען. עס איז געווען דושנע פון דעם אָנ-געהייצטען אויווען, פון די קישענס און פּערענעס אין דער טאָ-פּעלער בעט, פון דעם אייגענעם הייסען קערפּער און פון נאַטאַ-שעס און פון אָט די ליעבע שלעפּעריגע הענד, וואָס האַלטען איהם אַרומגענומען און איינגעשמידט, ווי שווערע קייטען.

נישטאָ פאַר מיר קיין צוים, געזעצען,
און גוט און זיס איז נאָר אונזביידען,—
איך וואָלט פערניכטען גאָט און קייזער,
און נאָר מיט דיר זיך נישט צושיידען!—

האָט ער אַמאָל געשריבען. און איצט פּערקעהרט: צו פערניכטען ז י י, בעדאַרף מען זיך מיט א י ה ר שיידען.

צולעצט, איז ער איינגעשלאָפען, אָבער באַלד זיך ווידער אויפגעכאַפּט. אין שלאָף האָט ער געזעהן עפּיס שרעקליכעס און נישט געקאָנט געדענקען וואָס. ער האָט נאָר אין שרעק אַלץ גע-פרעגט: וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

דער זייגער אין עסצימער האָט געקלאַפּט; דאָס פייערל אין גרינעם לאָמפּ האָט געטליעט; עס האָט זיך געהערט אַ דין כראָ-פּען; אַלץ, ווי שטענדיג; אָבער דאָך איז אין אַלעם פאַרהאַן עפּיס נייעס, שרעקליכעס, אויפ׳ן וואָהר, אַזוי ווי אין חלום. וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

מיט אַמאָל האָט ער פערשטאַנען וואָס דאָס איז. אויף איין אויגענבליק האָט ער מיט בלענדענדיגער קלאָרקייט פערשטאַנען,— ווי עס טרעפט נאָר מיט די-יעניגע, וועלכע כאַפּען זיך אויף אין מיטען שלאָף, אין מורא׳דיגער שטילקייט און מורא׳דיגער איינ-

זאַמקייט—אַז נישט שפעטער און נישט אַנדערש-וואו, נאָר דאָ, איצט, שטעהט פאַר איהם דער טויט.

צי איז ער צוגעגרייט? צי איז נישט גערעכט אַמאָל נאַ-טאַשע? זאָל ער אפשר אַוועקגעהן, כל-זמן עס איז נאָך נישט שפעט?

אָבער דידאָזיגע רגע איז פערשוואונדען געוואָרען, דער טויט איז אָבגעטראָטען, ער האָט איהם שוין אויפגעהערט צו פערשטעהן, און ער האָט אַ טראַכט געטהאָן מיט דער געוועהנלי-כער פאַלשקייט, מיט דער געוועהנליכער לייכטקייט.

„גיין, שפעט... נו, מילא, אויב שטאַרבען, איז שטאַרבען!"

פיערטעס קאַפיטעל.

אויף זומער איז בעשטימט געוואָרען סאָפיע נאַרישקינעס חתונה מיט׳ן גראַף שובאַלאָוו. מיט אַ בעזונדער קוריער האָט מען שוין געבראַכט פון פאַריז אַ גרויסאַרטיג חופּה-קלייד, אָבער די כּלה האָט זיך לחלוטין אָבגעזאָגט אָנצומעסטען עס, כאָטש די מוטער האָט זי זעהר שטאַרק געבעטען. שפּעטער האָט זי עס שוין נישט געקאָנט אָנמעסטען, ווייל זי איז ווידער קראַנק געוואָרען. די פערבעסערונג אין איהר געזונד-צושטאַנד, וואָס האָט אַזוי געפרעהט דעם פירשט וואַלעריאַן, איז בלויז אַ טעות געווען. אַז דער אייז האָט גענומען צוגעהן, האָט זיך די קראַנקהייט פערשטאַרקט, און זי האָט אָנגעהויבען שפּייען מיט בלוט. די דאָקטוירים האָבען קיין מוט נישט געהאַט צו זאָגען דעם קייזער, אָבער ביי זיך האָבען זיי געוואוסט, אַז איהרע טעג זענען געצעהלט.

סאָפיע איז געווען צו-שוואַך, מען זאָל זי קאָנען פיהרען קיין אויסלאַנד אָדער קיין דרום-רוסלאַנד. די דאָקטוירים האָבען געעצה׳ט, זי זאָל אַרויספאָהרען אויף לאַנד, אונטער פּעטערבורג.

דער פריהלינג איז געווען אַ פריהיגער, אַ פרעהליכער, מיט אַ סך זון. אין די טהאָלען-שאָטענס, אין וואַלד איז נאָך געלעגען שניי, אָבער אויף די זוניגע וועגען האָט שוין געשמעקט מיט

זומערשטויב. אַלע טאָג איז דער הימעל געווען בלוי, אָהן אַ וואָל־קענדעל, ווי אַ בלוי גלאָז פון אַ לאָמפּ אינווייניג מיט פייער. און אַז מען האָט לאַנג געקוקט אויף איהם, האָט ער אויסגעוויזען טונקעל, אַזוי טונקעל, ווי דער הימעל־אָבשלאָג אין אַ טיעפען ברונים. אין אָט דעם גאַנצען ליכט ליעגט עפּיס אַ פינסטערע לערקייט.

די זומערוואוינונג פון די נאַרישקינס אויף׳ן וועג, וואָס פיהרט קיין פּעטערהאָף, איז אַ קליין עכט פּאַלאַצל; פון בעלוועדער קאָן מען זעהן דעם פינישען ים־אויסגוס, פּעטערבורג און קראָנשטאַדט. די ווילע האָט אַ פלאַכען גרינעם קופּאָל און איז פלאַנקירט פון ווייסע רוימישע זיילען. אַנ׳ענגלישער געשאָרענער גאָרטען מיט שפּאַליערן, מיט לאַבּירינטען און אַלעען, בעשאָטען מיט געלען זאַמד. פאַרהאַן בלויז איין הויכע אַלעע פון אַלטע וויינענדיגע בעראָזעס.

אין די חדרים—די שווערע אויסשטאַטונג פון פּאַוועלס צייטען: געמאָלטע סופיטען, שטאָפּטאַפּעטען, בעגילדעט מעבעל, שטאַרע שפּיגלען, אין וועלכע די פּנים׳ער פון די לעבעדיגע זעהען־אויס, ווי מתים־פּנים׳ער. אָבער עטליכע צימערן האָט מאַריע אַנטאָנאָוונע אויסגעפּוצט אינ׳ם נייעם פרעהליכען פראַנצויזישען געשמאַק, און איבערהויפּט יענס צימער, וואָס האָט געהערט צו דער קראַנקער, אויפ׳ן צווייטען שטאָק, מיט די פענסטער צום ים. זילבער־ווייסע אַטלאַס־טאַפּעטען, מיט העלרויטע נעלקען־בלימעלעך, וואָס זענען אומישנע אויסגעשריבען געוואָרען פון פּאַריז. לייכט מעבעל פון לאַקירטען העלען טאָפּאָלהאָלץ; אַ באַלקאָן, אַרומגעשטעלט מיט בליהענדיגע אַפּעלסינען אין שפּעקטען־פּעסלעך. „אַנ׳אמת׳ע נעסט פאַר ליעבע—nid d'amour—פאַר מיין אָרימען, אָרימען מיידעלע״,—פלעגט זאָגען מאַריע אַנטאָנאָוונע. אָבער אויפ׳ן לייכטען פרעהליכען מעבעל האָט די קראַנקע נישט געקאָנט נישט ליעגען, נישט זיצען. „אָך, ווי עס טהוען מיר וועה מיינע אַלטע ביינדעלעך!״ פלעגט סאָפיע מיט וועהטאָג זיך וויצלען. דער ווייסער אַטלאַס פלעגט איהר דערמאָהנען אָן דעם נמאס׳דיגען חופּה־קלייד, וואָס זי פלעגט איצט תמיד אָנמעסטען. די רויטע נעלקען־

בלימעלעך פלעגען איינמאַטערן דאָס אויג, ווי אַ פלאַטערדיג בילד אין אַ היצקראַנקהייט.

סאָפיע האָט מוטיג איבערגעטראָגען די קראַנקהייט. פלעגט איהר נאָר ווערען לייכטער, פלעגט זי אויפשטעהן, אַרומבלאָנקען איבער׳ן צימער און זאָגען אַלעמען, אַז זי איז שוין כמעט ווי געזונד. אָבער גאָליצינ׳ען, וואָס האָט ווידער פערבראַכט מיט איהר גאַנצע טעג, פלעגט זי זאָגען, אַז זי איז צופרידען דערמיט, וואָס זי איז קראַנק און זי וויל נישט געזונד ווערען. די רפואה האָט זי נישט גענומען און נישט געפאָלגט די דאָקטוירים.

איינמאָל אינדערפריה, באַלד ווי זי איז איבערגעפאָהרען אויף דער זומערוואוינונג, האָט זי זיך געפיהלט בעסער אָדער איהר האָט אויסגעוויזען, אַז איהר איז בעסער; איז זי איבערגעגאַנגען פון דער בעט אינ׳ם אַלטפרענקישען פאָטעל מיט׳ן צוריסענעם לעדער און מיט לעכער, פון וועלכע עס האָט געשטעקט דאָס האָהריגע אָנשטאָפּעכטס. אָבער צווישען דעם פרעמדען מעבעל האָט ער אויסגעוויזען היימיש און נאָהנט. זי האָט איהם אומישנע אַרויסגעפאָדערט פון פעטערבורג, ווייל זי האָט נאָר אויף איהם געקאָנט זיצען.

דער פריהמאָרגען איז געווען אַ לויטערער, ווי די אַלע טעג. דער הימעל—ווי אַ בלויער לאָמפּ. אַרום איז אַזוי שטיל, ווי עס טרעפט עפּטער אין פריהיגען פריהלינג אויף די נישט-בעוואוינטע זומערוואוינונגען: עס טרילערן פויגעל, עס קראַצען גראַבליעס, אַ ווייטע-ווייטע טופּעריי—פון דידאָזיגע קלאַנגען ווערט נאָך שטאַרקער די שטילקייט. די טהיר אויפ׳ן באַלקאָן איז אָפען; עס שמעקט מיט אַ פריהלינג-פריהמאָרגען; דער ריח פון די בליהענדיגע בעראָזעס איז צוזאַמענגעמישט געוואָרען מיט׳ן ריח פון רפואות.

גאָליצין איז געשטאַנען נעבען סאָפיע׳ן אויף די קניה און געגעבען איהר אַ לעפעלע האָבערגריץ מיט מילך, וואָס די דאָקטוירים האָבען איהר צוגעשריבען. סאָפיע האָט עס איינגענומען צו לעפעלעך, ווי אַ רפואה, נאָר פון זיין האַנד. די אַלטע ניאַנע, וואַסיליסע פּראָקאָפּיעוונע, האָט פון ווייטען אין טהיר זיך צוגע-

קוקט מיט עגמת-נפש, ווי אַזוי מען „קאָרמעט די חיה", ווי די קראַנקע פלעגט רופען דעם פריהשטיק

אָבגערוהט צווישען צוויי לעפעלעך, האָט זיך סאָפיע אָנגעבויגט צו גאָליצינ׳ען און בעטראַכט זיין געזיכט אויפמערקזאַם און מיט אַ שמייכעל.

—אַנו, האַלט-נאַר, מאַכט אַנ׳ערנסט געזיכט. ניין, נאָך, נאָך ערנסטער... יאָ, נו, נו! מעהר קאָנט איהר נישט?

—איך קאָן נישט.

—אָבער אַ קנייטשעלע געבליבען.

—וואָס פאַר אַ קנייטשעלע?

—אָט דאָ, נעבען די ליפען. פונקט ווי איהר וואָלט אַלעמאָל געשמייכעלט. געדענקט איהר דעם מאַרמאָר-זיידע וואָלטער׳ן אין אונזער ביבליאָטעק? איהר, קאָן זיין, וועט אַמאָל אויף דער עלטער אפשר אויך האָבען אַזאַ מין שמייכעל... פון וואָס שמייכעלט איהר, אייער דורכלויכט?

—איך ווייס נישט, מיין ליעבע... אפשר פון זיך אַליין?

—און די ברילען פאַסטען אייך נישט. און מיינט נישט, איך בעט אייך: איהר זעהט גאָרנישט אויס ווי אַ קאַרבאָנאַר, נאָר פשוט ווי אַ דייטשער פראָפעסאָר אין דימיסיע. נו, צו וואָס טראָגט איהר זיי? פון עקשנות, צי וואָס? דער קייזער איז גערעכט, וואָס ער האָט פיינט ברילען... נו, גענוג שוין, איך וויל נישט מעהר,—האָט זי אָבגעשטויסען דאָס לעפעלע.—וויפיעל לעפעלעך האָט איהר מיר שוין געגעבען?

—דאָס אַכטע לעפעלע, אָבער איהר האָט געגעבען אייער וואָרט אויף צוועלף.

—ניין, איך קאָן נישט... ניאַנע, טייבעלע, לאָז מיר מעהר נישט עסען. מען קאָן דאָך נישט אָנשטאָפּען אַ מענשען, ווי אַן אינדיק.

—כלעבען, וואָס מאַכט איהר זיך פאַר אַ קליינינטשקע,—האָט די אַלטע געזומען וואָרטשען.—עסט גאָרנישט. דערפאַר זענט איהר טאַקי קראַנק, וואָס איהר הערט נישט די דאָקטוירים.

פּראָקאָפּיעווגע האָט זיך אָבגעקעהרט, זי זאָל זיך נישט

צעוויינען, אָבער זי איז נישט אַוועקגעגאַנגען, פונקט ווי זי וואָלט אויף עפּיס געוואַר

—אָט אַזוי וועט זי אַלץ שטעהן, ביז איך וועל זי נישט דורכליאָגען,—האָט סאָפיע אַ שעפּטשע געטהאָן גאַליצינ׳ען אויף פראַנצויזיש.—ווי זי מוטשעט עס מיך. ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי זי מוטשעט עס מיך. גאָט אין הימעל! און אַלץ דערפאַר, וואָס זי האָט מיך ליעב... די ערגסטע פיינד זענען די, וואָס האָבען ליעב. אפשר נישט אַזוי?

—דאָס איז אפילו אַזוי, אָבער שוין צו-בייז, אפשר בייזער פון וואָלטערס שמייכעל.

—איך האָב איצט אַלץ אַזוינע בייזע שאַרפע געדאַנקען. עס טהוט וועה פון זיי, ווי מען וואָלט נעהמען אַ נאָדעל, אָנ-ברענען אויפ׳ן פייער און אַריינשטעכען אין לייב. אָט נעהם איך איינס און שטעק אַריין אין איין, בידנער, און איך זעה, ווי איהר קאָרטשעט זיך פון וועהטאָג...

—עס מאַכט נישט אויס, אַבי אייך זאָל נאָר זיין לייכטער,—האָט ער אַרויסגעזאָגט און געקושט איהר דורכזיכטיג-בלאַסע האַנד מיט בלויע אָדערלעך—אַזאַ טויטע, אַזאַ קינדערשע האַנד.

—נו, לאָמיר שוין ענדיגען דעם האָבערגריץ, אַנישט וועט זי נישט אַוועקגעהן,—האָט זיך סאָפיע אומגעקוקט אויף פּראָקאָ-פיעווגע׳ן.—מיט איין אָטעם. דאָס ניינטע, דאָס צעהנטע, דאָס עלפטע, דאָס צוועלפטע... אוף! נעהמט-צו גיכער דידאָזיגע שוויי-נעריי. נו, ניאַנע, זעהסט—איך האָב געענדיגט. נו, זיי-זשע נישט בייז, נישט וויין, נאַרישע! מיר איז בעסער. נו, כלעבען, באמת גוט. געה געזונדטערהייד. דער פירשט וועט עפּיס לייענען און איך וועל אָברוהען...

גאָליצין האָט גענומען לייענען זשוקאָווסקיס סוועטלאַנע.

—ניין, מען בעדאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט, בעסער אַנ׳אַנדער זאַך! האָט איהם סאָפיע אָבגעהאַלטען.—געדענקסט איז פּאָקראָווסקאָיע ביים פּאַרקטייכעל?

וואו איז, כלה, דיין געליעבטער?
זאָג, וואו איז דיין חופּה-קלייד?

דיין געליעבטער איז שוין טויט.

גערעדענקסט, ווי איך פלעג מיך דערשרעקען און דו פלעגסט מיך טרייסטען:

זאָלסט קיין שלעכטען טרוים נישט האָבען,
טייערע סוועטלאַנע!

און זי האָט טאַקי געהאַט!.. וואָס פאַר אַ שרעקליכע, שרעקליכע חלומות, וואָלענקע! ווי עס איז שוין לאַנג, גאָט אין הימעל! וואָס פאַר אַב׳אַלטע זקנים מיר זענען. דאַכט זיך, נישט זיבעצעהן, נאָר זיבעציג יאָהר... דאָ איז דושנע, עס שמעקט מיט רפואות, קום-אַרויס אויפ׳ן באַלקאָן.

ער האָט זי אויפגעהויבען אויף די הענד. יעדעסמאָל, ווען ער האָט זי אויפגעהויבען, האָט ער געפיהלט, ווי זי ווערט אַלץ לייכטער און לייכטער, פונקט ווי זי וואָלט איהם צוגאַנגען אויף די הענד. האָט ער זי איבערגעטראָגען אויפ׳ן באַלקאָן און אַוועק-געזעצט אין פאָטעל. אַ שטראַהל האָט זיך געגליטשט איבער איהרע גאָלדענע האָהר און איבער דער מאַכטלאָזער אַראָבגעהאַנגענער האַנד. אויף דער זון איז נאָך בלאַסער די בלאַסע האַנד, נאָך בלויער די בלויע אָדערלעך.

סאָפיע האָט זיך צוגעטוליעט מיט איהר געזיכט צו זיינעם און קרענקליך פערזשמורעט די אויגען פון ליכט.

—ווי גוט! וואָס פאַר אַ ים! וואָס פאַר אַ זעגלען! וואוהין שווימען זיי? אפשר ווייט-ווייט. און אַז זיי וועלען קומען צום ברעג...

„אַז זיי וועלען קומען, וועל איך שוין נישט זיין״,—האָט ער געטראָפען איהר געדאַנק, ווי ער פלעגט שטענדיג טרעפען איהרע געדאַנקען.

די נשמה, זאַגט מען, איז אונשטערבלין... „ גלויבסט דערין?

—איך גלויב

—איך ווייס נישט... אויב בלויז די נשמה, טאָ צו וואָס?.. איך וויל, אַז אויך דאָרט זאָל זיין אַלץ, אַלץ, ווי דאָ... אַז אויך דאָרט זאָל, ווי דאַ, איצט. שמעקען מיט צוגראָבענער ערך

אונטער די בלומענבייטלעך און מיט בעראָזע-בליהונג. אָן זשומט אַ קאָמאַר. זעהסט, אַ שפּין קריכט-אום, אַ קליינער רויטער שפּין. זאָל ער אויך דאָרט זיין. און די בראָדעווקע ביי דער ניאַנע וויל איך אויך. אַלץ, ווי דאָ..

—און איך אין ברילען?

—ניין, די ברילען בעדאַרף מען נישט. איך האָב זיי נישט ליעב. און דאָס קנייטשעלע, וואָס לאַכט, בעדאַרף מען אויך נישט. וואו איז עס? פערפאַלען געוואָרען? ניין, אָט—איז עס... אָבער אַן'אַנדער קנייטשעלע געוואָרען. אַ בידנע קנייטשעלע. נו, אַזאַ מאַכט נישט אויס. אַלץ, וואָס איך האָב ליעב, זאָל אויך דאָרטען זיין, ווי דאָ... אָבער אויב בלויז די נשמה, בעדאַרף מען גאָרנישט, גאָרנישט. אויב שטאַרבען, איז שטאַרבען. איין מאָל געשטאָרבען... נו, איך בין מיד געוואָרען. קאַלט. קום.

האָט זי איבערגעטראָגען אין צימער און ווידער אַני-דערגעזעצט אין פאָטעל. דערנאָך זי וואַרימער איינגעוויקעלט, ווייל זי האָט געפיבערט פון קעלט; אַרומגעלעגט זי מיט קישענס; ער האָט געמיינט, זי וועט איינשלאָפען, וועט ער אוועקגעהן, אָבער זי האָט איהם אַ רוף געטהאָן

—נו, וואָס הערט זיך ביי אייך? ווי האַלט עס? דו האָסט שוין לאַנג נישט דערצעהלט...

ער האָט פערשטאַנען, אַז זי פרעגט איהם וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט.

זי האָט געוואוסט פון דערדאָזיגער געזעלשאַפט. ער האָט לאַנג נישט געוואָלט דערצעהלען—מורא-געהאַט, זי זאָל זיך נישט אויסריידען פאַר'ן קייזער, אונגערן נישט אויסגעבען זיי. אָבער צולעצט האָט ער דערצעהלט און בלויז נישט אָנגערופען ביי די נעמען. ער האָט נישט געקאָנט פערבאָרגען פאַר איהר: זי האָט אַלץ געוואוסט וועגען איהם, ווי ער וועגען איהר. געהיימע געזעלשאַפט, רעוואָלוציע, רעפּובליק—דאָס אַלץ האָט איהם דאָ, אין צימער פון דער קראַנקער, וואָס וועט אפשר באַלד אַוועקשטאַרבען, אויסגעוויזען ווי אַ שפּיעלכעל, מיט וועלכען ער האָט זי גע-

 ווײלט, ווי אַ קראַנק קינד. אָבער טיילמאָל האָט ער מיט שרעק

געפיהלט, אַז זי פערשטעהט מעהר, ווי ער דערצעהלט און אַז דאָסדאָזיגע שפּיעלכעל איז געפעהרליך: איז עס אפשר נישט אַמאָל יענס שאַרפע מעסער, מיט וועלכען ער האָט זי פערוואונ־דעט צו טויט?

אויך איצט האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען, טראַכטענדיג גאָר פון איין זאַך—ווייל זי און קיין וואונד נישט מאַכען— וואָס ווייטער בעהאַלטען דאָס מעסער.

—פאַרוואָס דערצעהלסטו נישט אַלץ?—האָט זי איהם פּלוּ־צלונג אָבגעשטעלט און שאַרף איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען אַריין.—ביי דיר איז די רעוואָלוציע אַ מין קינדער־מעשה׳לע: דער גרויער וואָלף איז אַ טיראַן, און די פרייהייט איז דאָס רויטע היטעלע. אָבער דאָס איז דאָך נישט אַזוי. נישט אַזוי איז דאָס געווען, נישט אַזוי וועט עס זיין. איך ווייס דאָך...

אָ, שאַנד! אָ, שרעק פון אונזער צייט!
עס קומט די מאַכט פון יאַניטשאַר;
זיין האַנד איז בלוטיג, בייז און שטאַרק—
און זי דער׳הרג׳עט אויך דעם צאַר!

אָט אַזוי, אָבער נישט דאָס רויטע היטעלע... דו קאָנסט דאָס ליעד?

—איך קאָן. אָבער פון וואַנען ווייסטו? ווער האָט דיר געגעבען?

—דער פעטער, דמיטרי לוואָוויטש. אַ גוטער איז ער. אַלץ, וואָס איך וויל, פיהר איך אויס ביי איהם. האָט ער מיר געגע־בען, אָבער ער האָט מיר פערזאָגט, איך זאָל קיינעם נישט ווייזען, אַנישט, וועט ער כאַפּען אַ גרויסע פּאָרציע... דאָס איז וועגען מאָרד פון׳ם קייזער פּאַוועל דעם ערשטען. און די ביאַנקע האָט אויך דערצעהלט...

אַ ווײַלע געשוויגען און דערנאָך איהם איינגערוימט אויפ׳ן אויער:

—און ווי מיינסטו. ער האָט געוואוסט?

ווידעראַמאָל זיך איהם איינגעקוקט אין די אויגען אַריין נאָך שאַרפער, ווי פריהער.

פּליצין האָט פערשטאַנען: זי האָט געפרעגט, צי אַלעקסאַנ-
דער פּאַוולאָוויטש, דער טראָנפּאָלגער, האָט געוואוסט פון דעם,
אַז פערשווערער ווילען דער׳הרג׳ענען זיין פּאָטער, דעם קייזער
פּאַוועל I.

—וואָס שווייגסטו? זאָג...

—מען בעדאַרף נישט, סאָפיע. צו וואָס? ווער קאָן עס
משפּט׳ן, אויסער גאָט?

—ניין, מען בעדאַרף. איך וויל וויסען אַלץ, וואָס דו
טראַכסט. טאָ רייד-זשע, פערבאַרג גאָרנישט. נאַר מיך נישט. האָט
ער געוואוסט?

—איך מיין, אַז ער האָט נישט אַלץ געוואוסט,—האָט ער
בעענטפערט איבערגעוואָלט.

—און אַז ער וואָלט געוואוסט,—האָט זי ווייטער געזאָגט,—
און אַז ער וואָלט געוואוסט, וואָלט ער פונדעסטוועגען... מען
קאָן דאָך נישט אַנדערש? דער קייזער פּאַוועל איז דאָך געווען
אַ גזלן, אַ טיראַן?

—וואָס פאַר אַ טיראַן? פּשוט אַ קראַנקער, אַן אומגליקליכער...

—נו, אַלצאיינס,—אַ משוגענער...

דו ביזט אַ שאַנד פאַר וועלט, נאַטור
און גאָט אַ פאָרוואורף אויף דער ערד.

פופציג מיליאָן מענשען אין די הענד פון אַ משוגע׳נעם—האָט מען
עס דען געקאָנט אַזוי לאָזען? מען האָט איהם געמוזט דער׳הרג׳ע-
נען. קיינער איז נישט שולדיג און קיינער קאָן עס נישט
משפּט׳ען, אויסער גאָט. גאָט אַליין האָט שוין געמאַכט אַזוי, אַז
מען זאָל איהם דער׳הרג׳ענען. שטאַרבען און דער׳הרג׳ענען. וואָלט
שוין בעסער גאָר קיין גאָט נישט געווען!.. און דו, און דו
וואָלסט אויך געטויט, ווען מען וואָלט בעדאַרפט?.. שווייגסט?
ווילסט נישט זאָגען?.. נו, מילא, איך ווייס סיי-ווי, וואָס דו
טראַכסט...

און פּלוצלונג האָט זי איהם ווידער איינגערוימט אויפ׳ן
אויער:

—נישט לאַנג האָט זיך מיר געחלומ׳ט אַ חלום. איך מיט

דיר—מיר ביידע געהען-אַריין אין דעם אייגענעם צימער און ביי מיר אויפ'ן בעט ליעגט עמיצער. דאָס געזיכט זעהט מען נישט, פערדעקט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אַ מת אין תּכריכים. אָבער דו האָסט אַ מעסער אין האַנד און גנב'עסט זיך, ווילסט איהם דער'הרג'ענען. און איך טראַכט בעת-מעשה: וואָס, אויב יענער איז טויט? הרג'ענען קאָן מען נאָר לעבעדיגע, אָבער ווי הרג'עט מען אַ טויטען? וויל איך א̇ו סשרייען, האָב איך קיין קול נישט. אָבער איך לאָז דיר נישט, איך האַלט דיך ביי דער האַנד. נאָר דו ביזט בייז געוואָרען, האָסט מיך אָבגעשטויסען, זיך אַ וואָרף געטהאָן און אַ קלאַפּ געגעבען מיט'ן מעסער און די תּכריכים זענען אַראָב-געפאַלען... ווייסטו, ווער דאָס איז געוועזען?.. ווייסטו ווער?..—

האָט זי איבערגע'חזר'ט מיט אַנ'אָבגעהאַקטער שעפּטשערייַ און ער האָט געהערט, ווי עס קלאַפּען איהר צאָהן אָן צאָהן.—אָך וואַלענקע, וואַלעָנקע, ווייסטו ווער?

ער האָט געוואוסט: איהר פאָטער.

—מען בעדאַרף נישט, סאָפיע, מען בעדאַרף נישט!—האָט ער געזאָגט און זיך פערדעקט דאָס פּנים מיט די הענד.—דאָס איז דאָך נישט מעהר ווי אַ חלום, ווי אַ שלעכטער חלום פון דער קראַנקהייט. די קראַנקהייט וועט איבערגעהן, וועלען אויך נישט זיין קיין שרעקליכע חלומות...

—ווידער זאָגסטו ליגען? ווידער נאַרסטו מיך? דו זאָגסט נישט אויס אינגאַנצען? איך וויל אָבער וויסען אַלץ, דו הערסט, אַלץ! איך פערשטעה דאָך, אַז דאָס רויטע היטעלע איז—בלוט. און ווייסטו וועמעס בלוט? האָסטו געטראַכט פון בלוט, בשעת דו ביזט געגאַנגען צו זיי? קאָן מען געהן פערגיסען בלוט אין נאָ-מען פון גאָט?.. פאַרוואָס טראַכט איהר עפּיס אַלע פון בלוט? פאַרוואָס? רייד...

—מען בעדאַרף נישט! מען בעדאַרף נישט!—האָט ער אי-בערגע'חזר'ט בלויז דאָס איינע וואָרט און זיך געבראָכען די הענד פון פערצווייפלונג.

—הרג'ענען בעדאַרף מען, און זאָגען זאָגסטו, אַז מען בע-דאַרף נישט?.. ניין, רייד-זשע! איך קאָן נישט מעהר, איך ווילן

ריד-זשע, זאָג דעם אמת! איך ווייס אַלץ, מיך וועסטו נישט נאַרען!—האָט זי אַרויסגעזאָגט, אַריס געטהאָן איהם מיט געוואַלט די הענד פון פנים און איהם שאַרף אָנגעקוקט. אין דעמדאָזיגען קוק איז געלעגען אַ שאַרף מעסער, וואָס האָט פערוואונדעט ביז טויט.—זאָג: איהר ווילט איהם דער׳הרג׳ענען?

—וואָס טהוסטו, סאָפיע...

—וואָס טהו איך? איך שטעק-אַריין אין דיר אַ הייסע נאָדעל—אַ שאַרף מעסער אין דיר—אַ לעבעדיגען, אָבער נישט אין אַ טויטען. וואָס, עס טהוט וועה? נו, עס שאַדט נישט, וועסטו ליידען אַ ביסעל. פאַרוואָס זאָל איך נאָר איינע קאָרטשען זיך פון וועהטאָג?..

איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט האַס, אָבער זי האָט איהם נאָכמעהר באַנג געטהאָן.

—גאָט אין הימעל,—וואָס וועט ווערען נישט פון מיר, נאָר פון דיר? נו, צו וואָס?..

—ניין, נישט איך, נאָר דו מאַכסט מיט מיר אַזוי... איך האָב גאָרנישט געוואוסט, געווען אַ נאַריש מיידעלע, אַ קינד רוהיג, גליקליך. ביזטו געקומען און געמאַכט אַ תל פון אַלץ, האָסט מיך אויפגערעגט, פערפיהרט... געדענקסט, אויף וועלגאָרסקיס קאָנצערט? דערפון בין איך קראַנק געוואָרען און וועל אַוועקשטאַרבען. איך האָב דאָך דיך נישט געפרעגט. אָבער האָסטו אָנגעהויבען, טאָ ענדיג... און וואָס האָסטו זיך איצט דערשראָקען? דו מיינסט, אַז איך וועל מסר׳ן? און אפשר וועל איך אַרויסגעבען... איך ווייס אַלץ, וועסט מיך נישט אָבנאַרען, איך ווייס אַלץ, וואָס איהר ווילט... און פאַרוואָס? וואָס האָט ער אייך געטהאָן פאַר אַ שלעכטס? ווי וועט איהר אויפהויבען אויף איהם אַ האַנד? און דו, מיין טייערער, מיין ליעבער, מיין איינציגער וואַלענקע! אויף איהם, אויף מיין פאָטער! וואָלט שוין גלייכער געווען, אַז דו זאָלסט מיך!..

ער האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ טויט-בלאַסען געזיכט, וואָס האָט דאָך אויסגעזעהן רוהיג.

 גאָט זאָל דיך משפט׳ן, סאָפיע: טראַכט, וואָס דו ווילסט:

מערדער, גזלנים, רשעים... און אפשר—גאָר נאַרישע קינדער. טראַכט איך דאָך פיעל מאָל אַליין: זיי וועלען גאָרנישט טהאָן, זיי וועלען קיינעם קיין ישועה נישט ברענגען, זיי וועלען זיך בלויז אומברענגען. אָבער דאָך איז דער הייליגער אמת ביי זיי. און זאָל זיין, אַז איך בין נישט ווערט, זאָל זיין, אַז איך נעהם אויף זיך אַ זאַך, וואָס איז נישט נאָך מיינע כחות, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטען, אָבער אַוועקגעהן פון זיי קאָן איך נישט, אפילו ווען איך זאָל דיך, סאָפיע...

זיין קול האָט זיך איבערגעריסען, דאָס פּנים אויסגעקרימט. ער האָט זיך צעוויינט, פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט און בלויז איבערגעח'זר'ט:

—איך וועל נישט אַוועק, נישט אַוועק! און אפילו, אַז איך זאָל דיך פערלירען, וועל איך איך נישט אַוועק פון זיי.

—אָבער ווער האַלט דיך?—האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן מיט דערזועלבער פיינטשאַפט, וואָס פריהער.—געה צו זיי! געה! געה!

אַ פאַל געטהאָן אויף די קישענס און זיך גענומען צאַפּלען אויפ'ן גאַנצען לייב, ווי אַ פערוואונדעטער פויגעל—פריהער פון געוויין, דערנאָך פון הוסטען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווערט דערשטיקט, אַז זי שטאַרבט שוין אויף זיינע הענד.

צולעצט, איז דאָס הוסטען איינגעשטילט געוואָרען. אָבער לאַנג איז זי געלעגען מיט אַ פּנים ווייסער פון די קישענס און מיט צוגעמאַכטע אויגען, ווי אַ טויטע. ער האָט שוין אפילו געוואָלט רופען נאָך הילף. אָבער זי האָט זיך בעוועגט און געעפענט די אויגען.

—דו ביזט דאָ? נישט אַוועקגעגאַנגען? ס'איז גאָרנישט, שרעק דיך נישט, שוין איבערגעגאַנגען. גיב מיר אַ ביסעל וואַסער... ווי עס ציטערן דיר די הענד! שרעק דיך נישט, מיר איז גוט. אָבער געה נישט אַוועק, זיי מיט מיר...

פּלוצלונג זיך אָנגעבויגט און גענומען איהם קושען די הענד. זי האָט געוויינט, אָבער דאָס פּנים איז געווען לויטער און ריין. אַ שטילער און לויטערער שמייכעל אויף די ליפּען

—ענטשולדיג מיר, וואַליע, טייבעלע! דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, מעהר וועט עס שוין נישט געשעהן. אָבער זאָלסט נישט אַוועקגעהן, זאָלסט מיך נישט אַוועקלאָזען, אָהז דיר קאָן איך נישט...

ער איז געפאַלען פאַר איהר אויף די קניה. זי האָט אַרומ-גענומען זיין קאָפּ, געגלעט און געקושט איהם די האָהר.

—נו, גאָרנישט, גאָרנישט, הער-אויף, וויין נישט, עס וועט אַלץ זיין גוט. איך ווייס, גאָט וועט אונז העלפען. מיר וועט לייכטער ווערען. אָט איצט איז מיר שוין אפילו לייכטער, מיר איז אַזוי גוט מיט דיר... אָבער זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיך מיטנעהמען. וואו דו וועסט זיין, וועל איך אויך זיין. און אויב עס וועט נויטיג זיין, וועלען מיר אַנטלויפען, רעכט? מיר וועלען אַנטלויפען ווייט, ווייט פון אַלעמען... און דערנאָך וועט ער אויך זיין מיט אונז. ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלץ איבערלאָזען און לעבען מיט מיר אינאיינעם. אָט וועלען מיר זיין זאַלבעדריט: ער, דו און איך... און דעמאָלט וועלען מיר איהם אַלץ זאָגען. ער וועט פערשטעהן און טהאָן אַזוי. וואָרום ער וויל דאָך אויך דאָס אייגענע, וואָס איהר. דו האָסט מיר אַליין גע-זאָגט, אַז ער וויל דאָס אייגענע... און קיין בלוט וועט נישט זיין. מען בעדאַרף נישט קיין בלוט... און אויב מען וועט בע-דאַרפען, וועט ער אַליין אָבגעבען זיין בלוט צוזאַמען מיט אייך, פאַר דער פרייהייט, פאַר'ן גליק פון רוסלאַנד! עס וועט זיין אַזוי, וואַליע, אַזוי, איאָ? זאָג, אַז עס וועט זיין אַזוי!—האָט זי איבערגע'חזר'ט ווי אין אַ מין משוגעת.

—אַזוי! אַזוי!—האָט ער געזאָגט און געפיהלט, אַז אין דעמדאָזיגען משוגעת איז פאַרהאַן עפּיס נביאות: ווען-עס-איז, ערגעץ-וואו, מעגליך, אַז נישט אויף דער וועלט—אָבער עס וועט זיין אַזוי.

פלוצלונג האָבען זיך בײדע צוגעהערט. אויפ'ן ברוק ביים טויער האָבען זיך דערהערט טריט פון אַ פערד. דער זאַמד פון דער גאָרטענאַלעע האָט גענומען סקריפּען אונטער די רעדער. גאָליצין איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן באַלקאָן.

—ער?—האָט סאָפיע געפרעגט, בשעת גאַליצין האָט זיך אומגעקעהרט אין צימער.

—יאָ, זיי מיר געזונד...

—ניין, וואַרט נאָר צו. הערסט, צו דער מאַמען אַוועק. וועסט נאָך בעווייזען... אייל נישט, איך האָב נאָך געוואָלט עפּיס זאָגען... און אפשר איז עס בעסער, וואָס איך וועל שטאַרבען? אַ טויטע, וועל איך גיכער שלום-מאַכען צווישען אייך, איידער אַ לעבעדיגע... אָבער אַ לעבעדיגע צי אַ טויטע—אַלעמאָל וועל איך זיין מיט דיר. און אַז דו וועסט אפילו טרייבען, וועל איך נישט אַוועקגעהן—פון דאָרטען וועל איך קומען. געדענק-זשע: וואו-הין דו—דאָרטען איך. און אויב גאָט וועט דיך פער׳משפט׳ען, טאָ זאָל ער מיך אויך פער׳משפט׳ען. אָבער גאָט וועט נישט פער׳משפט׳ען. נו, לאָז, וועל איך דיר בענשען. זאָל גאָט אונז אַלעמען אויסהיטען פון בייז און שלעכטס.

איבערגע׳צלמ׳ט און אַ קוש געטהאָן איהם מיט יענעם שטי-לען לויטערן שמייכעל.

—נו, געה, געה גיכער!

ער איז אַרויסגעלאָפען פון צימער, אָבער שוין געווען צו-שפּעט: דעם קייזער׳ס טריט האָבען זיך דערהערט אויף די טרעפּ. גאַליצין האָט איהם אָנבעגעגענט און זיך טיעף פערנויגט פאַר איהם. דער קייזער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם, פונקט ווי ער וואָלט איהם עפּיס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט בלויז ערנסט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און איז פאַרבייגעגאַנגען.

ער האָט שוין לאַנג געבעטען מאַריע אַנטאָנאָוונע׳ן, זי זאָל נישט אויפנעהמען גאַליצינ׳ען. אונטער דעם אויסרייד פון איהר קראנקהייט האָט סאָפיע נישט צוגעלאָזט אויף די אויגען איהר חתן, דעם גראַף שובאַלאָוו, און גאַליצין פלעגט פערברענגען מיט איהר גאַנצע טעג. דעם קייזער האָט עס אויסגעוויזען נישט-אָנ-שטענדיג. דערצו האָט ער בעמערקט, אַז דאָס שמועסען מיט איהם ווירקט שלעכט אויף איהר געזונד, אַז דאָס רעגט זי אויף, מאַכט זי צורודערט, און ער האָט בעשלאָסען, אַז ער וועט עס איהר אַליין זאָגען.

אָבער אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער עס באַלד פערגעסען: אין די צוויי טעג איז אין איהר פאָרגעקומען אַזאַ פערענדערונג, אַז ער האָט זיך דערשראָקען, פונקט ווי ער וואָלט ערשט פערשטאַנען, אַז זי איז שטערבליך קראַנק.

זי האָט זיך דערפרעהט און, ווי שטענדיג, זיך גענומען לאַשטשען צו איהם. אָבער ביידע האָבען געפיהלט, אַז עפּיס אַ וואַנד שיידט זיי אָב פון איינאַנדער. זי האָט איהם אַרומגענומען און געקושט. אָבער דער צו-צאַרטער שמייכעל אויף די ליפּען און דאָס טיראַן-קנייטשעלע אויפ׳ן שטערען האָט זי פון דאָסניי איבערראַשט ווי אַ צוויידייטיגע סתירה, פונקט ווי אַמאָל אויף טאָרוואַלדסענס מאַרמאָר-ביוסט. פלוצלונג האָט זי זיך דערמאָהנט, ווי זי פלעגט אַמאָל, אין די קינדעריאָהרען, אַרומנעהמען און קושען דעמדאָזיגען מאַרמאָר און ער פלעגט ווערען וואַרים אונטער דידאָזיגע קושען, פונקט ווי אַ לעבעדיגער.

און עס איז געוואָרען שרעקליך—זאָל ער איהר איצט, בשעת זי קושט איהם אַ לעבעדיגען, נישט אויסווייזען, אַז זי קושט אַ טויטען.

פינפטעס קאַפּיטעל.

אויף די ערשטע טעג פון מאַי איז בעשטימט געוואָרען ביי רילייעוו'ן די פערזאַמלונג פון דער געהיימער געזעלשאַפט, אויסצוהערען פעסטעלס פאָרשלאָג.

אין דער קליינער וואוינונג איז אַלץ איבערגעקעהרט געוואָרען מיט'ן קאָפּ אַראָב. דאָס איבעריגע מעבעל האָט מען אַרויסגעטראָגען. מען האָט פונאַנדערגעעפענט די טהירען אין קאַבינעט און אין עסצימער. נאַטאַשע מיט נאַסטעל'ן זענען אַוועקגעפאָהרען צו בעקאַנטע—דאָרט וועלען זיי אויך איבערנעכטיגען.

די זיצונג איז בעשטימט געוואָרען אויף אַכט אַ זייגער אין אָוונעד, אָבער אַ זייגער זיבען האָט זיך דער עולם שוין אָנגעהויבען צו פערזאַמלען. דאָס איז געווען אַ נייעס, ווארום געוועהנליך פלעגען אַלע פערשפעטיגען אָדער מען פלעגט גאָרנישט קומען. דער עולם האָט אויסגעזעהן פייערליך-אונרוהיג. אַ סך זענען געקומען אין אָרדענס און מונדירען. געשמועסט האָט מען צווישען זיך אין דער-שטיל און רויכערן איז ייען אַרויסג״יאוויז
אין קיך. מען האָט געוואַרט אויף פּעס—
אַז עמיץ פלעגט עפענען די טהיר.
אפשר ער?

גענעראַל-שטאַב, עפּיס מעהר פון אַ יאָהר דרייסיג, איז געזעסען אָבגעזונדערט פון אַלעמען, געלייענט פּאַפּירען און מיט אַ בליישטיפט געמאַכט אויף די ראַנדען בעמערקונגען. דאָס פּנים בלאַס-געלב מיט אַ מערידען-פאַרב, בלאַס-געלבע שיטערע האָהר, בלאַס-געלבע פערזשמורעטע אויגען, פונקט ווי אָבגעבּליאַקירטע — אַנ׳עכטער פּעטערבורגער טשינאָווניק. דער שפּיץ פון דער בליישטיפט איז איהם טעמפּ געוואָרען, האָט ער איהם איילינג און אויפמערקזאַם פערשאַרפט: שרייבען האָט ער געקאָנט נאָר מיט אַ גוט-פערשפּיצטער בלייפעדער, פונקט ווי ספּעראַנסקי, וועמען ער האָט פערגעטערט און אין אַלץ נאָכגעמאַכט. שרייבט ער אָן אַ צוויי-דריי ווערטער און שאַרפט ווייטער, און מיט אַ גענייטער בעוועגונג הויבט ער יעדעס מאָל אויף דאָס פּאַפּיר צו די קורצזיכטיגע אויגען און בלאָזט-אַראָב דעם גראַפּיט-שטויב מיט אַזאַ בעזאָרגטער מינע, פונקט ווי דערפון וואָלט אָבגעהאַנגען דער גורל פון דער באַלדיגער פערזאַמלונג. דער מחבר פון דער צפון׳דיגער קאָנסטיטוציע, דער הויפּטעגנער פון פּעסטעל׳ן פאַר זיינע רעפּובליקאַנישע עקסטרעמען, איז זיך מכין אַרויסצוטרעטען געגען איהם. אָבער ער האָט זיך אויפגערעגט און זיך בשום אופן נישט געקאָנט קאָנצענטרירען.

די חברים האָבען געהאַלטען, אַז מוראַוויאָוו איז דער איינציגער מלוכה-מאַן אין דער געזעלשאַפט: וואָס ספּעראַנסקי איז פאַר דער איצטיגער רוסלאַנד, איז מוראַוויאָוו פאַר דער קינפטיגער. אַ קאַבינעט-געלעהרטער, אַ מענש אַ פאָרזיכטיגער און אַ מעסיגער, האָט ער אויסגעאַרבייט געזעצען פאַר דער רוסישער קאָנסטיטוציע אויך אַזוי גריבלענדיג און פּאַוואָליע, ווי דער זייגער-מייסטער קלייבט-צונויף אונטער׳ן גלאָז די פּרוזשינקעלעך, רעדעלעך, שרייפעלעך. ער האָט געאַרבייט אין דער געהיימער געזעלשאַפט, ווי אין אַ מיניסטעריום-קאַנצעלאַריע. דאָס, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען, האָט איהם אויסגעוויזען, ווי אַנ׳אָבגעטהאָענע זאַך. ער האָט אָנערקענט די נויטווענדיגקייט פון רעוואָלוציע, אָבער שטילערהייד האָט ער זיך געשראָקען פאַר איהר, ווי פאַר יעדער זאַך, וואָס כאַפּט-אַריבער די מאָס. פּעסטעל פלעגט

זיך ווילצלען, אַז מוראַוויאָוו איז עהנליך צו אַ מענשען, וואָס בשעת מען פיהרט איהם אויפ׳ן עשאַפאָט, בעט ער, מען זאָל איהם פערשטאָפּען מיט וואַטע די אויערן,—ער זאָל זיך נישט פערקיהלען. צו ווירקען אין דער רעוואָלוציע האָט איהם געשטערט אָט די אייביגע וואַטע אין די אויערן, די מערידען און דאָס ווייב: פלעגט נאָר עפּיס געשעהן, פלעגט זי איהם באַלד אָװעקפיהרען אין זיין גוט אַריין און פלעגט איהם דאָרטען האַלטען אונטער׳ן שלאָס, ביז עס פלעגט זיך נישט איינשטילען צוריק.

פערשפּיצענדיג די בלייפעדער, האָט ער זיך נישט-ווילענדיג צוגעהערט צו די שמועסען, וואָס האָבען איהם געשטערט אין דער אַרבייט.

דער עולם, וואָס האָט געוואַרט אויף פעסטעל׳ן, האָט דערווייל געשמועסט פון איהם. מען האָט געשמועסט פון זיין פאָטער, אַ געוועזענער סיבירישער גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַ ווילדע מגושמ׳דיגע בריאה, וואָס פלעגט נעהמען כאַבאַר. ער איז אָבגעזאָגט געוואָרען פון דער שטעל און צוגעצויגען געוואָרען צום געריכט. מען האָט געשמועסט פון פעסטעל׳ן—דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים—, אַז ער פלעגט דריקען די אָפיצירען פון פאָלק און פלעגט הייסען שלאָגען מיט שטעקענס די סאָלדאַטען פאַר דעם קלענסטען חטא אין פראָנט.

—ער מזיק׳ט זיי, און זיי האָבען איהם פונדעסטוועגען ליעב; זיי זאָגען, אַז מען בעדאַרף גאָרנישט האָבען קיין בעסערן קאָמאַנדיר.

—„טויג זיך צו אַלץ: לאָזט איהם אָנפיהרען מיט אַנ׳אַרמעע אָדער מאַכט איהם פאַר אַ מיניסטער—אומעטום וועט ער זיין אויף זיין אָרט”,—האָט מען געבראַכט די מיינונג פון גראַף וויטענבערג, דעם הויפּטקאָמאַנדיר פון דער צווייטער אַרמעע.

—אויפ׳ן טולטשינער סמאָטר איז דער קייזער בעזונדערס צופרידען געוועזען מיט פעסטעלס פאָלק. „אויסגעצייכענט, פונקט ווי די גוואַרדיע!”—האָט ער בעוויליגט צו זאָגען און האָט איהם געשענקט דריי דעסיאַטין ערד. אָבער אַז ער האָט דערהערט, אַז פעסטעל איז אויך אין דער געהיימער געזעלשאַפט, האָט ער זיך

דערשראָקען, זאָגט מען, נישט אויף געלעכטער..

—דער קייזער שרעקט זיך בכלל פאַר אונז,—האָט בעסטושעוו געשמייכעלט און צופרידען זיך געגלעט די וואָנסעלעך...

„—אַ קלוגער מענש אין פולען זין פון דעמדאָזיגען וואָרט,“—האָט מען דערמאָהנט פושקינס מיינונג וועגען פעסטעל׳ן.

—קלוג, ווי דער טייוועל, אָבער וועניג האַרץ,—האָט קיכעל בעמערקט.

—פשוט אַ כיטרער דעספּאָט: ער וויל אונז אַרומבינדען פון אַלע זייטען... איך האָב פערשטאַנען דעמדאָזיגען פויגעל,—האָט בעסטושעוו בעשלאָסען.

—ער וועט גאָרנישט טהאָן, ער וועט אונז נאָך אומברענגען,—האָט געוואָרענט אָדאָיעווסקי.

ער האָט אָנגעוואָרפען אויף מיר אַ פחד,—האָט זיך רילייעוו מודה-געווען.—מען בעדאַרף איהם אָבשוואַכען, אַנישט וועט ער אַלץ אַריינגעהמען צו זיך אין די הענד אַריין און וועט זיך בעגעהן ווי אַ דיקטאַטאָר

-מיר קאָנען דידאָזיגע אַרמעאישע נאַפּאָלעאָנדלעך !—האָט יאַקובאָוויטש געשמייכעלט מיט פעראַכטונג. אויפ׳ן באָדען פון דער אַלגעמיינער פיינטשאַפט צו פעסטעל׳ן איז ער דערווייל גוט געוואָרען מיט רילייעוו׳ן, נאָכדעם ווי גלאַפירע איז אַוועקגעפאָהרען אין דער טשוכלאָמער אימעניע.

נאַפּאָלעאָן און ראָבעספּיער צוזאַמען. איהר וואָרט-נאָר, זאָל ער אָקאָרשט ווערען אַ מושל, וועט ער אייך אַלעמען ווייזען, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט !—האָט זיך באַטענקאָוו אָנגערופען דער לעצטער.

פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין האָט זיי געהערט ווי דורכ׳ן חלום. ער האָט געקוקט דורכ׳ן פענסטער אויפ׳ן גאָלדגרינעם הימעל מיט׳ן אָווענד-שטערענדעל און זיך דערמאָהנט אָן די אויגען פון גוסס׳ען מיידעלע. אָדער איהר רעטונג אָדער די רעטונג פון רוסלאַנד—וואָס איז איהם טייערער? נו, זאָל זיין די רעוואָלוציע, אָבער דאָס איז דאָך עפּיס אויך אַ טויט. און פאַרוואָס איז דער מענש קלענער פון דער מענשהייט? און וואָס פאַר

אַ נוצען האָט דער מענש, ווען ער האָט שוין דערוואָרבען אַ גאַנ-צע וועלט און זיין אייגענער נשמה געשאַדט דערמיט? און וואָס בעקומט דער מענש, ווען ער גיט-אַוועק זיין נשמה? פאַר'ן טויט, פאַר דער אייביגקייט איז אפשר גערעכט יענער, וואָס האָט גע-זאָגט: „פּאָליטיק—דאָס איז בלויז אַנ'ענין פאַר'ן המון"? און ווי עס איז נישט עהנליך דאָס, וואָס די מענשען ריידען דאָ, צו דעם אָווענד-שטערען אינ'ם גאָלד-גרינעם הימעל און צו די אוי-גען פון דעם גוסס'ען מיידעלע.

נישט עהנליך און אונפעראייניגליך. די לעצטע צייט חזר'ט ער אַלץ איבער דאָסדאָזיגע וואָרט: אונפעראייניגליך. פאַרהאַן דריי אמת'ען: דער ערשטער, בשעת דער מענש איז אַליין; דער צווייטער—בשעת מען איז זאַלבענאַנד; דער דריטער—בשעת מען איז זאַלבעדריט אָדער אַ סך מענשען. און אָט די דריי אמת'ען ווילען זיך קיינמאָל נישט צונויפגיסען, ווי אַלץ גיסט זיך נישט צוזאַמען אין לעבען. „אונפעראייניגליך".

—ער! ער!—האָט דער עולם גענומען שעפּטשען און אַלע האָבען גענומען קוקען אויף דעם ניי-געקומענעם.

איינמאָל, אויפ'ן לייפּציגער יריד, האָט גאָליצין געזעהן נאַ-פּאָלעאָנ'ס קוקלע אין אַ מוזייאום פון וואַקס-פיגורען: דידאָזיגע קוקלע האָט זיך געקאָנט אויפשטעלען און אָבקעהרען דעם קאָפּ. מיט די שאַרפע בעוועגונגען האָט איהם פּעסטעל דערמאָהנט אָן דערדאָזיגער קוקלע און מיט דעם שווערען שאַרפען קוק, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט קאַסאָקע אויגען, האָט ער איהם דערמאָהנט אָן אַ שול-חבר, וואָס איז דערנאָך קראַנק געוואָרען אויף די פּאַליגע.

דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אויף די לעדערנע פאָ-טעלען מיט די הויכע ווענדטלעך, פאַר'ן הויכען, מיט גרינעם געוואַנד בעדעקטען טיש, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען שרייב-געצייג פון מאַלאַכיט, אַ בראָנזען פּאָרזיך-גלעקעלע און בראָנזענע קאַנדעלאַברעס. דאָס אַלץ איז גענומען געוואָרען אויף פּראָקאַט אין דער רוסיש-אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע. מען האָט אָנגעצונדען ליכט, הגם עס איז נאָך געווען טאָג—פון שענקייט וועגען. ניער

בעל-הבית האט אלץ בעטראכט און איז געבליבען צופרידען: אנ'-אמת'ער פארלאמענט!

—מיינע הערן, די זיצונג ווערט געעפענט,—האט געזאגט דער פארזיצער, פירשט טרובעצקאי און אנגעקלונגען מיט'ן גלעקעל, הגם מען האט עס אויך נישט בעדארפט, ווארום עס איז אזוי אויך שטיל געווען,—דאס ווארט געהערט צום דירעקטאר פון דער דרום-סעקציע, דעם פאלקאווניק פאוועל איוואנאוויטש פעסטעל.

—אונזער סעקציע לעגט-פאר די פעראייניגונג פון דער צפון-געזעלשאפט מיט דער דרום-געזעלשאפט אויף די פאלגענדיגע בעדינגונגען,—האט פעסטעל אנגעהויבען.—דער ערשטער תנאי—אנערקענען איין העכסטען פיהרער און דיקטאטאר פוןביידע סעקציעס; דער צווייטער—יעדער איז מחויב איהם צו פאלגען אבסאלוט; דער דריטער—אבווארפען דעם לאנגען וועג פון אויפקלערונג און די לאנגזאמע ווירקונג אויף דער אלגעמיינער מיינונג און ארויסטראגען מעהר פעסטערע החלטות, איידער די נישטיגע געזעצען, וואס זענען אויסגעארבייט געווארען אין אונזערע אוסטאווען (פאר שרעקעדיגע נפשות), אננעהמען די קאנסטיטוציע פון דער דרום-געזעלשאפט און בעפעסטיגען דורך א שבועה, אז קיין אנדערע וועט אין רוסלאנד נישט זיין...

—ענטשולדיג, הער פאלקאווניק,—האט איהם אבגעשטעלט דער פארזיצער זעהר העפליך און וויך, ווי זיין שטייגער איז געווען,—כדי עס זאל נישט קומען צו א טעות, טא זענט אזוי גוט און ענטפערט אויף דער פראגע: צי איז אייער קאנסטיטוציע-פלאן א רעפובליק?

—יא.

—טא ווער וועט ווערען דיקטאטאר?—האט געפרעגט ניקיטע מוראוויאוו, נישט קוקענדיג אויף פעסטעל'ן. ער האט עס געפרעגט שטיל, אבער אזוי, אז אלע זאלען הערען. אין דער-דאזיגער פראגע איז ווידער געווען נאך א פראגע: „צי נישט איהר אמאל?"

—דידאזיגע פערזאן וועט אויסגעוועהלט ווערען דורך די הערן מיטגלידער פון דער געזעלשאפט.—האט פעסטעל געענטפערט

מיראַוויאָה'ן און האָט זיך עטוואָס אָנגעוואָלקענט: דערשפירט, אפנים, דעם שטאָך פון דער פראַגע.

—חיל אפשר עמיץ זיך אַרויסזאָגען וועגען דעם?—האָט דער פאָרזיצער אָנגעקוקט די פערזאַמלונג.

אַלע האָבען געשוויגען.

—איידער מען געהט ריידען פון אַ פעראייניגונג, וואָלט מען בעדאַרפט וויסען די אויסזיכטען פון דער דרום-געזעלשאַפט,—האָט פאָרגעלעגט טרובעצקאָי.

—איינהייטליכקייט און אָרדנונג אין די מעשים...—האָט פעסטעל אָנגעהויבען.

—ענטשולדיגט, פאַוועל איוואַנאָוויטש,—האָט איהם ווידער-אַמאָל אָבגעשטעלט דער פאָרזיצער און אויך אַזוי העפליך און ווייך, ווי פריהער,—מיר וואָלטען געוואָלט גענוי און בעשטימט וויסען אייערע נאָהנטסטע אויסזיכטען און אייערע ערשטע שריט, ווי אַזוי איהר ווילט איבערגעהן צו מעשים.

—אונזער ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע איז—דורכ-פיהרען אַ רעוואָלוציע מיט דער הילף פונ'ם מיליטער-אויפשטאַנד און מיט'ן אומוואַרפען דעם טראָן,—האָט פעסטעל געענטפערט און, ווי תמיד, אָנגעהויבען אַנ'אויפגערעגטער, אַרויסזאָגענדיג די ווער-טער צופיעל דייטליך. אויפגערעגט איז ער געווען דערפאַר, וואָס מען שלאָגט איהם איבער און מען לאָזט איהם נישט ריידען.—דער סינאָד און סענאַט מוזען געצוואונגען ווערען צו פראָקלאַמירען אַ צייטווייליגע רעגירונג מיט אַנ'אונבעשרענקטער מאַכט...

—אַנ'אונבעשרענקטע, אַנ'אַליינהערשערישע?—האָט מוראַ-וויאָוו ווידעראַמאָל שטיל געפרעגט.

—יאָ, אויב איהר ווילט—אַנ'אַליינהערשערישע...

—און ווער וועט זיין דער אַליינהערשער?

פעסטעל האָט נישט געענטפערט, פונקט ווי ער וואָלט נישט 'ערהערט, וואָס מען רעדט צו איהם.

—אָבער קודם-כל מוז געזאָרגט ווערען דערויף, אַז די קייזערליכע פאַמיליע זאָל נישט עקזיסטירען,—האָט ער געענטפערט.

—נו, וועגן דעם טאַקי פרעגען מיר,—האָט טרובעצקאָי

אונטערגעכאַפּט,—וואָס פאַר אַנ'אויסזיכטען האָט די דרום-געזעל-שאַפט וועגען דעמדאָזיגען ענין?

—דער ענטפער איז קלאָר,—האָט פעסטעל אַרויסגעזאָגט און זיך נאָכמעהר אָנגעוואָלקענט.

—וואָס מיינט איהר?

—איך מיין, אויב מען מוז עס דורכאויס אַרויסזאָגען—דער'-הרג'ענען דעם צאַר.

—זיין מאַיעסטעט דעם קייזער?

—נישט בלויז דעם קייזער אַליין... ווארום אין אַזאַ פאַל וועלען אויפשטעהן פיינדליכע פּאַרטייען, וואָס וועלען העצען דאָס פאָלק און אַרויסרופען שחיטות און אַ בירגערקריעג. דע-ריבער מוז מען אונבעדינגט אויס'הרג'ענען די גאַנצע פאַמיליע.

ער האָט גערעדט אַזוי רוהיג, פונקט ווי ער וואָלט דער-ווייזען, אַז די סומע פון ווינקעל אין אַ דרייעק איז גלייך צו די צוויי רעכטע ווינקלען. אָבער אין דערדאָזיגער רוהיגקייט, אין די-דאָזיגע בלוטלאָזע ווערטער וועגען בלוט איז געווען עפּיס נישט-נאַטירליכעס.

אַז פעסטעל איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָבען אַלע אַראָב-געלאָזט די אויגען און פערהאַלטען דעם אָטעם. און עס איז גע-וואָרען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערען, ווי עס האָבען געקנאַקט די ברענענדיגע ליכט און די גריל האָט געזונגען הינ-טער'ן אויוען איהר היימליך ליעדעל.

—שוין נישט ריידענדיג וועגען די שרעקען, וואָס דידאָזי-גע רציחות וועלען אַרויסרופען אין לאַנד און ווי אַזוי די מער-דער וועלען פערהאַסט ווערען ביים פאָלק,—האָט טרובעצקאָי אָנ-געהויבען, פונקט ווי ער וואָלט מיט גרדים אָנשטרענגונג מנצח-געווען דאָס שטילשווייגען,—איז דאָך דערלויבט צו פרעגען, צי איז רוסלאַנד מסוגל צו אַ נייער אָרדנונג?

—וואָס לענגער עס וועט זיך ציהען דער אַלטער רעזשים, אַלץ וועניגער וועלען מיר זיין מסוגל צום נייעם. צווישען גוטס און שלעכטס, צווישען קנעכטשאַפט און פרייהייט קאָן נישט זיין

קיין מיטען. און אויב מיר האָבען נאָך דאָס נישט בעשלאָסען, טאָ וואָס האָבען מיר אינגאַנצען צו ריידען?—האָט פעסטעל געצויגען מיט די אַקסלען

טרובעצקאָי האָט נאָך עפּיס געוואָלט זאָגען.

—דערלויבט מיר, הער פּאָרזיצער, אַרויסצוזאָגען מיט אַ סדר מיינע געדאַנקען,—האָט איהם פעסטעל איבערגעשלאָגען.

—מיר בעטען אייך טאַקי וועגען דעם, הער פּאָלקאָווניק

און פּונקט אַזוי ווי אין שמועס מיט רילייעוו׳ן, האָט ער אויך דאָ אָנגעהויבען פון נמרוד׳ן. זיינע רעדעס, וואָס זענען פריהער גוט אַרומגעטראַכט געוואָרען, זענען געווען מאַטעמאַטיש געבויט: ער פלעגט אַרויסדריינגען פון כלל אויפ׳ן פרט.

—די געשעהענישען פון די יאָהרען 1812, 13, 14 און 15, ווי אויך אין די פריהערדיגע און שפּעטערדיגע צייטען האָבען אונז בעוויזען אַזויפיעל אַראָבגעוואָרפענע טראָנען, אַזויפיעל פערניכטעטע מלוכות און אַזויפיעל דורכגעפיהרטע רעפאָרמעס, אַז אַלע זענען בעקאַנט געוואָרען מיט די רעוואָלוציעס און אויך מיט די מיטלען, ווי אַזוי דורכצופיהרען זיי. יעדע תקופה האָט איהר בעשטימטען צייכען. די היינטיגע צייט צייכענט זיך אויס מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען. פון איין ברעג אייראָפּאַ ביז דעם צווייטען—אומעטום קומט-פאָר איינס-און-דאָסזעלבע; פון פּאָרטוגאַל ביז רוסלאַנד, שוין אַריינגערעכענט ענגלאַנד און טערקיי, די דאָזיגע צוויי געגענזעצליכע מלוכות—אומעטום פערכאַפּט דער גייסט און רעוואָלוציע...

ער האָט גערעדט ווי פון אַ בוך, טיילמאָל מיט אַ שווערען קאַנצעלאַרישען סטיל און דערביי פלעגט ער פערבייטען די פרעמדווערטער אויף רוסישע: ער פלעגט זיי אַליין צופּאַסען. רעוואָלוציע האָט ביי איהם געהייסען—א י ב ע ר ק ע ה ר ע נ י ש, טיראַנעריי—ב י י ז וו י ל י ג ע מ אַ כ ט, רעפּובליק—פ אָ ל ק ס ה ע ר ש אַ פ ט. „איך האָב פיינט פרעמדע ווערטער”,—פלעגט ער זאָגען.

„פלאַנמאַכער”—האָט פּושקין אָנגערופען דעם דיכטער רילייעוו. פעסטעל איז אין פּאָליטיק געווען דער אייגענער פּלאַנמאַכער. אָבער אין די אַבסטראַקטע פּלענער האָט געברענט דער

שטארקער ווילען, ווי דער לבנה-שיין אין אייז-קריסטאלען. ער האט גערעדט, ווי א מושל, און דער רייץ פון זיין לאגיק האט געפאנגען ווי מוזיק אדער פרויענרייץ.

מאנכע האט ער פער׳כשופ׳ט, אנדערע זענען געווען בייז אויף איהם. מאנכע ווידער זענען געווען אי פער׳כשופ׳ט אי בייז צוזאמען. אבער אלע האבען געפיהלט, פונקט ווי רילייעוו דעמאלט, אז דער ווייטער חלום ווערט נאהנט, ממשות׳דיג און פאדערט פעראנטווארטליכקייט.

איבערגעהענדיג צום אנאליז פון מוראוויאווס קאנסטיטוציע, האט ער אין איהר נישט איבערגעלאזט א שטיין אויף א שטיין. מיט א זעלטענער קלארקיים האט ער אנגעוויזען אויף איהר עהנליכקייט צו דעם אוראלטען סיסטעם פון דעם פירשטענפעריאד, פון וועלכען רוסלאנד איז שיער נישט אומגעקומען.

—דידאזיגע אריסטאקראטען, וואס זענען די וויכטיגסטע מניעה פאר׳ן אלגעמיינעם וואוילשטאנד און די אמת׳ע סבה פון דער בייזוויליגער מאכט, קאנען נאר דערווייטערט ווערען דורך א רעפובליקאנישער ארדנונג.

מוראוויאוו האט צוגעגרייט זיין דרשה, אויף דער צייט, ווען פעסטעל וועט זיך איינגאנצען ארויסזאגען, וועט ענדיגען אלץ, וואס ער האט צו זאגען, אבער ער איז געזעסען צווישען הייסע קויהלען און, צולעצט, נישט איסגעהאלטען:

—וואס פאר אריסטאקראטען, איך בעט אייך? אין קיין איין אייראפעאישער מלוכה—נישט אין ענגלאנד, נישט אפילו אין אמעריקא, איז נישט געווען אזא דעמאקראטיע, ווי עס קאן זיין ביי אונז אין רוסלאנד, לויט אונזער קאנסטיטוציע, דורך די וואהלען אין דער אונטערשטער פאלאטע פון רוסישען פארלאמענט...

—מיין נאמען איז נישט קיין רוסישער, מיין הער,—האט פעסטעל פלוצלונג אנגעהויבען מיט א ציטריגען קול,—אבער אין רוסלאנדס מיסיע גלויב איך מעהר, ווי איהר. מיין קאנסטיטוציע האב איך אנגערופען רוסישע וואהרהייט, ווארום איך פערהאף, אז די רוסישע וואהרהייט וועט ארומנעהמען די גאנצע וועלט און עס וועלען זי אננעהמען אלע אייראפעאישע פעלקער, וואס לעבען

נאָך היינט אויך אין קנעכטשאַפט. דידאָזיגע קנעכטשאַפט וואַרפט זיך אפשר נישט אַזוי אין די אויגען, ווי ביי אונז, אָבער דערפאַר איז זי נאָך ערגער, וואָרום די נישט-גלייכקייט פון פערמעגען איז די ערגסטע קנעכטשאַפט. רוסלאַנד וועט זיך די ערשטע בעפרייען. פון פולשטענדיגער קנעכטשאַפט צו פולשטענדיגער פרייהייט—דאָס איז אונזער וועג. מיר האָבען גאָרנישט און מיר בעדאַרפען ערשט אַלץ דערוועריבען, אַנישט איז דאָס גאַנצע שפיעל גאָרנישט ווערט...

—בראַוואָ, פעסטעל, בראַוואָ! גוט געזאָגט! אָדער אַלץ, אָדער גאָרנישט! עס זאָל לעבען די רוסישע וואָרהייט! עס זאָל לעבען די אַלוועלטליכע רעוואָלוציע!—האָט דער עולם געפּאַטשט מיט די הענד און געשריען.

וואָלט דאָ פעסטעל געבליבען שטעהן, וואָלט ער אַלעמען פער׳כשופ׳ט, און דער נצחון וואָלט געווען אויף זיין זייט. אָבער די אומ׳ברחמנות׳דיגע לאָגיק האָט איהם געשלעפּט ווייטער. אַ זאַך נאָך אַ זאַך, אַ שלוס-מחשבה נאָך אַ שלוס-מחשבה—און ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט אָבהאַלטען. אין די אייזקריסטאַלען האָט זיך אָנגעצונדען דאָס לבנה-ליכט—אַבסאָלוטע גלייכהייט, אייניגקייט, אחדות צווישען גרויסע מענשען-מחנות.

—גלייכהייט צווישען אַלעם און יעדען, וואָס מעהר גליק ביי אַ וואָס אַ גרעסערער צאָהל מענשען—דאָס איז דאָס ציעל פון דער בירגערליכער אָרדנונג. דידאָזיגע וואָרהייט איז אַזוי קלאָר, ווי יעדע מאַטעמאַטישע וואָרהייט, וואָס נויטיגט זיך נישט אין קיין שום ראיות און וואָס בעזיצט שוין אין דער פאָרמולירונג גופא די גאַנצע קלאָרקייט. און אויף וויפיעל דערפון לאָזט זיך דריינגען, אַז אַלע מענשען בעדאַרפען זיין גלייך, אויף אַזוי פיעל איז יעדע החלטה, וואָס איז געגען דער גלייכהייט, אַ ביזווילליגע מאַכט, וואָס בעדאַרף פערניכטעט ווערען. די נייע אָרדנונג בעדאַרף נישט האָבען אין זיך קיין שום שאָטען פון דער אַלטער...

די מאַטעמאַטישע גלייכהייט האָט געשניטען, ווי אַ ראַזירמעסער. זי האָט געשניטען ווי אַ שאַרפער סערפּ די זאַנגען:

אַראָבגעשניטען, אַראָבגעהאַקט די קעפּלעך, זיי זאָלען אויסקומען אַלע גלייך.

—יעדער אונטערשייד פון פערמעגען און ראַנג ווערט בטל. אַלע טיטלען און אפילו דער נאָמען אַדעל געהען-אונטער. דער סוחר׳ישער און קליין-בירגערליכער שטאַנד ווערען אָבגעשאַפט. אַלע פעלקער זאָגען זיך אָב פון זייערע בעזונדערע רעכט און עס ווערען אפילו אָבגעשאַפט זייערע בעזונדערע נעמען, אויסער דעם איינציגען גרויסרוסישען נאָמען..

אַלץ שאַרפער און שאַרפער שניידט דאָס ראַזירמעסער. „ווערט בטול", „ווערט אָבגעשאַפט"—אין דידאָזיגע ווערטער הערט זיך דער קלאַפּ פון מעסער אין דער גילאָטינע. אָבער דער רייץ פון דער לאָגיק, פון די אונגעהויער גרויסע אייזקריסטאַלען מיט׳ן לבנה-ליכט, איז געווען עהנליך צו דעם כשוף פון מוזיק. עס שמעקט און עס איז זיס, ווי אין אַ פער׳כשופ׳טען חלום, ווי אין דער וויזיע פון אַנ׳אַנדער וועלט, וואָס דער גרויסער פּלאַנמאַכער פון דער אייביגקייט האָט אויסגעבויט פון איידעלשטיינער.

באַלד ווי דער אונטערשייד פון פערמעגען, שטאַנד און נאַציאָנאַליטעט ווערט בעזייטיגט, ווערען אַלע בירגער פעראייניגט אין קהילות, וואָס ווערען געבילדעט און פערוואַלטעט אויף גלייכע יסודות. און אַלע מוזען זיין פולשטענדיג אויסגעגלייכט,—האָט ער פערענדיגט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן און איז איבערגעגאַנגען צו די פּרטים.

די פּרעסע-צענזור איז זעהר אַ שטרענגע; אַ געהיים-פּאָליציי מיט שפּיאָנעס פון אָרענטליכע מענשען; די פרייהייט פון געוויסען איז אַ צווייפעלהאַפטע: די פּראַוואָסלאַוונע קירך איז די הערשענדיגע, און די צוויי מיליאָן רוסישע און פּוילישע יודען ווערען אַרויסגעטריבען פון רוסלאַנד, צו גרינדען אַ יודישע מלוכה אויף די ברעגען פון קליינאַזיען.

די צוהערער האָבען זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון פער׳כשופ׳טען שלאָף; פון אָנהויב האָט מען זיך שווייגענדיג איבערגעקוקט, דערנאָך האָט מען גענומען מורמלען מיט חוזק און, צולעצט, האָבען זיך דערהערט אונצופרידענע אויסגעשרייען:

—דאָס איז דאָך ערגער פון אַראַקטשייעווין!

—מיליטערישע ישובים און קיין שום רעפּובליק!

—איין אוניפאָרם וואָלט מען נאָך בעדאַרפט מאַכען פאַר אַלע רוסען, מיט צוויי פאַראַלעלע שנירלעך אַלס צייכען פון גלייכהייט!

—דאָס איז נישט קיין רוסישע וואָהרהייט, נאָר אַ דייטשע!

—די ערגסטע אַליינהערשונג!

אָבער פעסטעל, וואָס האָט גאָרנישט געזעהן און געהערט, האָט זיך ווייטער גערעדט דאָס זייניגע. פּונקט ווי ער וואָלט מיט זיך אַליין געשמועסט.

גאָליצין האָט איהם אָנגעקוקט, און איהם איז געקומען אויפ'ן זכרון דאָס קליינע מענשעלע, מיט'ן רוהיגען פּנים, אין אַ דרייעקיגען הוט און אַ גרויען מאַנטעל, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אויף-און-אָב איבער די הויכקייטען פון שעוואַרדינאָ, אין פול-ווערריך און פייער, צווישען מענגעס דער'הרג'עטע און פער-וואונדעטע, און זיינע טריט זענען געווען אַזוינע שווערע, אַז עס האָט זיך געדאַכט—די ערד קרעכצט און ציטערט נישט פון די האַרמאַטען-שאָסען, נאָר פון דידאָזיגע טריט. דאָס קליינע מענ-שעלע איז געווען עהנליך צו זיין אייגענער קוקלע, צו דער ווערקסענער אויטאָמאַטישער פיגור אין מוזייאום. עפּיס אַ נישט-ערדישע משא, אַ שווערינקייט נישט פון דער וועלט. פּונקט ווי ער וואָלט זיך בעוועגט נישט מיט זיין ווילען, נאָר עמיץ אַנ'-אַנדערער וואָלט איהם בעוועגט, געצויגען פאַר אַ שנירעל, ווי מען ציהט אַ שפּרינגמענשעלע.

פעסטעל האָט אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל אַנ'איבערגעצייכענטע מאַפּע פון דער רוסישער אימפּעריע, אַוועקגעלעגט זי אויפ'ן טיש און גענומען דערקלערען די איינטיילונג פון דער קינפטיגער רוסישער רעפּובליק, מיט אַ נייער רעזידענצשטאָדט—ניזשנע-נאָוו-גאָראָד, וואָס וועט הייסען וולאַדימיר, לכבוד דעם הייליגען וולאַ-דימיר. דידאָזיגע מאַפּע איז בייגעלעגט געוואָרען צו דער „רו-סישער וואָהרהייט".

—מיר צוטיילען די פעל פון בער, וואָס איז נאָך גאָרנישט געטויט געוואָרען,—האָט עמיץ בעמערקט.

—און וואו איז פוילען?

—דאָ,—האָט פעסטעל אָנגעוויזען אויף דער מאַפּע.

—וואו דאָ? הינטער דער גרענעץ?

—יאָ, זי איז אָבגעטיילט פון רוסלאַנד.

—איך ווייס נישט, ווי איהר, רבותי,—איז ריליייעוו פלוצ-לונג בלאַס געוואָרען און אויפגעשפּרונגען,—אָבער איך וועל קיי-נעם נישט לאָזען צו שפּיעלען מיט'ן שיקזאַל פון מיין פאָ-טערלאַנד!

זענען אַנדערע אויך אויפגעשפּרונגען און געשריען מיט רציחה:

—מיר וועלען נישט לאָזען! מיר וועלען נישט לאָזען!

—אָט זענען זיי, די דרום'דיגע, אָט וואָס זיי ווילען!

—רוסלאַנד ווילען זיי צושניידען! טאַ כאַפּט אייך דער רוח מיט אייער רעפּובליק אינאיינעם!

—פעררעטער!

—פיינד פון פאָטערלאַנד!

דער ווילדער קיכעל איז אַ כאַפּ געטהאָן די מאַפּע פון טיש און זי צוריסען אויף צווייען.

דער פאָרזיצער האָט מיט אַלע כחות געהאַקט אין גלעקעל, אָבער דער עולם האָט נאָך אַלץ געפילדערט.

—הער פאָלקאָווניק, איך מיין, אַז דאָס אָברייסען פון דער רוסישער מלוכה אַזוינע גרונדגעביטען, ווי פוילען, וועט אַ סך מענשען נישט געפעלען,—האָט טרובעצקאָי אָנגעהויבען מיט אַ שלום-טאָן, ווען עס איז געוואָרען עטוואָס רוהיגער.

—אָבער איך מיין, הער פאָרזיצער, אַז מיר האַלטען זיך ביי ליבעראַלע אָנשויאונגען נישט דערפאַר, צו געפעלען מענשען, וואָרום דער גרעסטער טייל פון זיי זענען טיפּשים—האָט פעסטעל אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַזאַ גאוה, אַז אפילו דעם שטילסטען טרובעצקאָי'ען האָט עס דורכגענומען ביז'ן מאַרך פון די ביינער.

אָבער קודם זענען אַלע כאַמעס: נישט פון פייער און נישט פון מבול וועט אומקומען די ערד, נאָר פון כאַמעריי!—האָט פלוצלונג אויסגעשריען קאַכאָווסקי, וואָס האָט ביז איצט

געשוויגען. נאָכדעם איז ער פון דאָסניי אַנטשוויגען געוואָרען אויפ׳ן גאַנצען אָוועגד.

—מיט איין זאַך קאָן איך בשום אופן נישט מסכים-זיין,— האָט ריליייעוו פערענדיגט,—אין אייער רעפּובליק ווערט אָבגע-שאַפט די טויטשטראָף, אָבער איהר אַליין וועט זיך נישט קאָנען בעגעהן אָהן איהר; איהר וועט בעדאַרפען אָנקומען צו איהר און נאָך ווי: די ערשטע וועט מען דאָך אונז אָראָבהאַקען די קעפּ...

—דאָס איז נישט קיין גילאָטינע, נאָר אַ פעסטעלינע!—האָט בעסטוזשעוו אויסגעשריען.

אָדאָיעווסקי האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און זיך אַזוי צו-הוסט פון געלעכטער, אַז ער האָט געמוזט אַרויס אין אַ צווייטען צימער.

מוראַוויאָוו, וואָס האָט שוין פאַראויס געשפּירט אַ נצחון, האָט געבעטען דאָס וואָרט. ער האָט אָנגעהויבען ריידען—און אַלע האָבען עפּיס מיט תענוג דערפיהלט, אַז די אַלע זאַכען, וואָס פעסטעל האָט זיי צונויפגעוואָרפען אין איין קופּע, קעהרען זיך אום אויף זייערע אַלטע ערטער. און ווידער ווערט אַלץ נישט שווער, נישט שרעקליך, נישט פעראַנטוואָרטליך. דאָס שניי-דענדיגע ראַזירמעסער ווערט איינגעוויקעלט אין וואַטע. די אייז-קריסטאַלען ווערען צושמאָלצען און ווערען פערוואַנדעלט אין וואַ-רימען וואַסער.

מוראַוויאָוו האָט דערוויזען די נויטווענדיגקייט פון לאַנגזאַ-מע מעשים.

—דער לאַנגזאַמער גאַנג פון דער צייט גיט יעדער זאַך לעבען, וואוקס און רייפקייט—פון נאַטור גופא. אָבער גרויסע און שנעלע געשעהעגישען ברענגען מיט זיך בלויז געוויטערס, זאַווע-רוכעס, ערדציטערניש און פערניכטונג. און פעלקער, וואָס האָ-בען הונדערטער יאָהרען געלעבט אָהן דעם בעוואוסטזיין פון ביר-גערליכער פרייהייט, בעדאַרפען עס אויך בעקומען לאַנגזאַם. שטעלט מען אָבער אַוועק פלוצלונג און מיט געוואַלט אויפ׳ן אָרט פון דער געזעצליכער רעגירונג צייטווייליגע דיקטאַטאָרען, מענ-

 שען, וואָס קיינער קאָן זיי און וויס זיי נישט, איז דאָס פּשוט

אַ טפּשות. זענענדיג זיכער דערין,—האָט דער אָראַטאָר פּערענ-
דיגט,—אַז רוסלאַנד קאָן אַנדערש נישט רעגירט ווערען, ווי נאָר
דורך אַ געזעצליכען און דורך אַ ירושה-בעשטימטען מאָנאַרך,
וואַרפט-אָב די צפונ׳דיגע געזעלשאַפט יעדען געדאַנק פון אַ רע-
פובליקאַנישער אָרדנונג און האַלט די מאָנאַרכישע קאָנסטיטוציע
פאַר איהר איינציג ציעל.

—בראַוואָ, מוראַוויאָוו, בראַוואָ!—האָט מען געשריען און
איהם אַפּלאָדירט, פונקט אַזוי ווי מען האָט פריהער אַפּלאָדירט
פעסטעל׳ן.

—קיין רעפּובליק וועט נישט זיין!

—עס זאָל לעבען די מאָנאַרכיע!

—עס זאָל לעבען די צפונ׳דיגע קאָנסטיטוציע!

גאָליצין האָט שוין לאַנג געזעהן, ווי פעסטעל איז בלאַס
געוואָרען, זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט און אין זיינע שטאַרע
שוואַרצע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ שווער קרענקליך פייער.
פּלוצלונג האָט ער מיט׳ן גאַנצען כּח אַ זעץ געטהאָן מיט׳ן פויסט
איבער׳ן טיש:

—אָבער עס וועט זיין אַ רעפּובליק!

אויף אַ מינוט זענען אַלע שטיל געבליבען, אָבער באַלד
האָבען זיך פון דאָסניי דערהערט ווילדע אויסגעשריי:

—אַוועק מיט די דיקטאַטאָרען!

—אַוועק מיט פעסטעל׳ן!

—מיט׳ן צווייטען באָנאַפּאַרט!

—מיט׳ן צווייטען אַליינהערשער!

—מיט פּאַוועל דעם צווייטען!

פעסטעל האָט זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און
איבער אַלעמען לאַנגזאַם אַדורכגעפיהרט מיט די אויגען.

—מיינע הערן,—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַנ׳אַנדער קול
און מיט אַ שטילער אומעטיגער פערוואונדערונג אין די פערלאָ-
שענע אויגען.—אויף פּערזענליכע אָנפאַלען וועל איך דאָ נישט
ענטפערן. דערויף בין איך נישט געקומען אַהער. אויב איך האָב
עמיצען בעליידיגט, טאָ בעט איך ענטשולדיגונג... אָבער יענער,

וואָס איז מיך חושד אין פערזענליכע אויסזיכטען, וועט האָבען בזיונות. שפּעטער וועט דערוויזען ווערען, אַז אַזוינע אויסזיכטען זענען נישט געווען. איבעריגענס, אויב איך שטער אייך דאָ, בין איך גרייט זיך צו דערווייטערן פון דער געזעלשאַפט.

זיך אָבגעהאַלטען, אַנטשוויגען געוואָרען און, אַ צווייהסטער, פּונקט ווי ער וואָלט געטראַכט פון עפּיס אַנדערש, האַט ער זיך איבערגעווישט דעם שטערן.

איך האָב געוואָלט נאָך עפּיס... נאָר עס איז אַלצאיינס...

זיין פּנים און קול האָבען אויסגעדריקט אַזויפיעל פּשטות, וואָהרהאַפטיגקייט און אומעט, אַז אַלע האָבען זיך אויף אַ מינוט בעדאַכט און, פּונקט אַזוי ווי פריהער, פערהאַלטען דעם אָטעם, צעראָבגעלאָזט די אויגען און נישט געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען. און אַ שטילע דושנע משא האָט זיך פון דאָסניי אַרויפגעלעגט אויף אַלעמען. זיי האָבען דערפיהלט, אַז זיי האָבען נישט בעדאַרפט ריידען דאָס, וואָס זיי האָבען גערעדט און אַז זיי האָבען נישט אין איהם, נאָר אין זיך עפּיס מבזה-געווען.

גאַליצין האָט זיך אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען צו פּעסטעל'ן.

—איך וויל אייך דאָ פאַר אַלעמען זאָגען, פּאַוועל איוואַנאָוויטש—אין אַ סך זאַכען בין איך נישט מסכים מיט אייך, אָבער די עצם-זאַך איז ביי אייך ריכטיג. און איך בין אויך מיט דער אייגענער מיינונג: די דינאַסטיע מוז מען אַראָבזועצען און פּראָקלאַמירען אַ רעפּובליק. וואָס מען זאָל דאָרט נישט ריידען, אָבער עס איז דאָך אַזוי און אָהן דעם וועט גאָרנישט זיין, גאָרנישט זיין...

פּעסטעל האָט אָנגעקוקט גאַליצינ'ען מיט פּערוואונדערונג, פּונקט ווי ער וואָלט איהם נאָך נישט פערשטאַנען, אָבער פּלוצלונג האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל. דאָס איז געווען דער אייגענער שמייכעל, מיט וועלכען ער האָט אַנוסטען געפרעגט ריליי'ען וועגען דעם פּערסישען שאַרף פאַר דער שוועסטער און זיין געזיכט איז מיט אַמאָל יונגער און שענער געוואָרען ביז נישט צו דערקאָנען.

—איך דאַנק אייך... איך ווייס נישט, ווי איהר הייסט.

—פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין.

—נו, אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק אייך, פירשט!—האָט ער געזאָגט און פעסט, ביז וועהטאָג אַ דריק געטהאָן איהם די האַנד.

גאָליצין האָט אַריינגעקוקט אין פעסטעל׳ס אויגען אַריין און האָט אויך אַ שמייכעל געטהאָן—ער האָט דערשפירט, אַז ער קאָן איהם ליעב בעקומען, ווי אַ ברודער. אָבער אין דער אייגענער רגע האָט ער דערזעהן די אויגען פון דעם גוסס׳ען מיידעלע.

פעסטעל, וואָס האָט זיך מכין-געווען אַוועקצוגעהן, האָט צונויפגעלעגט אין פאָרטפעל די פאַפירען, די בלעטלעך פון דער רוסישער וואָהרהייט און די מאַפּע פון דער רוסישער רעפובליק, וואָס איז צוריסען געוואָרען אויף דער העלפט. אין דערהיים וועט ער, מסתמא, זיי גוט צונויפקלעפען. קיינער האָט איהם נישט פערהאַלטען.

דאָס גרינע געוואַנד, וואָס מען האָט גענומען אויף פראָקאַט פון דער רוסיש-אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע, האָט מען אַראָבגענומען פון טיש—עס זאָל נישט איינגעפלעקט ווערען, און אויפ׳ן טיש איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אַ ווייסע סערוועט. מען האָט פערלאָשען די ליכט און גענומען אויפקאָכען אַנ׳אַנאַנאַסענפונש. די בלויע פלאַמען פונ׳ם ספירט האָבען אַרומגעכאַפּט דאָס צוקער-קעפעל. עס האָבען גענומען קנאַלען שאַמפּאַניער-פּראָפּענס. דער עולם האָט זיך צוהוליעט אויף צוזאַמענגעלעגט געלד: יעדער גאַסט האָט געגעבען צו צוואַנציג רובל אין פאַפּירגעלד.

נאָך פעסטעלס שווערער און דושנער משא האָט מען זיך מיט פערגעניגען אומגעקעהרט צוריק צום וואָכענדיגען לעבען, פונקט ווי מען וואָלט אויפגעשטאַנען פון אַ שלאָף. מען גלייכט זיך אויס די ביינער און מען איילט זיך צוריקצוכאַפּען דאָס דורכגעלאָזטע. מען האָט געשמועסט פון לעצטען מיליטערישען פּאַראַד, פון ראַנגען און נייע שטעלעס, פון דער טענצערין איסטאָמינאַ, פון די שפּיצלעך פון די גוואַרדיע-אָפיצירען הינטער די קוליסען, פון דער אַרטיסטין סעמיאָנאָוואַ, וואָס איז דורכגע-

פּאַלען אין לאָבאַנאָווס דראַמע „פיעדראַ“; כמעט מיט אַזויפיעל ברען, ווי פריהער וועגען דער רעפּובליק און מאָנאַרכיע, האָט מען זיך צואַמפּערט וועגען די ציגיינערינס פּעשקע און מאַלאַר־קע—ווער פון זיי זינגט בעסער.

בלאָנדע לאָקען האָט איהר, שענע מיידעלעך!
בלויע אויגען האָט איהר, מיינע טייבעלעך!
זהאָט בעסטוזשעוו געזונגען, נאָכמאַכענדיג פּעשקע׳ן.
דערנאָך האָט מען געזונגען אין כאָר:
עס ליידט אונזער פאָטערלאַנד פּיינליך,
אָ, מערדער, עס דריקט אונז דיין יאָך!
. . . .
. . . .
אָ, פרייהייט! אָ, פרייהייט!
דו הערש איבער אונז...

קיכעל האָט גענומען טאַנצען אַ קאָזאַקעל און איז אומגע־פאַלען אין זיין גאַנצער גרויס. דער עולם האָט געלאַכט. יאַקו־באָוויטש איז אַרויס מיט אַ דרשה:

—מיינע הערן, איך וויל נישט זיין קיין מיטגליד פון גע־היימע געזעלשאַפטען—איך וויל נישט נאָכטאַנצען נאָך יענעם. לויט מיין מיינונג איז איין בעשלאָסענער מענש נוצליכער פון אַלע געזעלשאַפטען. דער קייזער האָט מיך שטאַרק בעליידיגט. ווייס איך דען נישט, צוליעב וואָס איך וואוין אין פּעטערבורג? איז אויף מיין שטערן נישט אויפגעשריבען די בלוטיגע סבה?

אַראָבגעריסען דעם בינט פון קאָפּ, פון אַ זייטיגער קעשע־נע אַרויסגענומען אַ האַלב פערוועלקט שטיקעל פּאַפּיר—דער שטאַב־בעפעהל צו דער גוואַרדיע, מיט׳ן טיטעל קאַפּיטאַן אָנשטאָט פּאָל־קאָווניק, און אַ פּאָך געטהאָן דערמיט איבער׳ן קאָפּ:

—דאָס איז די פּיל, וואָס איך טראָג שוין אַכט יאָהר צייט ביי מיין האַרצען. אַכט יאָהר, אַז איך לעכץ נאָך נקמה, ער וועט זיך נישט אַרויסדרעהען פון מיר... איהר קאָנט זיך בענו־צען מיט׳ן צופאַל, איהר קאָנט אייך טהאָן, וואָס איהר ווילט, איהר קאָנט אייך צונויפרופען דעם העכסטען ראַט און זיך נאַריש

מאַכען, וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט אייך!

מען האָט איהם אויסגעהערט שווייגענדיג און באַלד געמימען ריידען פון עפּיס אַנדערש: וואו מען קאָן פּערבּרענגען דאָס לעצטע שטיקעל נאַכט. צי מען זאָל זיך אַוועקלאָזען אויף טראָיקעס אין רויטען שענקעלע אָדער דערבּיי אינ׳ם פּאַנאַרען-געסעל צו די „מיידעלעך”. אָבער מען האָט שוין גערעדט שלעפעריג, לאַנגווייליג. מיט אַמאָל איז מען מיד געוואָרען, פער׳שכור׳ט, שווער אויפ׳ן טראָט. די פרעהליכע שטימונג איז אויסגעלאָשען געוואָרען, ווי דער בלאַס-בלויער פלאַם פונ׳ם פּונש אינ׳ם בלאַס-גרינעם בּעגינען-ליכט.

און נאָכאַמאָל, ביים צושיידען זיך, האָט מען גענומען זינגען אין כאָר, אָבער שוין לאַנגווייליג:

עס ליידט אונזער פאָטערלאַנד פיינליך...

. . . .

און ווידעראַמאָל:

בלאָנדע לאָקען האָט איהר, שענע מיידעלעך!
בלויע אויגען האָט איהר, מיינע טייבעלעך!

אָדאָיעווסקי איז געזעסען אַליין אין קאַבּינעט, אין ווינקעל דיוואַן און פּערדעקט דאָס פּנים מיט די הענד. גאָליצין איז צוגעגאַנגען צו איהם. יענער האָט דערהערט און צוגענומען די הענד פון געזיכט.

—און ווייסט איהר, פירשט,—האָט ער געזאָגט און גאָליצינ׳ען האָט אויסגעוויזען, אַז ער האָט טרעהרען אויף די אויגען— פעססטעל איז דאָך גערעכט: ווי מאוס, גאָט אין הימעל, ווי אַלץ איז מאוס און געמיין! עס וועט גאָרנישט זיין. מען פּלוידערט בּלויז: עס איז נאָר רויך, קיין פייער זעהט מען נישט...

גאָליצין האָט זיך שווייגענדיג צוזעגענט און אַרויס אויף דער גאַס.

ליכטיג, שטיל, פּוסט. אונטען, אין דער מאָיקע, אַנ׳אומבעוואָרפענער ווייסער הימעל, אויבען אויך אַזאַ—ווייס, שטאַר, ווי אַ פערגליווערט אויג ביי אַ טויטען; דער גרויסער וואַכטורעם פון די פייערלעשער הויבט זיך איבער׳ן פּאָליציי-צירקעל; וועגענס

מיט שטינקענדיגע פעסער פאָהרען-דורך מיט אַ קלאַפּעריי; צוויי שכּורים זידלען זיך ביי אַ שענק מיט אַ רויטער לאַמטערנע און ערגעץ ווייט האַקט מען אין אַ פּויק—דאָס קלאַפּט מען, וואַרשיינליך, אין פּויק אַריין ביי דער הויפּטוואַך.

אויפ'ן ראָג וואָזנעסענסקאַ-גאַס האָט איהם ריליייעוו אָנגעיאָגט.

—נו, וואָס, ווי?—האָט אָנגעהויבען גאָליצין, אָבער יענער האָט גענומען מאַכען צו איהם מיט די הענד.

—רעדט שוין בעסער נישט. שלעכט...

און ווייטער שוין געגאַנגען שווייגענדיג איבער דער ליכטיגער, שטילער און לעדיגער גאַס, פּונקט ווי אַנ'אויסגעשטאָרבענע מיט אַ ווייסען הימעל פון אויבען.

ביידע האָבען פלוצלונג אַ ציטער געטהאָן. אין דער טויטער שטילקייט האָט זיך איינזאַם אַדורכגעקויקעלט אַ מעכטיגער קלאַנג; ער האָט זיך צושאָטען, פּונקט ווי אַ סטרונע, וואָס ווערט אָנגעריהרט ביים סאַמע אויער און איז לאַנגזאַם אָבגעשטאָרבען. איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער—און די גאַנצע לופט איז אָנגעפילט געוואָרען מיט לאַנגזאַם-מעסיגע קלאַנגען. אין קלויסטער האָט מען געקלונגען צו דער פריהמאָרגען-תּפילה.

זיך אָבגעשטעלט און זיך גענומען צוהערען.

—יאָ, עס וועט גאָרנישט זיין, מיר וועלען גאָרנישט אויפטהאָן,—האָט ריליייעוו אָנגעהויבען, פּונקט ווי ער וואָלט איבערגע'חזר'ט דאָס, וואָס די גלאָקען האָבען געזאָגט,—אָבער דאָך בעדאַרף מען אָנהויבען! עס וועט זיך דערהערן די שטים פון פרייהייט און וועט אויפוועקען די שלאָפענדיגע..

ער האָט גערעדט ווי אַלעמאָל, מיט מליצה, פייערליך. אָבער נישט די ווערטער, נאָר זיין פּנים און קול האָבען אויסגעדריקט עפּיס פּשוט'עס און וואָרהאַפטיגעס, ווי פריהער ביי פּעסטעל'ן.

גאָליצין האָט איהם אַוועקגעלעגט די האַנד אויפ'ן אַקסעל און אַריינגעקוקט איהם אין פּנים אַריין; אין דעם בלאַסען שטאָ-

רען פריהמאָרגען-ליכט האָט זיין פנים אויסגעזעהן בלאַס, פונקט ווי ביי אַ טויטען.

—יאָ, אָנהויבען בעדאַרף מען,—האָט ער געזאָגט, פונקט ווי ער וואָלט געענטפערט דעריף, וואָס די גלאָק האָט געפרעגט.—כאָטש איהר גלויבט נישט אין גאָט, פונדעסטוועגען מעג אונז גאָט העלפען!

זיך אַרומגענומען און שווייגענדיג זיך צוקושט.

אַז ריליייעוו איז אַוועק, האָט גאָליצין נאָך לאַנג געהערט דאָס קלינגען פון גלאָק, דערנאָך האָט ער אַראָבגענומען דעם הוט, זיך איבערגע׳צלמ׳ט און דערביי געזאָגט יענע תפילה, מיט וועלכער סאָפיע האָט איהם געבענשט:

„רבונו-של-עולם! בעהיט און בעשירם אונז און זיי אונז מוחל!"

אויף מאָרגען האָט ער ביי דער פּאָליצייבריק, אויף נעווסקי פּראָספּעקט, בעגעגענט פעסטעל׳ן. ער איז איהם געגאַנגען פון הינטען און האָט נישט געזעהן דאָס געזיכט, אָבער ער האָט איהם באַלד דערקענט. אונטער׳ן אָרים האָט ער געטראָגען אַ פּעקעל—אפנים, דעם פּערסישען שאַרף, אַ מתנה דער שוועסטער. אָנגע-יאָגט איהם, איז גאָליצין געגאַנגען אין איין שורה מיט איהם, אָבער פעסטעל האָט איהם נישט בעמערקט און זיך געגאַנגען זיין וועג, נישט-קוקענדיג ביי די זייטען. דאָס פּנים אָהן לעבען, דאָס אויג זעהט גאָרנישט, דער טריט אַ מעסיגער: ווען אויפ׳ן וועג וואָלט זיין אַ גרוב, וואָלט ער, מעגליך, זיך נישט אָבגעשטעלט, פונקט ווי אַ מעכאַניש-געטריבענער אויטאָמאַט.

די זון האָט געברענט גאָר ווי זומער-לעב. די מאָגערע ליפּע-בוימלעך, אָקאָרשט כונאַנדערגעלאָזט, האָבען געוואָרפען אַ שוואַ-כען שאָטען. פעסטעל האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, אַראָב-גענומען דאָס היטעל און מיט אַ טיכעל אויסגעווישט דעם שוויס פון שטערען. ער האָט נאָך אַלץ נישט דערקאָנט אָדער נישט גע-זעהן גאָליצינ׳ען, וואָס האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבען איהם.

—גוט מאָרגען, פּאַוועל איוואַנאָוויטש.

—אַך, וואַלעריאַן...—האָט ער זיך, אפנים, דערמאָהנט מיט

אָנשטרענגונג אָן דעם נאָמען,—וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש, ענטשולדיגט, איך בין זעהר אַ צוזייהטער, איך דערקען קיינעם נישט...

גאָליצין האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען דעם נעכטיגען ענין, אָבער פעסטעל האָט קוים געהערט און געענטפערט נישט גערן, פונקט ווי ער וואָלט געטראַכט פון עפּיס אַנדערש, ווי ער וואָלט נישט געווען צופרידען מיט דער בעגעגעניש און וואָלט פערגעסען אָן זיין נעכטיגער דאַנקבאַרקייט.

—אָבער נישט גוט ביי אייך אין פעטערבורג,—האָט ער זיך פלוצלונג אין מיטען געשפרעך אַרומגעקוקט און פערקנייטשט דאָס געזיכט,—הייס, שטויביג, אַ שווערע לופט... איך האָב, איבעריגענס, נישט ליעב קיין פריהלינג. זעהט איהר, הערבסט איז עפּיס אַנדערש, בעזונדערס אין דאָרף, אַ שפעטיגער הערבסט אין אַ פערוואָרפענעם דאָרף. האָט איהר געלייענט די טרייסטונגען פון מעלאַנכאָליע?

—ניין, וואָס איז דאָס?

—אַזאַ אַלט ביכעל. געפעלט מיר. נישט לאַנג בין איך געגאַנגען איבער'ן נעווסקי פראָספעקט און עס איז מיר אַליין געקומען אויפ'ן זכרון. וואָרט-נאָר, ווי אַזוי איז עס? „גליקליכער רוהיגער ווינקעל, פעראיינזאַמט דערפעלע, דיין פריעדליכקייט לינדערט מיין בעקימערט געמיט אינ'ם הערבסטגעוויטער. דאָס מילדע דערפעלע נעהרט מיין מעלאַנכאָליע..." עס נעהמט ביים האַרצען, נישט וואָהר? נאַריש, אָבער נעהמט ביים האַרצען. פונקט ווי אַנ'איבערזעצונג פון דייטש. דערפאַר איז עס מיר, אפנים, געפעלען...

—און ווי געהט מען דאָ צו פעטערס דענקמאָל?—האָט ער אַ פרעג געטהאָן און זיך אויפגעהויבען.

—דאָ נישט ווייט. איך וועל אייך בעגלייטען, אויב איהר ווילט.

זיי זענען אַוועק צוזאַמען. אויפ'ן וועג האָט איהם פעסטעל פון דאָסניי בעלייענט די טרייסטונגען פון מעלאַנכאָליע.

—ווי אַזוי געדענקט איהר עס?—האָט זיך גאָליצין צולאַכט.

—מיט דער מאַמען געלייענט, נאָך לאַנג, ווען איך בין אַ יונגעל געווען, און דערנאָך געלייענט מיט דער שוועסטער. אַמאָל, אין די הערבסט-פאַרנאַכטען, פלעגען מיר אָפט געהן איבער דער בעראָזע-אַלעע ביי דער אָזערע—מיר האָבען אַ גרויסע אָזערע אין פּאַרק מיט אַ שענער לאַנדשאַפט—גאָלדענע בלעטער פלעגען שאָרכען אונטער די פיס, און מיר פלעגען לייענען לאַמאַרטינ׳ען, שאַטאָבריאַנ׳ען אָדער דידאָזיגע מעלאַנכאָליע.

—און ליעדער האָט איהר אויך ליעב?

—ניין, ליעדער האָב איך נישט ליעב... איבעריגענס, ווייס איך אַליין נישט, ווייניג געלייענט, מיט דער שוועסטער בלויז געלייענט. אַליין איז אַלץ קיין צייט נישטאָ און עס איז לאַנגווײליג.

—און פּושקינ׳ען?

—און פּושקינ׳ען ווייס איך ווייניג.

—איהר האָט זיך, דאַכט זיך, בעגעגענט?

—יאָ, אין קישינעוו איין מאָל, שוין לאַנג. אַ גאַנצע נאַכט גערעדט איבער פּאָליטיק און איבער דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה.

—נו, און וואָס?

—גאָרנישט. ווי אַלעמאָל איז יעדער געבליבען ביי זיין מיינונג. ער האָט בעוויזען, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט און קיין אונשטערבליכקייט, און איך איהם—אַז מען קאָן עס נישט דערווייזען. אַלץ איז דאָ טאָפּעלזיניג: לויט׳ן האַרץ איז קיין גאָט נישטאָ, לויט׳ן שכל—פאַרהאַן.

—דאַכט זיך, אַז פערקעהרט?—האָט גאָליצין אַ שמייכעל געטהאָן.

—ניין, ביי מיר איז אַזוי,—האָט זיך פעסטעל עטוואָס אָנגעוואָלקענט און אין די אויגען האָט זיך איהם בעוויזען יענער אויסדרוק, וואָס גאָליצין האָט נאָך פריהער בעמערקט, פּונקט ווי סאַמע ביי דער נאָז פון אַ נייגיריגען גאַסט וואָלט פערמאַכט געוואָרען די טהיר אין די אינערליכע צימערן פון בעל-הבית. און באַלד האָט ער גענומען ריידען פון עפּיס אַנדערש. ער האָט דער-

צעהלט, אַז פושקין האָט געוואָלט אַריינטרעטען צו זיי אין דער געזעלשאַפט, אָבער מען קאָן איהם נישט אַריינעהמען, ווייל ער איז נישט קיין זיכערער מענש.

דורך דעם נייעם אַדמיראַלייטען-בולוואַר זענען זיי אַרויס אויף דעם סענאַט-פּלאַץ, צו פּעטערס דענקמאָל.

פּעסטעל איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעמדאָזיגען דענקמאָל, האָט איהם בעטראַכט מיט גוטמוטיגער נייגיריגקייט, דערנאָך זיך צוגעשטעלט, צוגעשפּאַרט דאָס געזיכט צו דער געפלאָכטענער צוים און געקוקט דער סטאַטוע אין פּנים אַריין, ווי מען קוקט אויף אַ לעבעדיגען מענשען. ער האָט לאַנג געשוויגען, פּונקט ווי ער וואָלט פערגעסען אָן זיין חבר, מיט וועלכען ער איז געקומען. צולעצט האָט ער געזאָגט אויף פראַנצויזיש מיט אַ שטילער שעפּ-טשעריי:

—אָבער דאָ ליעגט דאָך אַ תהום: ווען דאָס פערד זאָל אַראָבלאָזען דעם פוס, וועט דער רייטער אַראָבפאַלען ערגעץ אין כף-הקלע...

—און וועט ברעכען האַלז און נאַקען.

—און מיר מיט איהם!

—שוין-זשע מיט איהם?

—ווי-זשע אַנדערש?

—אָט איז אַ שלאַנג אונטער דעם פערדס קאָפּיטעס—דאָס איז די קראַמאָלע, רעוואָלוציע..

—איהר מיינט אַזוי? און פּושקין מיינט, אַז פון א י ה ם,—פּעסטעל האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ צום דענקמאָל,—פון א י ה ם האָט זיך אָנגעהויבען אין רוסלאַנד די רעוואָלוציע...

— און די אַליינהערשונג אויך פון איהם,—האָט גאָליצין בעמערקט

—יאָ, עקסטרעמען געהען זיך צוזאַמען... נו, ווי אַזוי-זשע וועט עס זיין: מיר זענען מיט איהם אָדער געגען איהם,—האָט פּעסטעל נאָך אַ קליינער פּויזע געפרעגט.

—איך ווייס נישט,—האָט גאָליצין אַ שמייכעל געטהאָן,—מיר ווי מיר, אָבער איהר, פּאַוועל איוואַנאָוויטש, זענט אודאי מיט איהם

—פאַרוואָס איך?..—האָט פעסטעל אַרויסגעזאָגט, אָבער שוין ווידער אַזוי צווייהט, פונקט ווי ער וואָלט געטראַכט וועגען עפּיס אַנדערש. די טהיר אין די אינערליכע צימערן איז פערמאַכט געוואָרען. ער האָט זיך פּלוצלונג צוזעגענט, אַ רוף געטהאָן אַנ'איזוואָזטשיק און אַוועקגעפאָהרען, נישט וואַרטענדיג אויף אַנ'ענטפער.

גאָליצין איז געבליבען אַליין. ער האָט נאָך לאַנג געקוקט אין פנים אַריין דעם קופּערנעם רייטער און געטראַכט דאָס אייגענע: געגען איהם, צי מיט איהם?

קיין ענטפער איז נישט געווען און ער האָט, צולעצט, בעשלאָסען: „און דאָך בעדאַרף מען אָנהויבען—מ י ט איהם אָדער ג ע ג ע ן איהם?

ערשטעס קאַפּיטעל.

פּאָטיוס איז זיך מיט גרויס תענוג געלעגען אין זיין טרומנע.

אינ׳ם הויז פון דער גרעפין אַנאַ אַלעקסעיעוונע אָרלאָוואַ-טשעסמענסקאַ אויף דער שלאָסגאַס, וואו ער פלעגט פערברענגען, אַלס גאַסט, מאָנאַטענלאַנג, האָט ער זיך געמאַכט אַנ׳אונטערערדישע קעליע. אַ שמאָלע טרעפּ האָט געפיהרט אינ׳ם פינסטערן קעלער, וואָס איז געווען בעלויכטען בלויז מיט די פלאַמען פון די איקאָנע-לאָמפּען. די פּאָדלאָגע איז געווען בעדעקט מיט שוואַרצע און ווייסע מאַרמאָרפליטעס. היילּיגע בילדער האָבען געבלאַנקט מיט גאָלד און טייערע איידעלשטיינער. ער האָט זיי ליעב געהאַט: אין זיין קינדישער נאַאיווקייט האָט ער נישט געוואוסט דעם ווערט פון געלד און האָט צוגענומען פון אַנע׳ן אַלס מתנה אַ טעלער מיט רובינען אָדער אַמעטיסטען, ווי מען נעהמט צו אַ טעלער יאַגדעס. אינמיטען קעליע איז געשטאַנען אַ טרומנע. אין דערדאָזיגער טרומנע איז פּאָטיוס געשלאָפען ביינאַכט און טיילמאָל אויך אָבגערוהט בייטאָג.

אַנאַ האָט זיך פון אָנהויב שטאַרק געשראָקען און דערנאָך צוגעוועהנט געוואָרען. די טרומנע האָט איהר שוין אויסגעוויזען, ווי אַ מין דיוואַן, בפרט נאָך, אַז פּאָטיוס האָט דאָס שוואַרצע טוך פון אויבען פערביטען אויף זילבערשטאָף און אינוועניג אויסגעשלאָגען מיט ווייסען אַטלעס, „כדי די טרומנע זאָל זיין ליכטיג

און אָנגענעהם״. אַז פּאָטיוס איז געלעגען אין זיין פרעהליכער טרומנע און איז בשעת-מעשה געווען אָנגעטהאָן אין זיין קליידונג, וואָס איז גענייהט געוואָרען, לויט זיין בעשטעלונג, אַזוי ווי עס ווערען געמאָלט די הייליגע, האָט אַנאַ געקליבען נחת קוקענדיג אויף איהם:

—אַך, פּאָטער, פּאָטער, ווי ער איז דאָס ליעב!

אַ גאַנצען טאָג איז ער געווען פערהאַוועט און פערשמייעט צוליעב גאָליצינ׳ען. מיד און אויסגעמוטשעט איז ער געווען. געקומען אַהיים, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אין טרומנע אָברוהען. איצט וואָלט געווען גוט צו טרינקען פענבעלטיי: דאָס פלעגט ער טרינקען אָנשטאָט געוועהנליכען טיי, וואָס איז בעשטאַנען, לויט זיין מיינונג, פון אשמדאי-צמחים. אָבער קיינער, אויסער אַנע׳ן, האָט איהם נישט געקאָנט פערבריהען דעמדאָזיגען טיי, ווי געהעריג. אַנאַ איז אָבער אין דערהיים נישט געווען—זי איז אַוועקגעפאָהרען מיט אַ וויזיט.

פּאָטיוס איז געווען בייז, זיך געזידעלט. ער האָט זי געהאַלטען אין דער צוואַנג און זיך בעגאַנגען מיט איהר, ווי מיט אַ פויערים-מיידעל. און דאָך איז ער מיט הנאה געלעגען אין זיין טרומנע, זיך אויסגערוהט די ביינער און בשעת מעשה זיך דערמאָהנט אָן דער לעצטער זעהונג צווישען מיטראָפּאָליט און אַראַקטשייעוו׳ן.

אַראַקטשייעוו האָט מקיים-געווען זיין הבטחה, וואָס ער האָט געגעבען דעם קייזער: ער איז אַוועקגעפאָהרען צום מיטראָפּאָליט און געפּרובט מאַכען שלום צווישען איהם מיט׳ן פירשט גאָליצין, אָבער עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. דער מיטראָפּאָלים האָט אַראָבגענומען פון קאָפּ דעם ווייסען מיטראָפּאָליטען-הוט און האָט איהם אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ן טיש.

—גראַף, דו זאָג דעם קייזער פון אַלץ, וואָס דו זעהסט און הערסט. זאָל ער מיר צונעהמען מיין מיטראָפּאָליטען-הוט. איך וויל מעהר נישט זיין קיין מיטראָפּאָליט. מיט׳ן פירשט גאָליצין וויל איך צוזאַמען מעהר נישט דיענען, ווייל ער איז אַ ג׳אמת׳ער פיינד פון קלויסטער, טראָן און פאָטערלאַנד;

„אַראַקטשייעוו האָט דערויף געקוקט, ווי אויף אַ זעלטענער
ערשיינונג,—איז דערנאָך געקומען פּאָטיוס'ן אויף דער מחשבה.
נאָך פּעטער דעם I-טען איז עס באמת אַ זעלטענע זאַך אין
רוסלאַנד—דער ווייסער מיטראָפּאָליטען-הוט, די קרוין פון דער
פּראַוואָסלאַוויע, זאָל קעמפען מיט דער קרוין פון דער אַליינ-
הערשונג.

דעם מיטראָפּאָליט סעראַפים האָט פּאָטיוס אָנגערופען „נאַסע
הוהן". איינמאָל, בשעת דער מיטראָפּאָליט האָט בעדאַרפט דרש'ע-
נען אין דער געגענוואַרט פונ'ם קייזער פּאַוועל I, איז ער אַזוי
צוציטערט געוואָרען, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען
קיין איין וואָרט פון מויל און האָט געמוזט אַוועק פון אַלטאַר.
און אַנוסטען, בשעת ער האָט בעדאַרפט קומען אין פּאַלאַץ ווע-
גען גאָליצינס ענין, איז ער דריי מאָל אַרויס און דריי מאָל
אַריין אין דער קאַרעט. צולעצט, האָט פּאָטיוס פערהאַקט די טהיר
פון קאַרעט און אַ געשריי געטהאָן צום קוטשער: „פּאָהר!" נאָר
מאַגניצקי, וואָס איז געפאָהרען פון הינטען, האָט בעמערקט, אַז
לויט'ן בעפעהל פון מיטראָפּאָליט פערקירעוועט דער קוטשער אין
אַ זייט, האָט ער איהם געהייסען פאָהרען גלייך אין פּאַלאַץ אַריין.
דער מיטראָפּאָליט האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים אינגאַנצען אַ
נאַסער פון שוויס, „פּונקט ווי ער וואָלט בעגאָסען געוואָרען פון
אַ וואַסערפאַל, לויט פּאָטיוס'עס אויסדרוק,—אַזאַ שווייס האָט איהם
אַרויסגעשלאָגען פון שרעק פאַר'ן צאַר."

אַ נאַסע הוהן קאָן נישט זיין קיין אָדלער, און דער מי-
טראָפּאָליט סעראַפים—אַ ניקאָן. „דורך פּאָטיוס'ן וועט די שטאָדט
פון הייליגען פּעטער צוטרויסעלט ווערען"—אַזאַ נביאות איז גע-
ווען. אָבער צי ווערט עס נישט מקוים? ווערט דען נישט רוס-
לאַנד און די גאַנצע וועלט צוטרויסעלט דורכ'ן פּאַטריאַרך פּאָטיוס?

ער האָט זיך צוגעהערט צו דער קלאַפּעריי פון אַ צוגע-
פאָהרענע' קאַרעט. אין דער אונטערערדישער קעליע איז אַריין
די גרעפין אַנאַ אין מאַנטעל, שלייער און הוט, אַ פערשמייעטע
און אַ דערשראָקענע.

דאָס פּנים—פלאַך, קיילעכיג, רויט, מיט זומערשפּרענקעלעך,

ווי ביי אַ דאָרפסמיידעל. די וואוקס זעהר אַ הויכע—אַ גרענאַדיר אין אַ קליידעל. אַלט אַ יאָהר פיערציג, אָבער לויט'ן שכל—נאָך גאָר אַ קינד. „אַ מח'ל פון אַ פויגעל"—פלעגט פאָטיוס זאָגען. אָבער אין די קלאָרע אויגען, ווי קוואַלוואַסער, האָט דורך דעם נאַרישען קאָפּ-שׂכל אַרויסגעלויכטען דער שכל פון האַרץ. איהר אינטימסטער פערלאַנג איז געווען—ווערען אַ מנישקע. אונטער איהר זיידענעם הויף-קלייד האָט זי געטראָגען אַ העמד פון האָהר. דאָס גאַנצע לעבען האָט זי אַלץ תּפילה-געטהאָן צו גאָט, ער זאָל פערגעבען די זינד איהר פאָטער, דעם גראַף אַלעקסעי אָרלאָוו, וואָס האָט זיך בעטייליגט אין דער ראָפּשאַ-רציחה—אין דעם מאָרד פון פּעטער III.

מען האָט געשמועסט, אַז פאָטיוס לעבט מיט אַנע'ן, אָבער דאָס איז בלויז געווען רכילות.

„אין מיין ערדישען לעבען האָב איך מיך קיינמאָל נישט צוגעריהרט צו אַ פרויענלייב, נישט פערזוכט דעם טעם דערפון,—פלעגט פאָטיוס זאָגען.—מיין טאָכטער איז נאָך אינגאַנצען אַ כשר מיידעל. גאָט אַליין האָט זי מיר געגעבען פאַר אַ הימלישער כּלה."

—איך בין נישט שולדיג, פאָטערל,—האָט זי אָנגעהויבען שטאַמלען, אריינלויפענדיג אַ צושראָקענע אין קעליע אַריין,—די פירשטין סאָפיע סערגעיעוונע האָט מיך נישט געוואָלט אַוועקלאָזען אָהן טיי. זי האָט מיר פון פאָטער האָסנער דערצעהלט. אַך, פאָטער, פאָטער, ווען איהר וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ נייעס עס איז דאָ!..

פירשטין סאָפיע מעשטשערסקאַ, פאָטיוס'עס גייסטיגע טאָכטער, איז געווען אַ גרויסע רכילות'ניצע און דער פאָטער האָסנער—אַ דורכפאָהרענדיגער „בעל-דרשן געגען קריסטוס'ן, אַ שד, אַ רוח,—ווי פאָטיוס פלעגט זאָגען,—וואָס פלעגט עפענטליך בעפאַלען מיט זלזולים די הייליגע יונגפרוי." מיט דער הילף פון מאַגניצקי'ן און דעם אָבערפּאָליצמייסטער גלאַדקאָוו האָבען די פערשווערער אַרויסגעגנב'עט אַ בויגען פון האָסנערס אַ בוך, וואָס איז געלעגען אונטער'ן דרוק-פּרעס. מיט דעמדאָזיגען בויגען האָט

פּאַטיוס צוזאַמענגעשטעלט אַ מסירה און געוואָלט עס ברענגען אין פערבינדונג מיט גאַליצינס ענין. אין אַנ׳אַנדער צייט וואָלט ער זעהר נייגיריג אויסגעפרעגט וועגען דידאָזיגע נייעס, אָבער איצט האָט ער עס פאַרבייגעלאָזט פאַרביי אויער: ער איז געווען שטאַרק אין כעס.

לאַנג איז ער געלעגען, נישט געעפענט די אויגען, זיך נישט בעוועגט, פונקט ווי אַ מת אין קבר. צולעצט אָבער האָט ער אַנע׳ן שאַרף אָנגעקוקט און געפרעגט:

—וואו ביזטו פערפאַלען געוואָרען, דו טאָכטער פון רוח? האָסט שוין ווידער שפּאַצירט?

—יאָ,—האָט זיך אַנאַ פעררויטעלט און אַראָבגעלאָזט די אויגען: זי האָט נישט געקאָנט לייגען.—בלויז איין מאָל זיך דורכגעגאַנגען...

דעם פריהלינג-שפּאַציר אין זומערגאָרטען, וואוהין אַנאַ פלעגט זיך אַמאָל אַרויסכאַפּען בגנבה פון פּאַטיוס׳ן, האָט ער אָנגערופען רוח-שפּאַציר.

—האָסטו אפשר אַ חתנ׳דעל געפּאַקט? פאַרהאַן דאָרט איצט, פריהלינגצייט, גענוג אונפערשעמטע הינד פון מיליטער און ציוויללייט, וואָס לויפען נאָך מיט אויפגעהויבענע עקען נאָך אייערע מיידלעך, צייג.

—נו, וואָס רעדט איהר, פּאַטערל! איך האָב עס אפילו אין געדאַנק נישט געהאַט, איהר ווייסט עס אַליין...

איך ווייס, איך ווייס. וואָלסטו כאָטש אַ טראַכט געטהאָן, אַז יונג ביזטו שוין נישט און שען אויך נישט. בלויז די עשירות ציהט זיי, די חתנים. אָבער זיי וועלען דאָס געלד צו׳פּטר׳ן און אַ גוטען טאָג.

אויפגעהויבען פון טרומנע אַ פוס. אַנאַ האָט באַלד מיט אַ געשיקטער בעוועגונג אַראָבגעשלעפּט פון פוס דעם אויסגעשמירטען פויערשען שטיוועל, וואָס איז געווען בעשלאָגען מיט טשוועקעס.

—אַך, מיינע מאָזאָלעס, מיינע מאָזאָלעלען!.. זיי נאָגען, מסתמא וועט זיין אַ רעגען,—האָט ער שווער אָבגעאָטעמט און אַרויסגעשטעלט דעם צווייטען פוס.

אויף אַנעס ווייסע האַנדשוה—אין איילעניש האָט זי נישט בעוויזען זיי אויסצוטהאָן—האָבען זיך געלעגט פלעקען פון זייגע מיט דזיעגאַכץ אויסגעשמירטע שטיוועל.

—מיידעל, מייגסט, איך ווייס נישט, וואָס דו טראַכסט?—האָט פאָטיוס גיפטיג אַ שמייכעל געטהאָן.—איך ווייס, טייבעלע, איך זעה אַלץ דורך און דורך. אַזאַ גרויסער מענש, טראַכסטו זיך, אַ מיליאָנערין, אַ טאָכטער פון גראַף אָרלאָוו, אַ דורכלויכטיגע גרעפין בעדאַרף אויסשמירען איהרע הענדטלעך אין די פערשאָל-טענע פוירשע שטיוועל! אָבער איך שפיי אויף דיין גראַפענטי-טעל און אויף דייגע מיליאָנען. דרייסיג מיליאָנען—דרייסיג זיל-בערשטיק—דאָס איז דער פרייז פון בלוט. ווייסטו, וועמעס בלוט? דעם טאַטענס חטאים, ווייסטו? נו, וואָס שווייגסטו? זאָג, דו ווייסט?

—איך ווייס,—האָט זי אַרויסגעמורמעלט, אַ בלאַסע, און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—און אַז דו ווייסט, טאָ טהו תשובה און געהאָרך דיין גייסטיגען פאָטער. אפשר האָסטו דיין לייבליכען פאָטער ליעבער איידער דעם גייסטיגען? פאָלגען, געהאָרכען איז העכער פון תעניתים און תפילות. און אַז איך וועל דיר זאָגען: „אַנאַ, וועל איך זאָגען, שילט דיין טאַטען!" בעדאַרפסטו איהם שילטען...

זי האָט זיך אָבגעקעהרט און זיך שווייגענדיג ביטער צע-וויינט. זי האָט געקאָנט אַלץ איבערטראָגען, אָבער עס האָט איהר געקאָסט געזונד, ווען ער האָט בעשמוצט דעם זכרון פון איהר פערשטאָרבענעם פאָטער.

—נו, וואָס האָסטו זיך צויאָמערט, פרא-אדם? איך רייד דאָך פון ליעבע.

—ענטשולדיגט, פאָטערל,—האָט זי געזאָגט, אַ פאַל געטהאָן צו זיין האַנד און שוין פערגעסען די בעליידיגונג.

—גאָט וועט דיר מוחל-זיין. געה פערבריה מיר דעם פע-נכעלטיי.

עמיץ האָט אָנגעקלאַפט אין טהיר.

—ווער איז דאָרט?

—זיין דורכלויכט, פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאַ-ליצין,—האָט געמאָלדען דער קעליע-דיענער.

אַנאַ האָט זיך גענומען בעוועגען, געוואָלט אַרויסגעהן מקבל-פנים זיין דעם גאַסט.

—וואַרט נאָר, וואוהין?—האָט זי פּאָטיוס אָבגעהאַלטען,—ניש'קשה, ער קאָן צו-וואַרטען, נישט קיין גרויסער פויגעל. דער-לאַנג מיר די שטיוועל.

אָנגעטהאָן זיי ווידער מיט אַנעס הילף, אַרויסגעגאַנגען פון דער טרומנע, צוגעגאַנגען צום ארון, אָנגעצונדען אַ ליכט, אָוועק-געלעגט דאָס עוואַנגעליום, גענומען אין האַנד אַריין אַ צלם און אומישנע דאָס אַלץ זעהר לאַנגזאַם געטהאָן. צולעצט האָט ער געהייסען אַריינרופען גאָליצינ'ען. אַנאַ איז געלאָפען אַריינרופען איהם.

„געהט-אַריין דער פירשט אין דער געשטאַלט פון אַ חיה-רעה",—האָט דערנאָך פּאָטיוס דערצעהלט.

—בענשט מיך, פּאָטער.

—אינ'ם טריפה'נעם און אפּיקורס'ישען ביכעלע, וואָס הייסט דער סוד פון קרייץ, איז, פירשט, אונטער דיין השגחה, גע-דרוקט געוואָרען: „די גייסטליכע זענען חיות". דו ביזט אַ גרוי-סער בעל-עבירה'ניק, און דעריבער וויל איך דיך נישט בענשען, אגב בעדאַרפסטו עס גאָרנישט.

—נו, מילא,—האָט זיך גאָליצין מיט אַמאָל אָנגעצונדען,—אפשר איז טאַקי גלייכער אַזוי: אויב מלחמה—איז מלחמה! גע-נוג הינטערוועגלעך, געגוג ליגען!

—וואָסער ליגען? וואָסער מלחמה? וועגען וואָס רעדסטו, פירשט, איך פערשטעה נישט?

—איהר פערשטעהט נישט? נו, וועל איך אייך זאָגען. איך וויים אַלץ, פּאָטער פּאָטיוס: איך וויים, אַז איהר האָט זיך פער-אייניגט מיט'ן אויסוואורף אַראַקטשייעוו'ן. איך ווייס, ווי איהר טרייבט אויף מיר רכילות פאַר'ן קייזער. מיט איין האַנד נעהמט איהר מיך אַרום און מיט דער צווייטער שלייפט איהר אַ מעסער. מיט פאַלשע קושען קושט איהר מיך. איהר זאָגט מיר: „קריסטוס

איז צווישען אונז", אָבער צווישען אונז איז דער טייוועל, דער פאָטער פון שקר. געדרוקטע בויגענס האָט איהר פון פרעס אַרויס-גע'גנב'עט. דאָס איז אַ קרימינעלע זאַך! ווי שעמט איהר זיך נישט, פאָטער! וואַרט-נאָר, איך וועל אַלץ דערצעהלען דעם קיי-זער. מיר וועלען זעהן, ווער וועמען!

פאָטיוס האָט געשוויגען.ביידע כיטרע, רויבגיריגע, זענען זיי געשטאַנען איינער קעגען צווייטען, ווי צוויי קליינע חיות, גרייט איינצוועסען זיך מיט די נעגעל אויף טויט און אויף לע-בען—אַ לוש און אַ טכייר.

—פאַר גאָט האָב מורא, פירשט,—האָט פאָטיוס צולעצט גע-זאָגט.—פאַרוואָס טראָגסטו אויף מיר אַ האַרץ? בנוגע צו דיר בין איך ריין, קיין שום שלעכטס דיר נישט געטהאַן, גאָט איז מיט דיר...

—זאָגט נישט קיין ליגען, זאָגט כאָטש איצט נישט קיין ליגען! אַ צווייט מאָל וועט איהר נישט נאַרען. וואָס מיינט איהר, אַ נאַר בין איך אייך, צי וואָס? זאָגט בעסער אָפען, וואָסווילט איהר פון מיר?

—טהו תשובה, שטעל-אָב די אפיקורס'ישע ביכער, וואָס זייהען זנות און רעוואָלוציע,—האָט פאָטיוס אָנגעהויבען.

—אָבער וויפיעל מאָל בעדאַרף איך אייך איבער'חזר'ן: איך קאָן זיי נישט אָבשטעלען! נישט מיך בעשולדיגט, נאָר דעם קייזער.

—נו, טאָ געה צום קייזער, שטעל זיך פאַר איהם אויף די קניה און זאָג, אַז דו האָסט אַליין געזינדיגט און אויך איהם...

—ווי אַזוי דערוועגט איהר זיך עס,—האָט גאָליצין פלוצלונג גענומען שרייען און טופען מיט די פיס,—ווי אַזוי דערוועגט איהר זיך עס אַזוי צו ריידען וועגען זיין מאַיעסטעט דעם קיי-זער? אַנדערע בעשולדיגט איהר אין רעוואָלוציע, און אַליין זענט איהר די ערגסטע רעוואָלוציאָנערן...

—איך בין בלויז אַ קנעכט פון מיין גאָט, וואָס איז גע-שיקט געוואָרען אָנצעווייזען אויף דיינע שלעכטע מעשים, דו זאָלסט תשובה-טהאָן!—האָט פאָטיוס אויסגעשריען.—וועה צו דיר

פירשט! וועה צו דיר, זינדיגער! וועה צו דיר, גאָטלעסטערער! איך וועל מיך שטעלען מיט דיר פאַר גאָטס משפט אין הימעל, ווען איך אויפדעקען דיינע שלעכטע מעשים, איך וועל דיך אראָבשליידערן, פערוואַרפען אין כף-הקלע!

ביידע האָבען געשריען, אַנאַ איז געשטאַנען הינטער דער טהיר און זיך צוגעהערט מיט גרויס שרעק: „אַך, זיי וועלען זיך צו׳ממת׳ן!״

—נו, מיט אייך, פאָטער, קאָן מען זיך נישט צוזאַמענריידען,—האָט זיך גאָליצין גערוקט אַהינטער צו די טרעפּ, טראַכטענדיג שוין בלויז ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך פון אַ סקאַנדאַל.—מיין פוס וועט דאָ מעהר נישט זיין און אַזוי וועל איך טאַקי זאָגען דעם קייזער. איך האָב די עהרע...

—שטעה, וואַרט-נאַר! וועסט נישט אַוועקגעהן, וועסט זיך מיר נישט אַרויסדרעהען! איך שטרעק אויס מיין האַנד...

—אָבער לאָזט מיך, לאָזט מיך,—האָט געשריען גאָליצין, אַ דערשראָקענער, און זיך געסטאַרעט אַרויסצורייסען די האַנד, אָבער פאָטיוס האָט נישט געלאָזט: מיט איין האַנד האָט ער געהאַלטען דעם פירשט, מיט דער צווייטער האָט ער אויפגעהויבען דעם צלם, און זיין פּנים האָט בעת-מעשה אויסגעזעהן אַזוי שרעקליך, אַז גאָליצינ׳ען האָט פלוצלונג אויסגעוויזען—ער וועט איהם באַלד אַ קלאַפּ טהאָן מיט׳ן צלם, ווי מיט אַ מעסער און—דער־הרג׳ענען.

—זעה-נאַר, איך שטרעק-אויס מיין האַנד צום הימעל און גאָטס משפט וועט פאַלען אויף דיר און אויף אַלעמען! וויפיעל זענט איהר דאָרטען? אָהן אַ צאָהל און אָהן אַ שיעור? געהט-דאָרט אַרויס אַלע און גאָטס קלאַפּ זאָל אייך אַלעם טרעפען! איך וועל אייך אָבשיידען! אַראָבשליידערן! פערשילטען! אין חרם אַריינגעהמען!

גאָליצין איז טויט-בלאַס געוואָרען. „אַ משוגע׳נער!״ איז איהם דורכגעלאָפען אין דער מחשבה, פונקט ווי אַנוסטען ביים קייזער. מיט׳ן לעצטען ביסעל כּח האָט ער אַרויסגעריסען די האַנד און זיך געלאָזט לויפען; ער איז געלאָפען אַזוי געשווינד

איבער די שטיגען און דורך אַלע חדרים פון הויז, אַז זיין אָרדען-שטערען איז אומגעשפרונגען און די פּאָלעס פון פראַק האָבען זיך אויפגעהויבען.

פּאָטיוס האָט זיך געיאָגט נאָך איהם: דאָס פּנים אויסגעקרימט, די אויגען—ברענען, די האָהר שטעהען—אַ משוגע'נער טבֿיירל.

דער קעליעדיענער האָט געעפענט דאָס מויל און זיך אַראָבגעלאָזט פון שרעק. דער סינאָד-בעאַמטער סטעפּאַנאָוו, וואָס איז געוועזען עהנליך צו אַנ'אַלטען וועלס (דאָס האָט ער אַרויסגע'גנב'עט די קאָרעקטור-בויגענס פון האָסנערס בוך) איז גאָר פערשטיינערט געוואָרען מיט אויסגעקאַטשעטע אויגען. און בשעת זיי זענען אַדורכגעלאָפען דעם גרויסען זאַל מיט די קייזערליכע פּאָרטרעטען, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך זיי אַלע—פון פּעטער I, וואָס האָט אָנגעהויבען, ביז פּאַוועל I, וואָס האָט פערענדיגט די געפאַנגענשאַפט פון דער קירך דורך דער וועלטליכער מאַכט—האָבען געקוקט און געגאַפט אויף דער משונה'דיגער סצענע, ווי אַזוי דער אָבערפּראָקוראָר פון סינאָד, דעם צאַרס אויג, ווערט אַרויסגעשטויסען פון דער קירך און ווערט אַריינגעלעגט אין חרם.

—אין חרם אַריין!—האָט פּאָטיוס געדונערט און איז איהם אַלץ נאָכגעלאָפען.—פערשאָלטען זאָלסטו ווערען! גאָט וועסטו נישט זעהן, אין גיהנם וועסטו פערפאַלען ווערען! און אַלע מיט דיר, אַלע זאָלען פערשאָלטען ווערען! אין חרם אַריין! אין חרם! אין חרם איהר אַלע!

אַנאַ איז געלאָפען הינטער פּאָטיוס'ן און געוואָלט איהם כאַפּען ביי די פּאָלעס.

—פּאָטער! פּאָטער!

גאָליצין איז שוין דערלאָפען ביז'ן פּאָרהויז. פּאָטיוס איז נישט אָבגעטראָטען: עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אויך אַרויסלויפען אויף דער גאַס. אָבער אַנאַ האָט איהם דאָך דעריאָגט, אַרומגעכאַפּט איהם מיט די הענד און זיך אויפגעהאַנגען איהם אויפ'ן האַלז.

צום לעצטען מאָל האָט ער אויסגעשריען מיט אַ הייזערי-

געגן קול: „אין חרם!" און אנידערגעפאלען אויף די הענד פון די אונטערגעלאָפּענע דיענער, וואָס האָבּען איהם איבּערגעטראָגען אין זאל אריין און אוועקגעזעצט איהם אין פאָטעל. ער האָט זיך גע-צאפּעלט, געוויינט און געלאכט.

די נבואה איז מקוים-געוואָרען; פון פּאָטיוס'ן איז צוטרוי-סעלט געוואָרען די גאנצע שטאָדט פון דעם הייליגען פּעטער: גאָליצינ'ען, דעם אָבּערפּראָקוראָר פון סינאָד, דעם דרייסיגיעהרי-גען פריינד פון צאר אריינצולעגען אין חרם—דאָס איז אלצאיינס ווי דעם צאר אליין.

אלע האָבּען געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין. דער עולם האָט געשמועסט, אז דער צאר איז שטאַרק אין כעס. אנע'ן האָט זיך געדאכט, אז מען וועט איהם כאפּען תיכף ומיד און פערשיקען קיין סיביר. זי איז קראנק געוואָרען פון שרעק.

—שרעק זיך נישט, אנושקע! וואָס איז מיר דער אָבּער-פּראָקוראָר? א פלוי, וואָס א הונד קאָן זי דער'הרג'ענען מיט א טרויסעל פון אויער. מיט אונז איז גאָט! גאָט איז מיט אונז! ווער איז געגען אונז?—האָט זיך פּאָטיוס צוגעגעבּען קוראַזש, אָבּער ער האָט זיך אויך געשראָקען.

דעם 15-טען מאַי, אינ'ם יום-טוב-טאָג, איז ער געזעסען נעבּען בעט ביי דער קראנקער אנא און האָט זי געטרייסט, גע-געבּען עצות, ווי זיך צו היילען אָהן דער הילף פון דאָקטוירים, די פערשאָלטענע דייטשען—זי זאָל זיך נאָר אויסרייבּען דעם גאנ-צען קערפּער מיט אָפּאָדעלדאָק און בעת מעשה תפילה-טהאָן.

—געדענק, אז אין די גרינע קעסטעלעך איז שלעכטער אָפּאָ-דעלדאָק, אָבּער אין די ווייסע איז גוטער. וועסט זיך אויסריי-בּען, וועט עס דיר אוועקגענומען ווערען פּונקט ווי מיט דער האנד.

צו מאכען זי פרעהליכער, האָט ער אויך גערעדט פון דער גרויסער גלאָק, וואָס ער וועט לאָזען אויסגיסען פאר דעם יוריע-ווער קלויסטער פון ביליגען גע'גנב'עטען קופּער און וואָס וועט וועגען 2000 פוד.

—וואָס פאר א תענוג און וואָס פאר א נחת-רוח וועט עס

זיין דאָס קלינגען פון אַזאַ גלאָק!

אָבער אַנאַ האָט איהם נישט געהערט. זי האָט אַלץ געטראַהט פון איין זאַך: ווי אַזוי מען וועט קומען, מען וועט נעהמען דאָס פּאָטערל און אַוועקפיהרען איהם.

דער קעליעדיענער האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר און דערלאַנגט אַ בריף.

—פון וועמען?—האָט אַנאַ געפרעגט.

—פון מיטראָפּאָליט,—האָט פּאָטיוס געזאָגט און איהם אויפגעעפענט מיט ציטערדיגע הענד.

אַנע׳ן איז איינגעפאַלען דאָס האַרץ: צי איז דאָס נישט אַמאָל אַנ׳אוקאַז וועגען פערשיקען?

פלוצלונג איז פּאָטיוס אויפגעשפּרונגען, גענומען קלאַפּען מיט די הענד און זינגען מיט׳ן פּזמון פון קלויסטער:

—הללויה! הללויה! געלויבט ביזטו, גאָט, אַ שבח צו דיר, גאָט! דער כף-הקלע איז איינגעזונקען געוואָרען, דער אשמדאי איז דערשטיקט! געפאַלען די וועלטליכע מאַכט פאַר דער קריסטליכער! מיר האָבען איצט איין מיניסטער: קריסטוס׳ן! געלויבט זאָל זיין פּאָטיוס! געלויבט זאָל זיין גאָט! געלויבט זאָל זיין אַראַקטשייעוו!

אַנאַ האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און נישט געגלויבט איהרע אויגען: דאָס פּאָטערל האָט אויפגעהויבען זיין גלח׳ישען בגד און צוגעטאַנצט, פּונקט ווי ער וואָלט באמת זיך מכין-געווען צו געהן טאַנצען.

—שטעה-אויף, טאָכטער! האָט ער אויסגעשריען און זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד.—ניש׳קשה, דער וועהטאָג אין קרייץ וועט איבערגעהן און מען וועט קיין אָפּאָדעלדאָק נישט בעדאַרפען! אָט האָבען מיר אַ געטליכען אָפּאָדעלדאָק!—האָט ער געפּאָכט מיט׳ן בריף,—הויב דיך אויף פון געלעגער, זינג, טאַנץ, מיידעלע!

—וואָס טהוט איהר, וואָס טהוט איהר, פּאָטער! איך בין אַ נאַקעטע.

—גאָט וועט מוחל-זיין, שעם דיך נישט, געה טאַנצען לכבוד גאָט!

—אָבער וואָס איז געשעהן אַזוינס, פּאָטערל ליעבינקער!—

האָט אַנאַ געפרעגט און איז בלאַס געוואָרען פון שרעק: איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַראָב פון זינען.

—אָט לייען!—האָט איהר פּאָטיוס אַ וואָרף געטהאָן דעם בריף.

דער מיטראָפּאָליט האָט איהם מודיע-געווען וועגען אוקאַז, וואָס איז נאָר-וואָס אונטערגעשריבען געוואָרען: פירשט גאָליצין, דער אָבערפּראָקוראָר פון היילינגען סינאָד, ווערט בעפרייט פון זיין שטעלע; דאָס מיניסטעריום פאַר הייליגע ענינים ווערט אָבגעשאַפט; דער סינאָד פערבלייבט, ווי פריהער.

אָבער דערנאָך האָט אַלץ ווידעראַמאָל פערהאַלטען דעם אָטעם, אַנטשוויגען געוואָרען, אין זיך פערבאָרגען. פון קייזער איז קיין שום ידיעה נישט געווען, פונקט ווי ער וואָלט פערגעסען אָן פּאָטיוס׳ן.

דעם 13-טען יוני, שפּעט אין אָווענד, איז, צולעצט, געקומען אין דער לאַוורע אַנ׳אַלערהעכסטער בעפעהל, אַז פּאָטיוס זאָל מאָרגען קומען אין ווינטערפּאַלאַץ.

ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס וואַרט אויף איהם: אָדער ער וועט אויסגעוועהלט ווערען פאַר אַנ׳אַרכיערייַ אָדער ער וועט פערשיקט ווערען קיין סיביר. אויף יעדען פאַל האָט ער אָבגעזאָגט ודוי און זיך צוגעגרייט.

אויך אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, איז פּאָטיוס אַריינגעפיהרט געוואָרען דורכ׳ן קאַמערדיענער מעלניקאָוו און געגאַנגען איז ער דורך די פערבאָרגענע זובאָוו-שטיגען; אויך אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, איז ער בייטאָג געגאַנגען איבער די שטיגען מיט פייער, זיך געצלמ׳ט און איבערגעצלמ׳ט אַלע ווינקעלען, קאָרידאָרען, טהירען און ווענד פון פּאַלאַץ, טראַכטענדיג, אַז דאָ שוויבעלט און גריבעלט מיט רוחות און שדים. און, אַריין אין קייזערס קאַבינעט, האָט ער זיך גענומען צלמ׳ען פריהער לאַנגזאַם און דערנאָך שנעל און מגושמ׳דיג. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטהאָן

אויפ׳ן קייזער. דער קייזער האָט גענומען אַ ברכה פון איהם און איהם אַוועקגעזעצט פאַר׳ן שרייבטיש. אָבער דאָ איז שוין אַלץ אַוועק גאָר אויף אַנ׳אַנדער שטייגער. פּאָטיוס האָט אַ קוק געטהאָן דעם קייזער אין פּנים אַריין און באַלד פערשטאַנען, אַז מיט זיין ענין האַלט שלעכט. סאַמע אין אָנהויב האָט ער גענומען ציטערן אויפ׳ן גאַנצען לייב מיט אַ דראָבנעם פיבער, וואָס האָט שוין נישט אויפגעהערט ביז׳ן סוף פון דער אוידיענץ. שפּעטער האָט ער דערצעהלט, אַז בשעת דעמדאָזיגען געשפּרעך איז איהם אַרויסגעטראָטען אויפ׳ן לייב אַ בלוטיגער שווייס.

—פּאָטער, איך האָב אייך איינגעלאַדען דערויף, איך זאָל וויסען, צי דאָס איז אמת, אַז איהר האָט מחרים-געווען דעם פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאָליצין?

—אייער מאַיעסטעט, נישט איך, נאָר גאָט אַליין פון זיינע הימלען...

—איך בעט אייך, איהר זאָלט ענטפערן וועגען דעם, וואָס איהר ווערט געפרעגט!—האָט דער קייזער אָנגעשריען אויף איהם און אין זיין קול האָבען זיך דערהערט יענע קוויטשיגע טענער, ווי ביים קייזער פּאַוועל, ווען יענער פלעגט זיך צובייזערן.—אמת, צי נישט אמת? ענטפערט!

—אמת!

—מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר דאָס געטהאָן?

פּאָטיוס האָט געשוויגען, געקוקט אין פענסטער און זיך עפּעטער גע׳צלמ׳ט.

דער קייזער האָט אויסגעזעהן בייז. פון אָנהויב האָט ער איהם בלויז געוואָלט אָנסטראַשען, דערנאָך אָבער האָט ער זיך אַליין אַרייגעצויגען דעריין, ווי אַנ׳אַקטאָר אין זיין ראָל און כמעט ווי אויפריכטיג גענומען ווייטער ריידען.

—מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר דאָס געטהאָן?—האָט ער איבערגע׳חזר׳ט און אויפגעהויבען דעם קול.—ווער האָט אייך בעפאָלמעכטיגט צו משפּט׳ן צווישען מיר און דער קירך, צווישען מיר און גאָט? און צוליעב וואָס זענט איהר אַלע בעפאַלען גאָליצינ׳ען? צוליעב וואָס בונטעוועט איהר? וואָס ווילט איהר? די

קירך זאָל זיך בעפרייען פון דער וועלטליכער מאַכט? האָט איהר זיך אַליין נישט אונטערגעוואָרפען דער וועלטליכער מאַכט? אַ סך געמיינהייטען זעהען מיר, הערשער, אָבער גאָט איז אַנ׳עדות, אַ, אַזאַ געמיינהייט, ווי ביי אייך, הערן גייסטליכע, האָב איך ערגיץ נישט געזעהן. וואו זענט איהר דעמאָלט געווען, בשעת איהר האָט, אָנשטאָט קריסטוס׳ן, פראָקלאַמירט פאַר׳ן ראש פון דער קירך דעם רוסישען אַליינהערשער, אַ מענשען פאַר אַ גאָט געמאַכט? דאָס איז דאָך די גרעסטע גאָטלעסטערונג, די גרעסטע געמיינהייט! וואו איז געווען אייער פרייהייט? אַלץ האָט איהר פעררעטען און צו שאַנד האָט איהר געבראַכט דאָס סאַמע הייליגסטע. זענט איהר דען נישט אַלע—פערטרעטער פון דער רוסישער קירך, פון דעם ערשטען ביז צום לעצטען, מיר צו די פיס געפאַלען און געשריען: „האָסיאַנאַ!" ווי מען שרייט צו גאָט? האָב איך דען אַליין נישט געמוזט בעפעלען, אַז דאָס זאָל נישט זיין, אַז מען זאָל מיך נישט פערגלייכען מיט גאָט, אַז מען זאָל מיך נישט רופען דער געבענשטער, דער אונשטערבליכער? אַ חרפה צו דערמאָהנען, פון מויל אַרויסצוברענגען. אָבער איהר, פאָטערס, האָט שיין לאַנג נישט קיין שרעק און נישט קיין בושה אין די אויגען... איצט איז אייך פלוצלונג איינגעפאַלען צו בונטעווען! איהר דערוועגט זיך צוריידען וועגען דער פרייהייט פון דער קירך! נו, מילא, איהר ווילט נישט גאָליצינ׳ען, וועט איהר האָבען אַראַקטשייעוו׳ן. און איהר, פאָטער פאָטיוס—איך האָב געמיינט, אַז איהר זענט בעסער פון אַנדערע און האָב אייך געגלויבט—און ווי איהר האָט מיר בעצאָהלט. גאָט וועט אייך משפט׳ן. אָבער צי פערשטעהט איהר, צי פערשטעהט איהר, וואָס איהר האָט געטהאָן?..

אויפגעשטאַנען און גענומען האַסטיג געהן אויף-און-אָב אי-בער׳ן צימער. און ווי אַלעמאָל, בשעת ער איז געווען אין כעס, האָט זיך איהם גערויטעלט נישט דאָס גאַנצע געזיכט, נאָר בלויז דער שטערן.

און פאָטיוס האָט אַלץ, אַ שווייגענדיגער, געקוקט דורכ׳ן

פענסטער אויפ'ן הימעל, געציטערט אויפ'ן גאַנצען לייב און זיך געצלמ'ט.

—פערשטעהט איהר?—האָט דער קייזער איבערגע'חזר'ט. ער איז געבליבען שטעהן נעבען איהם, אַ קוק געטהאָן איהם אין פנים אַריין און געזעהן, אַז ער פערשטעהט גאָרנישט און וועט קיינמאָל גאָרנישט פערשטעהן: אַלץ שפּרינגט-אָב פון איהם, ווי אַנ'אַרבעס פון דער וואַנד.

דער קייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין לעהנשטוהל און האָט פּלוצלונג דערשפּירט, ווי דער כעס איז אויסגעלאָשען געוואָרען אין איהם.

—נו, וואָס שווייגט איהר? רעדט, ענטפערט.

—וואָס זאָל איך דיר זאָגען, קייזער?—האָט פּאָטיוס מיט ציטער אַ קוק געטהאָן אויף איהם.—ווען אפילו נישט פירשט גאָליצין, נאָר אַ מלאך פון הימעל זאָל אַראָב און זאָל ריידען אפּיקורסות געגען דער קירך און שלעכטס געגען קייזער, וואָלט איך אויך געזאָגט: אין חרם אַריין!

—און מיר אויך?

פּאָטיוס האָט געשוויגען

—נו, ניש'קשה, רייד, רייד, איך הער,—האָט דער קייזער מיט עקעל אַ שמייכעל געטהאָן, קוים צום זעהן.

—וואָס מיר איז געגעבען געוואָרען צו טהאָן פון אויבען: צו זאָגען מיין קייזער דעם אמת, האָב איך געטהאָן,—האָט שוין פּאָטיוס דרייסטער אַ קוק געטהאָן אויף איהם.—ווען איך זעה, אַז די הייליגקייטען ווערען געלעסטערט און בלויז די שנאה ווערט גע'דרש'ענט, טאָ ווי קאָן איך שווייגען? מה איך גלויבען, אַז אַלדאָס בייז שטאַמט פון דיר, ווי עס גלויבט גאָליצין און ווי ער האָט מיר אויך געוואָלט איינריידען.

דערלאַנגט דעם קייזער אַ בלאַט, אַרויסגעריסען אויס דער לעבענסבעשרייבונג פון די הייליגע, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז די פּאַטערס פון דער ניזאַ-קירך האָבען אָבגע'פסק'ענט צוצונעהמען ביי דעם הייליגען ניקאָלאַי דעם סאַן, ווייל ער האָט אַ פּאַטש געטהאָן אַריוס'ן.

—אָט זעהט איהר, וואָס מען האָט געטהאָן מיט׳ן הייליגען ניקאָלאַי,—האָט דער קייזער געזאָגט און נישט דערלייענט דאָס בלעטעל ביז׳ן סוף.

—זיך נישט יושר׳דיג בעגאַנגען.

—פאַרוואָס נישט יושר׳דיג?

—לייען ביז׳ן סוף: די פאָטערס האָבען פער׳משפט אַ צדיק, איז גאָט אַליין געקומען און געגעבען איהם דאָס עוואַנגעליום און גאָטס מוטער האָט איהם געגעבען אַנ׳אָמאָפאָריום, אַלס צייכען, אַז גאָטס קראַפט קאָן איהם שטענדיג בעשיצען...

פאָטיוס האָט נאָך לאַנג גערעדט, ביסלעכווייז אויפגעהויבען העכער דעם קול און, צולעצט, ווי פריהער, אויף דער ערשטער אוידיענץ, גענומען שרייען, ליאַרמען, אַרויס פון די כלים; ער האָט גענומען שלעפען מאַסען בלעטלעך פון די אַרבעל, פון די כאָלעוועס, פון בוזים,—ער איז אינגאַנצען געווען אַרומגעלעגט מיט זיי, ווי אַ קריעגסמאַן מיט זיין וואָפע.

דער קייזער האָט איהם אויסגעהערט שווייגענדיג, מיט לאַנגווייליגקייט.

אַרויסגעשלעפט איינס פון דידאָזיגע בלעטלעך, האָט עס פונאַנדערגעפענט זיין גלח׳ישען מאַנטעל. ער האָט זיך געוואָלט צוריק פערשפילען, אָבער דער קייזער האָט נישט געלאָזט. ער האָט זיך צוגעבויגט, פונאַנדערגערוקט די פאַלדען און דערזעהן אויף זיין נאַקעטער ברוסט, אונטער די אייזערנע קייטען, אַ שרעקליכע אָפענע וואונד ביז׳ן ביין, אָנגעריבען דורכ׳ן אייזען.

—וואָס וואונדערסטו זיך, קייזער?—האָט פאָטיוס אויסגעשריען.—קוק, אויב דו ווילסט, און ווייס, אַז צוליעב גאָט וועל איך נישט שאַנעווען נישט זיך, נישט אַנדערע!

דער קייזער האָט זיך נישט אָבגעקעהרט. עס האָט איהם באַנג געטהאָן אויף פאָטיוס׳ן, אָבער אויף זיך האָט אויך באַנג געטהאָן. עס האָט באַנג געטהאָן און עס איז געווען עפּיס מאוס. ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי אויף דער ערשטער אוידיענץ איז ער איהם געפאַלען צו די קניה און האָט אין איהם כמעט גע-

זעהן אַ דערלייזער, אַ שליח פון גאָט. אָט פּאַר וועמען ער האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך. איצט האָט ער איהם אויסגעזעהן ווי אַ פּערריקטער, ווי אַ משוגע׳נער. מעהר פון אַלץ אין דער וועלט האָט ער זיך געשראָקען דערפאַר, ער זאָל נישט אויסזעהן לעכערליך, אָבער מיט פּאָטיוס׳ן איז ער געוועזען לעכערליך. דאָס האָט ער קיינמאָל קיינעם נישט געשענקט—און ער האָט עס פּאָטיוס׳ן אויך נישט געשענקט.

אָבער יענער איז נאָך אַלץ געשפּרונגען פון דער הויט.

דער קייזער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעגאָסען אַ גלאָז וואַסער און איהם דערלאַנגט.

—טרינקט, פּאָטער, און בערוהיגט זיך. קיין האַרץ געגען אייך האָב איך נישט: וואָס געזאָגט איז געזאָגט, און מעהר ווערט גאָר-נישט זיין. איך בין אַלעמאָל צופרידען, ווען איך זעה אייך, און איצט בעט איך אייך ענטשולדיגען—איך האָב דרינגענדיגע ענינים.

און ער האָט אָנגעקלונגען צו מעלניקאָוו׳ן.

דאָס איז געווען פּאָטיוס׳עס לעצטע אודיענץ ביים קייזער.

עס האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז ער האָט נאָך אַלץ חן אין דעם קייזער׳ס אויגען. דער פּאָטער האָסנער איז לויט אַנ׳-אַלערהעכסטען בעפעהל אַרויסגעשיקט געוואָרען קיין אויסלאַנד און זיין בוך איז פערברענט געוואָרען אין די אויווענס פונ׳ם ציגעל-זאַוואָד פון דער אַלעקסאַנדער-נעווסקי-לאַווורע. דריי שעה האָט מען געברענט אין צוואַנציג אויוועֶנס; פּאָטיוס איז דערביי גע-ווען און האָט אַלץ מחרים-געווען. אַראַקטשייעוו האָט זיך משתדל-געווען, מען זאָל איהם געבען צו טראָגען אויף דער ברוסט דאָס בילד פון גאָטס מוטער, „פּאַר׳ן נצחון פון דער פּראַוואָסלאַוויע.“

„פרעה דיך, הייליגער פּאָטער,—האָט פּאָטיוס געשריבען דעם אַרכימאַנדריט געראַסים פון דעם סימאָנאָווישען קלויסטער,—די אפּיקורסות איז אויסגעוואָרצעלט געוואָרען, דעם אשמדאי׳ס חילות זענען געפאַלען, די צונג פון די כופרים איז פערגליווערט געוואָרען; אַלע גאָטלאָזע חברות זענען צושטערט געוואָרען, ווי דער גיהנם. דער מיניסטער אונזערער איז איינער—יעזוס קריסטוס צום שבח פון גאָט. אמן.—בעט גאָט פּאַר אַראַקטשייעוו׳ן: ער,

דער קנעכט פון גאָט, האָט זיך בעוויזען צו בעשיצען די קירך און די אמונה, פונקט ווי געאָרג דער בעל-נצחון.״

אָבער דערמיט האָט זיך זיין נצחון געענדיגט. וואָרום פלוצלונג, פונקט ווי מען וואָלט זיך צונויפגערעדט, האָבען זיך אַלע אָבגעקעהרט פון פאָטיוס׳ן. ער האָט לאַנג נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס. אָבער אַז ער האָט פערשטאַנען, אַז צו די צאַרישע חסדים איז געקומען אַ סוף, איז ער געפאַלען אין מוט, איז קראַנק געוואָרען, שיער נישט אָװעקגעשטאָרבען, און באַלד ווי ער איז נאָר געקומען צו די כחות, איז ער אַוועקגעפאָהרען צוזאַמען מיט אַנע׳ן פון פעטערבורג, „אַנטלאָפען פון דערדאָזיגער שטאָדט, ווי פון אַ גיהנום״, אין זיין יוריעווישען מאָנאַסטיר ביי נאָווגאָראָד.

מיניסטער פאַר גייסטליכע ענינים איז אָבער געווען נישט יעזוס קריסטוס, נאָר גראַף אַראַקטשייעוו. אַלע בעריכטען וועגען די ענינים פון הייליגען סינאָד פלעגען פאָרגעשטעלט ווערען דעם קייזער נאָר דורך איהם. ער האָט באַלד איינגעפיהרט אַ מיליטערישע אָרדנונג אין דער גייסטליכער אַנשטאַלט. די הייליגע פאָטערס האָבען פאַר איהם נישט געטאָרט די נאָז אויפהויבען, זענען געוואָרען שטיל און שטום ווי די וואַנד. און זיי האָבען שוין חרטה-געהאַט אויף גאָליצינ׳ען.

אין דער אַנדרעי-קירך, אינ׳ם דאָרף גרוזינאָ, האָט זיך אין יענע טעג בעוויזען אַ נייע הייליג בילד—קריסטוס מיט׳ן עוואַנגעליום אין דער האַנד. דאָס בילד איז געווען בעפוצט מיט געגאָסענעם זילבער; אַז מען האָט אויפגעהויבען דאָס גלאָזרעהמעלע, האָט מען געקאָנט זעהן, ווי איין זילבערן בלעטעל פון עוואַנגעליום איז אָבגעבויגט אויף שאַרנירען קוים צום מערקען; אינטער דעמדאָזיגען בלעטעל איז פאַרהאַן נאָך אַ בילד—אַראַקטשייעוו אין אַ גענעראַל-אוניפאָרם, מיט זיינע אַלע אָרדענס, זיצענדיג אויף וואָלקענס, פונקט ווי משיח, וואָס בעדאַרף קומען אין גרויס רוהם אויפצוריכטען די לעבעדיגע און די טויטע.

צווייטעס קאַפּיטעל.

ער קייזער איז עהנליך צו יענעם ספּאַרטאַנישען יונגעל, וואָס איז רוהיג געזעסען אין חדר מיט אַ גע׳גנב׳עטען פוקס אונטער׳ן מאַנטעל, און אַז די חיה האָט איהם געגעסען זיין איינגעווייד, האָט ער געליטען און געשוויגען, ביז ער איז אויסגעגאַנגען.”

אַזוי האָט געטראַכט פּירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאָליצין, בשעת דער קייזער פלעגט מיט איהם שמועסען אָפענהערציג; עס פלעגט זיך דאַכטען, אַז באַלד וועט דער קייזער אָנהויבען ריידען וועגען דער הויפּט-זאַך, צוליעב וואָס ער האָט אפשר פערפיהרט דעם געשפּרעך—וועגען דעם פוקס, וואָס האָט איהם צופרעסען זיין איינגעווייד—וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט. אָבער ער פלעגט פּלוצלונג אַנטשוויגען ווערען, און גאָליצין האָט געשפּירט, אַז ווען ער זאָל אָנהויבען ריידען וועגען דעם דער ערשטער, וואָלט ער עס איהם קיינמאָל נישט מוחל-געווען און עס וואָלט געקומען אַ סוף צו דער דרייסיגיעהריגער פריינדשאַפט.

—דו ביזט אויף מיר נישט בייז, גאָליצין?

—פאַרוואָס, מאַיעסטעט? איהר ווייסט דאָך אַליין, אַז איך האָב מיך שוין לאַנג געוואָלט אָנגעבען אין דימיסיע.

—ביזטו באמת נישט בייז? אַ האָהרעלע, אַ טראָפּעלע אויך

נישט?—האָט געפרעגט דער קייזער מיט יענעם ליעבען שמייכעל, פאַר וועלכען ספעראַנסקי האָט איהם אַמאָל אָנגערופען „אַנ׳-אמת׳ער פערפיהרער.“

—נו, באמת גאָרנישט!—האָט אויך גאָליצין נישט-ווילענדיג אַ שמייכעל געטהאָן.

אויב ער איז יאָ טיעף אין האַרצען בעליידיגט געווען, איז עס נישט דורך דער דימיסיע, נישט דורך פאָטיוס׳עס חרם און אפילו נישט דערפאַר, וואָס מען האָט איהם, אַ דרייסיגיעהריגען פריינד, פעררעטען צו דעם אויסוואורף אַראַקטשייעוו. בעליידיגט איז ער געווען דערפאַר, וואָס מען נאַרט איהם און מען גלויבט איהם נישט.

—גאָט וויס בעסער פון אונז, וואָס מיר בעדאַרפען האָ-בען. וועלען מיר זיך פערלאָזען אויף זיין רצון און האָפען, אַז אַלץ געהט צו בעסערס,—האָט גאָליצין געזאָגט מיט יענעם לע-דיגען קול, מיט וועלכען עס ווערען שטענדיג אַרויסגעזאָגט אַזוינע ווערטער.

—יאָ, אַלץ צו בעסער, אַלץ צו בעסער,—האָט דער קייזער צוגעשטימט מיט אַזאַ מין האָפנונגסלאָזען טאָן, אַז גאָליצין, וואָס האָט שוין פערגעסען אין זיין בעליידיגונג, האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם, ווי אַ גוטע ניאַנע אויפ׳ן קינד.—וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? וואָס טראַכסטו?

—מאַיעסטעט, מעג איך זיין אָפענהערציג?

—איך בעט דיך דעריבער.

—איך טראַכט, ווי אַ סך, וואַהרשיינליך, טראַכטען, קוקענדיג אויף אייך: צי שטעהט ער אויף דער געהעריגער הויך פון דער מאַכט? דער רעטער פון רוסלאַנד, דער בעפרייער פון אייראָפאַ, דער אַגאַמעמנאָן אונטער מלכים,—

אַלעקסאַנדער, פריעדענסקייזער!
ביזט פון הימעל אונז געשיקט,
שוץ און טרייסט פון פירשטענהייזער,—
ס׳האָט דיין שווערד אין האַנד געגליקט,—

אַזוי פלעגען מיר זינגען אַמאָל, בשעת מיר פלעגען בעגעגענען

דעם גאָט-געבענשטען. וואָס-זשע בעדאַרף ער נאָך? וואָס איז מיט איהם? וועגען וואָס טרוימט ער?..

דערדאָזיגער שמועס איז פאָרגעקומען ביים מיניסטער אין הויז, אויף דער פאַנטאַנקע, געגען דעם מיכאַילאָווער שלאָס, אין אַ קליין צימערל, נעבען דעם הויז-קלויסטערל. דאָס איינציגע פענסטערל איז געווען אינגאַנצען פערשטעלט אַזוי, אַז אַהער האָט נישט אַריינגעדרונגען קיין שום שיין און קיין שום קלאַנג פון טאָג, אויסער דאָס געזאַנג פון קלויסטערל. און אַז מען האָט אין קלויסטערל נישט געדאַווענט, איז דאָ געווען שטיל, ווי אין אַ קבר. פאַר אַ גרויסען הילצערנעם צלם איז, אָנשטאָט אַ לאָמפּ, געהאַנגען אַ גרויס האַרץ פון טונקעלרויטען גלאָז מיט אַ פייער אינווייניג און דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון פליסענדי-גען בלוט.

—איך ווייס אַליין נישט, וואָס דאָס איז,—האָט דער קיי-זער געזאָגט נאָך אַ לאַנגען שווייגען.—בשעת די באָבעשי האָט אונז געלערנט אַסטראָנאָמיע, האָט זי אונז געגעבען קוקען דורך אַ פעררויכערטען גלאָז. און אָט קוק איך איצט אויף אַלץ ווי דורך אַ טונקעלען גלאָז—אַ מין לקוי-חמה. דו ווייסט די תפילה: דו שטויס מיך נישט אָב פון דיין געשטאַלט און דיין היי-ליגען גייסט נעהם מיר נישט אַוועק. דאַכט זיך, אַז מיין תפילה איז נישט מקוים-געוואָרען. ער האָט מיך אָבגעשטויסען...

—רעדט נישט אַזוי, מאַיעסטעט, פרובט נישט אויס גאָט!

דער קייזער האָט אַ קוק געטהאָן אויף גאָליצינ'ען: אויף זיינע ווייכע קנייטשעלעך ליעגט עפּיס אַ גרייטקייט צו בעדיענען, ווי ביי אַנ'אַלטער ניאַנע אָדער ווי ביי אַנ'אַלטער פערמיטלערין. נישט קיין שטיין, אויף וועלכען מען קאָן זיך אָנשפּאַרען, נאָר אַ קישען, אין וועלכען מען קאָן וויינען, שרייען פון וועהטאָג— קיינער וועט נישט הערען.

—איך האָב נישט קיין טענות צו גאָט, גאָליצין, גאָט זאָל מיך אויסהיטען! קאָן איך דען פערגעסען די אַלע חסדים, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעוויזען? „ער וועט זיינע מלאכים פער-צעהלען פון דיר“-געדענקסטו, בשעת נאַפּאָלעאָן איז איבערגע-

גאַנגען דעם ניעמאַן, האָבען מיר געפּרובט טרעפען לויט׳ן תהילים, און די דאָזיגע ווערטער זענען אונז געקומען פאַר די אויגען. די נבואה איז מקוים-געוואָרען: די מלאכים האָבען מיך אַוועקגע-טראָגען אויף די הענד, און מיר איז געווען אַזוי רוהיג צווישען די גרויסע שרעקען, ווי אַ קינד בּיי דער מוטער אין שויס. גאָט איז געגאַנגען פאָראויס פון אונז. ער האָט מנצח-געווען אונזערע פיינד, און נישט מיר. און וואָס פאַר אַ נצחונות—פון מאָסקווע ביז פּאַריז! וואָס פאַר אַ רוהם, נישט פאַר אונז, נישט פאַר אונז, נאָר פאַר דיין נאָמען, גאָט: ווען מיר האָבען אויפ׳ן קאָנקאָרד-פּלאַץ אָפּגעריכט אַ תפילה און אָפּגערייניגט דאָס בלוטיגע אָרט, וואו לודוויג XVI איז געטויט געוואָרען, און צוזאַמען מיט אונז האָט געקניהט גאַנץ אייראָפּאַ, האָב איך זיך געגעבען אַ נדר צו דער-פיהרען ביז׳ן סוף גאָטס זאַך: אויפפאָדערן אַלע פעלקער צו גע-האָרכען דאָס עוואַנגעליום; גאָטס געזעץ שטעלען העכער איבער אַלע מענשליכע געזעצען; אַוועקלעגען אַלע סצעפּטערס און קרוי-נען צו די פיס פון דעם איינציגען מלך המלכים—אָט וואָס איך האָב געוואָלט, אָט צו וואָס איך האָב געשלאָסען דעם הייליגען פערבאַנד...

גערעדט האַסטיג און אויפגערעגט; אויפגעשטאַנען און גע-גאַנגען איבער׳ן צימער. נישט-געקוקט אויפ׳ן רויטען ליכט פון לאָמפּ, האָט מען דאָך געקאָנט זעהן, אַז זיין פּנים איז בלאַס. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט, אָנגעלעהנט די עלענבויגענס אָן די קניה און אויף די הענד אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ.

—אין וואָס, אַלזאָ, איז מיין שולד? איך זוך, שטרענג-אָן דעם זכרון, טראַכט: וואָס האָב איך געטהאָן? וואָס האָב איך געטהאָן? פאַרוואָס האָט מיך גאָט פערלאָזט?...

גאָליצין האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער ער האָט דער-פיהלט, אַז מען בעדאַרף נישט ריידען, אַז מען קאָן דאָ נישט טרייסטען. ער האָט איהם בלויז אָנגענומען שטיל פאַר דער האַנד, אַ קוש געטהאָן זי און זיך צעווייגט.

 אָבער ביידע זענען געווען בעלי-עבירה׳ניקעס, ביידע האָ-

בען געליטען. אָבער גאָטס וואָהרהייט איז געווען דערין, וואָס אַ בעל-עבירה׳ניק אויף אַ בעל-עבירה׳ניק, אַ ליידער אויף ליידער האָט רחמנות געהאַט.

—אַ דאַנק, גאָליצין. איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליעב,— האָט ער אַרויסגעזאָגט דורך טרעהרען, קושענדיג דעם אָבגע-בויגטען פליכעוואַטען קאָפּ.

—נישט איך, נישט איך אַליין, מאַיעסטעט, גאַנץ רוסלאַנד, פופציג מיליאָנען אונטערטאַנען אייערע

—נו, וועגען די אונטערטאַנען לאָמיר בעסער נישט ריי-דען,—האָט דער קייזער פערקרימט מיט עקעל דאָס געזיכט.— וואָס זייער ליעבע איז ווערט, דאָס ווייס איך. אין מאָסקווע, בשעת דער קרוינונג, האָט מיך אַ המון אַזוי איינגעפרעסט, אַז די פערד האָבען נישט געקאָנט געהן פאָראויס. מענשען האָבען זיך געוואָרפען די פערד אונטער די פיס, געקושט מיר די קליי-דער, די שטיוועל, די פערד, מען האָט זיך געצלמ׳ט אויף מיר, ווי אויף אַ הייליג בילד. „היט זיך,—שריי איך,—דאָס פערד קאָן נאָך עמיצען קאַלעטשען!” אָבער זיי: „קייזער-פאָטערל, אונזער שען זונעלע, מיר וועלען דיך און דיין פערד אויפ׳ן פלייצע אַוועקטראָגען—אונז איז לייכט אונטער דיר!” און אין צוועלפטען יאָהר, אין פעטערבורג, אין טאָג פון דער קרוינונג, בשעת עס איז געקומען די ידיעה, אַז מאָסקווע ברענט, האָט מען פון מי-נוט צו מינוט געוואַרט אויף אַ בונט. מען האָט בעדאַרפט פאָה-רען אין קאַזאַנישען סאָבאָר צו דער מעסע. און אָט ווי איצט געדענק איך: איך מיט דער קייזערין געהען-אַרויף אויף די שטי-גען פון קלויסטער צווישען צוויי ווענד פון מענשען, און עס איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט נאָר דעם קלאַנג פון אונזערע טריט. איך בין נישט קיין פחדן, גאָליצין, דו ווייסט עס—אָבער דעמאָלט איז עפּיס שרעקליך געווען. וואָס פאַר אַ בליקען! וואָס פאַר אַ פנימ׳ער! איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען... אָבער דערנאָך, ביי דעם ערשטען ערפאָלג, ווידעראַמאָל: „קייזער-פאָטערל, שען זונעלע אונזערס!” אָבער איך האָב שוין געוואוסט, וואָס זייער ליעבע איז ווערט. מענשען זענען געמיין, און פעלקער זענען

טיילמאָל אויך אַזוי געמיין, ווי מענשען...

—זענט אָבער נישט צו-שטרענג, אייער מאַיעסטעט: אייער רוהם איז דער רוהם פון רוסלאַנד. איז דען רוסלאַנד נישט אויפגעשטאַנען, ווי איין מענש, אין אַ שווערער צייט?

—אַ בערין שטעלט זיך אויך אויף די הינטערשטע לאַפּעס, בשעת מען יאָגט זי אַרויס פון דער נאָרע,—האָט דער קייזער געזאָגט און מיט דעם אייגענעם עקעל פון דאָסניי געדריקט מיט די אַקסלען.—אָבער כון וואָס איז דאָ צו ריידען? זיי איז אונטער מיר לייכט, אָבער מיר איז אונטער זיי שווער—שווער צו פערראַכטען דאָס אייגענע פאָטערלאַנד. וועסטו גלויבען, פריינד, פאַרהאַן אַזוינע מינוטען, ווען עס ווילט זיך צוהאַקען דעם קאָפּ אָן דער וואַנד!

עפּיס האָט אויפגעפלאַמט אין זיינע אויגען, און גאָליצינ'ען האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז באַלד וועט ער אָנהויבען ריידען פון דער חיה, וואָס עסט איהם זיין אינגעווייד. אָבער עס האָט נאָר אויפגעפלאַמט—און באַלד פערלאָשען געוואָרען, און ער האָט אָנגעהויבען ריידען פון עפּיס אַנדערש.

—געדענקסטו, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, בשעת איך האָב אונטערגעשריבען דעם מאַניפעסט וועגען איבערנעהמען דעם טראָן?

—איך געדענק, אייער מאַיעסטעט.

—נו, בעדאַרפסטו פערשטעהן, וואוהין איך ציעל.

דער מאַניפעסט,—אַז קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש זאָגט זיך אָב פון טראָן און אַז ניקאָלאַי ווערט בעשטימט פאַר אַ טראָנפאָלגער איז אין הערבסט אונטערגעשריבען געוואָרען אין צאַרסקאָיע סעלאָ. אויפ'ן פּערזיגעלטען קאָנווערט האָט דער קייזער אָנגעשריבען: „צו היטען אין דעם אוספּענישען סאָבאָר צוזאַמען מיט די אַנדערע מלוכה-אַקטען ביז איך וועל אַרויספאָדערן. אין פאַל פון מיין טויט—עפענען עס פריהער פון אַלץ.“ אין רוסלאַנד האָבען דערפון געוואוסט בלויז דריי מענשען: דער, וואָס האָט אָנגעשריבען דעמדאָזיגען מאַניפעסט—גאָליצין, אַראַקטשייעוו און דער מאָסקווער אַרכיעפּיסקאָפּ פילאַרעט. דעמאָלט האָט דער קייזער

אַרויסגעזאָגט עטליכע אונפערשטענדליכע ווערטער וועגען דער מעגליכקייט, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון טראָן. גאַליצין האָט גע־שטוינט, זיך געשראָקען און דערנאָך פערשטאַנען, אַז די ווער־טער אויפ׳ן קאָנווערט: „ביז איך וועל אַרויספאָדערן״, ווייזען טאַקי אָן אויף דער מעגליכקייט, אַז דער קייזער אַלעקסאַנדער פּאַווּלאָ־וויטש זאָל זיך אָבזאָגען פון טראָן.

—פערשטעהסטו, וואוהין איך ציעל? האָט דער קייזער אי־בערגע׳חזר׳ט.

—איך האָב מורא צו פערשטעהן, אייער מאַיעסטעט...

—וואָס איז דאָ וואָס מורא-צו-האָבען? אַ סאָלדאַט נאָך פינפאונצוואַנציג יאָהר דיענסט ווערט דאָך אויך בעפרייט. שוין צייט מיר אויך. מען מוז דאָך אַמאָל אַ טראַכט טהאָן וועגען דער נשמה אויך...

גאָליצין האָט געקוקט אויף איהם מיט דער אייגענער מורא, ווי דעמאָלט אין צאַרסקאָיע סעלאָ: דאָס אָבזאָגען זיך פון טראָן האָט איהם אויסגעזעהן ווי משוגעת.

—איך האָב דיר עס שוין לאַנג געוואָלט זאָגען,—האָט דער קייזער ווייטער געזאָגט,—דו האָסט עס דעמאָלט אַזוי גוט אָנ־געשריבען. פּרוב זיך, אפשר וועט דיר אויך איצט געלינגען?

—בעפרייט מיך דערפון,—האָט גאָליצין אַרויסגעמורמעלט אַ צומישטער,—וואָלט איך עס דען געקאָנט? וואָלט זיך מיר אויס־געהויבען די האַנד? און ווער וועט עס גלויבען? ווער וועט עס איינגעהן דערויף? אייער מאַיעסטעט, ווען דאָס פאָלק, גאָט זאָל אויסהיטען, זאָל זיך דערוויסען דערפון, טאָ וואָס פאַר אַ פאָלגען וואָלטען געקאָנט זיין...

—און אפשר איז עס ווירקליך אַזוי,—האָט דער קייזער שמייכעל געטהאָן אַזוי, אַז אַ קעלט איז גאָליצינ׳ען אַדורכגעלאָ־פען איבער׳ן רוקען: איהם איז געקומען אויפ׳ן זכרון דעם קיי־זער פּאַוועלס שמייכעל, בשעת יענער איז משוגע-געוואָרען.—מען וועט נישט גלויבען, נישט איינוויליגען, נישט אָבלאָזען אַ לעבע־דיגען... ווי-זשע זאָל זיין, האַ? מאַכען זיך פאַר אַ טויטען.

וואָס? אָדער אַוועקגעהן, ווי אַנ׳אָרימער גע-ונד׳ניק, ווי יעַנ...

וואָס וואַנדערן איבער׳ן גרויסען שליאַך—וויפיעל מאָל האָב אין זיי מקנא-געווען? אָדער אַנטלויפען, ווי יענס יונגעל אין העט זעמאַנס גאָרטען, וואָס האָט איבערגעלאָזט די קריעגסלייט זיין לייב-צודעק און איז אַנטלאָפען אדם-נאַקעט? אַזוי, וואָס? אַזוי, וואָס, האַ?

ער האָט גערעדט שטיל, אַזוי ווי פאַר זיך, פערגעסענדיג אָן גאָליצינ׳ען. פלוצלונג האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף איהם און אַדורכגעפיהרט מיט דער האַנד איבער׳ן פנים.

—נו, וואָס? זיך דערשראָקען, מיינסט, אַז איך בין פון זינען אַראָב? נו, שרעק זיך נישט, איך האָב עס געשפאַסט. איך וועל מיך פאַר אַ טויטען נישט מאַכען און וועל אדם-נאַקעט נישט אַנטלויפען... אָבער פון דער אַבדיקאַציע גיב יאָ אַ טראַכט. און אויך נישט איצט, נישט איצט, שרעק זיך נישט, אפשר גאָר נישט אַזוי גיך. אָבער אַ טראַכט טהאָן בעדאַרף מען. און אַ דאַנק, וואָס דו האָסט מיך אויסגעהערט. נישט געווען מיט וועמען צו ריידען, אָט האָב איך מיך דורכגערעדט, איז לייכטער געוואָרען.. אַ דאַנק, מיין פריינד! איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פערגעסען.

אויפגעשטאַנען, אַרומגענומען איהם און אָנגעשעפטשעט איהם עפּיס אויפ׳ן אויער. גאָליצין האָט אויפגעעפענט אַ פערבאָרגען שקאַפעל ביים פוס פון קרייץ און אַרויסגענומען אַ גאָלדען גע-פעס. דריי מאָל האָט מען זיך צוקושט און דערביי אַרויסגעזאָגט יענע ווערטער, וואָס די גלחים זאָגען. צווישען זיך, בשעת זיי טרעטען-צו צום סאַקראַמענט.

—כריסטוס איז צווישען אונז.

—ער איז איצט און אַלעמאָל.

זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה און זיך פערנויגט ביז צו דער ערד און דערביי גענומען זאָגען קלויסטער-תפילות און אַנ-דערע, פערבאָרגענע אייגענע תפילות. זיי האָבען געזאָגט און גע-זונגען מיט פאַלשע, אָבער געניטע שטימען:

גאָט בעשירם מיך פון בייזען,
זאָלסט פון אומגליק מיך דערלייזען,—
זיי מיך מציל, גאָט.

דעם קייזערס ליעבסטע תפילה; דאָס זענען געווען פערזען פון אַ מאַסאָנישען שיר און זענען אויך געווען אויסגעקריצט אויף אַ קליין הייליג בילדעל, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגען אויף דער ברוסט. געזונגען האָט מען משונה-טריב און יאָמערליך, פונקט ווי אַנ׳אַלטען ראָמאַנס.

—פערשטויס מיך נישט פון דיין געשטאַלט און דיין הייליגען גייסט נעהם נישט אַוועק פון מיר!—האָט דער קייזער אויסגעשריען מיט אַ ציטריגען קול און איבער׳ן פנים האָבען זיך איהם געקוייקעלט טרעהרען, וואָס זענען אין רויטען שיין פון לאָמפּ אויסגעקומען ווי טראָפּענדלעך בלוט.—נעהם מיר נישט אַוועק דיין גייסט! נעהם מיר נישט אַוועק!—האָט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ פערשטיקטען געוויין און געקלאַפּט מיט׳ן שטערען אָן דער פּאָדלאָגע; אין זיין געוויין האָט זיך עפּיס געהערט אַזוינס, פון וואָס גאָליצינ׳ען איז ווידעראַמאָל אַדורכגעלאָפען אַ קעלט איבער׳ן לייב.

גאָליצין האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ גלח אין קלויסטער:

—נעהם עס אָן: דאָ[illegible] מיין גוף, וואָס איז פאַר אייך געבראָכען געוואָרען...

דערנאָך האָט ער אָבגעריכט דעם קייזער דאָס אָבענדמאָל און דער קייזער איהם.

ווען פאָטיוס וואָלט זיי דערזעהן אין דערדאָזיגער מינוט, וואָלט ער פערשטאַנען, אַז נישט אומזיסט האָט ער זיי מחרים-געווען.

דער פאָטער פּעאָדאָסי לעוויצקי, אַ גלח פון באַלטע, וואָס האָט אַליין געשטאַמט פון׳ם דאָרף קאָריטנאָיע, האָט צוגעשיקט דעם קייזער אַ ספר וועגען דעם, אַז משיח בעדאַרף באַלד קומען. דער קייזער האָט געוואָלט זעהן דעמדאָזיגען גלח. האָט מען איהם געבראַכט אויף אַ פעלדיעגערישען וואָגען פון באַלטע קיין פּעטערבורג גלייך אינ׳ם ווינטערפּאַלאַץ אַריין. און אָט דער גלח האָט אויסגעלערנט דעם קייזער דעמדאָזיגען געהיימען סאַקראַמענט פון דער אינערליכער קירך, וואָס האָט מעהר ממשות, איידער די אויסערליכע לאַנד-קירכעס.

און בעזונדערס איצט, נאָך פאָטיוס׳עס חרם, האָט דער קייזער בעסער געהאַלטען פונ׳ם פערבאָרגענעם סאַקראַמענט, איידער פונ׳ם עפענטליכען, וואָס ווערט געפיהרט אין די קלויסטערס.

נאָכדעם האָבען זיי אָבגעזאָגט אַ תּפילה, וואָס דער אייגענער באַלטער גלח האָט זיי אויסגעלערנט: וועגען דער ישועה פונ׳ם גאַנצען מענשליכען מין, וועגען דעם, אַז אויף דער ערד זאָלען קומען משיח׳ס צייטען, אַזוי ווי אויפ׳ן הימעל און אַז די אַלע קלויסטערס זאָלען פעראייניגט ווערען אינאיינעם.

זיי זענען אַרויס פון קאַבינעט. דער קאַלטער שיין פון טאָג האָט זיי אַ שניט געטהאָן אין די אויגען נאָך דעם טונקעלרויטען וואַרימען ליכט אין קאַבינעט, פונקט ווי זיי וואָלטען איבערגעגאַנגען פון יענער וועלט אויף דער וועלט. און די פנים׳ער האָבען זיך געענדערט: אָנשטאָט געהיימע ברידער פון אַנ׳אונגעזעהענער קירך—פון דאָסניי צאַר און מקורב פון צאַר.

מען האָט גענומען שמועסען פון געוועהנליכע ענינים.

—יאָ, גאָליצין, נישט לאַנג האָב איך געבעטען מאַריע אַנטאָנאָוונ׳ען, זי זאָל נישט אויפנעהמען דעם פירשט וואַלעריאַן, דיין פלימעניק. איך ווייס נישט, וועגען וואָס רעדט ער דאָרטען מיט סאָפיע׳ן, אָבער דידאָזיגע געשפּרעכען רעגען זי אויף און זי בעדאַרף האָבען בלויז רוה. זאָג עס איהם דאָרטען, אָבער אַזוי, אַז ער זאָל זיך נישט בעליידיגען.

—וואָס רעדט איהר, מאַיעסטעט, ווי אַזוי וועט ער זיך דערוועגען צו בעליידיגען?

—ניין, פאַרוואָס נישט?.. דאַכט זיך, אַ וואוילער יונג און נישט קיין נאַר, אָבער מיט די היינטיגע פרייע געדאַנקען אין קאָפּ, האַ?

—אָך, רעדט שוין גאָרנישט, קייזער! האָט עס מיך גאָט געבענשט מיט אַ פלימעניקעל. אַנ׳עכטער קאַרבאָנאַר. די האָאָר שטעלען זיך קאַפויר, ווען דו הערסט דידאָזיגע לייט. איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, אויף וואָס זיי זענען פעהיג. סיביר איז פאַר זיי ווייניג!

—נו געניג, צו וואָס סיביר? רחמנות: בעדאַרף מען האָבען

אויף זיי. דאָך אונזערע קינדער און פון אונז, זייערע פּאָטערס, וועט אויפגעמאָנט ווערען פאַר זיי...

פון דאָסניי האָט איהם אויף אַ רגע עפּיס אויפגעפלאַמט אין די אויגען; פון דאָסניי האָט גאָליצין'ען אויסגעוויזען, אַז אָט-אָט וועט ער אָנהויבען ריידען וועגען דער הויפּטזאַך, וואָס דערויף האָט ער אפשר פערפיהרט דעם גאַנצען שמועס.

אָבער אויפגעפלאַמט—און אויסגעלאָשען געוואָרען, און גאָליצין האָט פערשטאַנען, אַז ער וועט שוין קיינמאָל גאָרנישט זאָגען—כאָטש די שרעקליכע חיה זאָל איהם צופרעסען ביז'ן טויט׳ ער וועט אַלץ ליידען און שווייגען.

דריטעס קאַפּיטעל.

פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאָליצין האָט זיין פּלימעניק, דעם פירשט וואַלעריאַן, איבערגעגעבען דעם קייזערס פערלאַנג, ער זאָל אויפהערען צו בעזוכען די נאַרישקינס. אָבער אַז מאַריע אַנטאָנאָוונע האָט עס דערהערט, האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל נישט צונעהמען ביי איהר קראַנקער, מעגליך גוסס'ער טאָכטער, איהר לעצטע נחמה און געבעטען דעם פירשט, ער זאָל זי בעזוכען, ווי פריהער. דערביי האָט זי פערשפּראָכען, אַז בנוגע צום קייזער נעהמט זי אויף זיך די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט. מיט סאָפיעס חתן, מיט'ן גראַף שובאַלאָוו, האָט זי זיך צוקריעגט און געזאָגט, אַז ווען סאָפיע זאָל אפילו געזונד ווערען, וועט זי נישט חתונה-מאַכען איהר טאָכטער מיט דעמדאָזיגען פאַרשוין, און דער קייזער מעג זיך זעהר וועלען: אין קריעג איז זי אויך געוועזן אַזוי האַסטיג און פער'עקשנ'ט, ווי אין ליעבע.

אַזוי האָט מאַריע אַנטאָנאָוונע בעשלאָסען און אַזוי איז געוועזן: פירשט וואַלעריאַן האָט אַלץ בעזוכט סאָפיע'ן און זיך בלויז געסטאַרעט נישט צו טרעפען זיך מיט'ן קייזער. אויסמיידענדיג דידאָזיגע בעגעגענישען, פלעגט ער אַוועקפאָהרען קיין פּעטערבורג, וואו ער פלעגט פערברענגען על-פי-רוב די צייט מיט זיין נייעם פריינד, מיט'ן פירשט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש

אָדאָיעווסקי. מיט איהם האָט ער זיך געהנטער בעפריינדעט, ,,מיט די איבעריגע מיטגלידער פון דער געהיימער געזעלשאַפט.

אַ צוואַנציגיעהריגער קאָרנעט, אַ שענער יונג—בלוט און מילך, די לאָקען אַשפּאַרביגע, פּונקט ווי גרויע, די אויגען בלוי, שטענדיג עטוואָס פערזשמורעט, מיט אַ שמייכעלע—פלעגט מען איהם אין פּאָלק רופען „יונג מיידעלע". עס וואָלט איהם פיעל מעהר געפּאַסט צו שפּיעלען מיט אַזוינע קינדער, ווי ער, און נאָכצויאָגען זיך נאָך שמעטערלינגען, איידער צו זיין אַ פערשווערער.

—איך בין פון נאַטור זאָרגלאָז, ווינדטיג און פויל,—פלעגט ער זאָגען וועגען זיך,—איך האָב נאָך אין מיין לעבען קיין שום אונאָנגענעהמעס נישט געפיהלט, איך בין צופיעל גליקלין.

מיר רייסען שטיל די בלומען
אין סאַמע רעכטען בליהען,
און זאָל זיך אונז דאָס לעבען
אין פוילקייט לאַנגזאַם ציהען.

—דאָס איז געזאָגט געוואָרען וועגען אַזוינע, ווי איך.

אין די סאַמע הייסע ויכוחים וועגען גורל פון רוסלאַנד, וועגען פרייהייט, וועגען „דער קינפטיגער פערפאָלקאָמונג פון דער מענשהייט", פלעגט ער שווייגען, צו-שמייכלען און דערנאָך מיט אַמאָל זיך אויפהויבען און אַ כאַפּ טהאָן זיין קיווער מיט'ן ווייסען סולטאַן.—„וואוהין געהסטו?"—„אויף נעווסקי פּראָספּעקט."—און ער האָט מיט אַזאַ לייכטזיניגער מינע געקלאַפּט מיט זיין שווערד איבער'ן טראָטואַר, פּונקט ווי אויסער שפּאַצירען און פּאַראַדען וואָלט פאַר איהם גאָרנישט עקזיסטירט. אָדער ער פלעגט זיך אַריינכאַפּען אין אַ קאָנדיטערייע און זיך דאָרט אָנעסען מיט טשאַסטקעס, פּונקט ווי אַ שול-יונגעל, וואָס איז אַנטלאָפען פון די לעקציעס.

אָבער אונטער דערדאָזיגער קינדישקייט האָט געברענט אַ שטילער פלאַם פון ליעבע. די מוטער האָט ער אַזוי ליעב געהאַט, אַז ער האָט קוים איבערגעלעבט איהר טויט. „די מוטער איז פאַר מיר געווען אַ צווייטער גאָט,—האָט ער געשריבען דעם ברודער.—פון שוואַכקייט האָב איך עס איבערגעטראָגען. איך בין

געווען אָבגעשוואַכט, נאָך שוואַכער פון אַ קליין קינד.״ די מוטער פלעגט איהם עפטער קומען צו חלום, פונקט ווי זי וואָלט איהם גערופען צו זיך און דעמדאָזיגען רוף האָט ער געהערט. טיילמאָל פלעגט איהם בעפאַלען אַנ׳אומעט אין די סאַמע פרעהליכסטע מינוטען, און דעמאָלט פלעגט איהם קומען אויפ׳ן זכרון אַנ׳אַנדער ליעד.

ווי אַ בלום, וואָס ווערט פערכאַפּט באַלד פון דער קאָסע...

נאָך דער מוטער האָט ער מעהר פון אַלץ אין דער וועלט ליעב געהאַט מוזיק.

—אַלע ווערטער לייגען. בלויז מוזיק גענאַרט נישט.״

און די רעדעס וועגען פרייהייט זענען פאַר איהם אויך געווען מוזיק. יעדער ליגען אין זיי האָט איהם בעליידיגט, ווי אַ פאַלשע נאָטע און איבערגעלאָזט אויפ׳ן האַרצען עפּיס אַ נעבעלהאַפטען שפור, ווי דער אָטעם אויף אַ שפּיגעל.

—איהר שטרעבט צו הויכע זאַכען, איך אויך: לאָמיר זיין פריינד! —האָט ער פאָרגעלעגט גאָליצינ׳ען כמעט אויפ׳ן צווייטען טאָג פון דער בעקאַנטשאַפט.

יענער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, אָבער ער האָט איהם אויסגעשטרעקט די האַנד. און אין מינוטען, ווען גאָליצין האָט געצווייפעלט אין זיך, אין אַנדערע, אין דער אַלגעמיינער זאַך,— האָט ער זיך נאָר בעדאַרפט דערמאָהנען אָן דעם ליעבען סאַשע׳ן, אָן דעם שטילען יונגעל—און באַלד איז איהם לייכטער געוואָרען און באַלד האָט ער ווידער געגלויבט.

זיי פלעגען פיהרען שרעקליך לאַנגע ויכוחים. אָנגעהויבען אין שטוב, פלעגען זיי ווייטער פיהרען דידאָזיגע ויכוחים אויף דער גאַס אָדער הינטער דער שטאָדט, ערגעץ אויף די אינזלען.

אויף דער קרעסטאָווסקי-אינזעל, אויף אַנ׳אַלעע, בעשאָטען מיט געלען זאַמד און אַרומגעשטעלט מיט ווייסע טומבעס, וואָס האָבען געשמעקט מיט פרישען פאַרב, האָבען אַרטיג שפּאַצירט יונגע קאָלעגיענראַטען מיט ראָהר-שטעקעלעך אין די הענד; עס האָבען אויך שפּאַצירט אַלטע שטאַטסראַטען מיט זייערע ווייבער און טעכטער אין שטרויענע היט און הויבען. זיי פלעגען הערען די

האָרנמוזיק,—עהנליך צו אָרגעלקלאַנגען—פון דער פרעכטיגער ווילע מאָן-פלעזיר אויף דער אַפּטייקער-אינזעל, און זיך געקוויקט מיט דער „באַלזאַמישער לופט". און דאָ, אויפ'ן גראָז, אונטער'ן אָווענד-קוואַקען פון די פראָשען אין די זומפען און ראָווען און אונטער די טריב-פרעהליכע קלאַנגען: „אַך, מיין ליעבער אויגוסטין, אויגוסטין", האָבען דייטשע אַרבייטער געטאַנצט דעם גרויספאָטער. עס האָט געשמעקט מיט פרישען גראָז, מיט סמאָלע פון יעגל-בוימער, מיט בראָטוואורשטלעך און מיט איבערגעברענטער ציקאָריע פון דער נייער רעסטאָראַציע, וואו מען האָט געריםפּעלט אויף פידלען, וואו ציגיינערינס האָבען זיך געריסען אויף די העלזער און שכּור'ע גוואַרדיע-אָפיצירען האָבען געבושעוועט. אויף דער קרעסטאָווסקי-אינזעל האָט זיך דער עולם אויסגעצייכענט מיט פרייע מדות, ווי אין דער גאָלדענער צייטאַלטער. מען האָט דאָ געמעגט אפילו רויכערן, וואָס אויף די פעטערבורגער גאַסען פלעגט מען דערפאַר אַרעסטירט ווערען. יונגע סוחרים'לעך פון גאָסטיני דוואָר זענען געפאָהרען איבער דער קליינער נעווקע, פערפאָהרען צו די פישער, זיך געלאָזט קאָכען אַ פישזופּ, זיך געריסען אויף די העלזער און זיך געאַמפּערט איבער דעם, ווי אַזוי דער אַרטיסט יאַקאָוולעוו שפּיעלט זיין ראָל אין דער פיעסע „דמיטרי דאָנסקאָי". אויך אַלטע סוחרים מיט זייערע ווייבער פלעגען זיצען אויפ'ן ברעג, וואָס איז געווען בעוואַקסען מיט מאָך און ברוסניקעס, און פלעגען טרינקען טיי פון טעצעלעך, נעבען סאַמאָוואַרען, וואָס זענען אויך אַזוי ווי זיי געווען גראָבבייכיגע און קופּפּעררויטע אונטער דער פערגעהענדיגער זון.

אין די סאָסנעוועלדער פלעגען פערדונגען ווערען פינישע הייזלעך, און וואו-נישט-וואו זענען געבויט געוואָרען זומערוואוינונגען—אַ מין קאָרטענהייזעלעך, וואו ליעבהאָבער פון דער דאָרפישער נאַטור האָבען אין די נעבעלדיגע בעגינענס זיך געקאָנט קוויקען מיט די גלעקעלעך פון די טשערעדעס און מיט דעם פאַסטוכס האָרנקלאַנגען, „ממש ווי אין דער שווייץ."

דאָ, אין דער נייער רעסטאָראַציע, זיצענדיג פאַר אַ היג-

קענדיגען טישעל מיט אַ פלאַש ביער אָדער וויין, האָבען די צווי פריינד געשמועסט איבער אַזוינע זאַכען, וואָס אַז מען וואָלט זיי אונטערגעהערט, וואָלט מען אַ וואָרט נישט פערשטאַנען. גאָליצין פלעגט דערצעהלען אָדאָיעווסקי׳ן פון זיינע פאַריזער שמועסען מיט טשאַאַדאַיעוו׳ן און אונטער די טריב-פרעהליכע קלאַנגען פון אויגוסטין פלעגט ער איהם איינרוימען אויפ׳ן אויער די ווערטער פון יענער תּפילה, וואָס זיי איז בעשערט געווען צו ווערען, ווי טשאַאַדאַיעוו האָט געגלויבט, די האָסיאַנאַ פון דער קינפטיגער פרייער רוסלאַנד.

אַממעהרסטען האָט אָדאָיעווסקי׳ן אינטערעסירט טשאַאַדאַיעווס געדאַנק וועגען דעם, אַז אָהן גאָט איז נישטאָ קיין פריי-הייט, אַז אָהן דער וועלט-קירך איז נישטאָ פאַר רוסלאַנד קיין ישועה.

—יאָ, דאָס איז די הויפּטזאַך, די הויפּטזאַך!—האָט דער שטילער יונגעל איבערגע׳חזר׳ט און זיך אויפגערעגט און זיך ייערוי-טעלט פון שעמעדיגער שמחה.—דאָס איז וויכטיגער פון אַלץ! אָבער קיינער וועט עס דאָך נישט פערשטעהן...

—אָבער דו האָסט פערשטאַנען?—האָט איהם גאָליצין פלו-צלונג אַ פרעג געטהאָן און איהם אָנגעקוקט מיט יענעם האַסטי-גען שמייכעלע, פאַר וועלכען אָדאָיעווסקי האָט זיך עטוואָס גע-שראָקען; ער האָט שוין לאַנג בעמערקט, אַז גאָליצינ׳ס עהנליכ-קייט צו גריבאָיעדאָוו׳ן, וואָס איז אויך געווען זיין פריינד, איז גראָד געלעגען אין דעמדאָזיגען האַסטיגען, נישט גוטען שמייכע-לע, און דאָס איז איהם נישט געפעלען געווען. אָבער ער האָט מיט איהם קיינמאָל נישט גערעדט וועגען דערדאָזיגער עהנליכ-קייט; ער האָט בלויז געפיהלט דערין עפּיס אונהיימליכעס.—אָבער דו האָסט פערשטאַנען?..

—איך ווייס נישט, אפשר האָב איך נישט פערשטאַנען,—איז אָדאָיעווסקי רויט געוואָרען און זיך נאָכמעהר פערשעמט.—אין דעם ענין פילאָזאָפיע בין איך אַ ביסעל שוואַכליך, מיט׳ן שכל פערשטעה איך נישט אַ סך זאַכען, אָבער נישט אַלץ ווערט דאָך פערשטאַנען בלויז דורכ׳ן שכל אַליין...

—ניין, סאַשע, דאָ בעדאַרף מען אויך מיט'ן שכל; אַ האָה־רעלע טיילט דאָ אָב דעם אמת פונ'ם ליגען, פרייהייט פון קנעכט־שאַפט. צווי תהומ'ן: וועסטו אַ פאַל טהאָן אין איינעם, וועסטו זיך שוין נישט צוריקכאַפּען און וועסט פאַלען ביז'ן אָבגרונד. מען בעדאַרף אויסוועהלען איינס פון די צווי. דו האָסט אויסגע־וועהלט? פערשטעהסט? אפשר האָסטו פערשטאַנען, אָבער נישט אַזוי?

—נישט אַזוי, ווי ווער?

—ווי איך, ווי מיר און טשאַאַדאַיעוו.

—און אפשר האָט איהר נישט פערשטאַנען?

—נו, הייסט עס, אַז מיר האָבען זיך אַליין נישט פער־שטאַנען...

—און וואָס מיינסטו? אַמאָל פערשטעהט מען זיך אַליין אויך נישט...

אין דעם אייגענעם טאָג האָבען זיי זיך אָנבעגעגענט מיט'ן קייזער אויף דער יעלאַגין-אינזעל.

ער האָט געריטען אַליין אויפ'ן פערד, בלויז דער דעזשור־נער פליגעלאַדיוטאַנט האָט איהם נאָכגעריטען פון דערווייטענס דורכ'ן וואַלדוועג פונ'ם נייעם יעלאַגין-פּאַלאַץ צום ברעג ים. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט. דער קאַמעריונקער האָט אַראָבגענו־מען דעם הוט, דער אָפּיציר האָט סאַלוטירט. דער קייזער האָט זיך פערנויגט פאַר זיי מיט אַ ליעבען שמייכעל, מיט וועלכען נאָר ער אַליין האָט זיך געקאָנט פערנויגען—פאַר אַלעמען איין-און־דערזעלבער שמייכעל, און פאַר יעדען אַ בעזונדערער, אַנ'איינציגער.

—וואָס קוקסטו?—האָט גאַליצין געפרעגט אָדאָיעווסקי'ן, וואָס האָט נאָכגעקוקט דעם קייזער מיט אַ פנים, וואָס האָט געלייכטען פון פרייד.

—גאָרנישט... אַזוי...—איז יענער אַזוי ווי געקומען צו זיך און פון דאָסניי רויט געוואָרען, זיך פערשעמט—איך וויס אַליין נישט, וואָס מיט מיר געשיהט, ווען איך זעה איהם... ווי ער האָט עס אַ קוק געטהאָן אויף אונז, אַ שמייכעל געטהאָן...

—האָסטו איהם אַזוי ליעב?

אַדאָיעווסקי האָט געשוויגען און זיך אַלץ מעהר גערויטעלט.

„טאָ צו וואָס ביזטו אין דער געהיימער געזעלשאַפט?“— האָט איהם גאָליצין געוואָלט פרעגען, אָבער יענער האָט אַליין, אָהן דערדאָזיגער פראַגע, געענטפערט:

—ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט, וואָס מיר ווילען, וואָלט ער אַליין דער ערשטער געווען מיט אונז...

—וואָס הייסט מיט אונז? געגען זיך גופא?

—יאָ, יאָ. ער וואָלט זיך אַליין נישט געשאַנעוועט פאַר׳ן וואוילשטאַנד פונ׳ם פאָטערלאַנד, ער וואָלט אַלץ אָבגעגעבען פאַר דער פרייהייט, פאַר׳ן גליק פון רוסלאַנד. אַ קייזער איז אַ פאָטער, טאָ ווי אַזוי קאָן ער פערלאַנגען, אַז זיינע קינדער זאָלען זיין קנעכט. געדענקסטו אין דער הייליגער שריפט: די קינדער זענען פריי...

—דאָס איז דאָך אָבער נישט וועגען קייזער, נאָר וועגען גאָט.

—אַלצאיינס.

ניין, נישט אַלצאיינס...

זיי זענען אַנטשוויגען געוואָרען און אָנגעקוקט איינאַנדער מיט יענער פערוואונדערונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ שנעל געשלאָסענער פריינדשאַפט, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך צום ערשטען מאָל געזעהן.

—פאַרוואָס-זשע ווילען מיר איהם דער׳הרג׳ענען?—האָט ווידער גאָליצין אַ שמייכעל געטהאָן מיט׳ן פריהערדיגען אונהיימליכען שמייכעלע.

—דער׳הרג׳ענען? עך, נשמה מיינס, וועניג נאַרישקייטען בראָקען מיר, וועניג ליגען זאָגען מיר איבער זיך אַליין? און אַז עמיצער זאָל איהם באמת געהן דער׳הרג׳ענען און בעת-מעשה דערזעהן זיין געזיכט, זיינע אויגען, זיין שמייכעל—ווי ער האָט אונז פריהער אַ שמייכעל געטהאָן—וועט זיך דאָך יענעם די האַנד נישט אויפהויבען, דאָס האַרץ וועט זיך אָבזאָגען! נישטאָ אַזאַ קאַלטער גזלן, וואָס זאָל איהם נישט ליעב בעקומען און וואָס זאָל נישט וועלען שטאַרבען פאַר איהם! איך קאָן עס נישט זאָגען, אָבער

דו ווייסט דאָך, ווי דאָס פּשוט׳ע פאָלק זאָגט: „קייזער-פאָטערל, שען זונעלע!” ווער עס האָט עס נישט אין זיך, דער איז נישט קיין רוס. אָבער מיר זענען דאָך רוסען. מיר אַלע האָבען דאָס, אָבער מיר האָבען עס פערגעסען און אַמאָל דערמאָהנען מיר עס...

—די געשמאַקען זענען פערשידען—איינער האָט ליעב דעם קייזער, איינער—פרייהייט,—האָט זיך גאָליצין צולאַכט,—אָבער מען קאָן דאָך גלייכצייטיג נישט ליעבען אי דעם צאַר, אי די פרייהייט...

—פאַרוואָס קאָן מען נישט?

—נו, אָט זעהסטו דאָך, נישט אומזיסט האָב איך דיך פרי-הער געפרעגט, צי דו האָסט אַזוי פערשטאַנען.

—נישט דאָס, נישט דאָס...

—ניין, סאַשע, דאָס טאַקי.

ווידעראַמאָל האָבען זיי זיך אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג, און ווי עס טרעפט טיילמאָל צווישען חברים, האָבען זיי דער-שפירט, אַז זיי ליעבען איינאַנדער, אָבער זיי קאָנען זיך נישט. זענען זיי נישט צו-שנעל חברים געוואָרען?

זיך אומגעקעהרט צוריק אויף דער קרעסטאָווסקי-אינזעל, גענומען אַ שיפעל און אַרויסגעפאָהרען אויפ׳ן ברעג ים.

געווען אַ ווייסע נאַכט; ליכטיג געווען, ווי בייטאָג, אָבער אַלע פאַרבען זענען אָבגעבליאַקירט, אָבגעשאָסען. בלויז צוויי פאַר-בען זענען געבליבען: ווייס און שוואַרץ, ווי אויף אַ צייכנונג מיט קויהל—דאָס וואַסער ווייס, דער הימעל ווייס. און לער מיט אַ שורה לעצטע דורכזיכטיגע וואָלקענדלעך, וואָס האָבען זיך געצויגען פון מזרח ביז מערב. פאַרהאַן אַ שוואַרץ פאַסעקעל ערד, וואָס איז אַזוי ווי דערדריקט, צוזאַמענגעקוועטשט צווישען צוויי ווייסקייטען—וואַ-סער און לופט. אַ שוואַרץ הייזעל אויף היהנערשע פיסלעך; און וויי-טער איז אַלץ פלאַך-פלאַך, ווייס-ווייס און מען קאָן נישט אונטער-שיידען צווישען וואַסער און לופט. אַ טויטע שטילקייט. אין דער-נאָהנט הערט זיך אַ צאַפּעל פון אַ פיש. פון ווייטען קלאַפּט ערגעץ אַ האַק אויף אַ שיף; דאָס דאַמפשיפעל פון בערד, וואָס געהט קיין קראָנשטאַדט, איז די איינציגע דאַמפשיף אין רוסלאַנד—זי

קלאפּט ערגעץ מיט די רעדער איבער׳ן וואסער און זעהט זיך נישט ארויס. און די שטילקייט ווערט נאך גרעסער.

זיי פערהאלטען די רודערס. דאס שיפעל וויעגט זיך ווי א וויעגעל און ווערט אזוי ווי איינגעשלאפען.

מען האט זיך צושמועסט פון גריבאיעדאָוו׳ן.

—בשעת גראף זאוואדאווסקי האט זיך דועלירט מיט שערע־מעטיעוו׳ן צוליעב דער טענצערין איסטאמינא, איז גריבאיעדאָוו געווען א סעקונדאנט,—האט אדאיעווסקי דערצעהלט,—אהן איהם וואלט דער דועל נישט געווען. ביידע האבען שוין געוואלט שלום-ווערען, האט זיי אבער גריבאיעדאָוו פון דאסניי צוהיצט. „פּארוואס, פלעגט ער זאגען, ווייס איך אליין נישט, דער שווארצ־יאהר האט מיך אנגערעדט.״ שערעמעטיעוו איז געפאלען, א פער־וואונדעטער אויף טויט, און זיך געצאפּעלט אויפ׳ן שניי, און דער צווייטער סעקונדאנט, דער גוסאר קאווערין, אפילו א וואוילער יונג, נאר בעת מעשה שכור, איז צוגעלאפען צו איהם, זיך איינ־געבויגט, א פּאטש געטהאן מיט די הענד איבער די זייטען און אויסגעשריען: נו, וואסיע, אט האסטו דיר סאלאט!״ בשעת גרי־באיעדאָוו פלעגט עס דערצעהלען, פלעגט ער לאכען, ווייסט דאך, מיט זיין געלעכטער: פונקט ווי טרוקענע ביינער וואלטען זיך געשאטען פון א זעקעל, אבער ער אליין פלעגט בעת מעשה אויס־זעהן טויט ווי אלע טויטע. אנ׳אומעט איז איהם בעפאלען און ער האט זיך קיין ארט נישט געפונען: ער האט אלץ געזעהן דעם פערוואונדעטען, וואס האט זיך געצאפּעלט אויפ׳ן שניי—אין בלוט אויפ׳ן שניי...

אדאיעווסקי איז אנטשוויגען געווארען, פונקט ווי ער וואלט זיך פערטראכט. און פּלוצלונג האט ער אנגעקוקט גאליצינ׳ען און א פרעג געטהאן:

—נו, וואס, פירשט, איז דיר נישט איינגעפאלען פריהער, בשעת מיר האבען גערעדט וועגען צאר, אז איך קאן ווערען א געמיינער מענש, א פעררעטער?

—ניין, סאשע, נישט פאר דיר שרעק איך מיך, נאר פאר אונז אלעמען. טרוימער זענען מיר, ראמאנטיקער...

—„ליעבהאָבער פון סאַמאָוואַרען-טשאַד”,—אַזוי האָט ער, גריבאָיעדאָוו, זיך אויסגעדריקט איבער די ראָמאַנטיקער,—האָט זיך אָדאָיעווסקי צולאַכט.—אָבער דאָס איז דאָך גוט געזאָגט, אַיאָ?

—יאָ, גוט. פון דעמדאָזיגען טשאַד וועס אונז אַלעמען ווען-עס-איז אָנהויבען איבלען, אָט פאַרוואָס איך שרעק מיך... דו זאָגסט ריכטיג, מיר אַלע זענען העלדען מיט דער צונג, פּלאַפּלען אויף וואָס די וועלט שטעהט. נו, אָט פּלאַפּלען מיר און חלומ׳ען, אָבער אַז עס קומט צו אַרבּייט, בּלייבּען מיר זיצען אין אַ קאַ-לוזשע. און אפשר איז אויך דאָס אמת, אַז מיר האָבען נאָך אַלץ ליעב דעם צאַר און מיר גלויבען, אַז דער צאַר איז פון גאָט. „דער פרומסטער און דער אַליינהערשענדיגסטער קייזער...” די-דאָזיגע ווערטער זענען אונז טיעף אין בּלוט אַריינגעדרונגען. מיר ווייסען עס גאָרנישט, מיר האָבען עס פערגעסען, אָבער קוים וועלען מיר זיך דערמאָהנען, וועלען מיר ווערען געמיין און שוואַך און וועלען ציטערן, ווי קליינע קינדער, און מיאַמלען: „קייזער, פאָטערל, שען זונעלע!” און וועלען זיך איהם וואַרפען צו די פיס. פון אַלץ וועלען מיר זיך אָבזאָגען, אויף אַלץ חרטה-האָבען און אַלץ פערראַטען. מיר וועלען מבזה-זיין אַ גרויסע אידעע. און דאָס וועט אונז קיינמאָל, קיינמאָל נישט פערגעסען ווערען. און מיר וועלען זיך אויך צאַפּלען אויפ׳ן בּלוטיגען שניי און דער רוח וועט איבער אונז אויסשרייען: „וואַסיע, אָט האָסטו דיר סאַלאַט!”

—אָך, האָסט עס שרעקליך, שרעקליך געזאָגט, וואַלעריאַן! גאָט זאָל אונז אויסהיטען!—האָט אָדאָיעווסקי אַרויסגעזאָגט און זיך פרום איבערגע׳צלמ׳ט.

און פון דאָסניי אַנטשוויגען געוואָרען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פערטראַכט. ביידען האָט זיך נאָך געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער די שטילקייט האָט דערשטיקט די ווערטער. די שטילקייט האָט געקלונגען אין די אויערן. דאָס שיפעל האָט זיך געוויעגט, ווי אַ וויעגעלע—און האָט איינגעלולעט. אָדאָיעווסקי האָט זיך אַני-דערגעלעגט אויפ׳ן דעק, פערוואָרפען אַהינטער דעם קאָפּ און זיך פערקוקט אויפ׳ן הימעל.

—און ווייסטו וואָס פאַר אַ חלום מיר האָט זיך נישט לאַנג גע'חלומ'ט,—האָט ער פלוצלונג אַ שמייכעל געטהאָן מיט קינדערשער שמחה,—אַ מאָדנער חלום: עס איז אַזוי ווי ווינטער, נאָך גאָר פריה, אין דרויסען איז פינסטער, און איך זיץ ביים ברודער וואָלאָדיע אין דאָרף, און ער, דער ברודער, שטעהט ביים פענסטער און לייענט פאַר אַ לאָמפּ עפּיס אַ דייטשיש בוך, דאַכט זיך, דעם פילאָזאָף שעלינג. „נו, זאָג איך, געניג דיר צו בלענדען די אויגען, זאָג מיר בעסער, אין גאָט גלויבט דיין שעלינג?"—„גלויבט."—„און אין גאָטס מוטער?"—„אין גאָטס מוטער, זאָגט ער, אויך." „און וואָס, זאָג איך, הייסט ביי אייך מאַריעס שוך"? בלעטערט ער איבער דאָס בוך, געפינט עפּיס אַ זייטעל, אַ שורה, ווייזט-אָן מיט'ן פינגער דערויף און זאָגט: „נאַ, לייען." לייען איך אַדורך: „עס הערשט איינע איילוויזע גוטע איבער די וועלט". „דאָס, זאָגט ער, איז אויף דייטש און אויף רוסיש הייסט עס אָבער: מאַריעס שוך. פערשטאַנען?" „פערשטאַנען." און העל און ליכטיג איז פלוצלונג געוואָרען, פונקט ווי פון דער זון. דאָס ליכט איז אויפגעגאַנגען פון די גרינע טעצעלעך מיט גאָלדענע קאַנטען: קינדווייז פלעגען מיר מילך פון זיי טרינקען, בשעת מיר פלעגען זיין אויפ'ן דאָרף, ביי דער מוטער, אינ'ם אַנטרעסאָל מיט האַלבקיילעכיגע פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען אינ'ם בעראָזע-וועלדעל. דידאָזיגע טעצעלעך זעה איך שטעהנדיג אין אַ גליקליכען חלום: גאָלדענע, גרינע, פונקט ווי די זיי צווישען בעראָזע-בלעטער. און העל און ליכטיג איז געוואָרען פון זיי, פונקט ווי פון דער זון. און עס איז שוין נישט וואָלאָדיעס קול, נאָר עפּיס ווי מוזיק אָדער דער מאַמעס קול רוימט מיר איין אויפ'ן אויער: „גלויב, סאַשע, אַלץ וועט זיין אַזוי ווי איהר ווילט: אי אמת, אי גליק, אי פרייהייט, אָבער גלויב אַז איבער אייך, איבער אַלעמען איז מאַריעס שוך."

אונטער'ן שיפּעל זענען פערשטומט געוואָרען די לעצטע וואַלען; די לעצטע וואָלקענדלעך זענען צוגאַנגען געוואָרען אויפ'ן הימעל, און לער איז ער און ווייס, פונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין הימעל און קיין ערד, קיין וואַסער און קיין לופט נישט

געווען—נישטאָ גאָרנישט, בלויז אַ לערקייט אַרום און אַן׳אונענדליכע ווייסקייט. אָבער דאָרט, וואו עס ליעגט פּעטערבורג, לייכט דער טורמשפּיץ פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג און מען קאָן אויך זעהן אַזוינע שוואַרצע פּינטעלעך—ברעטעלעך, וואָס דאָס וואַסער טראָגט-אָן און שלעפּט צוריק אַוועק. און די ווייסע לערקייט איז עהנליך צו דעם אָפענעם אויג פון אַ מת. און עס איז אויך שטיל און דושנע, ווי אין אַ קבר. און אָט דאָס הייסט מאַריעס שוץ?

—סאַשע, האַ, סאַשע!—האָט גאָליצין אַ רוף געטהאָן—ער האָט געוואָלט דערהערען כאָטש עפּיס אַ קול.

אָבער יענער האָט נישט געענטפערט—אַנטשלאָפען געוואָרען. מעגליך, אַז איהם האָבען זיך איצט ווידער גע׳חלומ׳ט גאָלדענע גרינע טעצעלעך און די מאַמע און מוזיק.

און גאָליצין איז אָנגעפילט געוואָרען מיט שרעק. ער האָט געוואָלט אויסשרייען, ווי פריהער, אָבער ער האָט שוין קיין קול נישט געהאַט, און וואָלט ער אפילו יאָ אויסגעשריען, וואָלט עס געווען נישט ער, נאָר פון איהם וואָלט אַ ווייסער לערער נאַכטמחבל אַרויסגעשריען: „וואַסיע, אָט האָסטו דיר סאַלאַט!"

געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפען ביי זיך אַ שליח מיט אַ בריף פון מאַריע אַנטאָנאָווגע׳ן. זי האָט איהם געשריבען, אַז סאָפיע׳ן איז שלעכט, און געבעטען, ער זאָל אונגעזוימט קומען.

ער האָט פערשטאַנען, אַז זי שטאַרבט-אַוועק.

פֿיערטעס קאַפּיטעל.

אז סאָפיע שטאַרבט, האָט דער קייזער געוואוסט, אָבער ער האָט אויך געוואוסט, אַז מיט דעמדאָזיגען טויט ווערט איבערגעריסען זיין לעצטער פּאָדעם מיט׳ן לעבען. אָבער ווי אַלעמאָל האָט ער זיין וועהטאָג פערבאָרגען פון אַלעמען. ער האָט זיך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אַוועקגעוואָרפען זיינע בעשעפטיגונגען, נישט געענדערט זיינע געוועהנהייטען. ווי אַלע זומער, האָט ער דאָ געוואוינט אויף דער קאַמעני-אינזעל, דאָ אין צאַרסקאָיע אָדער קראַסנאָיע סעלאָ, וואו מען האָט געמאַכט הכנות צו גרויסע מאַנעווערעס, אויף וועלכע ער האָט בעדאַרפט זיין. אָבער וואו ער איז נישט געוועזן—אומעטום האָבען איהם די פעלדיעגערס אַ צוויי-דריי מאָל אין טאָג געבראַכט ידיעות וועגען דער קראַנקער און אַליין פלעגט ער אויך פאָהרען צו איהר כמעט יעדען טאָג.

על-פּי-רוב פלעגט ער זיצען נעבען איהר בעט אַ שווייגענדיגער אָדער ער פלעגט איהר לייענען; עס האָט נישט אויסגעמאַכט וואָס ער האָט געלייענט—זי האָט כמעט אַלץ געהערט, ליעגענדיג אָהן בעוועגונג, מיט אַ פערוואָרפענעם קאָפּ, מיט פערמאַכטע אויגען, איינגאַנצען אויסגעצויגען, מיט מאָגערע דורכזיכטיג-בלאַסע אויסגעצויגענע הענד מיט בלויע אָדערלעך. די דעקע

פלעגט זי אַראָבוואַרפען פון זיך (אַלץ פלעגט איהר אויסזוייזען שווער, ווי דאָס טרעפט מיט שווינדזיכטיגע פאַר'ן טויט) און זי פלעגט ליעגען אונטער'ן ליילעך אַזוי, אַז פון די קליינינקע פיסעלעך ביז די שוואַכע קאָנטורען פון דער קינדיש-מיידעלשער ברוסט האָט זיך אַרויסגעזעהן דער גאַנצער קערפער, אַרומגעכאַפּט מיט'ן ווייסען געוועב, פונקט ווי אַ נאַקעטער, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין, שאַרף, שלאַנק און פול אימפעט, ווי אַ פייל וויף אַ צופיעל אָנגעצויגענעם בויגען.

טיילמאָל פלעגט זי עפענען די אויגען און אַ קוק טהאָן לאַנג אויף איהם—דאָך אָבער האָט זי געשוויגען. און דעמאָלט פלעגט זיך איהם דאַכטען, אַז ער האָט עפּיס אַ שולד געגען איהר און אַז מען בעדאַרף עפּיס זאָגען, עפּיס טהאָן און אויסקויפען דידאָזיגע שולד, כּל-זמן עס איז נישט שפּעט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי געהט אַוועק פון איהם אין אַן'אונבעשרענקטער ווייטקייט, אַז זי פערזינקט אין אַ טיעפּעניש אָהן אַ גרונד—און דעמאָלט פלעגט פלוצלונג פערשווינדען דער וועהטאָג און עס איז שוין נישט געווען—נישט שרעקליך, נישט בענגליך—פערקעהרט, עס האָט זיך אויך געוואָלט געהן אַהין, נאָך איהר.

אין מיטען יוני זענען געשטאַנען הייסע טעג, מיט ווייסע געוויטער-וואָלקענס, מיט טונקעל-גרינע פייכטע גראָזען, מיט שמעקעדיגען מאָך, מיט זומפען-פייכטקייט, מיט שטילע שלעפעריגע דונערן און ווייסע ציטריגע נאַכט-בליצען.

איינמאָל, נאָכמיטאָג, בשעת ער האָט איהר געלייענט דאָס עוואַנגעליום, האָט זי געעפענט די אויגען און פון איהר פנים האָט ער פערשטאַנען, אַז זי וויל עפּיס זאָגען. האָט ער זיך אָנגעבויגט, צוגעלעגט דאָס רעכטע אויער, אויף וועלכען ער האָט בעסער געהערט, צו איהרע ליפּען און זי האָט אַרויסגעשעפּטשעט קוים צום הערען, פונקט ווי אַ שאָרך צווישען טרוקענע נאַכט-גראָזען

—מען שניידט איצט היי, פּאַפּאַ?

—יאָ, אָבער עס רעגענט נאָכאַנאַנד—זאָל נאָר נישט קאַליע ווערען האָס היי.

—איצט איז גוט אין פעלד,—האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט,—אַנידערלעגען זיך אין גראָז, פערזינקען דערין מיט'ן קאָפּ און אַנטשלאָפען ווערען. עס איז גוט, פריש. און דאָ איז הייס, דושנע, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען... און ביינאַכט קומט אַטקע...

—וואָסער אַטקע?

—דאָס מאַלפּעלע. געדענקסטו עס נישט?

—אַך, יאָ, געוויס, איך געדענק...

מען האָט גערעדט און געטראַכט פון עפּיס אַנדערש; מען האָט גערעדט בלויז צו זאָגען עפּיס, איבערצורייסען די צו-שווערע שטילקייט.

—און די מאַמעשי איז אויך קראַנק?

מאַמעשי האָט זי גערופען דער קייזערין יעליזאַוועטע אַלעקסייעוונע. ער איז שוין געווען געוועהנט דערצו און פלעגט זי אויך אַזוי רופען פאַר איהר.

—זאָג איהר, אַז נישט לאַנג האָט זיך מיר געחלום'ט, אַז מיר וואוינען ערגעץ וויים, ביים ים, אין קרים, צי וואָס...—האָט סאָפיע געזאָגט.

עפּטער פלעגט ער מיט איהר ריידען וועגען דעם, אַז ווען ער וועט זיך אָבזאָגען פון טראָן, ווען ער וועט אַרויס „אין דימיסיע”, וועט ער קויפען אַרעאַנדע, זיין געליעבט ווינקעלע אויפ'ן דרום-ברעג. דאָרט וועט ער אויסבויען אַ קליין הייזעלע ביים סאַמע ים, אין וואַלד, און דאָרט וועט ער וואוינען מיט איהר און מיט דער מאַמעשי.

—אין קרים?—האָט ער זיך געחדוש'ט,—דער מאַמעשי האָט זיך אויך נישט לאַנג געחלום'ט, אַז מיר וואוינען צוזאַמען אין אָרעאַנדע.

אָבער סאָפיע האָט זיך נישט געוואונדערט.

—יאָ, אינגיכען צוזאַמען...—האָט זי אַרויסגעזאָגט אַזוי שטיל, אַז ער האָט נישט געהערט.

ער האָט ווייטער געלייענט דאָס עוואַנגעליום:

„וועד פון אייך, וואָס געהט אויסבויען אַ טורם, און האָט זיך פריהער נישט געזעצט מאַכען אַ חשבון, צי ער וועט עס קאָ-

נען אויספיהרען, און ער ווייס אויך נישט, ווען ער וועט לעגען דעם פונדאַמענט און צי וועט זיך דאָס איהם כלל איינגעבען, ווערט בעטאַדעלט און מען זאָגט אויף איהם: דערדאָזיגער מענש האָט אָנגעהויבען עפּיס צו בויען און קאָן עס נישט אויספיהרען.״

זיך אָבגעשטעלט, אַ קוק געטהאָן אויף איהר: זי איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, פּונקט ווי זי וואָלט געשלאָפען.

דערנאָך האָט ער זיך פערטראַכט און אויפ׳ן זכרון איז געקומען דער אַלטער געשפּרעך מיט גאָליצינ׳ען וועגען אָבזאָגען זיך פון טראָן. איז עס דען נישט געזאָגט געוואָרען וועגען אַזוינע, ווי ער? האָט ער דען נישט אָנגעהויבען בויען אַ טורם, לעגען אַ פונדאַמענט און נישט געקאָנט אויספיהרען? איז זיין גאַנץ לעבען נישט אַ בנין, וואָס איז נישט דערבויט געוואָרען? ער האָט געטרוימט פון גרויסע זאַכען, פון אַ הייליגען פערבאנד, פון גאָטס מלוכה אויף דער ערד, ווי אויפ׳ן הימעל, אָבער דאָס ביסעלע, וואָס ער וואָלט יאָ געקאָנט טהאָן—געבען גליק כאָטש איין מענשען, סאָפיע׳ן—אָט דאָס ביסעלע האָט ער אויך נישט געטהאָן. צו וואָס האָט ער זי געהאַט? צו וואָס האָט ער איהר געגעבען אומזיסטע ליידען, אַנ׳אונפערשטענדליך לעבען און אַנ׳אונפערשטענדליכען טויט? מיט וואָס קאָן דאָס אויסגעקויפט ווערען? וואָס זאָגט מען, וואָס טהוט מען, כל-זמן עס איז נאָך נישט שפּעט? און אפשר איז שוין שפּעט?

סאָפיע האָט געעפענט די אויגען, שאַרף און שווייגענדיג איהם אָנגעקוקט, ווי זי האָט בכלל געקוקט אין דידאָזיגע טעג, און פּלוצלונג האָט איהם אויסגעוויזען, אַז זי טראַכט אויך דאָס אייגענע—זי זעהט אַלץ און טאַדעלט אַלץ און משפט איהם, ווי אַ גלייכע משפט אַ גלייכען.

—מען בעדאַרף נישט, פּאַפּאַ ליעבער,—האָט זי פון דאָסניי גענומען שעפּטשען, ווען ער האָט זיך אָנגעבויגט צו איהר.—נישט טראַכט, נישט שרעק זיך. אַלץ וועט זיין גוט; אַלץ געהט צו בעסער. דו אַליין זאָגסט דאָך שטענדיג: אַלץ געהט צו בעסער...

אין איהר אונדערגרייכבאַר-ווייטע, פריעמדען שמייכעל איז געלעגען קלאָרקייט און שכל, און דאָס איז אויסגעקומען ווי אַ מין

חוזק איבער איהם. ווען מלאכים וואָלטען געשמייכעלט פון זינ-דיגע מענשען, וואָלט זייער שמייכעל געווען אַזאַ.

און די טרוקענע ליפען, די טרוקענע נאַכט-גרעזעלעך האָ-בען נאָך עפּיס געשעפּטשעט, אָבער ער האָט שוין נישט געהערט, הגם ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו הערען, אָנגעבויגט זיין פליכעוואַטען קאָפּ, אויסגעצויגען דעם האַלז אַזוי, אַז די אָדערן זענען אָנגעבלאָזען געוואָרען אויף איהם און די בלאַס-בלויע קורצזיכטיגע אויגען זענען אַרויסגעשפּאַרט געוואָרען.

„קאָמישע אויגלעך, פּונקט ווי ביי אַ קעלבעל"—האָט זי זיך פּלוצלונג דערמאָהנט, ווי זי פלעגט אַמאָל לאַכען, בשעת זי איז געווען אַ קליין מיידעלע און פלעגט זיך לאַשטשען צו איהם און שטיפען מיט איהם און קושען דידאָזיגע בלאַס-בלויע אויגען מיט די העלע ברעמען. איהר איז אויך געקומען אויפ'ן זכרון ספּעראַנסקיס שפּאַס, וועגען וועלכען דער דערוואַקסענער עולם האָט געשמועסט און זי האָט אונטערגעהערט. אין אַ בריף, וואָס איז געשריבען געוואָרען צו אַ פריינד און וואָס איז איבערגענו-מען געוואָרען דורך דער געהיים-פּאָליציי, האָט ספּעראַנסקי אָנ-גערופען דעם קייזער „ווייס קעלבעלע"; „אונזער וואָבאַן איז אונזער וואָבלאַן". וואָבאַן—אַ בעריהמטער פראַנצויזישער אינזשענער, וואָס האָט געבויט פעסטונגען (אין דערדאָזיגער צייט האָט זיך דער קייזער בעשעפטיגט מיט פעסטונגען), און וואָבלאַן אויף פראַנצויזיש: veau blanc—ווייס קעלבעלע. פאַר דעמדאָזיגען שפּאַסל איז דער קייזער אַזוי בייז געוואָרען, אַז אין דער ערשטער מינוט האָט ער ספּע-ראַנסקי'ן געוואָלט דערשיסען. סאָפיע האָט דעמאָלט נישט פער-שטאַנען, פאַרוואָס: „נו, יאָ, אַ בלאָנד, פליכעוואַט, שען און ראָ-זיג קעלבעלע. וואָס-זשע איז זיך דאָ וואָס צו בעליידיגען?" טיילמאָל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז פון איהם שמעקט ווי פון אַ מילך-קעלבעלע. זי האָט איינמאָל געזעהן אין קלויסטער אַ גאָל-דענעם זעקסגעפליגעלטען כּערוב מיט אַ פּנים פון אַ קאַלב און ער איז געווען עהנליך צום פּאַפּאַ. ביידע האָבען איין גלייכען מיל-דען, ליעבען און שווערפעליגען אויסדרוק.

 דאָס אַלץ איז איצט דורכגעלאָפען אין איהר שמייכעל,

פֿול מיט נישט-ערדישער קלאָרקייט, נישט-ערדישען שכל; און פֿאַר'ן טויט האָט זי איהם געשעפּטשעט מיט קינדערשער צער-טליכקייט:

—ווייס קעלבעלע!

קיין ווערטער האָט ער נישט געהערט, אָבער ער האָט פֿערשטאַנען און דאָס האַרץ האָט זיך איהם צוזאַמענגעדריקט פֿון רחמנות. און ער איז אַרויס פֿון צימער—ער זאָל זיך נישט צע-וויינען.

אויף די טרעפּ האָט ער דערזעהן דמיטרי לוואָוויטש נאַ-רישקינ'ען. עפּעטער איז איצט יענער געשטאַנען אין פֿינסטערן ווינקעל, ביי דער טהיר און נישט געוואַגט אַריינצוגעהן: ער האָט זיך צוגעהערט און שטיל געוויינט. דער געגאַרטער מאַן, וואָס אַלע פּלעגען לאַכען פֿון איהם, האָט דאָס פֿרעמדע קינד ליעב געהאַט, ווי אַנ'אייגענס.

דערזעהן דעם קייזער, האָט ער געמאַכט אַ רוהיגע מינע.

—נו, וואָס? ווי?—האָט ער געפֿרעגט שעפּטשענדיג, אָבער ער האָט נישט אויסגעהאַלטען: די צונג איז איהם אַרויסגעשטעקט געוואָרען און ער האָט זיך צוכליפּעט ווי אַ קינד.

דער קייזער האָט איהם אַרומגענומען און ביידע האָבען געוויינט.

צוויי טעג איז ער נישט געקומען צו סאָפיע'ן: געווען אַ סך ענינים, וואָס מען האָט זיי נישט געקאָנט אָבלעגען אויף שפּעטער. דעם 18-טען יוני האָבען בעדאַרפֿט זיין די מאַנעווערס. מיט אַ טאָג פֿריהער האָט ער פֿערבראַכט ביי די נאַרישקינס. אַז ער איז געקומען, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די קראַנקע האָט שוין צוגענומען דאָס אָבענדמאָל. האָט ער זיך דערשראָקען און געטראַכט, אַז דאָס איז שוין דער סוף. אָבער ניין, אַלץ איז גע-גאַנגען, ווי פֿריהער. זי איז בלויז געווען זעהר אָבגעשוואַכט. זי האָט כמעט נישט גערעדט, נישט געעפֿענט די אויגען, געלעגען אָהן געדאַנקען. אַז ער האָט זיך אָנגעבויגט צו איהר, האָט זי געפֿרעגט:

—דו ביזט דאָ? נישט אַוועקגעפֿאָהרען? פֿאָהר נישט אַוועק,

נישט-געזעגענטערהייד. אויב איך וועל שלאָפען, זאָלסטו מיך אויפוועקען...

געווען קענטיג, אַז זי שרעקט זיך פאַר עפּיס. און ער האָט זיך אויך דערשראָקען. אַוועקגעהענדיג, פלעגט ער יעדעס מאָל טראַכטען: וועט זי נאָך לעבען, ווען ער וועט קומען מאָר-גען? היינט איז שרעקליכער, איידער אַנ׳אַנדערש מאָל. זאָל ער אפשר אָבלעגען די מאַנעווערעס און די אַלע איבעריגע ענינים? אינגאַנצען אפשר פערבלייבען דאָ און וואַרטען אויפ׳ן סוף—עס איז דאָך נישט לאַנג.

אָבער די בושה, וואָס האָט איהם, דעם ליעבענדיגען און דעם ליידענדיגען, אַזויפיעל מאָל אין לעבען געמאַכט אויסערליך קאַלט, איז איהם אויך איצט בעפאַלען: אַ האַרטנעקיגע בושה, אַנ׳עקעל, אַנ׳אונגעהויערער שטאַרקער פערלאַנג נישט אַרויסצעווייזען פאַר לייטען דעם אייגענעם צער; כמעט אַ געפיהל פון אַ קראַנ-קער חיה, וואָס צווינגט זיך אַוועקצוגעהן אין נאָרע, מען זאָל נישט זעהן, ווי זי שטאַרבט. און וואָס שטאַרקער דער וועהטאָג, אַלץ האַרטנעקיגער איז די בושה.

ער האָט בעשלאָסען אַוועקצופאָהרען און מאָרגען קומען צוריק, באַלד נאָך די מאַנעווערעס. זי האָט שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ שווערען צושטאַנד—אָבער ער איז דורכגעגאַנגען. גאָט וועט געבען און דער וועט אויך דורכגעהן. און ער האָט זיך בערו-היגט.

אָבער באַלד ווי ער האָט בעשלאָסען אַוועקצופאָהרען, האָט זיך די קראַנקע בעוועגט, זיך אויפגעכאַפּט, אַ רוף געטהאָן איהם מיט׳ן בליק און געפרעגט:

—ווי שפּעט איז איצט?

—ניין אַ זייגער.

—שפּעט. פאָהר גיכער אַוועק. דו מוזט מאָרגען פריה אויפ-שטעהן... ניין, וואַרט. וואָס האָב איך געוואָלט?... יאָ, אָט וואָס.

ער האָט איהר אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַוועקגעלעגט איהם צו זיך אויפ׳ן אַקסעל—איהר זאָל זיין לייכטער צו ריידען איהם אויפ׳ן אויער.

—דעם פירשט וואַלעריאַן האָט איהר זעהר נישט ליעב?—
האָט זי גענומען ריידען אויף פראַנצויזיש, ווי אַלעמאָל, ווען זי
האָט נויטיג בעדאַרפט עפּיס ערנסט זאָגען.

—ניין, פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָל איך איהם נישט ליעב האָ-
בען?..—האָט ער אָנגעהויבען און נישט געענדיגט; לויט דעם, ווי
זי האָט געפרעגט, האָט ער געפיהלט, אַז ער טאָר נישט לייגען.

—איך קאָן איהם ווייניג,—האָט ער צוגעגעבען נאָך אַ קור-
צען שווייגען,—אָבער מיר דאַכט זיך, אַז נישט איך איהם, נאָר
ער האָט מיך נישט ליעב...

—נישט ריכטיג! אויב ער האָט מיך ליעב, האָט ער אייך
אויך ליעב און וועט ליעב האָבען,—האָט זי אַרויסגעזאָגט, קו-
קענדיג איהם אין די אויגען אַריין מיט יענעם בליק, וואָס האָט,
ווי איהם האָט זיך געדאַכט, אַלץ געזעהן אין איהם און אַלץ
איהם פאַרגעוואָרפען.

—און וואָס איז ער דיר פלוצלונג געקומען אויפ'ן זינען?
—איך האָב אייך געוואָלט בעטען, איהר זאָלט איהם אַ רוף
טהאָן, איבערריידען מיט איהם.

—איצט?

—ניין, דערנאָך.

ער האָט פערשטאַנען, אַז דערנאָך הייסט: „ווען איך וועל
שטאַרבען.”

—וועגען וואָס זאָל איך מיט איהם ריידען?

—פרעגט איהם, דערוויסט זיך אַלץ, וואָס ער טראַכט, וואָס
ער פערלאַנגט... וואָס זיי פערלאַנגען פאַר'ן וואוילשטאַנד פון
רוסלאַנד... איהר פערלאַנגט עס דאָך אויך...

—ווער זיי?

—דו ווייסט,—האָט זי געענדיגט אויף רוסיש,—פרעג נישט,
און אויב דו ווילסט נישט, בעדאַרף מען נישט, ענטשולדיג מיר...

יאָ, ער האָט געוואוסט, ווער זיי זענען. וואָס פאַר אַ מין
געמיינהייט! אויפצוהעצען אַ טאָכטער געגען אַ טאַטען, אַ קראַנק
קינד, וואָס האַלט ביים שטאַרבען—צו מאַכען פאַר אַ געװעהר פאַר
זייערע פערברעכערישע פלענער. אָט ווער זיי זענען! נישט קיין

בושה, נישט קיין געוויסען. זיי יאָגען איהם, ווי יאַגד-הינד זייער רויב, רינגלען איהם אַרום און כאַפּען איהם אפילו דאָ, אין זיין לעצטער ליעבע, אין זיין לעצטען אָבּרוה-פונקט.

אָבער זי האָט איהם נאָך אַלץ געקוקט אין די אויגען אַריין מיט דעמזעלבען ליכטיגען און אַלץ זעהענדיגען קוק. און פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט, אַז עס איז געקומען אַ מינוט עפּיס צו זאָגען, צו טהאָן און אויסקויפען די אייגענע שולד—אָדער איצט, אין דעם מאָמענט, אָדער קיינמאָל נישט—עס וועט זיין שפּעט.

—גוט,—האָט ער געזאָגט און איז בלאַס געוואָרען,—איך וועל ריידען מיט איהם און אַלץ, וואָס איך וועל קאָנען, וועל איך טהאָן.

אַ לעבעדיגע, אַנ׳ערדישע פרייד האָט אַ לייכט געטהאָן אין איהרע אויגען, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אויף אַ רגע אומגעקעהרט צו איהם פון יענער אונדערגרייכבאַרער ווייטקייט, וואוהין זי איז אַוועק.

—דו פערשפּרעכסט עס מיר?

—איך גיב דיר מיין וואָרט.

—אַ דאַנק! נו, איצט איז שוין, דאַכט זיך, אַלץ, גאָה...

אַ מידע זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קישענס און אָבגעזיפצט קוים צום הערצען.

—צלם מיך איבער.

—גאָט איז מיט דיר, קינד מיינס. שלאָף געזונד!—האָט ער איהר אַ קוש געטהאָן אין די צוגעמאַכטע אויגען און געפיהלט, ווי אונטער זיינע ליפּען בעוועגען זיך שוואַך איהרע ברעמען—צוויי פליגעלעך פון אַנ׳איינגעשלאָפענעם שמעטערלינג.

ער איז געשטאַנען אַ ווײלע, זיך צוגעקוקט—זי אָטעמט מע-סיג, שלאָפט—און ער איז אַוועק צו דער טהיר, אויף דער שוועל זיך אָבגעשטעלט, זיך אומגעקוקט און איהם האָט אויסגעוויזען, אַז זי רופט איהם. אָבער זי האָט איהם נישט גערופען—זי האָט איהם בלויז שוויגענדיג נאָכגעקוקט מיט ברייט-פונאַנדערגעעפענטע אויגען, פול מיט שרעק. און פול מיט שרעק האָט אַ ציטער גע-

זהאָן זיין האַרץ. זאָל ער אפשר בלייבען? זיך אומגעקעהרט.

—נאָכאַמאָל... נעהם-אַרום... אָט אַזוי!—איז זי צוגעפאַלען מיט די ליפּען צו זיינע ליפּען, פּונקט ווי דורך דעמדאָזיגען קוש וואָלט זי איהם געוואָלט אַוועקגעבען איהר נשמה.

נו, געה, געה!—האָט זי איהם אָבגעשטויסען.—מען בעדאַרף נישט, גענוג, שרעק זיך נישט... איבגיכען וועלען מיר זיין צוזאַמען... איבגיכען...

זי האָט נישט דעררעדט אָדער ער האָט נישט דערהערט, אָבער עפּטער פלעגט ער דערנאָך דערמאָהנען דידאָזיגע ווערטער און פלעגט פערשטעהן זייער נישט דערזאָגטען זין.

אַרויס פון צימער, האָט ער געהייסען דמיטרי לוואָוויטש'ן, ער זאָל איהם באַלד געבען צו וויסען, אויב עס וועט עפּיס געשעהן. דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין עקיפּאַזש און איז אַוועקגעפאָהרען קיין קראַסנאָיע.

אויף מאָרגען איז ער שפּעט אויפגעשטאַנען. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער: געווען האַלב אַכט און די מאַנעווערעס הויבען זיך אָן ניין. ער האָט אָנגעקלונגען צום קאַמערדיענער און געפרעגט, צי איז פאַר דער נאַכט נישט געווען קיין פעלדיעגער. נישט געווען. האָט ער זיך בערוהיגט, געטרונקען טיי אין בעט, דערנאָך זיך איילענדיג איינגעוואַשען, זיך אָנגעטהאָן, אַרויסגעגאַנגען אין גאַרדעראָבצימער, וואו עס האָבען געוואַרט אויף איהם דער געוועזענער שעף פון הויפּטשטאַב, זיין לאַנגיעהריגער פריינד און בעגלייטער אין אַלע זיינע נסיעות, פירשט פעטער מיכאַילאָוויטש וואָלקאָנסקי, און דער עלטסטער לייבדאָקטאָר, דער שאָטלענדער, באַראָנעט יאַקאָוו וואַסיליעוויטש ווילליע און דער לייבכירורג דמיטרי קלעמענטיעוויטש טאַראַסאָוו, וואָס האָט באַלד געמאַכט דעם געוועהנליכען בינט אויף דעם קייזערס קראַנקען פוס.

אַ קוק געטהאָן בגנבה דידאָזיגע לייט אין פנים אַריין, האָט דער קייזער באַלד פערשטאַנען, אַז מען פערבאָרגט פון איהם עפּיס.

—ווי פיהלסטו זיך?—האָט ער אין שפּאַס אַ פרעג געטהאָן

טאַראַסאָוו'ן אויף לאַטיין, ווי אַלעמאָל, בשעת מען פלעגט איהם איבערבינדען דעם פוס.

—איך פיהל מיך גוט, אויטאָקראַט,—האָט יענער געענטפערט אויך אויף לאַטיין.

—און דרויסען איז, דאַכט זיך, ווינטיג?—האָט דער קייזער געזאָגט מיט דערזעלבער כלומר'שטער זאָרגלאָזיגקייט, איבערטראָגענדיג דעם בליק פון איין געזיכט אויפ'ן צווייטען, אָבער אַלץ אונרוהיגער, אַלץ איילגער.

—עס וועט זיין רעגען, אייער מאַיעסטעט.

—הלואי. עס וועט ווערען עטוואָס קיהלער, און מענשען וועלען לייכטער קאָנען לעבען.

ער האָט זיך שנעל אומגעדרעהט צו וואָלקאָנסקי'ן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טהיר מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און אַראָבגעלאָזטע אויגען און האָט איהם אַ פרעג געטהאָן מיט דעם אייגענעם רוהיגען קול:

—וואָס פאַר אַ נייעס איז דאָ, פעטער מיכאַילאָוויטש?

יענער האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָך נידעריגער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

ווילייע האָט זיך מאָדנע אייליג און אומגעלומפערט בעוועגט, צוגעגאַנגען צום קייזער, בעקוקט זיין פוס און געזאָגט אויף ענגליש:

—גוט, זעהר גוט! באַלד וועט איהר אינגאַנצען אויסגעהיילט ווערען, אייער מאַיעסטעט.

—ביז דער חתונה וועט דער פוס אויסגעהיילט ווערען?—האָט דער קייזער אַ שמייכעל געטהאָן און איז פלוצלונג בלאַס געוואָרען; וואָס ווייטער, איז ער אַלץ בלאַסער געוואָרען און האָט פער'עק'שנ'ט אַ קוק געטהאָן ווילייע'ן אין פנים אַריין.

—וואָס איז געשעהן אַזוינס? וואָס איז געשעהן אַזוינס? רעדט-זשע...

אָבער אויך ווילייע האָט נישט געענטפערט, ווי וואָלקאָנסקי. אויף דעם קייזערס קראַנקען פערבינדטעוועטען פוס האָט טאַראַסאָוו פאָרזיכטיג אָנגעצויגען דעם באָטפאָרט. אָבער דער קייזער האָט

איהם אָבגעשטויסען, אַליין אָנגעטהאָן דעם שטיוועל, אויפגעשפּרונ־גען, אַ כאַפּ געטהאָן וויליע'ן פאַר דער האַנד און שטיל אויס־געשריען:

—דער פעלדיעגער.

—טאַק טאָטשנאָ, אייער מאַיעסטעט, נאָר-וואָס געקומען...

און מיט אַנ'ענטשלאָסענעם פּנים, ווי אַלעמאָל, ווען ער האָט אַריין דאָס מעסער בשעת אַנ'אָפּעראַציע, האָט ער בעשטע־טיגט דאָס, וואָס האָט זיך שווייגענדיגערהייד דורכגעטראָגען:

—אַלץ געענדיגט: זי לעבט שוין נישט מעהר.

דער קייזער האָט בעדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד. טאַ־ראַסאָוו האָט זיך איבערגע'צלמ'ט. וואָלקאָנסקי האָט זיך אומגע־דרעהט מיט'ן פּנים צום ווינקעל און געכליפּעט.

—געהט,—האָט דער קייזער געזאָגט, נישט-אָבדעקענדיג דאָס געזיכט.

אַלע זענען אַרויס. מען האָט געמיינט, אַז די מאַנעווערס וועלען אָבגעלעגט ווערען. אָבער אין אַ פיערטעל שעה אַרום האָט גענומען קלינגען דאָס גלעקעל פון גאַרדעראָבצימער. אַהין און צוריק איז ווייזלעוויי אומגעלאָפען דער קאָמערדיענער מעלניקאָוו און געטראָגען דעם קייזערס שווערד, האַנדשוה און זיין הויכען דרייעקיגען הוט מיט'ן ווייסען סולטאַן.

אין אַ מינוט אַרום איז דער קייזער אַריין אין גאַסטצימער, וואו עס האָבען געוואַרט אויף איהם שטאַבגענעראַלען, דיוויזיע־שעפען, באַטאַליאָן-קאָמאַנדירען—צו בעגלייטען איהם אין פעלד. דער קייזער האָט זיי געפרעגט און געענטפערט מיט זיין גע־וועהנליכער העפליכקייט.

„איך האָב איהם שטאַרק אָבסערווירט,—האָט דערנאָך טאַ־ראַסאָוו דערצעהלט,—און צו מיין גרויסער פערוואונדערונג האָב איך אויף זיין פּנים נישט געפונען קיין איין שטריך, וואָס זאָל אָנווייזען אויף דעם איבערליכען צושטאַנד פון זיין צוריסענער נשמה. ער האָט זיך געהאַלטען אַזוי רוהיג, אַז אויסער אונז דרייען, וואָס זענען געווען אין גאַרדעראָבצימער, האָט קיינער גאָרנישט בעמערקט.‟

אין צוועלפטען יאָהר, אין ווילנאַ, בשעת ער האָט געטאַנצט אויף אַ באַל, שוין וויסענדיג, אַז נאַפּאָלעאָן איז אַריבער דעם ניעמאַן, האָט זיין פּנים אויך געהאַט אַזאַ אויסדרוק: דאָס איז געווען אַ רוהיג, אונבעוועגליך, פערפּאַנצערט געזיכט, וואָס האָט דערמאָהנט אַ מאַסקע אָדער טאָרוואַלדסענס מאַרמאָר-ביוסט, יענע קאַלטע ווייסע ליאַלקע, וואָס די קליינינשקע סאָפיע האָט אַמאָל דערוואַרימט דורך קושען.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען ניין, ווען ער איז אַרויס פון פּאַלאַץ און זיך געזעצט אויפ'ן פערד.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען די מאַנעווערס. מיט זיין געוועהנליכען בראַווען קול, וואָס פלעגט דערפרעהען די סאָלדאַטען, האָט ער אויסגעשריען די קאָמאַנדע: „טאָווס!"*) און ווי אַלעמאָל האָט ער בעמערקט די פראָנט-פעהלערן: מען בעוועגט זיך, מען דרעהט זיך אונטער'ן געוועהר, די אַקסלען זענען נישט גלייך און ווייט אויף אַ צוויי וויאָרסט האָט ער דורך דער פעלדרעהר בעמערקט, ווי מאַנכע סולטאַנען זענען נישט גלייך. ביי איין שטאַבאָפיציר איז דאָס ציימעל נישט אין אָרדנונג, ביים צווייטען האָט דאָס פערד עפּיס אַ פעהלער, נאָר בכלל איז ער געבליבען צופרידען און האָט אַלעמען ליעבליך בעדאַנקט.

אַז מען האָט געענדיגט די מאַנעוורעס, האָט ער זיך אומגעקעהרט אין פּאַלאַץ אַריין. דאָרט האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון מיטאָג, זיך שנעל איבערגעטהאָן, אַריינגעזעצט זיך אין עקיפּאַזש, געשפּאַנט מיט פיער פערד און אַוועקגעפאָהרען צו די נאַרישקינס אויף דער זומערוואוינונג.

דער קוטשער איליע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקוקט צו די פערד, האָט זיי אַזוי געטריבען, אַז איינס איז געפאַלען אינמיטען וועג און דאָס צווייטע האָט זיך אַנידערגעלעגט ביים אַרויפפאָהרען אויפ'ן פּעטערהאָפער שאָסיי.

דאָס וואָס איז פאָרגעקומען ביי די נאַרישקינס אויף דער

*) דאָס לעצטע האַלבע וואָרט פון דער פראַזע: ק סטרעלבע איזגאָטאָוסיאַ—גרייט זיך צום שיסען.

זומערוואוינונג, האָט דער קייזער נישט געקאָנט זיך דערמאָהנען קלאָר.

אַ טונקעלער שיין, ווי אין אַ חלום, און אונבעקאַנטע-בעקאַנטע געזיכטער, ווי שאָטענס. דאָ האָט ער דערקאָנט צווישען זיי מאַ-דיע אַנטאָנאָווגע׳ן, וואָס האָט זיך איהם געוואָרפען אויפ׳ן האַלז מיט אַנ׳אונגאַטירליכען טעאַטער-געיאָמער: „Alexandre I“ און מיט דעם אַלטען איבעלדיגען פּאַרפומען-ריח; דאָ האָט ער געזעהן דמיטרי לוואָוויטש׳ן, וואָס האָט געוואָלט וויינען און נישט גע-קאָנט און האָט נאָכאַנאַנד אַרויסגעשטעקט די צונג; ער האָט אויך בעמערקט די אַלטע וואַסיליסע פּראָקאָפּיעווגע, וואָס האָט כסדר דערצעהלט איין-און-דיזעלבע קורצע מעשה וועגען סאָפּיעס טויט: „געשטאָרבען שטיל, אַז קיינער האָט נישט געזעהן און נישט גע-הערט. אינדערפריה, נאָך בעגינען, איז פּראָקאָפּיעווגע צוגעגאַנגען צו איהר, זעהט זי, זי שלאָפט, האָט זי געוואָלט אַוועקגעהן, איז אָבער מיט אַמאָל געוואָרען עפּיס שרעקליך. האָט זי זיך אָנגע-בויגט און אַ רוף געטהאָן: „סאָפּיעלע!“ און פאַר דער האַנד אָנ-גענומען, אָבער די האַנד איז געווען קאַלט, ווי אייז. איז זי אַוועקגעלאָפען און גענומען שרייען: „אַ דאָקטאָר!“ איז געקומען דער דאָקטאָר, בעקוקט, בעטאַפּט און געזאָגט: „אַ טויטע שוין צוויי שעה.“

אין יענעם צימער, וואָס איז געווען בעשלאָגען מיט ווייסע אַטלאַסטאַפּעטען, איז געווען אָפען די טהיר אויפ׳ן באַלקאָן. נאָכ׳ן רעגען האָט געשמעקט מיט בלומען, מיט ערד-פייכטקייט און גע-שניטענעם היי. אויף אַ שוואַצבלויער הימעל-כמאַרע האָבען זיך פון ווייטען געצייכענט זעגלען, בעלויכטען פון דער זון. פון ווינד האָט זיך אומגעשאָקעלט דאָס רויטע פייער פון די טאָג-ליכט און ביי דער פערשטאָרבענער האָט זיך בעוועגט אַ לייכטער לאָק אויפ׳ן שטערן. אין איהר חופה-קלייד, אין דעם אייגענעם קלייד, וואָס זי האָט נישט געוואָלט מעסטען, איז זי געלעגען אין טרומנע, אַ דינע, אַ שלאַנקע, אַ האַסטיגע, ווי אַ לויפענדיגער פייל.

צו איהרע קאַלטע ליפּען האָט ער זיך צוגעריהרט מיט זיינע און האָט דערזעהן אויף איהר ברוסט דער קייזערינס פּאָרטרעטל,

אַרויסגענומען פון גאָלדענעם מעדאַליאָן—מען טאָר נישט לעגען קיין גאָלד אין אַ טרומנע- און זיינע אויגען האָבען זיך גע-טראָפען מיט דעם פירשט גאָליצינס אויגען—ער איז געשטאַנען ביי דער טרומנע פון דער צווייטער זייט: סאָפיע איז געוועזן אין דער-מיט, פונקט ווי זי וואָלט זיי פעראייניגט—דעם געליעבטען פאָטער מיט'ן געליעבטען פריינד.

עס איז נאָך טונקעלער געוואָרען, און די טאָג-פייערן האָ-בען זיך גענומען דרעהען ווי גרין-רויטע פלעקען, און ווי פרי-הער, אויפ'ן וועג, האָט גענומען כראָפּען דאָס פערד מיט'ן בלוטי-גען שוים אויפ'ן מויל און מיט אַזוינע גוטע אויגען, ווי ביי דער קייזערין יעליזאַוועטע אַלעקסעיעווגע.

—גאָרנישט, גאָרנישט, אַ קליינינשקער שווינדעלאָנפאַל, וועט באַלד אַריבערגעהן,—האָט דער קייזער דערהערט דער קול פונ'ם לייבדאָקטאָר רימאַן, איינער פון יענע צוויי דאָקטוירים, וואָס האָ-בען געהיילט סאָפיע'ן; און דער צווייטער לייבדאָקטאָר מילער האָט איהם דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער צוזאַמענגעמישט מיט טראָ-פענס.

די צייהן האָבען געקלאַפּט אָן גלאָז און מיט אַ פערשול-דיגטען שמייכעלע האָט ער זיך געסטאַרעט צו בעקומען מיט די ליפּען דאָס וואַסער.

און ווידער פאָהרט ער. אַהין אָדער פון דאָרטען? פאָראויס אָדער צוריק? און צי איז נישט געוועזן אַ חלום דאָס אַלץ, וואָס איז געוועזן? ווידער אַנ'אונענדליך גלאַט פעלד, אָהן אַ בערגעלע, אָהן אַ קוסטעלע; בלויז איינטעניגע טאָרפזומפען, און דאָרטען, אויפ'ן סאַמע ברעג הימעל, וואו די וואָלקענס זענען גלייך, פונקט ווי אַרומגעשניטען מיט אַ שער, זעהט זיך אַ מעש-געלבע זונאונ-טערגאַנג. און עס דאַכט זיך, אַז ער פאָהרט שוין אַזוי לאַנג-לאַנג און וועט קיינמאָל ערגעץ נישט קומען.

—טפרו, טפרו!—האָט איליאַ געשריען און אַ ציה געטהאָן מיט די לייצען. דער עקיפּאַזש האָט זיך אָנגעבויגט אויף אַ זייט און זיך שיער נישט איבערגעקעהרט. איינס פון די צוויי פערד, וואָס זענען, טרייבענדיג, פערמוטשעט געוואָרען, איז געלעגען אויפ'ן

וועג. די לעבעדיגע פערד האבען זיך דערשראָקען פאר דאָס טויטע, זיך אויפגעהויבען אויף די הינטערשטע פיס, אַ וואָרף געטהאָן זיך אָן אַ זייט און גענומען געהן צוריק. אַ מחנה קראָהען האָט זיך, קראַקענדיג, אויפגעהויבען פון געפאַלענעם פערד און זענען, שווארצע, געפלויגען צו דעם געלבען זונאונטערגאַנג.

איליאַ איז אַראָבגעשפּרונגען פון די קאָזלעס, אויסגעבעסערט די געשפּאַן-רימענס און אַרויסגעשלעפּט דאָס ראָד פון אַ גרוב. ער האָט אַ קוק געטהאָן אין קאַרעט: מען הערט נישט און מען זעהט נישט דעם קייזער. שלאָפט ער?

ניין, ער שלאָפט נישט. ער ליעגט אין טונקעלען ווינקעל; דאָס פּנים בלאַס, אויסגעקרימט פון שרעק און מיט ברייט-אָפענע אויגען קוקט ער אויפ׳ן וועג, וואו עס איז קיינער נישטאָ.

זיך אומגעקעהרט נישט אין קראַסנאָיע, נאָר אין צאַרסקאָיע סעלאָ. געהייסען, מען זאָל נישט מעלדען פון זיין קומען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז די קייזערין וואַרט און איז אונרוהיג, ווייל ער האָט איהר צוגעזאָגט נישט צו פערבלייבען דאָרטען.

אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט נישט געגעסען פון אינדערפריה און איהם האָט געאיבעלט פון הונגער. ער האָט געהייסען דערלאַנגען טיי. שלאָפען האָט זיך אַזוי געוואָלט, אַז ער איז קוים געשטאַנען אויף די פיס, אָבער ער האָט זיך נישט גלייך געלעגט, נאָר פריהער אָנגעשריבען צוויי בריף. איינעם צו דער קייזערין (עפטער פלעגט ער זיך איבערשרייבען מיט איהר פון צימער אין צימער). אַ צעטעלע פון איין שורה, אויף פראַנצויזיש:

„זי איז געשטאָרבען. איך בין בעשטראָפט געוואָרען פאַר אַלע מיינע זינד.“

דער צווייטער צו אַראַקטשייעוו׳ן:

„זיי נישט אונרוהיג וועגען מיר, ליעבער פריינד אַלעקסעי אַנדרעיעוויטש. דאָס איז גאָטס רצון—און איך קאָן מיך איהם אונטערגעבען. מיט געדולד טראָג איך איבער מיין אומגליק און איך בעט גאָט, ער זאָל מיך גייסטיג שטאַרקען. איך וואַרט אויף דער גוטער מינוט צו זעהן זיך מאַרגען מיט דיר און איך פער-

האָף, אַז מיין נסיעה און די געגענשטאַנדען, מיט וועלכע איך וועל מיך בשעת מעשה בעשעפטיגען, וועלען אַ ביסעל צוזייהען מיינע טרויעריגע מחשבות.

דיין דיך אייביג-ליעבענדיגער אַלעקסאַנדער.

זיך אַנידערגעלעגט אין בעט. שוין אַנטדרעמעלט געוואָרען-אָבער פלוצלונג זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ פּלעצליכען שטויס. ער האָט זיך דערמאָהנט, וואָס ער האָט געזעהן אויפ'ן וועג, בשעת די שוואַרצע קראָהען זענען געפלויגען קראַקענדיג צו דעם געלען זונאונטערגאַנג.

אַנ'אַלטעטשקער, עהנליך צו יענע אָרימע וואַנדערער, וואָס בלאָנקען איבער די גרויסע שליאַכען און קלויבען נדבות אויף אַ קלויסטער. אַ פּליכעוואַטער, אַ גרויער, מיט בלויע אויגען—„אָרימע אויגעלעך, פּונקט ווי ביי אַ קעלבעלע", ווי ביי איהם אַליין אין שפּיגעל. איינמאָל האָט ער איהם שוין געזעהן באַלד נאָך דעם פאָטערס טויט, בשעת עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט משוגע. דעמאָלט האָט ער איהם אָבער נישט דערקאָנט, איצט וויים ער: דאָס איז ער אַליין, דער קייזער, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון טראָן און איז געוואָרען אַנ'אָרימער וואַנדערער.

זעהן זיך אַליין אין טויט. „נו, מילא,—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן,—דער טויט איז אויך אַ מין אָבזאָגען זיך פון טראָן און אפשר דאָס בעסטע. אַלץ צו בעסער!"—האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַנ'אונגעריכטער לייכטקייט, זיך איבערגעדרעהט אויף דער געוועהנטער לינקער זייט, אַוועקגעלעגט די באַק אויף דער האַנד און באַלד איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען איז ער אַוועקגעפאָהרען צוזאַמען מיט אַראַקטשייעוו'ן—בעקוקען די מיליטערישע ישובים.

פינפטעס קאַפּיטעל.

די רוסישע חילות האָבען דורך זייערע נצחונות געראַטעוועט און פער׳חדוש׳ט נישט בלויז דאָס אייגענע פאָטערלאַנד, נאָר אויך גאַנץ אייראָפּאַ: דערפאַר זאָלען זיי געניסען פון דעם זיסען לוין״—איז געזאָגט געוואָרען אין מאַניפעסט וועגען דעם סוף פון דער מלחמה פון צוועלפטען יאָהר. אָט דער זיסער לוין זענען עס געוועון די מיליטערישע ישובים.

די חלומות וועגען אַ הימלישען ירושלים, וועגען אַ טעאָקראַטישער רעגירונג, וועגען גאָטס מלוכה אויף דער ערד ווי אויפ׳ן הימעל, האָבען דערפיהרט צום הייליגען פערבאַנד אין אייראָפּאַ און צו די מיליטערישע ישובים אין רוסלאַנד.

„דער קייזער האַנדעלט טיילמאָל שלעכט, אָבער זיין רצון איז שטענדיג אַ גוטער״,—האָט עמיץ געזאָגט וועגען איהם. און בשעת ער האָט געגרינדעט די ישובים, האָט ער אויך געהאַט אַ גוטע כונה. אויב ער האָט זיך טועה-געוועזן, איז עס נישט ער אַליין בלויז. ספעראַנסקי האָט אָנגעשריבען אַ בוך: „וועגען די מעלות און נוצען פון די מיליטערישע ישובים״. קאַראַמזין האָט געמיינט, אַז „דידאָזיגע ישובים זענען די סאַמע וויכטיגסטע אַנשטאַלטען פאַר רוסלאַנד ביי דער היינטיגער בראַווער רעגירונג״; דער גענעראַל טשערנישעוו האָט געשריבען אַראַקטשייעוו׳ן אַ

זאָגען פייערליך, אַז די פאָלקאָמענהייט פון די ישובים שטייגט־אַריבער אַלע האָפנונגען. די אויסלענדער וועלען פּשוט שטוינען פונ׳ם בילד, וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געזעהן.״

און דער קייזער האָט געגלויבט דערין. און אַז צו איהם איז דערגאַנגען דער געיאָמער פונ׳ם פאָלק: „בעשיץ, קייזער, דאָס קריסטליכע פאָלק פון אַראַקטשייעוו׳ן!״ האָט ער געדריקט מיט די אַקסלען און בעשלאָסען צו טהאָן מיט מענשען גוטס ביז׳ן סאָמע טויט, נישט־וואַרטענדיג אויף זייער דאַנקבאַרקייט. „מיר, מלכים, ווייסען, אַז אויף דער וועלט איז אויך אַזוי זעלטען די דאַנקבאַרקייט, ווי די ווייסע קראָהה.״

אַרויסגעפאָהרען פון צאַרסקאָיע, האָט ער ניין טעג פערבראַכט ביים בעטראַכטען די ישובים, וואָס זענען געלעגען ביי די ברעגען פון וואָלכאָוו.

אין די ערשטע טעג פון דער נסיעה איז ער נאָך אַלץ געווען פערזונקען אין זיין צער און האָט זיך געסטאַרעט צו פערגעסען דורך שנעלע בעוועגונגען: אַז דאָס העלפט, האָט ער שוין לאַנג געוואוסט.

איהם איז געווען אָנגענעהם די נאָהנטקייט צו אַראַקטשייעוו׳ן. ווי אַלעמאָל אין אַ צער, האָט ער געזוכט ביי איהם טרייסט, האָט זיך געטוליעט צו איהם, ווי אַ דערשראָקען קינד צו דער מוטער.

פאָהרענדיג מיט איהם אין איין עקיפּאַזש, האָט ער פערריכט אויף איהם דעם שינעל; האָט נאָר אַ וועהע געטהאָן אַ קאַלט אָדער פריש ווינדטעל, האָט ער איהם בעסער אַרומגעוויקעלט, אַרומגעשפּיליעט. ער האָט געפּאָכט איבער איהם מיט אַ צווייגעל, אָבצוהיטען איהם פון קאָמאַרען און פליגען.

דיפּ׳ן ניינטען טאָג אינדערפריה זענען זיי איבערגעפאָהרען מיט׳ן פּאַראָם דעם וואָלכאָוו. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַראַקטשייעווס גוט גרוזינאָ. אַראַקטשייעווס לייבפּויערים האָבען אונטערגעטראָגען דעם קייזער ברויט און זאַלץ.

—גוט מאָרגען, פּויערימלעך!

—גוט מאָרגען, אייער מאַיעסטעט!—האָבען זיי אויסגעשריען

אויפ'ן מיליטערישען שטייגער און זיך אויסגעשטעלט אין פראָנט.

—איך האָב ערגעץ נישט געזעהן אַזוינע געזונדטע פּנים'ער און אַזאַ מיליטערישע האַלטונג,—האָט דער קייזער בעמערקט אויף פראַנצויזיש זיינע בעגלייטער. „דער רייץ פון די ישובים" האָט געגומען ווירקען אויף איהם, ווי אַלעמאָל.

—פון אַלץ איז קענטיג, אַז דעם עולם איז דאָ גוט ווי די וועלט,—האָט צוגעשטימט דער גענעראַל דיביטש, דער נייער שעף פונ'ם הויפּשטאַב.

דער וועג איז געגאַנגען אויף אַ הויכער דאַמבע, בעזעצט מיט בערעזעס. לינקס איז געלעגען אַ פלאַכער שטח, רעכט דער מוטנער וואָלכאָוו. דער טאָג איז אַ טריבער, אַ שטילער און אַ ווארימער, דער הימעל, בעדעקט מיט גרויע שורות וואָלקענדלעך, האָט אויסגעזעהן, ווי אַ הילצערנער, פּונקט ווי ער וואָלט געמאַכט געוואָרען פון אַלטע געהילצען, ווי די ווענד פון די באַוואָראָדער הייזלעך. פון דער ווייטענס—די ווייסע טורמס פון גרוזינאָ. דער שאָסיי איז אַ גרויסאַרטיגער: די רעדער האָבען קוים בעריהרט דעם זאַמד.

—נו, ברודער, ווי געפעלט דיר דער וועג?

—נישט קיין וועג, נאָר פוטער, אייער מאַיעסטעט. ווען מיר וואָלטען אומעטום געהאַט אַזוינע וועגען, וואָלט מען גאָר נישט בעדאַרפט שטאַרבען,—האָט געזאָגט דער קוטשער איליא און זיך אומגעקעהרט צום קייזער מיט אַ שעלמישען שמייכעלע אין באָרד. ער האָט געוואוסט מיט וואָס צופרידענצושטעלען. ער האָט אויך געוואוסט, אַז מיט דעמדאָזיגען וועג האָט קיינער נישט געטאָרט פאָהרען: מיט טשוהון-טויערען ווערט ער געשלאָסען און די שליסלען ליעגען ביים שומר אין גרוזינאָ; דערנעבען האָט זיך געצויגען אַנ'אַנדער וועג שוין פאַר אַלעמען, אָבער מיט גריבער און שרעקליכע בלאָטעס.

אינ'ם גרוזינער גוט האָט מען בעטראַכט די ישובים פון דער צווייטער און דריטער דעוויזיע פון גרענאַדירען-קאָרפּוס. דאָ איז די אָרדנונג נאָך אַ בעסערע. אויף אַלץ ליעגט אַזאַ רעגעלמעסיגקייט, גלייכקייט און „איינטעניגקייט", אַז מען קאָן 29ט

נישט אונטערשיידען איין ישוב פון אַ צווייטען.

גלייכע ראָזע הייזעלעך זענען אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער ליניע, ווי סאָלדאַטען אין פראָנט אויף אַ שטח פון צוויי, דריי ווערסט און דעריבער זעהט-אויס די גאַס אונגעהויער-לאַנג. די געמאָסטענע אַלעען פון מאָגערע בעראָזעלעך זענען גלייך צוגע-שאָרען. און גלייך זענען די רויטע טרעפּעלעך, די גרינע ברי-קעלעך און ווייסע בענקעלעך.

און פאַר אַלץ און אַלעם גילטען גענויע פאָרשריפטען: ווע-גען בעזימער, מיט וועלכע עס ווערט פערקעהרט די גאַס; וועגען פענסטערשויבען—„צובראָכענע שויבען טאָרען גאָרנישט זיין, דאָס שטערט די אָרדנונג, אָבער שויבען עטוואָס צופלאַצט זענען יאָ דערלויבט"; וועגען חזירים: „מען טאָר נישט האַלטען קיין חזירים, וויל דידאָזיגע בעשעפּענישען צוגראָבען די ערד און מאַכען אַנ׳-אונאָרדנונג. אויב אָבער עמיץ וועט בעטען אַ דערלויבניש צו האַלטען חזירים מיט׳ן תנאי, אַז זיי וועלען קיינמאָל נישט געהן איבער דער גאַס, נאָר זיי וועלען שטענדיג געהאַלטען ווערען אין הויף, וועט עס אַזאַ איינעם דערלויבט ווערען. אָבער אויב ביי דעמדאָזיגען פויער וועט דער חזיר יאָ אַרויס אויף דער גאַס, וועט דער חזיר אַוועקגעגעבען ווערען אין שפּיטאָל און דער שול-דיגער וועט איינגעשריבען ווערען אין שטראָפבוך."

די אַלע פעלדאַרבייטען זענען אויך געטהאָן געוואָרען לויט פאָרשריפטען. די פויערים זענען איינגעטיילט געווען אין ראָטעס און זענען געווען אַרומגעשאָרען, אַרומגעראַזירט און אָנגעטהאָן אין מונדירען. און אין מונדירען זענען זיי געגאַנגען אַקערן. אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ קאַפּראַל האָבען זיי געאַרבייט מיט דער סאָכע, גלייך אויסגעצויגען, פּונקט ווי זיי וואָלטען מאַר-שירט. זיי האָבען געמאַרשירט אויך אין דאָרף, וואו יעדען טאָג זענען פאָרגעקומען מיליטערישע איבונגען.

„די אוניפאָרמירונג פון די קינדער אין עלטער פון זעקס יאָהר,—האָט אַראַקטשייעוו געמאָלדען דעם קייזער,—האָט זיך לויט מיין פעראָרדנונג אָנגעהויבען אין איין טאָג, זעקס אַ זייגער אינ-דערפריה, אין פיער ערטער מיט אַמאָל און דערביי זענען גע-

ווען די ראָטע-קאָמאַנדירען; און אויף דעמזעלבען שטייגער איז עס איבערגעגאַנגען צום צענטער, פון איין דאָרף צו אַ צווייטען און דערביי זענען נישט געשעהן קיין שום אונאָנגענעהמליכקייטען, אויסער עטליכע אַלטע לייט, וואָס האָבען געוויינט. וואָס איז שייך צו די אוניפאָרמירטע קינדער, האָב איך מיך פשוט געקוויקט, קוקענדיג אויף זיי: זיי סטאַרען זיך וואָס גיכער צו ענדיגען די אַרבייט, און אַז זיי קומען אַהיים, וואַשען זיי זיך אָרום, פוצען זיך אויס, טהוען-אָן דעם מונדיר און געהען באַלד אַרויס שפּאַצירען מחנות׳וויז פון איין דאָרף אין אַ צווייטען, און אַז זיי בעגעגענען עמיצען, סטאַרען זיי זיך אַליין צו שטעלען אין פראָנט.”

ון אַזוי איז אויך איצט געווען: אַז די קליינינטשקע סאָלדאַטעלעך האָבען דערזעהן דעם קייזער, האָבען זיי זיך אויסגעצויגען אין פראָנט און מיט דינע שטימעלעך אויסגעשריען:

—זדראַוויע זשעלאַיעם, אייער קייזערליכע מאַיעסטעט!

—מלאכים׳לעך!—איז דיביטש צושמאָלצען געוואָרען פון התפּעלות.

אויף די גאַסען איז אַ טויטע שטילקייט: די קאַבאַקען פערמאַכט, זינגען ליעדער איז פערבאָטען. מען האָט נאָר דערלויבט צו זינגען רעליגיעזע געזאַנגען.

איבוועניג, אין די הייזער, ליעגט אויך אויף אַלץ די אייגענע איינטעניגקייט: דערזעלבער פּלאַן פון די צימערן, דאָסזעלבע מעבעל בעפאַרבט מיט אַ גרויליכען פאַרב. אויפ׳ן פענסטער הענגט אַ ווייס פאָרהענגעל אונטער דעם נומער 4, און דאָס ווערט פערצויגען אויף דער צייט, ווען די מיידלעך טהוען זיך אָן.

דאָ גילטען אויך פאָרשריפטען פאַר אַלץ און אַלעם: אין וואָסערע שעה׳ן בעדאַרף מען עפענען און פערמאַכען דאָס פערטעלע פון פענסטער, די צימערן פערקעהרן, אין אויוען הייצען און מאַכען עסען; ווי אַזוי בעדאַרף מען האָדעווען, געבען עסען און וואַשען אַ קינד—גאַנצע 36 פּאַראַגראַפען. דער פּאַראַגראַף 25: „בשעת די מוטער איז אין כעס, טאָר זי בשום אופן נישט געבען דעם קינד זויגען.” פּאַראַגראַף 36: בשעת דער סטאַרשינע

בעזוכט די הייזער, בעדאַרף ער אַכטונג געבען אויף די וויעגע-לעך און די זויגפּלעשעלעך. דידאָזיגע פאָרשריפטען בעדאַרפען געהאַלטען ווערען נעבען דעם הייליגען בילד, כּדי מען זאָל זיי שטענדיג קאָנען זעהן.״

חתונה-מאַכען פלעגט מען אויף אַזאַ אופן: מען פלעגט אויסשטעלען צוויי שורות—איין שורה חתנים, אַ צווייטע—כּלות. אין איין היטעל פלעגט מען אַריינלעגען צעטעלעך מיט די נע-מען פון די חתנים,—אין אַ צווייטען די נעמען פון די כּלות, און פּאָר נאָך פּאָר פלעגען ציהען די צעטעלעך. און אויב עמיצער פלעגט זיך איינ׳עקשנ׳ען, איז געווען אַ בעפעהל: „מאַכען איהם וייכער.״

—יעדע באַבע,—פלעגט אַראַקטשייעוו זאָגען,—מוז מיר יע-דעס יאָהר געבוירען אַ קינד. אויב עס ווערט געבוירען אַ טאָכ-טער און נישט קיין זוהן, מוז זי בעשטראָפט ווערען, און אויב די באַבע איז מפּיל, מוז זי אויך בעשטראָפט ווערען. און אויב עס געהט-איבער אַ יאָהר און זי האָט גאָר קיין קינד נישט, בע-דאַרף זי צושטעלען צעהן אַרשין לייוועי.

דער קייזער מיט זיינע בעגלייטער זענען געווען פול מיט התפּעלות פון אַלץ.

—אַך, אייער דורכלויכט, איהר צולאָזט דאָך גאָר די פויערים-לעך!—האָט דיביטש אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד, דערזעהענ-דיג אין די הייזער אַמאָרעלעך-סטאַטועס, וואָס לאָזען אַרויס ווי-פּענבלאָזען און זענען בעקראַנצט מיט רויזען.

צום מיטאָג האָט מען אין אַלע הייזער געגעבען פעטען קרויט און דערצו נאָך אַזאַ בע׳טעמ׳טע קאַשע, אַז דער גענעראַל-מאַיאָר אוגרומאָוו האָט פייערליך אַרויסגעזאָגט׳

—נעקטאַר און אַמבראָזיע!

אָבער אַז מען האָט דערלאַנגט אַ קליין געבראָטען חזיר׳ל, האָבען זיך אַלע לחלוטין איבערצייגט, אַז די קאָלאָניעס זענען אַ אמת׳ער גן-עדן.

—וואָס פעהלט זיי נאָך?

—אַ לעבען ווי אין אַ גן-עדן

—אַ גאָלדען לעבען!

—משיח׳ס צייטען!

ביים גענעראַל שקורין האָבען זיך בעוויזען טרעהרען אויף די אויגען און קליינמיכעלס הילצערן געזיכט האָט גאָר גענומען שיינען, פונקט ווי ער וואָלט געזעהן נישט דאָס דאָרף הונד-האָרב, נאָר דעם הימלישען ירושלים.

מען האָט בעקוקט דעם מיליטערישען שפּיטאָל. דאָ האָט די גרויסאַרטיגע קאָנסטרוקציע פון די קלאָזעטען ממש געריהרט דעם לייבכירורג טאַראַסאָוו.

—באמת קייזערליכע קלאָזעטען!—האָט ער נישט זעהר גע-שיקט דערקלערט דעם קייזער.

—און אַנדערש קאָן עס דאָ גאָרנישט זיין,—האָט דער קיי-זער נישט אָהן גאוה בעמערקט און האָט דערביי צוגעגעבען, אַז די דאָזיגע ענגלישע ערפינדונג איז צום ערשטען איינגעפיהרט גע-וואָרען אין רוסלאַנד טאַקי דאָ, אין די דאָזיגע קאָלאָניעס

אַראַקטשייעוו איז אויף אַ מינוט אַרויסגעגאַנגען. דעמאָלט האָט זיך איינער פון די קראַנקע פּאַוואָליע אויפגעהויבען פון געלעגער, צוגעגאַנגען צום קייזער און אַ פאַל געטהאָן איהם צו די פיס.

דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אויגען פון אַ משוגע׳נעם און מיט פערגליווערטען שרעק אויפ׳ן געזיכט. די אַראָבגעלאָזטע אויגענהייטלעך און די טאָפּעלע גאָמבע מיט׳ן גריבעלע האָבען איהם צוגעגעבען אַ געוויסע עהנליכקייט צו אַראַקטשייעוו׳ן.

—שטעה-אויף!—האָט דער קייזער געזאָגט; ער האָט נישט ליעב געהאַט, מען זאָל איהם פאַלען צו די פיס.—ווער ביזטו? וואָס ווילסטו.

—איך בין קאַפּיטאָן אַלילויעוו, אַ מאַלער, דעם גראַף אַראַק-טשייעווס אַ לייבפּויער. בעשירם און בעהיט מיך, קייזער-פאָ-טערל!—האָט ער אָנגעהויבען שרעקליך צו יאָמערן. דערנאָך איז ער אַנטשוויגען געוואָרען, זיך אומגעקוקט מיט שרעק צו דער טהיר, דורך וועלכער אַראַקטשייעוו איז אַרויסגעגאַנגען און אָנגע-הויבען גיך-גיך צו בראָקען עפּיס מיט דער צונג, ווי היצרייד, ווע-

גען דעם הייליגען בילד פון גאָטס מוטער, וואָס איז געמאָלט געוואָרען אַזוי ווי עס זעהט אויס נאַסטקע מינקינאַ, אַ גרויסע חצופה און אַ פערדאָרבען מיידעל און וועגען אַ צווייטען הייליגען בילד, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אַזוי ווי עס זעהט-אויס גראַף אַראַקטשייעוו. און ער האָט נאָך געבראָקט וועגען שדים און רוחות, וואָס געהען איהם נאָך און פייניגען איהם און וועלען איהם מסתמא היינט ביינאַכט פערפייניגען צו טויט; וועגען די געהיימע גזלנ׳ישע מעשים פון אַראַקטשייעו׳ן, אָט „דעם רוח אין מענשענגעשטאַלט“, וועמען ער האָט אָבער צוליעב עפּיס אַ גרונד אָנגערופען „פאָטערל“.

דער קייזער האָט בעמערקט, אַז פון איהם שמעקט בראָנפען. ווי אַזוי בעקומט מען בראָנפען אין אַ שפּיטאָל—דאָס האָט איהם נישט פעראינטערעסירט, און ער האָט זיך בלויז פערקרימט. און אַלע האָבען זיך אַזוי ווי פערשעמט, פונקט ווי עס וואָלט דורכגעלאָפען אַ שאָטען איבער דעם גאָלדענעם לעבען פונ׳ם דאָרף „הונד-האָרב“.

אַריין אַראַקטשייעוו. אַז ער האָט דערזעהן קאַפּיטאָן אַליי-לויעוו׳ן, האָט ער זיך אויך אַזוי ווי פערשעמט. אָבער ער האָט באַלד געגעבען אַ צייכען, און מען האָט געכאַפּט דעם קראַנקען און אַוועקגעשלעפּט אין אַ צווייטער פּאַלאַטע. דער קראַנקער האָט זיך בשעת מעשה געוואָרפען און געשריען מיט אַ ווילדען קול:

—די רוחות! די רוחות! די רוחות וועלען אייך אַלעמען פערשמייסען צו טויט! און דיך אויך, פאָטערל!

דעם קייזער האָט מען דערקלערט, אַז דאָס איז אַ שכור, וואָס איז משוגע-געוואָרען פון שכרות. דעמאָלט האָט דער קייזער געהייסען טאַראַסאָוו׳ן, ער זאָל איהם בעטראַכטען און געבען מעדיצינישע הילף.

דמיטרי קלעמענטיטש טאַראַסאָוו, וואָס האָט אַליין געשטאַמט פון פשוט׳ע מענשען און איז געווען אַ זוהן פון אַ דאָרפישען גלח, האָט אויך ליעב געהאַט איינפאַכע מענשען, וואָס האָבען שטענדיג געהאַט צו איהם גרויס צוטרוי. זיי האָבען געפיהלט, אַז ער

איז אַנ׳אייגענער מענש און האָבען גערן געענטפערט אויף זיינע פראַגע

געבליבען אַליין אין שפּיטאָל נאָך דעם ווי דער קייזער איז אַוועקגעפאָהרען, האָט ער זיך דערוואוסט פון מאָדנע ווילדע זאַכען.

קאַפּיטאַן אַלילויעוו, וואָס דער גרוזינער גלח פעדאָר מאַלינאָווסקי האָט איהם צוגעשריבען פאַר אַנ׳אייגען קינד, איז געווען, ווי מען האָט געשמועסט, אַראַקטשייעווס אַנ׳אונגעזעצליכער זוהן. ער איז גענומען געוואָרען אין גראַפס הויף אַריין, וואו מען האָט איהם געלערנט מאָלעריי, און דער מיליטערישער אינזשענער באַטענקאָוו האָט איהם געלערנט אַראָבנעהמען פּלאַנען און צייכענען קאַרטען. אויף אַראַקטשייעווס פערלאַנג האָט ער געמאָלט הייליגע ביי דער פאַר׳ן קלויסטער און גלייכצייטיג פּאָרנאָגראַפישע בילדער פאַר אַ פּאַווילאָן פון גרוזינער פּאַרק. געוועזען איז ער אַ פרומער און, נאָך אין די קינדער־יאָהרען האָט ער זיך מבין־געווען צו ווערען אַ מאָנאַך. די פּאָרנאָגראַפישע בילדער, וואָס ער האָט געמאָלט, האָט ער געהאַלטען פאַר אַ שרעקליכע עבירה. דאָס געוויסען האָט איהם געפּייניגט. האָט ער אָנגעהויבען שכּור׳ן און איז קראַנק געוואָרען פונ׳ם בראָנפען. נאָכדעם האָט ער זיך געוואָלט דערטרינקען, האָט מען איהם אָבער אַרויסגעשלעפּט און אָבגעשמיסען. האָט ער זיך נאָכמעהר איבערגעגעבען צו שכּרות, און איינמאָל, אין אַ שווערען צושטאַנד, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צום הייליגען בילד פון גאָטס מוטער, וואָס ער, קאַפּיטאַן, האָט אויסגעמאָלט מיט נאַסטקע מינקינאַ׳ס פּנים, און געוואָלט עס צושניידען מיט אַ מעסער. אָבער אַז מען האָט איהם געכאַפּט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אויך די לעבעדיגע מינקינאַ דער׳הרג׳ענען. „גוט אָבשמייסען און מיר בעווייזען.“ האָט אַראַקטשייעוו געהייסען. דער פּשט דערפון איז געווען: בעווייזען דעם רוקען, צי ער איז גוט צוהאַקט. די שמייסער האָבען אָבער רחמנות געהאַט אויף איהם, האָבען זיי איהם בעגאָסען דעם רוקען מיט׳ן בלוט פון אַ געקוילעטער הוהן, ווי זיי פלעגען עס עפטער טהאָן אין אַזאַ פאַל, און דערמיט האָבען זיי

איהם מציל-געווען פון טויט. פונדעסטוועגען איז ער נאָך דער דאָזיגער עקזעקוציע געווען אַ האַלב-טויטער מענש און מען האָט איהם אַוועקגעשיקט אין שפּיטאָל.

טאַראַסאָוו האָט זיך אויך דערוואוסט מאַנכע זאַכען וועגען די מיליטערישע קאָלאָניעס.

די שפּיטאָלען זענען גרויסאַרטיג אַוועקגעשטעלט, אָבער אומעטום אין די דערפער געהען-אַרום קראַנקהייטען, סקאָרבוט, דיזענטעריע און מענשען שטאַרבען, ווי פליגען. אין שפּיטאָל איז אַ פּאַרקעט-פּאָדלאָגע, אָבער די קראַנקע טאָרען נישט געהן איבער איהר—נישט צו בעשמוצען זי, חלילה, און זיי שפּריינגען פון די בעטען גלייך אין די פענסטער אַרויס. פאַרהאַן געלערנטע אַקושער-קעס, וואַנעס—אָבער אַ מעוברת'ע פרוי האָט מען אַזוי פערשמי-סען, אַז זי האָט מפּיל-געווען און איז געשטאָרבען אונטער די ריטער. זעקסאונדרייסיג פּאַראַגראַפען וועגען קינדערדערציהונג און אַ מוטער האָט דער'הרג'עט איהר אייגען קינד: „אויב מען נעהמט-צו, האָט זי גע'טענה'ט, דאָס קינד פון דער מוטער, איז גלייכער דאָס זאָל גאָרנישט לעבען אויף דער וועלט."

אין די הייזער איז וואונדערליך ריין, אָבער צוצוגעוועהנען צו ריינקייט, ווערט פערברויכט אַ וואָגען ריטער. די פויערים פּו-צען די אַלעען, אָבער אין פעלד שיטען זיך די קאָרן-קערנדלעך. די בוימער ווערען געשאָרען אין איין מאָס, אָבער דאָס היי ווערט צופוילט. צו די אויוועגס ווערען געבראַכט דעקלעך מיט אַמאָרען, אָבער עס איז נישטאָ מיט וואָס צו הייצען. צו מיטאָג ווערט דערלאַנגט אַ געבראָטען חזיר'ל, אָבער אַלע זענען הונגעריג. איי-נער אַ שטיפער, פון דעם קייזערס פליגעלאַדיוטאַנטען האָט אין דעם ערשטען הויז אָבגעשניטען דעם געבראָטען חזיר'ל אַנ'אויער און דאָס אייגענע חזיר'ל איז דערלאַנגט געוואָרען אויך אין דעם פינפטען הויז: בשעת דער קייזער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, איז דאָס געבראָטענס איבערגעשמוגעלט געוואָרען דורך די הינטער-טיהרען. די קאַבאַקען זענען אפילו פערמאַכט, אָבער פלעשלעך שנאַפּס ווערען איבערגעפיהרט אין די עקען פון פערד. אַלע טרינקען זיך אָן טויט שכור, אָבער ווער עס טרינקט נישט,

ווערט משוגע אָדער נעהמט זיך דאָס לעבען. גאַנצע משפחות געהען-אַוועק אין די בלאָטעס, אין די מאָכען, צו שטאַרבען דאָרט פון הונגער.

„זיי מציל, קייזער, דאָס קריסטליכע פאָלק פון אַראַקטשייעוו'ן!"—איז טאַראַסאָוו גרייט געווען אויסצושרייען, אויסהערענדיג דידאָזיגע פאַקטען. ער האָט ליעב געהאַט דעם קייזער, געקאָנט זיין גוט האַרץ און נישט פערשטאַנען, ווי אַזוי קאָן ער אַזוי גענאַרט ווערען. איז אפשר נישט גערעכט אַמאָל קאַפּיטאַן, אַז דאָ איז אַ נעסט פון שדים?

אָבער דער קייזער איז אַריינגעפאָהרען קיין גרוזינאָ מיט יענעם געפיהל, וואָס ער האָט שטענדיג געהאַט אין דידאָזיגע ערטער: ווי אַ מידער וואַנדערער וואָלט געקומען אַהיים. אָט וואו מען קאָן אַלץ פערגעסען, פון אַלץ אויסרוהען, זיך בערוהיגען. „איך פיהל מיך ביי דיר, ווי ביי גאָט אויף דער ברוסט!" פלעגט ער זאָגען אַראַקטשייעוו'ן.

געווען נאָך אַן אַנדער געפיהל, נאָך אַ זיסערעס: בשעת ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן דעם „ערדישען גן-עדן" פון די מיליטערישע ישובים, פלעגט ער געניסען דאָס איינציגע פערגעניגען, וואָס איז איהם געבליבען אין לעבען: זענענדיג אַליין נישט גליקליך, מאַכען גליקליך אַנדערע.

מיט דעמדאָזיגען תענוג אין האַרצען איז ער אין יענער נאַכט אַזוי רוהיג איינגעשלאָפען, ווי ער האָט שוין לאַנג נישט געשלאָפען אַזוי.

אַראַקטשייעוו פלעגט טיילמאָל ליידען פון שלאָפלאָזיגקייט: ער לעגט זיך, אַ שטייגער, אין בעט, פערלעשט דאָס ליכט און פערמאַכט די אויגען, אָבער אָנשטאָט איינצושלאָפען, פלעגט ער נעהמען טראַכטען פון טויט און פלעגט דערשפירען אַ נודנעקייט, האַרצקלאַפעניש, נערוועןצוררודערונג, און ער פלעגט שוין נישט קאָנען איינשלאָפען.

אַזאַ מין צושטאַנד האָט ער אויך געהאַט אין דער היינטיגער נאַכט. לאַנג האָט ער זיך אומגעוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער. איינגענומען מאַנדעל-אַניסטראָפּענס מיט אַ

גראָזעקסטראַקט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפּען. איז ער אויפ־געשטאַנען, אָנגעטהאָן זיין גרויען מונדיר מיט די לאַנגע פּאָלעס עהנליך צו אַ שלאָפּראָק, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגען אין גרוזינאָ—עלעגאַנטע קליידער האָט ער פיינט געהאַט—און האָט גענומען אַרומבלאָנקען איבער די צימערן.

געזוכט מיט וואָס זיך צו בעשעפטיגען, מיט וואָס צו פּער־טרייבען דעם אומעט. ער האָט איבערגעקוקט די רשימות פון די זאַכען, וואָס זענען געהאַנגען אין יעדען צימער אויף די וואַנד מיט דערדאָזיגער אויפשריפט: „קוקען זאָלסטו מיט די אויגען, אָבער מיט די הענד קיין זאַך נישט אָנריהרען.” דערנאָך האָט ער בעקוקט, צי אַלץ איז אין אָרדנונג, צי די אַלע־זאַכען זענען פונאַנדערגעשטעלט, ווי געהעריג, און צי איז עפּיס נישט פער־פאַלען געוואָרען, צי איז נישט פאַרהאַן ערגעץ עפּיס אַ סרכא—שפּינוועבס, שמוץ, שטויב. ער האָט בענעצט אַ טיכעל מיט שפּיי־עכטס, זיך אַנידערגעלעגט אויף דער פּאָדלאָגע, אַרונטערגעקראָכען אונטער די טישען און בעטען און געפּרובט, צי די פּאָדלאָגע איז ריין, צי ווערט נישט שוואַרץ דאָס טיכעל פון שטויב. אָבער קיין שטויב איז נישט געווען. קרעכצענדיג און אויקענדיג האָט ער זיך פון דאַניי אויפגעהויבען אויף די פיס און ווידעראַמאָל גע־נומען אַרומבלאָנקען.

ער איז מיד געוואָרען, זיך צוגעזעצט און גענומען בע־טראַכטען די מתנות און אָנדענק־געשאַנקען, וואָס זענען געלעגען אויפ׳ן טיש. דאָ האָט ער אויך געפונען די לידער פון׳ם פּאָעט אָלין, וואָס זענען געשריבען געוואָרען צו דעם גראַף אַראַקטשיי־עווס פּאָרטרעט:

וויּ אַ רוסישער טינצינאַטוס, אין גריזיסען רוהם און גלאַנץ,
האָט ער ביים פלוג געלעגט זיין לאָרבערקראַנץ.
דער פריינד פון אַלעקסאַנדער, וואָס קאָן נאָר אמת
ווען—
אַ דענקמאָל דאַרף מען איהם אויף אייביג שטעלען.

די לידער האָבען אויך נישט בערוהיגט. ער האָט איבערגע־קוקט די רעכענביכער, וואו עס זענען איינגעשריבען געוואָרען מיט

די קלענסטע אותיות׳לעך די אַלע שטוב-הוצאות: ווען איז געקויפט געוואָרען דאָס היטעל צוקער און צוהאַקט געוואָרען אויף שטיק-לעך; וויפיעל פלעשער ווין האָט מען אויסגעטרונקען; וויפיעל לעפעל שמאַלץ איז אַוועק אינ׳ם צוריבענעם רעטאַך פאַר די מענ-שען אויף אָוונדברויט; וויפיעל שטאָף איז פערווענדט געוואָרען פאַר די הויזמיידלעך אויף קאָפּטיכלעך, וויפיעל לייוונד פאַר די קוטשערס אויף העמדער. געוואַלטיגע הוצאות: מען קאָן פּשוט בדיל-הדל ווערען! שוין בעסער נישט צו טראַכטען, וואָרום מען ווערט נאָכמעהר אויפגערעגט.

גענומען לייענען די שטראָפביכער, וואו עס זענען פערשריבען די שולדען און שטראָפען: וויפיעל שמיץ דער אָדער יענער האָט בעקומען פאַר אַזאַ און אַזאַ חטא. ער האָט זיך דער-מאָנט, אַז ביים קאַמעריונגעל זענען די האָהר נישט פערקאַמט; ער האָט עס באַלד אַריינגעטראָגען אין בוך און אין דמיון גע-מאַכט פאָרוואורף דעם הויזפערוואַלטער: „איך בעפעהל דיר, זאָלסט שטרענג אַכטונג געבען אויף איהם, אַנישט וועט דיין רו-קען זיין אַ לאַנגע צייט אין וואונדען...״

האָט ער אָבער אָנגעהויבען ריידען, האָט ער שוין נישט געקאָנט אויפהערען. מיט אַנ׳איינטעניגען שווערען קול, ריידענדיג אין נאָז, האָט ער גענומען פייניגען די נשמה פון דעם אומזע-העוודיגען צוהערער.

— מענשען בעדאַרפען טהאָן אַלץ, וואָס איז נויטיג, און אויב זיי טהוען עס שלעכט, זענען דערויף פאַרהאַן ריטער. עס ווייזט מיר אויס משונה, ווען מען זאָגט, אַז מען קאָן נישט דער-ציהען מענשען אַזוי, אַז זיי זאָלען פינקטליך דערפילען זייער פליכט...

און דאָ האָט ער זיך גאָר גענומען קלאָגען:

— האָסט מיר, אַנ׳אַלטען מאַן, פערשאַפט עגמת-נפש, און אַלץ, וואָס קאָסט מיר געזונד, דערנעהנט מיך צום טויט, צו וועלכען איך גרייט מיך. דו קאָנסט דאָך מיין שרעקעדיגע נאַטור און דו ווייסט דאָך, אַז מיט מיר בעדאַרף מען זיך בעגעהן ווייך...

און דאָ האָט ער גענומען שרייען אין גרויס גרימצאָרן:

—איך וועל דיך אפילו קיין סיביר נישט פערשיקען, נאָר אַליין מיט די אייגענע הענד דער׳הרג׳ענען!

און עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ שטילער אָבשטאַר-בענדיגער שעפּטשעריי, וואָס האָט אפילו ווייך געקלונגען:

—גוט, גוט אָבשמייסען! גוט אָבשמייסען!

דערנאָך געקומען צו די געדאַנקען, זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, אַז קיינער איז נישטאָ, האָט ער טריב אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און גענומען פון דאָסניי אַרומבלאָנקען. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען: עפּיס אַזוי נודנע-לאַנגווייליג, כאָטש נעהם און צעוויין זיך. ער האָט געקרעכצט און גע-אויקעט פון וועהטאָג. זאָל ער אפשר אַריינגעהן צו באַסטיעלע׳ן? ניין, עס ווילט זיך נישט. אפשר קוואַס—אין האַלז איז עפּיס טרוקען? ניין, קיין קוואַס ווילט זיך אויך נישט. עס ווילט זיך גאָרנישט. אַ טויטע לאַנגווייליגקייט, עפּיס אַ טיעפע לערקייט, וואָס מען קאָן זי מיט קיין זאַך נישט אויספילען. משוגע קאָן מען ווערען. ער האָט זיך דערשראָקען, ווידעראַמאָל איינגענומען טראָ-פּענס, אָבער עס האָט אַלץ נישט געהאָלפען.

ער האָט אַליין נישט געוואוסט, ווי אַזוי ער האָט זיך גע-פונען אונטען, אין ביבליאָטעק. דאָ איז אויך געווען דער אַרסע-נאַל און די שטראָפקאַמער. עס איז געשטאַנען אַ פעסעל מיט גע-זאַלצענעם וואַסער, וואו עס האָבען זיך געווייקט פרישע ריטער. ער האָט געפּרובט אַ רוט אויף דער צונג—צי עס גענוג גע-זאַלצען.

אַ קוק געטהאָן אויף די איינבונד-רוקענס פון זיינע בע-ליעבטע ביכער, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ בעזונדער פּאָליצע: „דער ווילדער יונג אָדער די סכנות פון די ערשטע ליידענשאַ-פטען.״ „דער ווילדער מאַן, וואָס שפּאַסט פון די קענטנישען און זיטען פון דער היינטיגער צייט.״ „קוצעניו-מוצעניו נאָך דער חתונה און פערוויילונגען מיט געליעבטע.״ „אַ זיסער ביסען פאַר מענשען, וואָס פאַסטען.״ „דער וועג צום אונשטערבליכען צוזאַ-מענלעבען פון מלאכים.״ „דער עגיפּטישער אָראַקעל אָדער דאָס

ולשטענדיגע און נייע מיטעל צו וואָהרזאָגעריי.״ „די פראָבע ווי אַזוי צו פערווענדען די צייט און זיך גופא.״

געפּרובט לייענען „די פּראָבע״. ניין, לאַנגווייליג און נישט פערשטענדליך. אַ קוק געטהאָן אויף די צייכענס פון די שלאַגבוימער און הייזלעך. אויף אַ מינוט געוועזן טשיקאַווע. אָבער דערנאָך געוואָרען דושנע, פון די ביכער האָט געשמעקט מיט מייז און פייכטקייט און פון די געווייקטע ריטער—מיט באָדבעזימער. עס האָט זיך געוואָלט אַרויסגעהן אויף פרישע לופט: אפשר וועט דאָרט כאָטש ווערען לייכטער?

זיך איינגעוויקעלט אין אַ געשטריקטען טוך און אָנגעטהאָן די לעדערנע קאַלאָשען. ער פלעגט זיי טראָגען אפילו אין אַ טרוקען וועטער, וואָרום ווער ווייס, וואָס עס קאָן זיין: עס קאָן געהן אַ רעגענדל, וועסטו זיך די פיס פערנעצען, זיך צוקיהלען, אַריינפאַלען אין אַ היצקראַנקהייט—און וויפיעל בעדאַרף אַ מענש?

פאַרבייגעגאַנגען אין פאָרצימער פאַרביי די שפיגלען און אונגערן דערזעהן דאָס אייגענע געזיכט—זיך נאָכמעהר דערשראָקען: מאָגער, בלאַס, גרין—„אַנ׳אמת׳ער שקעלעט״. זיך אָבגעקעהרט און אַ שפיי געטהאָן פון פערדרוס.

אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען. אַ ווייסע, אַ הייסע, אַ דושנע נאַכט. טויט-שטיל אַרום—עס הודושען בלויז קאָמאַרען און זשאַבעס קוואַקען. איב׳ם גרויען ליכט איז דאָס גרינוואַרג גרוי, ווי אַש. עס שטעהט אַ נעבעל, ווי די פאַר אין באָד. און דאָ שמעקט אויך מיט בעראָזע-ריטלעך, ווי מיט געווייקטע ריטער צום שמייסען. נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. און מען קאָן נישט פערשטעהן, צי עס זענען פאַרהאַן וואָלקענס אויפ׳ן הימעל—ער איז אַזוי גלאַט, ווייס, לער. און עס דאַכט זיך, אַז אויך דאָרט, אין הימעל, ווי אויפ׳ן הימעל, איז אַ גרויסע פוסטקייט, אַנ׳אונענדליכע לאַנגווייליגקייט.

ער האָט בעקוקט די אַלעען—צי זיי זענען ריין פערקעהרט. אין גאָרטען האָט ער אויך געפאָדערט אַזאַ ריינקייט, ווי אין דויז. איז עמיץ אַדורכגעגאַנגען די אַלעען, האָט דער דעזשורנער גערטנער באַלד פערקעהרט די שפורען פון זייגע טריט. 216

פאַרהאַן אַ סך דענקמעלער און מצבות אין גאָרטען: „דער ליעבער דיאַנקע", „דעם טרייען זשוק", „צום אָנדענק פון מיינע ליעבע עלטערן". פונקט ווי אויף אַ בית-עולם און ער אַליין איז ﬠהנליך צו אַ מת, וואָס איז אַרויס פון קבר: אפשר איז ער שוין לאַנג געשטאָרבען, אָבער ער איז אַרויס פון קבר און געהט-אַרום איבער'ן בית-עולם און וועט שוין אַזוי אַרומגעהן, ביז די וועלט וועט אונטערגעהן?

זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטוב אַריין. אויפ'ן גאַניק בּיי אַ זייטיגען פליגעל איז עמיץ געזעסען. דער אָרט איז זעהר אַ שטילער; זעלטען ווער עס געהט דאָ אפילו בּייטאָג: לינקס—דרעמלענדיגע אַקאַציען-קוסטעס, רעכטס—אַ וואַנד פון אַנ'אונבּעוואוינטען פליגעל. ווער זיצט עס? אַ גרויער, אַ שרעקליכער, ﬠהנ-ליך צו אַ גייסט. קאַפּיטאַן אַלילויעוו זיצט עס, דער משוגע'נער. ער זיצט אין זיין גרויען שפּיטאָל-כאַלאַט און אין דער ווייסער מיץ, זיצט און קוקט-אויס, פונקט ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עמיצען. צי וואַרט ער נישט אַמאָל אויף איהם? „ער וועט מיך דער'הרג'ענען!" האָט אַראַקטשייעוו אַ טראַכט געטהאָן און זיך געוואָלט אַ וואָרף טהאָן אין די קוסטעס אַריין, אָבער עס איז שוין געווען שפּעט: יענער האָט איהם דערזעהן און אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אַ רוף געטהאָן מיט'ן פינגער. אָהן אַ קול, אָבער לויט דער בּעוועגונג פון די ליפּען איז געווען קענטיג, אַז ער שעפּטשעט:

—פּאַטערל! פּאָטערל!

און האָט שטיל געלאַכט.

נישט ווייט, ביים עק פליגעל האָט זיך געפונען דער הויפּטאיינגאַנג. דאָרט איז געשטאַנען אַ וואַך אונטער די פענסטער פון דעם קייזערס שלאָפצימער. ער וואָלט אויסגעשריען, האָט ער אָבער קיין קול נישט; ער וואָלט אַנטלאָפען—פּאָלגען אָבער נישט די פיס. אָבער יענער מאַניעט אַלץ און מאַניעט, פונקט ווי ער וואָלט פערשטאַנען, אַז ער וועט פון איהם נישט אַוועקגעהן. און פלוצלונג האָט אַראַקטשייעוו'ן גענומען ציהען צו איהם. איז ער צוגעגאַנגען און זיך אַנידערגעזעצט דערנעבען. קאַפּיטאַן האָט

איהם שווייגענדיג אָנגעקוקט, געלאַכט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אויף זיין ווייסער מיץ האָט זיך געוויעגט דאָס פּרענזעלע.

—וואָס טהוסטו דאָ, קאַפּיטאָשע, האַ?—האָט אַראַקטשייעוו אַרויסגעזאָגט פּאָרזיכטיג, ציטרע און וויידּ.

—אויפ'ן קייזער וואַרט איך דאָ,—האָט איהם דער משוגע'נער אַזוי שעלמיש צוגעוואונקען, אַז עס איז געוועזן קענטיג—מען וועט איהם דאָ בשום אופן נישט קאָנען אָבנאַרען.

—צו וואָס בעדאַרפסטו דעם קייזער?

—איך האָב אַ מסירה?

—אויף וועמען?

—אויף אייך, פּאָטערל

—און ווי אַזוי ביזטו געקומען אַהער פון שפּיטאָל?

—די שדים האָבען געבראַכט. די שדים טראָגען זיך אַלץ און איינגיכען וועלען זיי מיך גאָר אַוועקטראגעז און פערשמייסען ביז טויט.

—אָן, קאַפּיטאָשע ליעבענקער, רייד בעסער נישט וועגען זיי ביי דער נאַכט, וועסט זיי נאָך אין אַ בייזער שעה אַרויסרופען.

—וואָס אַרויסרופען? מיט אייך איז אַלעמאָל אַזוי. אָהאָ, וואָס פאַר אַ מענגעס שדים! איין בישטגוטער זיצט אויפ'ן אַקסעל, אַ צווייטער נישט-גוטער זיצט אויפ'ן מאָגען און אַ דריטער אויף דער צונג.—דריי גרויסע און צעהן קליינינקע אויף יעדען פינגער...

אַראַקטשייעוו האָט זיך געוואָלט איבער'צלמ'ען, אָבער די האַנד האָט נישט געדיענט.

—אָבער פאַרוואָס וועלען זיי דיך פערשמייסען, קאַפּיטאָשענקע?

—פאַר די איקאָנעס. דערפאַר וואָס איך האָב געמאָלט די פּאַסקודנע נאַסטע אין דער געשטאַלט פון דער הייליגער מוטער און דעם אכזר אַראַקטשייעוו'ן אין דער געשטאַלט פון קריסטוס. אָבער מיינט נישט, פּאָטערל, אַז נאָר מיך אַליין וועט מען שמייסען—אייך אויך. מיר וועלען זיךביידע שטעלען פאַר'ן בית-דין,

ווידעראַמאָל זענען זיי אַנטשוויגען געוואָרען, זיך איינאַנ-דער אָנגעקוקט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז שוין נישט איין משוגע'נער—נאָר צוויי משוגעים זיצען.

—און פאַרוואָס ווילסטו מסר'ן אויף מיר פאַר'ן קייזער?

—איהר ווייסט כּלומר'שט נישט? פאַר דאָס אונשולדיגע בלוט! פאַר די דערטרונקענע, פאַר די דערשטיקטע, דערשאָסע-נע, פערשמיסענע, פאַר די קינדער, פאַר די ווייבער, פאַר די אַלטע לייט, פאַר דאָס גאַנצע פּראַוואָסלאַוונע פאָלק, פאַר גאַנץ רוסלאַנד! און פאַר'ן קייזער אויך! און פאַר מיין, פאַר מיין בלוט!..

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּען אין פויק אַריין. אין דערוויייטענס, ביי דער הויפטוואַך האָט מען געקלאַפּט זאָריע און אין דערנאָהנט, איבער'ן וועג, האָבען זיך דערהערט די טריט פון דער וואַך.

—קאַראַאול!—האָט אַראַקטשייעוו געפּרובט אויסשרייען, אָבער זיין געשריי איז בלויז געווען אַ שוואַכע שעפּטשעריי.

צום לעצטען מאָל האָט איהם דער משוגע'נער אַ גראָזיע געטהאָן מיט'ן פויסט און זיך פּלוצלונג געלאָזט לויפען—אינ'ם גרויען ליכט האָבען זיך בלויז געזעהן די וואַרפענדיגע פאָלעס פון זיין גרויען כאַלאַט.

—קאַראַאול!—האָט שוין אַראַקטשייעוו אויסגעשריען מיט'ן גאַנצען קול,—כאַפּט איהם! כאַפּט איהם! כאַפּט איהם!

עס זענען אָנגעלאָפען די וואַכסאָלדאַטען. אַ לאַנגע צייט האָבען זיי נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס איז דאָ אַזוינס גע-שעהן. צולעצט, האָט ער זיי ווי-עס-איז קלאָר געמאַכט. האָט מען אָנגעהויבען זוכען. מען האָט געזוכט און גענישטערט און קיינעם נישט געפונען. אַלילויעוו איז פערשוואונדען געוואָרען, פּונקט ווי ער וואָלט פערזונקען געוואָרען אונטער דער ערד אָדער די נישט-גוטע האָבען איהם באמת אַוועקגעטראָגען.

געקומען אַהיים, איז אַראַקטשייעוו אַריין אין שלאָפצימער, זיך אַוועקגעלעגט אין די בגדים און פערזונקען געוואָרען אין אַ מין שלאָף אָדער אין אַ חלשות.

אינדערפריה איז ער אויפגעשטאַנען אַ קראַנקער, אַ צובראָכענער. אָבער ער האָט קיינעם נישט דערצעהלט וועגען דעם, וואָס עס איז געשעהן ביינאַכט: זיך געשעמט, אפנים

נאָכ׳ן פריהמאָרגענטיי האָט ער אַוועקגעפיהרט דעם קייזער אין גאָרטען—צו ווייזען איהם די נייע בלומענבייטען, אַלעען, גראָזביידלען.

דער׳זעהן אַ קאַץ, האָט ער צוגערופען דעם דעזשורנעם גאָרטעניונגעל: עס איז נאָך פריהער אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל צו כאַפּען אין גאָרטען די קעץ און אויפהענגען זיי—די נאַכטיגאַלען זאָלען זיך נישט שרעקען. אַראַקטשייעוו איז געווען אַזוי פיהלבאַר צו די טרעלען פון די נאַכטיגאַלען, אַז טיילמאָל פלעגט ער וויינען, הערענדיג. אין אַנ׳אַנדער צייט וואָלט ער דעם גאָרטעניונגעל אָבגעשמיסען, אָבער פאַר די געסט איז עס געווען נישט בעקוועם. האָט ער איהם בלויז אָנגענומען פאַר׳ן אויער, אַ ציה געטהאָן און געפרעגט:

—אַ קעצעלע?

—ווינאָוואַט, אייער דורכלויכט!

—וויסטו דעם אונטערשיעד צווישען אַ פייערשוואָם און אַ יונגעל?

—איך ווייס נישט.

—נו, וועל איך דיר זאָגען, מיין נחת׳ל: אַ פייערשוואָם שמייסט מען פריהער אָב און דערנאָך לעגט מען איהם אַוועק און אַ יונגעל לעגט מען פריהער אַוועק און דערנאָך צימבעלט מען איהם אַריין. געדענק!

מען איז אַראָבגעגאַנגען צום גאָרטענטייכעל, זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפעל און זיך איבערגעשיפט צום אינזעלע מיט׳ן טעמפעלהויכען פּאַוויליאָן, וואָס איז געשטעלט געוואָרען לכבוד דעם גענעראַל פון אַרטילעריע מעלעסינאָ, ביי וועלכען דער גראַף האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע. אין דעמדאָזיגען פּאַוויליאָן האָבען זיך געפונען ציינישע בילדער, וואָס קאַפּיטאַן אַלילויעוו האָט געמאָלט. זיי זענען געווען פערבאָרגען אונטער שפּיגלען, וואָס פלעגען געעפענט ווערען דורך פערבאָרגענע פרוזשינעס.

דער בעל-הבית איז אַריין דער ערשטער: ער האָט גע-וואָלט זעהן, צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

—ער! ער! ער! געהט נישט! ער ווערט דער׳הרג׳ענען!— האָט ער פלוצלונג אויסגעשריען, אַרויסלויפענדיג אַ טויטער פון פּאַוויליאָן, און אַ פאַל געטהאָן דעם קייזער אין די הענד אַריין כמעט ווי אַ גע׳חלש׳טער.

די געסט האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אין פּאַוויליאָן אַריין. דאָרט איז געווען טונקעל פון די הויכע בוימער, וואָס האָבען פערשטעלט די פענסטער. סאַמע אינ׳ם טונקעלען ווינקעל, צווי-שען צוויי שפּיגלען, איז עמיץ געשטאַנען. מען האָט נישט גע-געקאָנט זעהן, וואָס ער האָט דאָרט געטהאָן.

איז צוגעגאַנגען דיביטש און דערזעהן אַ בלוי געזיכט, אַרויסגעשפּאַרטע אויגען און אַנ׳אַרויסגעשטעקטע צונג. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, זיך צוגעריהרט און באַלד צוגענומען די האַנד. דער שטעהענדיגער האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען אַ פאַל טהאָן אויף איהם.

—עמיץ האָט זיך אויפגעהאַנגען,—האָט ער געזאָגט.

—טאָ נעהמט איהם גיכער אַראָב פונ׳ם שטריק!—האָט דער קייזער בעפוילען, אַריינגעהענדיג אין פּאַוויליאָן.—זעהט נאָר, טאַ-ראַסאָוו, צי קאָן מען איהם נישט אָבראַטעווען.

דעם געהאַנגענעם האָט מען אַראָבגענומען פון שטריק—ער איז געהאַנגען אַזוי נידעריג, אַז זיינע פיס האָבען כמעט אָנ-געריהרט די ערד—און אַוועקגעלעגט אויף דער ערד. דער קיי-זער האָט זיך אָנגעבויגען און דערקאָנט קאַפּיטאַן אַלילויעוו׳ן.

—געשטאָרבען?

—טאַק טאָטשנאָ, אייער מאַיעסטעט,—האָט טאַראַסאָוו גע-ענטפערט,—וואַהרשיינליך, נאָך אינמיטען נאַכט זיך אויפגעהאָנגען.

—וואָס איז דאָס?—האָט דער קייזער אָנגעוויזען אויף אַ פּאַפּיר, וואָס דער אויפגעהאַנגענער האָט פערדריקט אין דער פערגליווערטער האַנד אַזוי שטאַרק, אַז טאַראַסאָוו האָט עס קוים געקאָנט אַרויסנעהמען און דערביי נישט צורייסען. דאָס איז גע-ווען אַ פערזיגעלטער קאָנווערט מיט אַנ׳אויפשריפט: „זיין קייזער-

ליכער מאַיעסטעט, שטרענג געהיים."

טאַראַסאָוו האָט דערלאַנגט דעם קייזער דאָס פּאַפּיר. דער קייזער, ווידער, האָט עס געוואָלט איבערגעבען קליינמיכעל'ן, אָבער ער האָט זיך בעדאַכט און האָט עס אַריינגעלעגט אין זיין צאַרבעל-אויפלאָג.

אַראַקטשייעוו איז אין פּאַווילאָן נישט אַריין. ער איז געזעסען אויפ'ן גאַניקעל, געקרעכצט און געאויקעט און געטרונקען וואַסער פון אַ קרוג, וואָס די סאָלדאַטען—שיפּרודערער האָבען איהם דערלאַנגט. אין שיפּעל האָט מען איהם כמעט ווי אַריינגעטראָגען און אין שטוב האָט מען איהם אַריינגעפיהרט אונטער די הענד. פון שרעק איז איהם שטאַרק צורודערט געוואָרען דער מאָגען. דער קייזער האָט זיך אפילו דערשראָקען, אָבער טאַראַסאָוו האָט איהם בערוהיגט, זאָגענדיג, אַז דאָס איז אַ קליינינקייט, נישט קיין קראַנקהייט. ער האָט איהם געהייסען טרינקען ראָמאַשקעס און מאַכען אַ קליסטיר. דעם גאַנצען טאָג איז דער קייזער נישט אָבגעטראָטען פון זיין בעט, האָט איהם אָבגעהיט, אויפגעקאָכט ראָמאַשקעס און איז אפילו געווען אַ בעלן מיט אייגענע הענד צו מאַכען איהם אַ קליסטיר.

ביינאַכט, אַז דער קייזער איז געבליבען אַליין, האָט ער אויפגעריסען אַליליעוס בריף. אָבער אַז ער האָט דערזעהן, אַז דאָס איז אַ מסירה אויף אַראַקטשייעוו'ן, האָט ער עס נישט געלייענט, נאָר אַ קוק געטהאָן אויפ'ן אָנהויב און סוף.

„אייער קייזערליכע מאַיעסטעט, אַלגנעדיגסטער הערשער! בלויז זער גענאַנק אַליין וועגען די מיליטערישע קאָלאָניעס פּילטאָן יעדע איידעלע נשמה מיט וועה און שרעק..."

און צולעצט:

„די מיליטערישע קאָלאָניעס זענען דאָס גרעסטע אונרעכט, וואָס נאָר אַ ווילדער טיראַן האָט זיי געקאָנט אויסטראַכטען..."

„ניין, דאָס האָט נישט ער געשריבען, ווי קומט ער, דער שכור, דאָס אָנצושרייבען,—האָט אַ טראַכט געטהאָן דער קייזער,— דאָס האָט מסתמא עמיץ אַנ'אַנדערער איהם אָנגעשריבען. אפשר עמיץ פון זיי?

זיי—דאָס זענען אַלעמאָל און אומעטום געווען די מיטגלידער פון דער געהיימער געזעלשאַפט.

גענומען אַ ליכֿט, אָנגעצונדען דאָס פּאַפּיר און אַריינגעוואָרפען אין קאַמין.

געשלאָפען האָט ער אויך אַזוי רוהיג, ווי די פריהערדיגע נאַכֿט.

אויף מאָרגען האָט ער בעדאַרפט אַוועקפאָהרען. אַראַקטשייעוו'ן איז מיט אַמאָל לייכֿטער געוואָרען, ווען איהם איז געמאָלדען געוואָרען, אַז אַלילויעוו'ס טויטער קערפּער, איינגעניהט אין אַ זאַק מיט אַ שטיין, איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין וואָלכֿאָוו. ער האָט זיך איבערגע'צלמ'ט און גענומען שפּיעלען מיט קליינמיכעל'ן אין באָסטאָן צו גראָשען אַ פּאַרטיע: דאָס האָט געהייסען, אַז ער איז געזונד געוואָרען.

אינ'ם צענטער פון גרוזינאָ, אין דאָרף ליביני, אויף אַ בערגעלע, איז געשטאַנען אַ טורם, עהנליך צו אַ פייערלעשערטורם. פון דאַנען האָט מען אַלץ געקאָנט זעהן, ווי אויף דער האַנד. אויפ'ן שפּיץ פון טורם—אַ גאָלדענע קויל, וואָס האָט געלויכֿטען ווי דאָס פייער פון אַ לייכֿטטורם, און עאָלס האַרפע מיט אָנגעצויגענע סטרונעס האָט אין ווינד אַרויסגעלאָזט טרויעריגע קלאַנגען. אַז די מענשען פון די קאָלאָניעס פלעגען אין אָוועגד פאַרבייגעהן פאַרביי דעם טורם, פלעגען זיי שעפּטשען אין שרעק:

—גאָט איז מיט אונז!

אין טאָג פונ'ם קייזערס אָבפאָהר האָט אַראַקטשייעוו איינגעלאַדען די געסט אין דעמדאָזיגען טורם: זאָלען זיי זיך קוויקען צום לעצטען מאָל מיט גרוזינאָ.

אויפגעהויבען זיך אויפ'ן שפּיץ, האָט מען דורך אַ שפּאַקטיוו בעקוקט די קאָלאָניעס: כֿאָטיטאָוואָ, מאָדניאַ, מאָטיליע, קאַטאָוויצע, וויאַ און די גראַפישע סלאָבאָדקע. זיי האָבען אויסגעזעהן נישט ווי אַ דאָרף, נאָר ווי אַ געאָמעטרישע צייכֿנונג. פעלדער, לאָנקעס, אַקער-ערד זענען געלעגען אויסגעמאָסטענע און אויסגעטיילטע פּונקט ווי מיט אַ צירקעל און אַ ליניי[י]קע; יעדעס שטיקעל ערד האָט געהאַט זיין נומער; גלייכֿע שאָסייען, גלייכֿע

וואַלדוועגען און אונענדליכע קלאַפּטערס האָלץ אין גלייכע שורות— יעדער קלאַפּטער האָט אויך זיין נומער. דאָרט, וואו עס האָבען אַמאָל געוואַקסען ריזיגע סאָסנעס, איז שוין איצט קיין גרעזעל נישט צו זעהן. אַלץ איז אויסגעהאַקט, אויסגעגלייכט און אויסגעוואָרצעלט געוואָרען, פּונקט ווי אַ שטורמווינד וואָלט זיך דורכגעטראָגען און פון אַלץ אַ תל געמאַכט. די אייגענע נישט-ערדישע לאַנגווייליגקייט, וואָס ליעגט אויף אַראַקטשייעווס פּנים, ליעגט אויך אויף דער ערד.

טאַראַסאָוו האָט זיך דערמאָהנט אָן די פאַקטען, וואָס ער האָט געהערט אין שפּיטאָל. דאָרט האָט מען דערצעהלט ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט די מיליטערישע ניוועלירונג פון דער געגענד: די סאָלדאַטען מאַכען חרוב גאַנצע ישובים, צושטערען די קלויסטערס, צעוואַרפען די בית-עולמ׳ס און די אַלטע ווייבער, וואָס שטעלען אַ ווידערשטאַנד, שלעפּט מען אַראָב טויטע פון די קברים און אַלטע לייט רוימען-איין איינאַנדער אויפ׳ן אויער: „די וועלט קעהרט זיך איבער, דער אַנטיכריסט איז געקומען!”

אָבער אויסער טאַראַסאָוו׳ן זענען אַלע ענטציקט געווען, און דער קייזער מעהר פון אַלעמען. איהם האָט שוין ווידער געשמייכעלט דער אַלטער פּלאַן: פערשפּרייטען אין גאַנץ רוסלאַנד מיליטערישע קאָלאָניעס—אומעטום דיזעלבע דערפער-קאַזאַרמעס, דיזעלבע ראָזע הייזעלעך, ווייסע גאַניקלעך און גרינע בריקלעך; גלייכע אַלעען, גלייכע קאַנאַוועס, גלייכע וואַלדוועגען; און אומעטום פויערים אין מונדירען, וואָס מאַרשירען ביי דער סאָכע; און אומעטום צום מיטאָג אַ געבראָטען הזיר׳ל; ביי די אויוועגס— אַמאָרעלעך, קלאָזעטען עכט-קייזערליכע; נישטאָ קיין רעוואָלוציע און קיין געהיימע געזעלשאַפטען; אַ גן-עדן אויף דער ערד, משיח׳ס צייטען, ווי עס שטעהט אין דער הייליגער שריפט: יעדער טאָל זאָל דערהויבט ווערען, יעדער באַרג און בערגעל זאָל דערנידערט ווערען, דאָס קרומע זאָל גלייך ווערען און די משופּעדיגע וועגען זאָלען אויסגעגלייכט ווערען.

—ליעבער פריינד אַלעקסעי אַנדרעיעוויטש,—האָט דער קיי-

זער געזאָגט און איהם אַרומגענומען,—איך דאַנק דיר פאַר דיינע אַלע בעמיהונגען!

—איך וועל מיך סטאַרען מיט אַלע כחות, אייער מאַיע-סטעט! אַלץ פאַר אייך, אַלץ פאַר אייך, פאָטערל,—האָט זיך אַראַקטשייעוו צוכליפּעט און אַ פאַל געטהאָן דעם קייזער אויף דער ברוסט.—ווען איהר נאָר הייסען, וועלען מיר גאַנץ רוסלאַנד פאַר אַ מיליטערישע קאָלאָניע מאַכען...

און אויף עאָלס האַרפע האָבען טרויעריג געברומט די סטרו-נעס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וויינט אין זיי קאַפּי-טאַן אַלילויעווס נשמה צוזאַמען מיט די נשמות פון די אַלע פערמוטשעטע.

—דער אַנטיכריסט איז געקומען!

ה. מערעזשקאָווסקי,

זיעבעטעס קאַפּיטעל.

מעמואַרען פון פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין.

דער 1-טער יאַנואַר 1824. „די רוסישע מלכים זענען די הויפּטאָנפיהרער פון דער קירך.״ דערדאָזיגער זאַץ געפינט זיך אינ׳ם אַקט צו דער טראָנבעשטייגונג פונ׳ם קייזער פּאַוועל I און איז געלייענט געוואָרען אין מאָסקווע אין אוספּענסקען סאָבאָר. דער שמועס וועגען דעם מיט טשאַאַדאַיעוו׳ן איז געווען בעזונדערס אינטערעסאַנט. מאַכען דעם ערדישען קייזער פּאַר׳ן ראש פון דער קירך אָנשטאָט קריסטוס׳ן, דעם הימלישען קייזער, איז נישט נאָר אַ שרעקליכע גאָטלעסטערונג—דאָס איז אויך אַ פּול-שטענדיגע אָפּקעהרונג פון קריסטוס׳ן און אַ בעהעפטונג צו דעם אַנדערן, וועגען וועלכען עס שטעהט געשריבען: „אַנ׳אַנדערער וועט קומען אין זיין אייגענעם נאָמען און דעם וועט איהר אויפנעהמען.״

דער 2-טער יולי 1824. שוין מעהר ווי צוויי יאָהר, ווי דידאָזיגע מעמואַרען זענען אין פּאַריז אָנגעהויבען און דערנאָך איבערגעהאַקט געוואָרען. יענער שמועס מיט טשאַאַדאַיעוו׳ן איז גע-

ווען דער לעצטער. געקומען קיין רוסלאַנד, זענען שוין אין קאָפּ
נישט געקראָכן קיין מעמוארען.

איצט האָב איך פרייע צייט, שרייב איך ווידער. אַ קראַנק-
הייט ברענגט פרייע צייט. איך בין קראַנק און ווייס נישט אויף
וואָס. דער שטאַבדאָקטאָר קאָסאָוויטש, וואָס היילט מיך, אַ גוטער
אַלטיטשקער, אַן׳עכט גאָט׳ס בהמה׳לע, זאָגט צוויי זאַכן וועגן
מיין קראַנקהייט: אָדער מרה-שחורה פון אַ לעבער-חולאת אָדער
אַ פערבאָרגענער נערווענפיבער.

—פּיאַווקעס,—זאָגט ער,—בעדאַרף מען אייך שטעלען.

—נו, מילא,—זאָג איך,—שטעלט, וועלען זיין פּיאַווקעס אויף
אַ פּיאַווקע...

האָט ער זיך דערשראָקען און מיינט, אַז איך רייד פון היץ.

—וואָס הייסט,—פרעגט ער,—פּיאַווקעס אויף אַ פּיאַווקע?

—אָבער איהר אַליין, דאָקטאָר, האָט דאָך אַנוסטען געזאָגט,
אַז די מענשען, וואָס זעהען בלויז די שלעכטע זייט אין אַלץ,
זענען עהנליך צו דעם רופא׳ס פּיאַווקעס, וואָס זויגען-אויס דאָס
שלעכטע בלוט. דערין בעשטעהט מיין קראַנקהייט. העלפט, אויב
איהר קאָנט...

—ניין,—זאָגט ער,—אונזערע רפואות טויגען נישט פאַר
אַזוינע קראַנקהייטען: דאָ בעדאַרף מען האָבען אַן׳אַנדער היי-
לונג—אַ גייסטיגע.

—אפשר פילאָזאָפיע?

—צו וואָס פילאָזאָפיע? אין דעם מענשענס נויט לייכט
דאָסדאָזיגע ליכט ווייניגער, ווי דאָס לעמפעלע פאַר דער היילי-
גער מוטער...

—אַ גרויסען דאַנק אייך: פאַר מיר זענען גאַנץ גענוג דעם
פעטערס לעמפעלעך: היינט איז לאָמפּענאַייל ביליג. שוין בעסער
פּיאַווקעס!

און איך האָב מיך צולאַכט. אַ נאַריש און אַ מאוס געלעכ-
טער, אָבער איך קאָן מיך נישט איינהאַלטען. אַן׳אַנדערשמאָל
ווילט זיך וויינען, און איך לאַך.

 אָבער מיין אַלטעטשקער איז בייז געוואָרען און דעמאָלט

איז ער געווען עהנליך צו אַ בייז גאָטס בהמה'לע. ער איז אויך אַ מיסטיקער, אויך אַ מיטגליד פון אַ געהיימער געזעלשאַפט (זענען מיר דאָך נישט די איינציגע אויף דער וועלט): ער געהערט צו דער פילאַדעלפישער קירך פון דער שטאַטסראַטין טאַטאַרינאָוואַ.

דער 3-טער יולי. שוין דריי וואָכען נאָך סאָפיעס טויט. ווען איך וואָלט געקאָנט וויינען, וואָלט מען אפשר קיין פיאַווקעס נישט בעדאַרפט, אָבער איך קאָן נישט.

סאָפיעס ניאַניע, וואַסיליע פראָקאָפיעוונע, האָט ביי דער מעסע אַוועקגעשטעלט אויפ'ן פענסטער אַ גלאָז וואַסער: „דאָס נשמה'לע זאָל האָבען אין וואָס זיך טובל-צו-זיין"—האָט זי גערעדט אַזוי זיכער, פונקט ווי זי וואָלט געגעבען אַרומצוואַשען זיך דער לעבעדיגער סאָפיע'ן. אָבער פאַר אונז, די שוואַכע אייניקלעך פון דעם שוואַכען וואָלטער'ן, „איז די מיינונג וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דעם מענשענס נשמה דורכאויס טונקעל", ווי מיין זיידע, דער וואָלטעריאַנער, פלעגט זיך אויסדריקען: „מיר וועלען זיך נאָך זעהן, אויב מיר וועלען זיך נישט בענאַרישען"—בענאַרישען האָט ביי איהם געהייסען שטאַרבען. אָבער מיר, דעם זיידענס אייניקלעך, קאָנען זיך אפילו נישט בענאַרישען, ווי געהעריג.

נישט אומזיסט פלעגט מיר סאָפיע וואָרענען, אַז אויף דער עלטער וועל איך בעקומען אַ געמיינעם שמייכעל. צי האָב איך איהם נישט שוין איצט?

מיר גלויבען נישט אין דער קלוגער גוטסקייט, וואָס הערשט אויף דער וועלט לויט שעלינגס אָנזיכט, נאָר אין דער מאַלפע לויט האָלבאַכס סיסטעם. „שטעל זיך פאָר דעם שיקזאַל אין דער מראה פון אַ ריזיגער מאַלפע. ווער וועט זי אַוועקזעצען אויף אַ קייט? נישט דו, נישט איך. הייסט עס, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו מאַכען און נישטאָ וואָס צו ריידען"—האָט פושקין געשריבען צו וויאַזעמסקי'ן, ווען ביי יענעם איז געשטאָרבען אַ קינד. נישטאָ וואָס צו מאַכען און נישטאָ וואָס צו וויינען. אָבער לאַכען קאָן

מען; זעהן אין אַלץ דאָס שלעכטע, דאָס לעכערליכע און זיך אָ-גיסען, ווי אַ פּיאַווקע, מיט שוואַרצען בלוט.

משוגעים ריידען מיט זיך אַליין: עס דאַכט זיך, אַז די־דאָזיגע מעמואַרען זענען אַ געשפּרעך פון אַ משוגע׳נעם.

דער 4-טער יולי. אַ בריף פון דער מוהמען. רופט אין דאָרף אַריין. מיר איז אויך גוט דאָ, אין דער לעדיגער וואוינונג, אינ׳ם אַלטען בייערישען הויז, ביי דער וועשערינבריק. די פענסטער זענען פערשמירט מיט קאַלך; די שפּיגלען און דאָס מעבעל זענען בעצויגען מיט טשיכלעך; לעדיגע צימערן, איבער וועלכע מען קאָן אַרומגעהן אויף-און-אָב, און אַז דו ווערסט איינגעמידט, קאָנסטו לייענען אַ פערוועלקטען נומער פון די „סענאַטסנאַכריכטען", וואָס אַ וואַזע ליעגט איינגעוויקעלט אין זיי אויף אַ ווינקעלטישעל; אָדער מען קאָן זיך לעגען אויפ׳ן דיוואַן און אַריינרוקען די נאָז אינ׳ם לאַטקעלע פון אַלטען דיוואַן-בעציהער; אויף דעמדאָזיגען לאַטקעלע איז אַזויפיעל געקוקט און געטראַכט געוואָרען, אַז עס האָט זיך שטאַרק איינגעשניטען אין זכרון. און אויב עס איז הייס, קאָן מען עפענען די פענסטער. דעמאָלט שמעקט פון דער פאָנטאַנקע מיט טוכלע פיש, מיט דזעגאַכץ, וואָס דערמיט ווערט פערריכט דער ברוק, און מיט סאָסנעהאָלץ, וואָס מען פיהרט אויף טאַטשקעס איבער שמאָלע ברעטלעך. און טייל-מאָל גיט פלוצלונג אַ וועהע פון זומערגאָרטען מיט׳ן האָניג-ריח פון די ליפּעס—און עס קומען אויפ׳ן זכרון די אַלטע ליפּעס פון פּאָקראָווסקאָיע, ביים פּאַרקטייכעל, וואו איך האָב געלייענט מיט סאָפיע׳ן זשוקאָווסקיס לודמילע:

ס׳איז, לודמילע, שוין דער סוף
אייביג פאַלט אויף אונז דער שלאָף,
ס׳קיהלט אין קבר אונזער בלוט,
אָבער, קינד, אין דר׳ערד איז גוט!

גוט צו שלאָפען אין קבר—ווען נישט די שרעקליכע חלומות. עס קומט אַלץ צו חלום די מאַלפּע אַטקע אין דער געשטאַלט פון יענער מאַלפּע, וועגען וועלכער פּושקין האָט געשריבען וויאַזעמ-

סקי׳ן. זי לעגט זיך מיר אַוועק אויפ׳ן פּנים מיט איהר האָהרי־גער פעל און שטיקט מיך און ערגעץ ביים אויער ברומט מיר, ווי אַ קאָמאַרל מיין ליעבער סאַשע, מיין שטיל יונגעל: „די קלוגע גוטסקייט הערשט איבער דער וועלט.״

און איך לאַך, אפילו אין חלום לאַך איך. דאַכט זיך, איך וועל שטאַרבען מיט דעמדאָזיגען געלעכטערל.

דער 8 יולי. דער מחבר גריבאָיעדאָוו וואוינט ביי אָדאָ־יעווסקי׳ן. זיי זענען פריינד. איך האָב נישט ליעב גריבאָיעדאָוו׳ן. אַנדערע מאַכען זיך אַ טויט מיט אַ מעסער, אַנדערע—מיט אַ קויל, אַנדערע—מיט אַ שטריק, אָבער ער—מיט׳ן געלעכטערל.

מען זאָגט, אַז איך בין ענליך צו איהם. גאָט זאָל מיך אויס־היטען. שוין-זשע האָב איך אַזאַ געלעכטער—פונקט ווי טויטע ביינער וואָלטען זיך שיטען פון אַ זאַק?

נישט לאַנג האָט ער אין אַ גרויסער געזעלשאַפט געלייענט זיינע „צרות פון שכל״. האָט ער זיך געזעצט פאַר׳ן טיש און דערויף אַוועקגעלעגט דעם כתב-יד. אָבער וואַסילי מיכאַילאָוויטש פיאָדאָראָוו, אַנ׳איינפאַכער אַלטעטשקער און אַ שלעכטער מחבר פון אַ שלעכטער דראַמע „ליזע אָדער די פאָלגען פון פער־פיהרונג און גאוה״, איז צוגעגאַנגען, אויפגעהויבען דעם כתב-יד און געוואויגען איהם אין דער האַנד.

—אָהאָ!—האָט ער געזאָגט—שווערליך: אַזוי גרויס, ווי מיין ליזע.

גריבאָיעדאָוו האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם פון אונטער די ברילען און דורכגעזייט דורך די צייהן:

—איך שרייב נישט קיין באַנאַלע זאַכען.

האָט זיך פיאָדאָראָוו פערשעמט.

—קיינער צווייפעלט נישט דערין, אַלעקסאַנדער סערגעיע־וויטש. איך האָב אייך גאָרנישט געוואָלט בעליידיגען, ווען איך האָב אייך פערגלייכט מיט זיך און איך בין, כלעבען, גרייט דער ערשטער צו לאַכען...

—איבער זיך קאָנט איהר זיך לאַכען, אָבער איך וועל קיינעם נישט דערלויבען.

—אָבער איך בין באמת גאָרנישט אויסען געווען...

—אָ, איך בין זיכער, אַז איהר האָט גאָרנישט געטראַכט וועגען דעם, וואָס איהר האָט געזאָגט.

דער בעל-הבית פון הויז האָט דערזעהן, אַז דאָס איז אַ ביטערער עסק, איז ער צוגעגאַנגען צו פּיאָדאָראָוו'ן און אָנגענומען איהם פאַר'ן אַקסעל.

—אַלס שטראָף וועלען מיר וואַסילי מיכאַילאָוויטש'ן אַוועקזעצען אויף די הינטערשטע שטוהלען.

—זעצט איהם אַוועק, וואו איהר ווילט, אָבער אויב ער וועט דאָ זיין, וועל איך נישט לייענען,—האָט גריבאָיעדאָוו אַרויסגעשאָסען. ער איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען געהן איבער'ן צימער, רויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס.

פּיאָדאָראָוו איז רויט און בלאַס געוואָרען; ער האָט זיך שיער נישט צעוויינט. צולעצט האָט ער גענומען דעם הוט.

—עס טהוט מיר זעהר באַנג, אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש, וואָס אַן'אונשולדיגער שפּאַס האָט דאָ פערשאַפט אונאָנגענעהמליכעס. אָבער איך וויל נישט צונעהמען ביים בעל-הבית און זיינע געסט דאָס פערגעניגען צו הערען אייער קאָמעדיע, און דעריבער געה איך אַוועק.

אָדאָיעווסקי זאָגט: „דערקאָנען בעסער גריבאָיעדאָוו'ן, הייסט איהם ליעב בעקומען." אפשר איז דאָס אַזוי. אָבער איך האָב איהם נישט ליעב, ווייל איך האָב זיך אויך נישט ליעב, און איך שרעק מיך פאַר איהם, ווי פאַר מיין צווילינג.

דער 9 יולי. געפּרישטיגט ביי אָדאָיעווסקי'ן. דער קאָפּ האָט וועה געטהאָן. אָדאָיעווסקי האָט מיך אַוועקגעלעגט אין זיין קאַבינעט, אַראָבגעלאָזט די שטאָרען און מיר פערבונדען דעם קאָפּ מיט אַ האַנדטוך אין עסיג. אַנטדרעמעלט געוואָרען, אָבער זיך אויפגעכאַפּט פונ'ם שמועס אין דערבייאיגען צימער.

—דער מחבר פון אַ פּאַמוסאָוו און אַ סקאַלאָזוב בעדאַרף

זיין אַ פרעהליכער מענש. טפו! צו אַלדי שוואַרציאָהר! אָבער מיר איז גאָרנישט פרעהליך, מיר איז לאַנגוויילי, פאַסקודנע, אי־בעלדיג. איך טאַנץ אויף פרעמדע חתנות, איך לעב נישט מיט זיך. אָבער די צייט לויפט. אין האַרצען ברענט אַ פייער, אין קאָפּ קומען געדאַנקען. אָבער פאַרוואָס בין איך שטום, שטום, שטום ווי אַ קבר? טויג איך נאָך אויף עפּיס, קאָן איך דען שרייבען?—כלעבען, פאַר מיר איז עס נאָך אַלץ אַ רעטעניש. די נשמה ווערט פערגרעבט, דער שכל ווערט טונקעל, אין עתיד איז פינסטער און נודנע... מעגסט זיך זאָגען, וואָס דו ווילסט, אויב דאָס זאָל מיך לאַנג אַזוי פייניגען, וויל איך מיך גאָרנישט אָנגורטען מיט געדולד. געדולד איז פאַר אָקסען אַ סחורה... סאַשע, סאַשע, טייבעלע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס זאָל איך טהאָן, מיט וואָס בעפרייט מען זיך פון משוגעת אָדער פון אַ פיסטאָלעט. און איך פיהל, אַז איך האָב אין עתיד אָדער דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע...

„אָט האָסטו דיר, וואַסיע, סאַלאַט”,—איז מיר געקומען אויפ׳ן זינען דאָס ווערטעל פון קאַווערינס סעקונדאַנט איבער דעם דער־הרג׳עטען שערעמעטיעוו׳ן.

עס איז געוואָרען נישט היימליך, פונקט ווי איך וואָלט אונטערגעהערט דעם אייגענעם צווילינג, וואָס האָט מיר דער־צעהלט וועגען מיר.

אָדאָיעווסקי האָט געטרייסט גריבאָיעדאָוו׳ן, אָבער יענער האָט שוין נישט געהערט—ער האָט זיך געזעצט פאַר׳ן קלאַוויר און גענומען שפּיעלען. שעה׳נוויז האָט ער געקאָנט זיצען און אימפּראָוויזירען, פערגעסענדיג אָן אַלץ און אַלעם. טיילמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זיין עכטער בערוף איז נישט ליטעראַטור, נאָר מוזיק.

איך האָב ווידער איינגעדרעמעלט און גאָרנישט געהערט, ווען אונזערע זענען געקומען. מען האָט, אפנים, געשמועסט וועגען די ענינים פון דער געהיימער געזעלשאַפט. איך האָב מיך

 אויפגעכאַפּט, ווייל די מוזיק איז אַנטשוויגען געוואָרען און די

טויטע ביינער האָבען זיך געשאָטען פון אַ זאַק: גריבאָיעדאָוו האָט געלאַכט.

—נו, רבותי, גענוג שוין צו האַקען אַ קאָפּ.

—פאַרוואָס האַקען אַ קאָפּ?

—הונדערט פראַפּאָרשטשיקעס ווילען מאַכען אין רוסלאַנד אַ רעוואָלוציע!

—נישט הונדערט מענשען, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק..

—נו, דאָס פאָלק לאָזט בעסער געמאַך.

איך בין אַריין אין צימער. גריבאָיעדאָוו האָט אָנגעצויגען זיינע דינע ליפּען, אַ קוק געטהאָן פון אונטער די ברילען און צוגעגעבען שוין אָהן אַ שמייכעל, נאָר מיט אונפערשטענדליכען גאַל:

—מיר געהט גאָרנישט אָן דאָס פאָלק. דאָס פאָלק איז מיט אונז צושיידט אויף אייביג. די פּריצים און די פּויערים אין רוס-לאַנד—דאָס זענען צוויי פערשידענע אומות. און דאָך וואָס פאַר אַ שוואַרצער כשוף האָט עס געבראַכט דערצו, אַז מיר זענען פרעמ-דע צווישען אייגענע? אכזרים זענען מיר ביי זיי, אויסוואורפען, לעמעשקעס, ערגער פון די דייטשען, פּעטרושקעס קינדער...

—וואָסער פּעטרושקע?

—ער, אונזער ליעבלינג, פּעטער דער גרויסער, זאָל איהם דאָרטען!..

אַרויסגעוואָרפען נאָך אַ פּאָר זידלווערטער, זיך פונאַנדער-געלאַכט און מיט איין פינגער ווידער גענומען קלאַפּען איבער די קלאַווישען ריליייעווס אַ ליעדעל:

אַך, וואו ליעגט עס יענס געביט,
וואו דער שוואַרצער פעפער בליהט
ברידער!

—רבותי, פאָהרען מיר בעסער אין שוסטערקלוב. אַ ים פּאָר-טער איז דאָרט פאַרהאַן, און ווי ביליג! מיר וועלען מאַכען אַ רעכטע כוסא און צו אַלדי שוואַרציאָהר מיט דער פּאָליטיק!

איך בין געגאַנגען אַהיים מיט איוואַן איוואַנאָוויטש פּו-שטשין און האָב מיך דערמאָהנט, ווי דער אייגענער גריבאָיע-

דאָוו האָט אונז פריהער גערופען אין קלויסטער אריין: „אין גאָטס קלויסטער,—האָט ער געזאָגט,—קומען זיך צוזאַמען רוסען און מען טראַכט און מען דאַווענט אויף רוסיש. מיר זענען רו-סען נאָר אין קלויסטער.״

פושטשין האָט זיך פערטראַכט.

—און וואָס מיינט איהר,—האָט ער זיך אָנגערופען,—מע-גליך, אַז דאָס איז אַזוי.

—דאָס איז אַזוי? און איהר אַליין? און איהר אַליין,—זאָג איך,—געהט אין קלויסטער?

—איך געה.

—און איהר בעט גאָט פאַר'ן צאַר?

—ניין, אָבער דאָס איז דאָך נישט דער עיקר.

—ווי אַזוי איז דאָס נישט דער עיקר, ווען דער צאַר איז דער ראש פון קלויסטער?

—נישט דער צאַר, נאָר קריסטוס.

—ביי וועמען קריסטוס, ביי אונז דער צאַר.

—פאַרוואָס ביי אונז?

—דערפאַר ווייל די רוסישע מלכים זענען די פאָר-שטעהער פון דער צערקווע.

—פון וואַנען נעהמט איהר עס?

איך האָב איהם געזאָגט. האָט ער זיך געוואונדערט

—אַ מאָדנע זאַך. פאַרוואָס ווייס עס ביי אונז קיינער נישט?

—יאָ,—זאָג איך,—מיר וואַרפען אַראָב די אַליינהערשאַפט און מיר וויסען גאָרנישט, אויף וואָס זי שטעהט.

אַ קליינע פויזע.

—אַזוי איז עס,—זאָג איך,—איוואַן איוואַנאָוויטש. שוין בע-סער אין שוסטערקלוב, איידער אין קלויסטער. וואָרום דאָס איז גאָטלעסטערונג: דאָס פאָלק האַלט עס פאַר דאָס הייליגסטע, און ביי אונז איז עס שוואַרצער פעפער, ווי ביי ריליייעוו'ן אין ליעדעל...

—אָדער אַ טרוקענע הוהן,—האָט פושטשין אַ שמייכעל געטהאָן.

—וואָס הייסט אַ טרוקענע הוהן?

—אין מאָסקווע,—האָט ער מיר געגעבען צו פערשטעהן,—איז געווען אַזאַ מענש: ער איז אומישנע געפאָהרען קיין קיעוו, צו פערזוכען די הייליגע ביינער, און אַז מען האָט איהם געפרעגט, צי זיי זענען געשמאַק, האָט ער געזאָגט: „פּונקט ווי אַ טרוקענע הוהן—נישט קיין זאַפט, נישט קיין טעם..."

צוערשט האָב איך עס נישט פערשטאַנען, אָבער דערנאָך האָב איך מיך אַזוי צולאַכט, אַז איך בין שיער נישט דערשטיקט געוואָרען, און פושטשין האָט זיך גע׳חדוש׳ט אויף מיר.

—אָט קייען מיר די הייליגע ביינער, ווי אַ טרוקענע הוהן!

דעם 11-טער יולי. בולגאַרין און גרעטש זענען די אַרויסגעבער פון די געמיינסטע „ליטעראַרישע בלעטלעך". וועגען דעמדאָזיגען פּאָרל ווערט געזאָגט אין וואָיעיקאָווס „משוגעים-הויז":

גרעטש, בולגאַרין—אַך, אַ פּאָרל,
גרעטש דאָס הינדטעל און—אַ גרויל—
געהט-צוזאַמען מיט בולגאַרין,
יענער האָט אַ חזיר-מויל.

ביידע הינד—גרעטש און בולגאַרין: טהוען אָפען מיאוס׳ע זאַכען און קוקען אויף אַלעמען מיט אונשולדיגע אויגען.

—איז דאָס אמת, אַז גרעטש דיענט אין דער געהיימפּאָליציי?—האָט איינמאָל רילייעוו געפרעגט בולגאַרינ׳ען.

—נאַרישקייטען! ער האָט פאָרגעלעגט זיין אַרבייט, אָבער מען האָט איהם נישט צוגענומען,—האָט בולגאַרין געענטפערט.

אָבער אַז בולגאַרין פלעגט נעהמען אַנ׳איבעריגען טראָפּען פלעגט ער גרעטש׳ן אַרומנעהמען און קושען.

—גרעטשעלע מיינס, גרעטשיטשעקעל מיינס, איך פערשטעה דאָך, אַז ווי אַ טרייער אונטערטאַן ביזטו מחויב צו מסר׳ן אַלץ. אָבער מיר, דיין אַלטען פריינד זיי זיך מודה, בכדי איך זאָל קאָנען בעצייטענס אָננעהמען מיינע מיטלען...

— אַז די רעוואָלוציע וועט אויסברעכען, וועלען מיר דיר, בולגאַרין, אָבהאַקען דעם קאָפּ אויף דיינע „ליטעראַרישע בלעט-

לען״,—האָט איהם רילייעוו געשראָקען.

—חברה, וואָס רעדט איהר, פאַרוואָס? · איך בין דאָך נישט קיין ערגערער ליבעראַל פון אייך. מיין פאָטער איז געוועזן א רעפּובליקאַנער און איז פאַר דעם פּוילישען אויפשטאַנד פערשיקט געוואָרען קיין סיביר. און איך הייס טאַדעאוס, נאָך קאָסטיושקאָ'ן אַ נאָמען געגעבען...

—דו האָקסט ליגענס, טאַדעאוס!

—איך שווער ביי מיין מוטערס גרויע האָהר:

—אָבער נעכטען האָסטו דאָך געזאָגט, אַז דיין מוטער געשטאָרבען?

—נו, אַלצאיינס, שווער איך ביי מיין מוטערס אָנדענק.

גריבאָיעדאָוו האַלט בולגאַרינ'ען פאַר זיין קאַליבאַן און בעגעהט זיך מיט איהם זעהר צערטליך.

—איך ווייס דאָך, נשמה'לע מיינס, אַז דו ביזט געמיין, אָבער איך האָב דיך ליעב דערפאַר, וואָס דו ביזט נישט קיין שוטה.

און ער קייכט פון געלעכטער, „ווען דער גרויסער דיכטער" הויבט-אָן דערצעהלען, ווי אַזוי ער האָט מציל-געווען נאַפּאָלעאָנ'ען, בשעת יענער איז איבערגעגאַנגען דעם טייך בערעזינאַ.

נישט לאַנג, בשעת מיר זענען געווען ביי בולגאַרינ'ען אויף אָוועןדברויט, האָבען מיר זיך גוט אָנגעטרונקען מיט שאַמפּאַניער. צוערשט האָבען מיר געזונגען צינישע ליעדלעך, דערנאָך רעוואָלוציאָנערע. ער וואוינט אין אַנ'אונטערשטען שטאָק, אויף דער אָפּיצירען-גאַס נישט ווייט פון דער סיעזשע-גאַס. בולגאַרין פלעגט ווילעווייז אַרויסלויפען אַקוק טהאָן—צי איז אַמאָל נישט אַרויפגעקראָכען דער קוואַרטאַלנער אויפ'ן באַלקאָן און הערט דאָרט נישט אונטער, וואָס מען זינגט?

—איך בין נישט קיין טרוס, מיינע ליעבע, איך האָב עס שוין בעוויזען אונטער לייפּציג, וואו איך בין געוועזן פערוואונדעט...

—אין וואָסער אָרט?

אין האַרץ.

—און נישט אין הינטען?

—ניין, אין האַרץ. איך קאָן שווערען ביי די גרויע האָהר פון מיין ·מוטער. איך בין נישט קיין טרוס, אָבער פאַר צוויי זאַכען האָב איך מורא אויף דער וועלט: פאַר אַ בלויען זשאַנ-דאַרמען-מונדיר און פאַר דער מוהמעס רויט קליידעל...

די „מוהמע"—אַ שוויגער אָדער טאַקי דער ווייבס אַ מוהמע, אַנ'אַלטע צונויפפיהרערין, פלעגט איהם אַזוי שטאַרק ברעכען די ביינער, אַז גאַנץ אָפט פלעגט איהם אויסקומען צו טראָגען בלויע ברילען אויף די אונטערגעשלאָגענע אויגען.

מיט דידאָזיגע צוויי אויסוואורפען זענען מיר אַזוינע גרוי-סע פריינד, אַז מען וועט אונז בשום אופן נישט קאָנען פונאַנ-דערפאָרען. עס פעלט נאָר איין זאַך: אַז זיי זאָלען אַריינטרע-טען אין דער געהיימער געזעלשאַפט.

און ווי אַזוי האָבען זיי זיך עס אריינגעפּאַקט צו אונז און פּאַרוואָס האָבען מיר זיי אַזוי ליעב בעקומען? פּושטשין זאָגט, אַז דאָס איז אַ בעזונדערע אייגענשאַפט פון אַ רוס—ליעבע צו חזיר׳יי.

בשעת מיינער אַ חבר איז משוגע געוואָרען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אַלץ האָט אַ שלעכטען ריח, און מיר ווייזט זיך אויך אויס, אַז אַלץ שמעקט מיט בולגאַרינ׳ען.

פּיערציגטויזענד בולגאַרינס וועלען מיר נישט אַוועקנעהמען די איבערצייגונג, אַז ביי אונז איז דער אמת. אָבער מיר זענען דעם אמת מבזה דערמיט, וואָס מיר דערנידעריגען זיך אַליין.

אין די יונגע יאָהרען האָט גריבאָיעדאָוו געדיענט אין גו-כאַרען אין בריסק-דליטא. איינמאָל איז ער פּערקראָכען צום אָר-געל אינ׳ם יעזואיטישען קלויסטער. עס זענען געקומען מאָנאַכען און מען האָט אָנגעהויבען אַ גאָט-דיענסט. האָט זיך גריבאָיעדאָוו געזעצט ביים אָרגעל—די נאָטען זענען געלעגען פונאַנדערגעע-פענט—און אָנגעהויבען שפּיעלען. געשפּיעלט האָט ער וואונדער-ליך גוט. אָבער פּלוצלונג זענען אַנטשוויגען געוואָרען די הייליגע קלאַנגען פון אָרגעל און עס האָט זיך דערהערט די קאָמאַ-רינסקע.

 זאָלען מיר אַמאָל נישט אָנהויבען מיט אַ תּפילה און ענ-

דיגען מיט דער קאָמאַרינסקע ?

מען איז געגאַנגען אויף בלוט און אַריינגעפאַלען אין אַ בלאָטע.

דער 12-טער יולי. און פון דער בלאָטע—פון דאָסניי אין בלוט.

נעכטען איז געווען אַ פערזאַמלונג ביי פושטשינ׳ען. ריליי-עוו האָט אונז פאָרגעשטעלט די קראָנשטאַדטער ים-אָפיצירען — יונגע לייטינאַנטען און מיטשמאַנס, וואָס זאָלען אויך האָבען גע-בילדעט אַ געהיימע געזעלשאַפט, אונאָבהענגיג פון אונזערער.

נאָך גאָר קינדער, דער מאַמעס מילך ליעגט זיי אויף די ליפען. אַלע אויף איין שניט—וואַסענקע, קאָלענקע, פעטענקע, מיטענקע.

—ווי לייבט,—זאָגט מיטענקע,—צו מאַכען אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד : מען בעדאַרף נאָר פונאַנדערשיקען געדרוקטע אוקאַזען פון סענאַט...

— אַז מען זאָל נעהמען, — זאָגט קאָלענקע, — אַ גרויס בוך מיט אַ גאָלדענעם זיגעל און אָנשרייבען דערויף מיט גרויסע אותיות: געזעץ און פונאַנדערשיקען עס איבער די פאָלקען, וועט מען קאָנען מאַכען, וואָס מען וויל...

—אַז מען בעדאַרף גאָר קיין בוך אויך נישט,—זאָגט פע-טענקע,—מיט פויקענקלאַפעריי קאָן מען געהן פון פאָלק צו פאָלק און אַלץ וועט צופליגען ווערען צו אַלדי שוואַרציאָהר.

עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען, אַז נאָך דער אַראָבזעצונג פון קייזער זאָל דער מינדעריעהריגער גרויספירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַעוויטש דערקלערט ווערען פאַר׳ן טראָנפאָלגער צוזאַמען מיט אַ רעגענטשאַפט. אָדער מען זאָל אונטערטראָגען די קרוין דער קייזערין יעליזאַוועטע אַלעקסייעוונע—וואָרום זי איז כלומרשט בעקאָנט מיט איהר גוטען כאַראַקטער און וועט איינשטימען אויף אַ רעפובליק ; אָדער מען זאָל גרינדען אין קאַווקאַז אַ בעזונדער מלוכה מיט דער נייער דינאַסטיע יערמאָלאָוו און דערנאָך בעזיע-גען רוסלאַנד. אָבער דאָס סאַמע וויכטיגסטע איז — נישט צו

פס, קיין צייט און איינאָרדנען אין אַוואלד אַ געהיימע דרו-קעריי און אַ פאַבריק פון פאַלשע אַסיגנאַציעס.

איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגעהן און האָב מיך דער-מאָהנט אָן דעם גראַף פאַטאָצקיס ווערטער. אַז מען האָט איהם פאָרגעלעגט צו כאַפּען פּיש, האָט ער געענטפערט: „איך האָב מיך ליעב צו לאַנגווײַלען אויף אַנ'אַנדער שטייגער". אָבער רילייעוו האָט געהאַלטען אַ רעדע וועגען קייזערמאָרד און האָט בעלעבט די פערזאַמלונג.

— אַ חרפה, — האָט ער געזאָגט, — אַז פופציג מיליאָן מענשען זאָלען ליידען פון איינעם און טראָגען אַ יאָך אויף זיך...

— ריכטיג! ריכטיג! — האָבען קאָלענקע און פעטענקע און וואַסענקע און מיטינקע געשריען אין איין קול, — מיר אַלע טראַכ-טען אַזוי און מיר אַלע רייסען זיך אין קאַמף! מען מוז פער-ניכטען דעם יאָך און ווערען פריי!

— דורך בלוט דערווערבען די פרייהייט!

— דאָס לעצטע טראָפּעלע בלוט פערגיסען פאַר'ן פאָטער-לאַנד מיט אַ פרעהליכען געמיט!

— ווי קורטיוס וואַרפען זיך אין תהום אַריין, ווי פאַביוס איבערגעבען זיך דעם טויט אין די אָרעמס!

— מיינע הערען, איך בין נישט ערוב פאַר זיך! — איז פלוצלונג אויפגעשפּרונגען נאָך גאָר אַ יונג יונגעל: בלויע אויגלעך, ווי קאָרנבלימלעך, רויטע בעקלעך מיט אַ פוכעלע, ווי צוויי צוויי-טיגע פערסיקעס; אָנגעטהאָן נאָך דער לעצטער מאָדע, קענטיג דער מאַמעס אַ קינד. — איך בין פעהיג צו זיין אַ ר ע ז ש י ס י ד, אָבער איך קאָן נישט זיין קיין גלייכגילטיגער רוצח, ווייל איך האָב אַ גוט האַרץ: איך וועל נעהמען צוויי פיסטאָלעטען — פון איינעם וועל איך אויסשיסען אין א י ה ם, פון צווייטען אין זיך. דאָס וועט זיין נישט קיין מאָרד, נאָר אַ דועל, וואָס וועט זיך ענדיגען מיט טויט פאַר ביידען...

און אַ צווייטער, אַנ'עלטערער, האָט דערקלערט ממש ווי מען דערקלערט עפּיס אַ פרעהליך שפּיעל, מיט אַזאַ שמייכעל,

וואָס אַז איך וועל לעבען הונדערט יאָהר, וועל איך איהם נישט פערגעסען:

—ניין,—זאָגט ער,—נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי דער-הרג׳ענען אַ קייזער אין פּאַלאַץ אָדער אויף אַנ׳אוידיענץ. אינ׳ם הענדטעל פון שווערד בעדאַרף מען אַריינזעצען אַ קליין פּיסטאָ-לעטל און, אָנבויגענדיג דעם שווערד, אויסשיסען.

גענומען אַ בלייפעדער, פּאַפּיר און אָנגעצייכענט אַ הענדטעל פון אַ שווערד מיט אַ פערטיעפונג, וואו עס ווערט אַריינגעזעצט אַ קליינטשיק פּיסטאָלעטל, עהנליך צו די, וואָס ווערען געשענקט קינדער.

—דאָס קײלעכעל איז אויך אַ קליינס, אָבער מען קאָן זיך גוט אָנציעלען גלייך אין אויג אַריין אָדער אין שלייף, אָדער מען קאָן דאָס קײלעכעל פערגיפטען מיט אַ שטאַרקען גיפט און דעמאָלט איז גענוג אַ קליין קראַצל, אַז די זאַך זאָל זיך ענדי-גען מיט טויט.

און דערנאָך האָבען אַלע פון דאָסניי גענומען ריידען—אַלע אין איין קול: דער׳הרג׳ענען איין קייזער איז ווענינ—מען בע-דאַרף אַלע מלכים אויסראָטען, פערניכטען גאַנצע דינאַסטיעס...

— אַלעמען משלח-זיין אויף יענער וועלט, נישט שאַנעווען קיין געשלעכט און עלטער.

— אויסראָטען אַלעמען און נישט איבערלאָזען קיין שום זכר...

—דעם זכר אויך צובלאָזען מיט׳ן ווינד!

— וואוילע יונגען! — האָט זיי ריליייעוו גענומען לויבען, כשעת זיי זענען אַוועקגעגאַנגען,— אָט פון ווענען מען קאָן צו-אַמענשטעלען אַ גרופּע אויף טויט און אויף לעבען.

—אויפהויבען זיי די העמדלעך און אַרייננקאַטעווען ווי גע-העריג!—האָט קאַכאָווסקי אַרויסגעוואָרטשעט.—דאָס מילך אויף די ליפּען נישט אָבגעטריקענט און זיי טרוימען שוין פון בלוט...

— און ווי מיינט איהר, פּירשט? — האָט מיך ריליייעוו אַ פרעג געטהאָן.

— ווייסט איהר,—זאָג איך,— ווי עס ווערט גערופען דאָס, וואָס מיר טהוען?

—ווי?

—קינדערשענדונג.

ער האָט, דאַכט זיך, נישט פערשטאַנען. אַז איך בין אַוועק, האָט ער אַלעמען געפרעגט, פאַרוואָס בין איך בייז אויף איהם.

יאָ, קינדערשענדונג. פערגיסען בלוט איז געמיין, אָבער ריידען פון אַ רציחה, ווען דו ווייסט, אַז דו וועסט עס נישט טהאָן, איז נאָך געמיינער.

דער'הרג'ענען דעם קייזער איז אַ קלייניגקייט: אין צאַר־סקאָיע סעלאָ, ביי פּאַראַדען, אין גאַס — אומעטום איז ער אַליין, אָהן אַ וואַך. כּלעבען, מען קאָן איהם באמת דער'הרג'ענען פון אַ קינדערשען פּיסטאָלעטל, אָבער מיר וועלען דאָס נישט טהאָן: „די האַנד וועט זיך נישט אויפהויבען, דאָס האַרץ וועט זיך אָבזאָגען."

איז עס פון פּחדנות? ניין, נישט פון פּחדנות. אין פּאָלק האָבען מיר געהאַט אַ העלדישען קאַפּיטאַן. אונטער האַרמאַטען־קוילען פלעגט ער זיך האַלטען פּונקט ווי ביים שאַכטישעל, אָבער אין שלאָפצימער פלעגט ער צונעהמען אויף דער נאַכט דאָס האַנדטוך — ער זאָל קיין געשפּענסט נישט זעהן. אַזוי זענען מיר אויך מיט'ן קייזער: מיר ווייסען נישט, צי מיר האָבען פאַר זיך אַ האַנדטוך אָדער אַ געשפּענסט?

אויפ'ן זכרון קומט מיר סאָפּיעס שרעקליכער חלום, ווי איך האָב מיך געוואָרפען אויף אַ מת מיט אַ מעסער. אָבער זיין לעבעדיג געזיכט איבער איהר טרומנע איז געוועז טויטער פון אַ טויטען.

אַרויסגעהן פון דער געזעלשאַפט איז געמיין, אָבער פערבלייבען אין איהר מיט אַזוינע געדאַנקען — איז נאָך געמיינער. איך וויל נישט קייען די הייליגע ביינער, ווי אַ טרוקענע הוהן; איך וויל נישט שענדען קיין קינדער; איך וויל נישט קיין גאָטדיענסט מיט קאָמאַרינסקע, בלוט מיט בלאָטע צוזאַמענמישען.

דער 13-טער יולי. איך האָב געזאָגט רילייעוו'ן, אַז איך טרעט־אַרויס פון דער געזעלשאַפט. האָט ער געוואָלט מאַכען אַ

שפּאַס דערפון. אָבער איך האָב נישט בדעה צו שפּאַסען — איז ער אויפגעקאָכט געוואָרען, געפאָדערט אַ דערקלערונג, זיך געזי-דעלט. איך האָב שוין אפילו געמיינט, אַז די זאַך וועט זיך ענ-דיגען מיט אַ דועל, אָבער פּושטשין האָט זיך אַריינגעמישט און האָט פערגלעט דעם ענין. אָבער אויך רילייעוו איז עפּיס פלו-צלונג אַנטשוויגען געוואָרען און איז אַוועק פון מיר אַנ׳אומעטי-גער, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט אַ גרויסען צער.

ער טהוט מיר באַנג: ער זעהט, דער אָרימער, אַז אַלץ געהט שלעכט, אָבער ער מאַכט אַנ׳אָנשטעל, אַז עס איז גוט. „אויב אַלע וועלען אַרויסטרעטען פון דער געזעלשאַפט, — האָט ער מיר נישט לאַנג געזאָגט, — וועל איך נאָך אַלץ טראַכטען, אַז דידאָזיגע געזעלשאַפט עקזיסטירט אין מיר גופא”.

מעגליך, אַז ער איז גערעכט: גליקליך איז דער, וואָס גלויבט.

דער 14-טער יולי. קאַסאָוויטש האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם גייסטליכען פערבאַנד פון טאַטאַרינאָוואַ.

— איך, — זאָגט ער, — וועל שטענדיג טראָגען אין מיין האַר-צען דעם קלאָרען בעוויז, אַז יעקאַטערינע פיליפּאָוונעס נביאי׳ש וואָרט איז אַ מתּנה פון לייטזעליגען גייסט. גאָט האָט איהר גע-געבען מאַכט איבער מיר. זי נעהרט און בעלעבט מיינע שוואַכע כחות. ביי גאָט, זי איז מיין מוטער, וואָס גאָט האָט זי מיר געשענקט. איך פיהל, אַז איך בין געקומען אין מיין אייגענער היים, ווי אַ קינד צו דער מוטער...

יעקאַטערינע פיליפּאָוונע האָט וועגען מיר, דעם בעל-עבירה׳ניק, געהאַט אַ חלום און זי האָט געהייסען מיר איבער-געבען איהר ברכה.

ער רופט מיך, איך זאָל געהן צו איהר. „דער מאַמעלעס איין וואָרט וועט מיך אויסהיילען בעסער פון אַלע רפואות.”

אפשר וועל איך געהן. איז דען נישט אַלצאיינס וואוהין — צי אין ענגלישען קלוב, צי צו בולגאַרינ׳ען אויף אָוועגדברויט אָדער אין דער פילאַדעלפישער געזעלשאַפט?

אלעקסאנדער I.

דער 15-טער יולי. געפאָהרען מיט קאָסאָוויטש׳ן צו דער פרוי טאַטאַרינאָוואַ. אַנ׳עק שטאָדט, הינטער דער מאָסקווער ראָגאַטקע, ביים סאָסנעוואַלד שטעהען דריי הילצערנע דאַטשעס. די טויערן פערשפאַרט, הינד אויף די קייטען. אַ מין טורמע, אָדער אַ פערבאָרגענע חברה. אינוועניג—טונקעלע קאָרידאָרען און שטיגעלעך. די צימערן זעהען-אויס, ווי געבעט-הייזער: איקאָנעס, קירכענפאַנען, קרוינלייכטער און קערצען. אינ׳ם גרויסען זאַל— דאָס בילד פונ׳ם הייליגען גייסט אין דער געשטאַלט פון אַ טויב; איבער דער גאַנצער וואַנד—דאָס בילד פונ׳ם אַקאַדעמיקער באָראָוויקאָווסקי, וואָס שטעלט-פאָר דאָס הייליגע אַבענדמאַל.

פרוי טאַטאַרינאָוואַ האָט אונז אויפגענומען אין שלאָפצימער, אַנ׳איינגע קעליע, וואו עס האָט געשמעקט מיט רפואות, ווייררעך און מאָשוס. דרויסען איז אפילו תמוז, אָבער די אויוועגס זענען געהייצט און די צימערן זענען פול מיט מענשען. ווער איז דאָ נישט געווען: דער דירעקטאָר פון דעם דעפּאַרטאַמענט אין דעם פעטערס געוועזענעם מיניסטעריום, געהיימראַט וואַסילי איוואַנאָוויטש פאָפּאָוו; דער דירעקטאָר פון דער הומאַנער געזעלשאַפט, שטאַטסראַט מאַרטין סטעפּאַנאָוויטש פּילעצקי; דער שטאַבס-קאַפּיטאַן גאַגין; געוועזענער פּאָרוטשיק און פלימעניק פון גענעראַל-גובערנאַטאָר, מיין געוועזענער געגנער ביי דער טענצערין איסטאָמינאַ, אַליאָשע מילאַראַדאָוויטש; דער קאָמאַנדיר פונ׳ם לייב-גוואַרדישען יעגערישען פּאָלק, גענעראַל-מאַיאָר גאָלאָווין; עפּיס אַנ׳אַלטיטשקער בעאַמטער אָדער שרייבער לאָכוויצקי; דאָס מיידעל פּיפּער, וואָס איז הויזפערוואַלטערין ביי דער פרוי זאַגראַזשסקאַ; די וועשערין לוקעריע און די אָרימע פּראַסקאָוויע, אַפּנים, אַ בעטלערין ביים קלויסטער.

אָבער אינטערעסאַנטער פון אַלעמען איז ניקיטושקע, ניקיטע איוואַנאָוויטש פיאָדאָראָוו איז געווען אַ סאָלדאַט און אַ מוזיקאַנט פונ׳ם ערשטען קאַדעטישען קאָרפּוס, און היינט איז ער טיטולראַט (דעמדראָזיגען טיטול האָט ער בעקומען פאַר זיינע נביאות) נאָך דער מאַמעלען איז ער דער ערשטער מדריך און

גביא. דאָס איז אַ העסליכער אַלטיטשקער, אין אַ פערשמאָלצענעם פראַק מיט אַ סטאַניסלאַוואָרדען אין קנאָפּלאָך און מיט אַ קופּער-נעם רינגעל אין אויער. ער איז ענליך צו אַן׳אַלטען פּאָליציי-סאָלדאַט; אַ גרויסער עם-הארץ. אָנצושרייבען אַן׳אות קומט איהם אָן מיט גרויסע יסורים. ער איז אָבער אַ גרויסאַרטיגער מוזיקאַנט און שאַפט הייליגע געזאַנגען אויפ׳ן שטייגער פון רוסישע לידער.

ניקיטושקע איז געזעסען ביי דער מאַמעלעס פיס, אויף אַ קליין בענקעלע און האָט שטיל אָנגעריהרט די סטרונעס פון אַ קליין האַרפּעלע.

פרוי טאַטאַרינאָוואַ איז, אַ קראַנקע, האַלב געלעגען אויף אַ קאַנאַפּע. דאָס פּנים אויסגעמאַטערט, טרוקען, טונקעל; אויף דער אויבערשטער ליפּ—וועגסעלעך; ענליך אָדער צו אַן׳אַלטער ציגיינערין, אָדער צו גאָטס מוטער, וואָס איהר בילד איז טאַקי געהאַנגען דערביי איבער׳ן בעט. די אויגען—דורכזיכטיג-געלבע און אין דערפינסטער לייכטען זיי, מסתמא, ווי ביי אַ קאַץ. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן ביי אַ פרוי אַזוינע מענליכע אויגען. און אָט דאָס מענליכע אינ׳ם פרויענליכען איז געווען גאַנץ חנ׳עווריג.

איהר בענעהמונג איז אַן׳אַריסטאָקראַטישע: זי איז אַ געבוירענע באַראָנעסע בוקסהעוודען און איז דערצויגען-געוואָרען אין סמאָלני אינסטיטוט; רעדט פראַנצויזיש בעסער ווי רוסיש.

—אויב אונזער פילאַדעלפישע געזעלשאַפט וועט אייך נישט געפעלען,—האָט זי מיר שטאָלץ געזאָגט,—זאָלט איהר אָבער וועגען דעם קיין רייד נישט מאַכען: די וועלט האָט אָהן דעם אויך גענוג וואָס צו ריידען.

און דערנאָך האָט זי מיר אַ זאָג געטהאָן אויפ׳ן אויער מיט אַזאַ צערטליכקייט, פּונקט ווי מיר וואָלטען געווען אַלטע גוטע פריינד:

—איך ווייס, איהר האָט אַ גרויסען צער. אָבער האָפט צו גאָט...

איך האָב מיך געשראָקען, זי זאָל נישט אָנהויבען ריידען

פון סאָפּיע׳ן. איך וואָלט מיך, דאַכט זיך, די אייגענע מינוט אויפ־געהויבען און אַוועקגעגאַנגען. זי האָט אָבער פערשטאַנען, אַז מען קאָן וועגען דעם נישט ריידען, איז זי אַנטשוויגען געוואָרען און דערנאָך צוגעגעבען:

—דעם מענשענס האַרץ איז ערהנליך צו יענע בוימער, וואָס איידער זיי ווערען נישט דורכגעשטאָכען דורך אַנ׳אייזען, גיבען זיי נישט אַרויס זייער היילזאַפט...

צולעצט, האָט זי מיך געפרעגט גלייך, פּשוט, כּמעט ווי גראָב—אָבער דידאָזיגע גראָבקייט איז מיר אויך געפעלען געוואָרען: צי גלויב איך אין גאָט? און אַז איך האָב געזאָגט, אַז איך גלויב, האָט זי בעמערקט:

—איך ווייס נישט, ווי איהר, פירשט, אָבער איך האָב שוין לאַנג בעמערקט, אַז קיינער לייקענט נישט אין גאָט, אויסער די־יעניגע, וואָס זיי לוינט זיך נישט, עס זאָל זיין אַ גאָט אויף דער וועלט.

—אָדער, מעגליך, די־יעניגע,—האָב איך צוגעגעבען,—וואָס זיי לוינט זיך, אַז ער זאָל נישט זיין אויף דער וועלט.

—אָט־אָט,—האָט זי געזאָגט און אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, ווי זי וואָלט אײַנגאַנצען מסכּים־געווען מיט מיר.

זי האָט בעמערקט, אַז איך חדוש מיך דערויף, וואָס ני־קיטושקע בעגעהט זיך פריי מיט׳ן גענעראַל גאַלאָווין, און אין דער אייגענער צייט בעהאַנדעלט איהם יענער מיט גרויס דרך־ארץ. דערויף האָט זי מיר בעמערקט אויף פראַנצויזיש און מיט אַ פיינער איראָניע:

—מען בעדאַרף זיך נישט וואונדערן דערויף, וואָס היינטי־גע צייטען לאָזען זיך בעסער זעהן די גייסטיגע מעשים ביי די נידעריגע קלאַסען, וואָרום די הויכע קלאַסען, וואָס דער רייץ פון איירָאָפּעאישער בילדונג, דאָס הייסט די עולם־הזה האָט זיי פער־בלענדט, האָבען גאָרנישט קיין צייט צו טראַכטען פון גייסטיגע זאַכען. און ווער, ווידער, זענען עס געווען די־יעניגע, וואָס אויף זיי האָבען זיך געלאָזט מערקען די ערשטע סמנים פון קריסטענ־

 טום? זענען עס דען נישט געווען קליינע מענשעלעך, פּעריאַכטע

און פערהאַסטע, בשעת די עלטסטע, די לעהרער און די גדולים זענען אינגאַנצען אויסגעמידען געוואָרען?

און מיט מוטערליכער צערטליכקייט האָט זי אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף ניקיטושקעס קאָפּ און גערעדט אויף רוסיש:

—דער אונבעגרייפליכער פאָטער פון דער וועלט האָט אַמאָל אויסגעוועהלט פישער און פשוט׳ע לייט. און היינט טהוט ער אויך דאָס אייגענע. ווי מיינסטו, ניקיטושקע?

—דאָס איז אמת, מאַמעלע. דערלויבען זיי, עקסעלענץ, אַ קוש צו טהאָן די האַנד. גאָט האָט אויסגעוועהלט די נאַרישע, כדי דורך זיי צו פערשעמען די חכמים פון דער וועלט, ווי עס ווערט געזונגען אין אונזער ליעדעל:

טפשים זענט איהר, פויערים,
ווילד און נאַריש, אָהן אַ טעם,
פונקט ווי האָניג מיט אַ ריב,
דאָך נאָר אייך, איהר פויערים,
האָט דער בורא שטענדיג ליעב, —

האָט ער גענומען זינגען מיט אַ דין שטימעלע און אָנגע־ריהרט די סטרונעס אויפ׳ן האַרפּעלע. און די וועשערין לוקעריע און די אָרימע פּראַסקאָוויע און דאָס מיידעל פּיפּער און דער העסליכער אַלטעטשקער און דער שטאַטסראַט פּילעצקי און דער געהיימראַט פּאַפּאָיו און דער גענעראַל־מאַיאָר גאָלאָווין—אַלע האָבען מיטגעזונגען מיט ניקיטושקע׳ן.

איך האָב מיך דערמאָהנט אָן גריבאָיעדאָווס ווערטער, אַז דאָס פאָלק איז מיט אונז צושיידט אויף אייביג. אָבער אָט איז מען דאָך דאָ נישט צושיידט? איז עס אפשר נישט דער איינצי־גער וועג צו רעטונג, צו פעראייניגען דאָס אונפעראייניבאַרע?

—נו, וואָס? ווי?—האָט מיך קאָסאָוויטש אַ פרעג געטהאָן, בשעת איך בין אַרויס פון דער מאַמעלע׳ן.

—זי איז קלוג,—האָב איך געזאָגט,—זעהר קלוג!

דער אַלטעטשקער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ:

—איהר,—זאָגט ער,—פירשט, שרייבט־צו דעם מענשליכען שכל דאָס, וואָס פליסט־אַרויס פון געטליכער חכמה...

איך ווייס נישט, צי פון גאָט, אָבער זי איז באמת אַ פרוי—אַ נביאה...

דער 19-טער יולי. אַוועק צו דער מאַמעלע׳ן. גע-מיינט, עס וועט זיין קאָמיש,—ערשט ניין, שרעקליך. און איך ווייס נאָך אַלץ נישט, וואָס איז דאָס—חכמה אָדער משוגעת, היי-ליגקייט אָדער טייוועלשעס? און אפשר ביידע זאַכען צוזאַמען? ווי אין ניקיטושקעס ליעדעלעך—ווערטער הייליגע, אָבער די מוזיק איז אַזאַ, אַז שדים וואָלטען געמעגט געהן אַ טאַנץ. טאַנצען טאַקי דער מאַמעלעס קינדערלעך און זענען מתפלל אונטער דערדאָזיגער מוזיק.

—מתפלל-זיין צו גאָט איז פשוט אַ שמחה,—זאָגט קאָסאָ-וויטש,—דאָס איז אַ מין גייסטיגער באַל, אויף וועלכען דאָס הארץ געניסט פון יענעם חתונה-מאָלצייט, וואו ריינע אונשולדיגע מיי-דעל-נשמות זענען זיך משמח. דוד המלך אַליין האָט געטאַנצט פאַר׳ן ארון-הקודש. און מיר טאַנצען אויך, ווי לייטזעליגע קינ-דער, וואָס זענען פער׳שכור׳ט מיט נייעם וויין, און מיט די פיס טרעטען מיר די גאַנצע מענשליכע חכמה מיט איהרע כללים פון אָנשטענדיגקייט. אַלס דאָקטאָר וועל איך אייך אָט-וואָס זאָגען, פירשט: דער הייליגער טאַנץ, דידאָזיגע הייליגע בעוועגונגען, ווי אין אַ גייסטיגען וואַלס, פערשטאַרקען דאָס געזונד פון גוף, ווייל זיי רופען אין אונז אַרויס אַזאַ מין טראַנספיראַציע, וואָס נאָכדעם פיהלען מיר זיך, ווי קליינע קינדער,—מיר ווערען שטי-פעריש און לייכט...

דאָס איז אפילו אמת, אָבער דאָך שרעקליך.

אַ משונה ליעדעל האָט ניקיטושקע נישט לאַנג געזונגען:

אויפ׳ן הימעל אויפ׳ן זיעבעטען
האָט אַליין געטאַנצט דאָרט קריסטוסל!
אַך, הערצעלע, הערצעלע, הערצעלע!
קריסטוס טראָגט סאַפיאַנענע׳ך,
שען געפוצטע שיכעלעך.

אין דידאָזיגע, כמעט אונזיניגע, ווערטער האָט זיך אַ היי-

ליגער עקסטאַז צוזאַמענגעגאָסען מיט'ן שכור'ן הוליען פון אַ שענק. און איך האָב געזעהן ווי ביים געהיימראַט וואַסילי מיכאַילאָוויטש פּאָפּאָוו האָבען פלוצלונג זיך גענומען בעוועגען הענד און פיס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט באַלד זיך אַוועקלאָזען טאַנצען.

און געלעכטער און שרעק איז מיך בעפאַלען—אַ „פיינער פראָסט”, ווי די מיסטיקער זאָגען.

דער 20-טער יולי. דער געהיימראַט פּאָפּאָוו האָט נישט לאַנג אַ זאָג געטהאָן צו דער מאַמעלע'ן און אַלע האָבען געהערט:

—איך וואָלט, מאַמעלע, אַליין געוואָלט מיר פוצען די שטיוועל און איך געהם עס אָן פאַר גאָטס רצון—אָבער איך שעם מיך...

—וואָס-זשע שעמסטו זיך, טייערער?

—וואָס וועט פראָשקע, דער דיענער, זאָגען?

—אָבער דו, וואַסיע, גיב זיך אונטער,—האָט איהם ניקיטושקע גע'עצה'ט.

—שבת בין איך מיט מאַרטינאָוו'ן געווען אין באָד,—האָט פּאָפּאָוו ווייטער געזאָגט,—און זיך דריי מאָל אָבגעגאָסען מיט קאַלטען וואַסער אין נאָמען פון גאָט. און מאַרטין סטעפאַניטש רופט זיך אָן: „לאָז, זאָגט ער, וואַסיע, איך וועל דיך נאָכאַמאָל אָבגיסען.” האָט ער גענומען אַ שעפעל און מיך אָבגעגאָסען אין נאָמען פון דער הייליגער יונגפרוי. און באַלד האָט זיך געעפענט אַ טייך אין מיין אינערליכען הימעל און האָט מיך פערגאָסען מיט דעם ריינסטען וואַסער. און געשפירט האָב איך, ווי די הייליגע מוטער האָט פערוואַנדעלט דאָס שטערענדיגע לייב פון מיין נשמה אין איהר לבנה-לייב און אין דער סאַטורננאַכט איז מיר ענטפלעקט געוואָרען דאָס ליכט פון חכמה...

און מאַרטין סטעפאַנאָוויטש פילעצקי האָט עס אַלץ פינקטליך בעשטעטיגט.

און אַ נס איז אויך געשעהן מיט'ן העסליכען אַלטיטשקען.

—זיץ איך אַזוי אַנוסטען ביים גאָלאָוואַ פון די סוחרים,

ביי גאַלאַקטיאָן איוואַנאָוויטש'ן, וואָס האָט געפּראַוועט זיין געבורטסטאָג, און פּלוצלונג זעה איך, אַז עס האַלט שלעכט מיט מיינע הויזען—זיי זענען צולעכערט. האָב איך מיך פערשעמט און געוואָלט זיי פערדעקען. אָבער איך הער, ווי אַ קול זאָגט אין מיר: „פערדעק זיי נישט, דאָס איז דיין רוהם!" און פּלוצלונג בין איך אָנגעפילט געוואָרען מיט גרויס יראה און מיין גאַנצן וועזען האָט געציטערט...

דערנאָך האָט מען זיך צושמועסט וועגען די ניי-ענטדעקטע היילינע ביינער פון טעאָדאָסיוס פון טאָטעמאַ.

—זעהט נאָר,—האָט זיך אָנגערופען דער שטאַבסקאַפּיטאַן גאַגין,—דער חכם נעווטאָן, וואָס האָט פעראייניגט די מאַטעמאַטיק מיט דער פיזיק, איז געשטאָרבען און צופוילט געוואָרען אין דער ערד, און אונזער רוסישער פּרא-אדמ'ל איז געלעגען צוויי-הונדערט יאָהר אין דער ערד און איז נישט צופוילט געוואָרען...

און דאָ האָט מען גענומען חוזק'ן איבער דעם מענשענס שוואַכען שכל, וואָס זיין ליכט איז גלייך צו דעם ליכט פון צופוילטען האָלץ.

און פּאָפּאָוו האָט זיך אָבגעקעהרט אין מיין זייט. זיין פּנים איז געווען בלאַס, אָהן אַ טראָפּעלע בלוט, מיט בלאַס-בלויע אויגען פון אַ „גוסס'ן קעלבעל" (אַזוי האָט אַ דאַמע זיך אָבגערופען וועגען ספּעראַנסקי'ן), אָבער אין דידאָזיגע אויגען זענען אומגעשפּרונגען פייערלעך פון אַ רוח.

—אַ סך מענשען,—זאָגט ער,—האָבען היינט גענומען שטינקען מיט בילדונג און ריהמען זיך אַליין מיט זייער עפּוש. מען האָט זיי אָבער בעדאַרפט גוט צוברענען די פּיאַטעס פון די פיס, אַ פייניג טהאָן גוט זייערע לייבער, וואָלטען זיי מציל-געווען די נשמה זייערע...

בין איך ווירקליך נישט קראַנק געוואָרען אויף אַ היצקראַנקהייט? די מאַמעלע איז אַ קלוגע פרוי. ווי אַזוי-זשע טראָגט זי עס איבער? אפשר פּאַסט עס איהר אַזוי?

טפשים זענט איהר, פּויערים,
פונקט ווי האָניג מיט אַ ריב...

מען בעדאַרף פונדעסטוועגען אָנערקענען, אַז אין דעמדאָזיגען האָניג איז פאַרהאַן אַ לעפעל דזעגאַכטס.

דער 22-טער יולי. זענען מיר נישט אַמאָל פערליעבט אין דער מאַמעלע׳ן, ווי אַליאָשע אין דער הייליגער מוטער?

—מאַמעלע, טייבעלע מיינס! נעהם מיך צו דיר!—וואָרקעט ער, דער רויטבאַקיגער, בייכיגער שטאַבסקאַפּיטאַן גאַגין, ווי אַ פערליעבט טייבעלע.

—עופ׳עלע מיינס?—טרייסט איהם די מאַמעלע—איך זשאַלעווע דיך און האָב דיך ליעב, ווי נאָר אַ מוטער קאָן ליעב האָבען איהר קינד. זאָלען אונזערע הערצער ווערען אין האַרץ פון יעזוס קריסטוס!

און דער גענעראַל-מאַיאָר גאָלאָווין, וואָס האָט אַמאָל געפיהרט זיין פאַנאַגאָרישען פאָלק אין דעם מערדערישען פייער פון באַגראַטיאָנס שאַנצען, איז איצט געזעסען ביי דעם מאַמעלעס פיס—אַ לויב, געצוימט פון אַ טויב.

אַנ׳אַלטע, אַנ׳אויסגעמוטשעטע, מעהר עהנליך צו אַ מת, איידער צו אַ לעבעדיגען מענשען — און דאָך פערשטעהע איך, אַז מען קאָן זיך פערליעבען אין איהר. שרעקליך און זיס איז דידאָזיגע ראַפינירטע גייסטיגע בלוט-שאַנד: קינדער, פערליעבט אין דער מאַמען.

דו לאָז דיר נאָר פריי די הענד—און דו ועסט נאָך נעהמען בענקען נאָך די געלבע קאַצענאויגען, ווי אַ שכור נאָך אַ שנעפּסעל.

דער 23-טער יולי. דער מיסטיקער לאָבזין האָט גוט געזאָגט וועגען מיסטיקער: „דידאָזיגע הערן געהען צו גאָט דורך דער הינטער-טהיר”. און נאָך: „פון זייער געטליכער שכל שמעקט מיט מענש”.

דעם 24-טער יולי. ניקיטושקע האָט געזעהן אַ נבואה: ווי פערהיט מען אויס דעם שאָדען?

רוסלאַנד מוז אין בלוט זיך באָדען!
און די אָרימע פראַסקאָוויע אויך
כ'וועל דעם גרויסען צאַר בעגראָבען
אין דער פייכטער ערד...

בשעת קאָסאָוויטש האָט עס דערצעהלט, האָט ער, וואַהר-שיינליך, בעמערקט, ווי איך בין בלאַס געוואָרען.

וואָסער צאַר? וואָסער בלוט?

און וואָס—אַז דידאָזיגע נבואה וועט מקוים-ווערען! אַ פער-אייניגונג פון צוויי געהיימע געזעלשאַפטען?

דער 25-טער יולי. ריידענדיג וועגען די רדיפות אויף דער פילאַדעלפישער געזעלשאַפט, האָט דער גענעראַל-מאַיאָר גאָלאָווין געזאָגט:

— דער טייוועל אַליין האָט זיך היינט בעזעצט אין די הערצער פון די אַלע הויכע רעגירונגסלייט!

און איך האָרך מיך צו מיטביידע אויערן: נישט אומזיסט, טראַכט איך מיר, האָבען אַמאָל די אַרויסגעבער פון'ם „ציוני-בלאַט" גע'חלומ'ט פון אַ קאָנסטיטוציע מיט קריסטוס'עס נאָמען.

איך האָב פערפיהרט אַ שמועס איבער פּאָליטיק. עס האָט אָבער נישט געטויגט—די מאַמעלע האָט מיך פערלאָזט.

—מיר,—זאָגט זי,—פערשפּרייטען אונזערע האָפנונגען ווייטער פון די גרעניצען פון דעמדאָזיגען נישטיגען וועלטעל, וואו יסורים זענען נוצליכער פון פרייד, און דעריבער ווילען מיר גאָרנישט אַריינגעהן אין אַ שמועס וועגען פּאָליטישע ענינים...

פון איין געהיימער געזעלשאַפט אין אַ צווייטער. אין איין געזעלשאַפט געפינען זיך מענשען אָהן אַ גאָט, אין דער צווייטער—אַ גאָט אָהן מענשען; און איך געפין מיך צווישען דידאָזיגע צוויי משוגעת'ן, ווי צווישען צוויי פלאַמען.

ווידער נישט פעראייגבאַר

ד. מערעזשקאָווסקי.

דער 14-טער אָקטאָבער

אָ, פרעג מיך נישט, וואוהין איך בין געגאַנגען,
אין וואָסער וועלט איך האָב געטרוימט, געשוועבט.
איך בין מיין וועג שוין לאַנג אַדורכגעגאַנגען—
איך האָב געליעבט, געליטען און געלעבט.
צי בין איך דאָ גענאַרט געוועזן אין לעבען?
צו איז געבליבען גאַנץ מיין טרוים-געצעלט?
אָ, גלויב: עס קאָן דאָס האַרץ זיך דאָ נישט נאַרען:
איך האָב געזעהן אַ שענע ליעבע וועלט.
מען קאָן דאָ אויך דאָס גרויסע פרובען שאַפען.
זיי פעסט—דאַן קומט צו דיר דאָס גליק.
אָ, ליעבער פריינד, דאָ בלייבט נישט אָהן אַנ׳ענטפער
דעם מענשענס צער, דעם מענשענס זיפץ און בליק.

זשוקאָווסקיס אַ ליעד. צו וואָס שרייב איך עס אַריין? איך האָב גערעכענט, אַז סאָפיע וויל, איך זאָל אַרויסטרעטען פון דער געהיימער געזעלשאַפט און אַז אויב איך וועל אַזוי טהאָן, וועט זי זיך אומקעהרען צו מיר. אָבער זי האָט זיך נישט אומגעקעהרט. און מיר דאַכט זיך איצט, אַז אַוועקגעהענדיג פון זיי, בין איך אויך אַוועק פון איהר.

דער 15-טער אָקטאָבער. וואָס איז דאָס געוועזן? אַ חלום, אַ געשטאַלט, אַ וויזיע?—איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז געוועזן. זי האָט דערפיהלט איהר לעצט וואָרט: „שטענדיג מיט דיר, אויך פון דאָרטען וועל איך קומען".

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפט, האָב איך געוויינט פון שמחה. פון וואָס איז געקומען די שמחה, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז סאָפיע האָט געהייסען, איך זאָל מיך אומקעהרען צו זיי און האָט מיינע אייגענע ווערטער מיר דערמאָהנט: „זיי וועלען גאָרנישט אויפטהאָן, קיינעם נישט ראַטעווען, נאָר זיך אַליין וועלען זיי אומגליקליך מאַכען, אָבער דאָך איז דער אמת ביי זיי. און זאָל זיין, אַז איך בין זיי נישט ווערט, און זאָל זיין, אַז איך נעהם אויף זיך אַ זאַך נישט נאָך מיינע כחות,

דאָך וועל איך פון זיי נישט אַוועקגעהן...״

ערשט איצט האָב איך פערשטאַנען, וואָס די ווערטער בע־דייטען. און זאָל פון דאָסניי קומען אימה, געלעכטער, מרה-שחורה, פערצווייפלונג, בלוט און שמוץ—אָבער דאָס, וואָס איך האָב פערשטאַנען, וועל איך שוין קיינמאָל נישט פערגעסען.

מען קאָן דאָ אויך דאָס גרויסע פּרובען שאַפען.
זיי פעסט: דאַן קומט צו דיר דאָס גליק.
אָ, ליעבער פריינד, דאָ בלייבט נישט אָהן אַנ׳ענטפער
דעם מענשענס צער, דעם מענשענס זיפץ און בליק.

און ווידער קאָן איך וויינען, בעטען צו גאָט, ווי איך האָב היינט מיט איהר אינאיינעם גאָט געבעטען:

„גאָט! בעשירם, העלף, און פערגיב אונז אַלעמען!״

דער 16-טער אָקטאָבער. איבערגעפאָהרען קיין פּעטער־בורג צו אָדאָיעווסקי׳ן. געזאָגט פּושטשינען, אַז איך וויל מיך אומ־קעהרען צוריק אין דער געהיימער געזעלשאַפט: וועלען זיי צו־נעהמען? וועלען זיי נישט האַלטען פאַר אַ פּעררעטער? ער האָט מיך שווייגענדיג אַרומגענומען און אַ קוש געטהאָן, ווי אַ ברודער.

דער 17-טער אָקטאָבער. אַלעמען געזעהן. זיי האָבען זיך דערפרעהט מיט מיר. רילייעוו האָט זיך מיר געוואָרפען אויפ׳ן האַלז און זיך צעוויינט. קיכעלע האָט אַזוי געגומען מאַכען מיט די הענד, אַז ער האָט אומגעוואָרפען אַ פלאַש און צובראָכען אַ גלאָז. באַטענקאָוו האָט בעגייט זיינע שמועסען וועגען אַ מאָנאַר־כיסטישער און רעפּובליקאַנישער מלוכה-אָרדנונג, וואָס זענען נאָך אָנגעהויבען געוואָרען מיט זעקס חדשים צוריק, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן. און קאַכאָווסקי שטעהט נאָך אַלץ בײם אויוון, מיט פערלעגטע הענד אויפ׳ן האַרצען, מעשה-נאַפּאָלעאָן, און שמייכעלט מיט פעראַכטונג.

ליעבע, טייערע. זיי האָבען מיך ליעב מיט אַלע מיינע פעלערן. גוטע אָדער שלעכטע, זיי זענען ביי מיר די איינציגע און קיין אַנדערע וועל איך שוין נישט האָבען.

דער 24-טער אָקטאָבער. מען לעגט מיר פאָר, איך זאָל פאָהרען קיין וואַסילקאָוו צו סערגעי מוראַוויאָוו׳ן און קיין טול-טשין צו פעסטעל׳ן — צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דער דרום-געזעלשאַפט. איך בין מוכן ומזומן כאָטש איצט.

דער 26-טער אָקטאָבער. ניין, איצט וועל איך נישט פאָהרען. נעכטען האָט זיך צוריקגעקעהרט דער קייזער, און דער פעטער זאָגט, אַז ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. איך מוז מיך זעהן מיט׳ן קייזער: אַזוי וויל סאָפיע.

דער 5-טער נאָוועמבער. פושטשין האָט מיר געוויזען דעם „פּראַוואָסלאַווגעם קאַטעכיזיס”, וואָס איז צוזאַמענ-געשטעלט געוואָרען דורך סערגעי מוראַוויאָוו׳ן און וואָס די אַר-מעע און דער המון בעדאַרפען דורך איהם בעוועגט ווערען צו אַנ׳אויפשטאַנד. אין דעמדאָזיגען קאַטעכיזיס ווערט געזאָגט:

„פאַרוואָס איז דאָס רוסישע פאָלק און דאָס רוסישע מילי-טער אַזוי אומגליקליך?”

„ווייל די צאַרען האָבען ביים פאָלק אַוועקגערויבט די פרייהייט.”

„וואָס בעפעהלט אונזער הייליג געזעץ דעם רוסישען פאָלק און דעם רוסישען מיליטער?”

„אַראָבוואַרפען פון זיך די לאַנג-יעהריגע קנעכטשאַפט, אויפהויבען זיך געגען דער טיראַנעריי און אונטערדריקונג און זיך געבען די שבועה, אַז איבער אונז אַלעמען וועט הערשען איין מלך אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד—יעזוס קריסטוס.”

דייטליכער און גענויער קאָן מען זיך נישט אויסדריקען, און כל-זמן אַלע וועלען דאָס נישט זאָגען, וועט אין רוסלאַנד קיין פרייהייט נישט זיין.

איך האָב געמיינט, אַז בלויז איך הייס עס; אָבער אָט זעה איך, אַז נישט איך אַליין.

און זאָל זיין, אַז מיר ווייסען עס בלויז, אַז מיר זאָגען עס בלויז פאַר אַנדערע און אַליין טהוען מיר גאָרנישט—בשעת די אַנדערע וועלען עס טהוען, וועלען זיי אויך אונז דערמאָהנען.

אלעקסאַנדער I.

ערשטעס קאַפּיטעל.

די קייזערין יעליזאַוועטע אַלעקסייעוונע איז געשטאַנען פאַר׳ן שפּיגעל און האָט אָנגעטהאָן איהר קאָפּפּוצונג מיט אַ גן-עדן-פויגעלע—דעם מאַנס אַ מתנה. אַזוינע קאָפּפּוצונגען זענען געווען אין מאָדע מיט אַ יאָהר צעהן צוריק. אָבער דאָס, וואָס איז איהם, דעם קייזער, געפעלען געוואָרען, איז פאַר איהר געווען אַנ׳אייביגע מאָדע.

זי האָט זיך געפּוצט, ווי אַ פערליעבט מיידעלע, אַליין באַלד אַ טראַכט געטהון דערפון און רויט געוואָרען, קוקענדיג אין שפּיגעל.

„אָבער קאָן דען אַזאַ געפעלען? אַנ׳אַלטע בייזע דייטשקע. און דער שפּיץ נאָז איז רויט, ווי ביי אַלע אַלטע וויינענדיגע ווייבער. דאָס איז דערפאַר, וואָס בשעת איך וויין, שנייץ איך צו-אָפט די נאָז. און די ליפּען זענען פערפרעסט מיט אַ מינע פון אַ קרבן...״

זיך אָבגעקעהרט מיט פערדרוס פון שפּיגעל און אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. דאָ, ביים קאַמין, אין דעם היימליכען ווינקעלע פון ווייכען מעבעל, טישעלעך און שירעמלעך, איז געשטאַנען

גרייט דאָס טייגעשיר: זי האָט געוואַרט אויפ׳ן קייזער צום אָוונד-ברויט. זי האָט נאָכגעזעהן, נאָכגעקוקט, צי אַלץ איז אין אָר-דנונג: צי איז דער טיי פערבריהט, ווי געהעריג, צי זענען פאַרהאַן אַניסבויגעלעך מיט קאָנפיטורען, וואָס דער קייזער האָט ליעב. און אויפ׳ן צווייטען טישעל זענען געלעגען שאַשקעס, קאָר-טען, שפּיעלהעלצלעך; טיילמאָל פלעגט ער שפּיעלען אין עקאַר-טע אָדער אין מושע. זי האָט איבערגעטוישט דאָס ראָזע שירמל פון לאָמפּ אויף אַ גרינס—זיין געליעבטער פאַרב.

דערנאָך זיך איבערגעזעצט ביים קאַמין, זיך פערטראַכט.

איצט, אַז זי האָט נישט געקוקט אין שפּיגעל, איז זי גע-ווען זעהר שען. אין דער יוגענד האָט מען זי גערופען פּסיכע. דעמאָלט האָט זי געהאַט קינדיש-פערוואונדערטע אויגען, קינדיש-אַראָבגעלאָזטע אַקסלען און אונטער דעם צו-שווערען גאָלד פון די האָהר האָט זיך געבויגט דער קינדיש-דינער האַלז, ווי אַ יונג שטאַמעלע אונטער דער משא פון בלימעל. יענער יוגענדליכער רייץ איז שוין פערוועלקט געוואָרען. אָבער איצט איז זי אַן אַנ-דערע, אַנ׳אונפערוועלקליכע: אויב דעמאָלט איז זי מוזיק געווען, איז זי איצט די שטילקייט נאָך דער מוזיק.

זי האָט געטראַכט, פאַרוואָס דער קייזער זעהט זיך מיט איהר עפטער די לעצטע צייט. פון דערפאַהרונג האָט זי גע-וואוסט, אַז ווען איהם איז גוט, בעדאַרף ער זי נישט, און זי איז אַזוי געוועהנט דערצו, אַז יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך דערנעהנטערן צו איהר, פלעגט זי זיך פרעגען: „צו וואָס? וואָס איז מיט איהם?" און זי פלעגט שטענדיג פערשטעהן די סבה דער-פון. איצט האָט זי עס נישט געקאָנט פערשטעהן, אָבער זי האָט דאָך געפיהלט, אַז עס איז פאַרהאַן עפּיס שרעקליכעס פאַר זיי ביידען. בשעת זיין לעצטער קראַנקהייט האָט ער געהאַט עפּיס אַ שטילען, עפּיס אַ שעמעדיגען שמייכעל און דערדאָזיגער שמיי-כעל איז איהר איצט געקומען אויפ׳ן זכרון. דעמאָלט האָט ער געזאָגט:

—איך ווייס נישט וואָס דאָס איז, צי איך בין זעהר קראַנק, אָדער די יאָהרען זענען שוין נישט די אייגענע, אָבער איך האָב

קיין כחות נישט צו ראַנגלען זיך מיט דער קראַנקהייט.

און זי האָט זיך אויך דערמאָהנט אָן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט דעם פירשט וואַסילטשיקאָוו, בשעת ער האָט זיך גענומען בעסערן:

—איך האָב מיך גאָרנישט שלעכט אַרויסגעדרעהט פון דער קראַנקהייט. אָבער איך וואָלט נישט געהאַט דאַגעגען, ווען איך וואָלט געקאָנט אַראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער קרוין, וואָס דריקט מיך שרעקליך.

אַראָבוואַרפען זי צוזאַמען מיט׳ן לעבען וואָלט ער געוואָלט.

וואָס מעהר זי האָט געטראַכט וועגען דעם, אַלץ מעהר האָט זי זיך געשראָקען. זי האָט געוואוסט, אַז אַליין וועט ער קיינמאָל נישט אָנהויבען ריידען וועגען דעם, אָבער אַז מען זאָל איהם פרעגען, וואָלט נאָך, מעגליך, ערגער געווען.

דערהערט זיינע טריט, איז זי ווידעראַמאָל רויט געוואָרען, ווי אַ פערליעבט מיידעלע. אַז ער איז אַריין, האָט ער איהר אַ קוש געטהאָן אין האַנד, און זי איהם—אין קאָפּ.

—אוף, זיך קוים אַרויסגעריסען! אַ פאַמיליענמיטאָג אין אַניטשקאָוו-פּאַלאַץ,—האָט ער אָנגעהויבען ריידען אויף פראַנצוי-זיש, ווי ער פלעגט שטענדיג מיט איהר ריידען,—און אַ גאַנצען טאָג איז מיר היינט נאָכגעגאַנגען די מאַמעלע. אין דער לעצטער מינוט האָב איך געשיקט זיי זאָגען, אַז איך וועל נישט קומען, אַנישט, וואָלט מען נישט אָבגעלאָזט... נו, וואָס מאַכט איהר?

—ניש׳קשה. בייטאָג, האָב איך, דאַכט זיך, קיין פיבער נישט געהאַט, און איך הוסט ווייניגער.

—גאָט צו דאַנקען! אָבער איהר זאָלט זיך היטען, נישט אַרויספאָהרען. אַ שרעקליך וועטער אין דרויסען. עס איז נאַס, פון ים ציהט אַ ווינד. דאַס וואַסער האָט זיך אויפגעהויבען. אַ געוויסער וועט נאָך אודאי זיין...

מען האָט געטרונקען טיי, געשפּיעלט אין שאַשקעס, גע-שמועסט פון די קליינע הויפגעשעהענישען און רכילות. זי האָט זיך געסטאַרעט אויסצעווייזען פרעהליך.

דערנאָך האָט מען געשמועסט פון די פאַמיליען-אַוואַנטורעס

צוליעב דער הויפּדאַמע פּראָטאַסאָוואַ, אַ האַלב-משוגע׳נע זקנה, וואָס דעם קייזערס מוטער האָט זי גענומען אונטער איהר שוץ, אויף צו להכעיס דער קייזערין.

—אַך, ווען איהר וואָלט געוואוסט, מיין פריינד, ווי איך בין שוין מיד געוואָרען פון דידאָזיגע אַוואַנטורעס! די מאַמעלע, ניקס, מישעל, אַלעקסאַנדרינע—אַלע זענען געגען מיר. אַנ׳אמת׳ע פערשווערונג...

—נו, גענוג, ליזע, גענוג, טראַכט נישט דערפון. נו, וואָס געהען זיי אייך אָן? איהר ווייסט דאָך, אַז וואָס ערגער זיי זענען צו אייך, אַלץ בעסער בין איך...

—אָט דאָס קאָנען זיי דאָך מיר נישט מוחל-זיין. זיי זענען גרייט אויף אַלץ, אַבי צו שאָדען מיר אין אייערע אויגען. איבערהויפּט די מאַמעלע! און וואָס האָב איך זיי געטהאָן? פאַרוואָס אַזאַ פיינטשאַפט?..

מען האָט גערעדט פון אייגענע, ווי פון פרעמדע, כמעט ווי פון פיינד. די היימישע זענען פיינד דעם מענשען—ביידע האָבען פערשטאַנען וואָס דאָס איז אַזוינס.

—שוין-זשע מיינט איהר, ליזע, אַז דאָס קאָן האָבען אויף מיר עפּיס אַ ווירקונג?—האָט ער ווייך אַרויסגעזאָגט און אָנגענומען זי ביי דער האַנד.

זי האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און געשוויגען.

—איהר גלויבט נישט?—האָט ער נאָך ווייכער אַרויסגעזאָגט.

—איך גלויב, אָבער אויב מיר איז שווער, איז עס נישט מייז שולד...

—נאָר וועמעס? זאָגט, זאָגט אַלץ, ליזע, אום גאָטעס ווילען.

—איך האָב מיך שטענדיג פון אַנדערע דערוואוסט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב בעדאַרפט הערען פון אייך,—האָט זי געזאָגט. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און ענטשלאָסען אַ קוק געטהאָן אויף איהם.

—וואָס, צום ביישפּיעל, האָט איהר זיך דערוואוסט פון אַנדערע?

—אַז איהר ווילט זיך אָבזאָגען פון טראָן.

—וויפיעל מאָל האָב איך עס אייך אַליין געזאָגט. פערגעסען?

—געזאָגט איז שפּאַס.

—נו, נישט גאָר אין שפּאַס...

—יאָ, נישט גאָר אין שפּאַס: קאָנסטאַנטין האָט זיך שוין אָבגעזאָגט און ניקאָלאַי איז דער טראָנפאָלגער.

—פון וואַנען ווייסט איהר עס? עס איז נאָך גאָרנישט בע-שלאָסען. אפשר נאָך מיין טויט.

—ניין, פאַר'ן לעבען. אַזוי האָט איהר זיי טאָקי געזאָגט. די מאַמעלע האָט מיך געפרעגט: „צי האָט ער אייך עפּיס נישט געוויזען?" הייסט עס, אַז עס איז יאָ עפּיס פאַרהאַן...

ער האָט זיך אָנגעבויגט איבער דער קופּע שפּיעלהעלצלעך און זיך געסטאַרעט אַרויסצושלעפּען אַ קליין פּעסעלע.

—דאָס זענען לאַנגווייליגע זאַכען, מיין פריינד. איהר ווייסט דאָך, אַז מיט אייך רייד איך קיינמאָל נישט איבער פּאָליטיק...

—דאָ איז נישט קיין פּאָליטיק, נאָר אייער שיקזאַל און מיינער. ווי קאָנט איהר עס בעשליסען און מיר נישט זאָגען וועגען דעם? מיט זיי רעדט איהר, און פון מיר פערבעהאַלט איהר..

—נו, אָט ווייסט איהר איצט, ליזע. זענט איהר דען נישט צופרידען? מיר וועלען זיין פרייע, לעבען צוזאַמען—געדענקט איהר, ווי מיר פלעגען קינדוויז טרוימען דערפון?..

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

—ניין, נישט דאָס. איהרווילט נישט זאָגען, אָבער איך וויים. דאָ איז פאַרהאַן אַנ'אַנדער זאַך...

—וואָס פאַר אַנ'אַנדער זאַך? וואָס ווייסט איהר?—האָט ער שטילערהייד אַ פרעג געטהאָן און זי אָנגעקוקט לאַנג און שוויי-גענדיג. ער האָט צעוואָרפען די קופּע שפּיעלהעלצלעך און אויס-געמישט די קויהלען אין קאַמין.

—די געהיימע געזעלשאַפט,—האָט זי אויך אַזוי שטיל אַרויס-געזאָגט און נישט אַראָבגענומען די אויגען פון איהם.

ער האָט זיך געשווינד אָבגעקעהרט. דאָס פּנים איז איהם אויסגעקרימט געוואָרען ווי פון אַ פּלעצליכען וועהטאָג, און עפּיס פּחדנ'ישעס און עלענדעס איז אַדורכגעלאָפען איבער זיינע גע-

זיכטסשטריכען, ווי ביי אַ מענשען, וואָס ריהרט זיך פון זינען, אָבער ער ווייס עס און האָט מורא, אַז די זייטיגע זאָלען עס נישט דערקאָנען.

—נאַרישע אינטריגעס!—האָט ער רוהיג אַרויסגעזאָגט, בעהערשענדיג זיך. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען, אַדורכגעשפּאַצירט איבער׳ן צימער, גענומען פון טיש אַ בוך און איבערגעלייענט דאָס קעפּעל: „דער פּאָנטאַן פון באַכטשיסאַראַי” פון פּושקין—אַ בלעטער געטהאָן און אַוועקגעוואָרפען.

—איך בעט אייך, ליזע, איהר זאָלט קיינמאָל מיט מיר נישט ריידען וועגען דעם. נישט מיט מיר און נישט מיט אַנדערע. איהר הערט?

—נישט איך רייד, נאָר מען רעדט מיט מיר,—האָט זי געענטפערט, אַ בלאַסע.

די אַלטע בעליידיגונג האָט גענומען פייניגען די נשמה, ווי אַן׳אַלטע וואונד. זי האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז איהרע בריף ווערען איהם צוגעשטעלט דורך דער געהיימפּאָליציי און אַז ער עפענט זיי אַזוי גוט ווי די אַלע בריף פון די פאַמיליעאָנגעהעריגע. אָבער זי האָט קיינמאָל דערפון נישט גערעדט מיט איהם—זי האָט זיך געשעמט. דערדאָזיגער מנהג, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון דעם קייזער פּאַוועלס צייטען, האָט איהר אויסגעוויזען געמיין. איצט, אַז זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם, האָט זי אַ טראַכט געטהאָן, אַז ער קוקט אויף איהר מיט דיזעלבע אויגען, ווי בשעת ער לייענט די פרעמדע בריף. צום טויזענדסטען מאָל האָט זי זיך איהם אָנפערטרויט און צום טויזענדסטען מאָל האָט זי זיך גענאַרט, און דאָס ווירקט אויף איהר שטענדיג אַזוי פיינליך, ווי צום ערשטען מאָל. פאַר דרייסיג יאָהר האָט זי זיך נישט צוגעוועהנט און וועט זיך קיינמאָל נישט צוגעוועהנען.

—ווער? ווער האָט אייך געזאָגט? האָט ער אַלץ איבערגע׳חזר׳ט מיט מעהר עקשנות און פערדאַכט.—איך בעדאַרף עס וויסען, ליזע. נו, בעדאַכט זיך. איך בעט אייך אויב איהר האָט מיך ליעב...

און פון דאָסניי איז אַדורכגעלאָפען איבער זיינע געזיכטס-שטריכען דער אויסדרוק פון פּחדנות און עלענד און געמיינהייט. „יאָ. געמיינהייט!"—האָט זי אַ טראַכט געטהאָן מיט עקעל. איז עס נישט אַ געמיינהייט — אַזוי אַרויסצוציהען, אויסצופרעגען, קוקען אויף איהר מיט אויגען פון אַ שפּיאָן!

זיך אומגעקעהרט און גענומען אָנגיסען טיי. אָבער די הענד האָבען איהר אַזוי געציטערט, אַז זי האָט פערלאָרען דאָס טעצעלע און האָט זיך צעוויינט.

—ליזע, וואָס וויינט איהר, וואָס איז מיט אייך? איהר האָט מיך נישט פערשטאַנען. איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגען וועגען דעם. אָבער איהר זענט קראַנק, האָב איך נישט געוואָלט...

—איז עס אָבער בעסער אַזוי?—האָט זי אַ געשריי געטהאָן מיט פערביטערונג.—דאָס איז ערגער, ערגער פון אַלץ, וואָס ער-גער קאָן נישט געבען. דערפון בין איך קראַנק. איהר שווייגט, אָבער איך... ווי זעהט איהר דאָס נישט, אַז איך קאָן נישט מעהר, איך קאָן נישט, קיין כּחות שוין נישטאָ!

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה.

— נו, גענוג, ליזע, ביי גאָט, מען בעדאַרף נישט... — ער האָט איהר געקושט די הענד.— שוין-זשע וואָלט איך אייך נישט געזאָגט, ווען עס וואָלט עפּיס געווען? אָבער נישטאָ גאָרנישט. יעדענפאַלס וויים איך גאָרנישט. אפשר ווייסט איהר מעהר פון מיר? טיילמאָל קומט מיר אַליין אויפ׳ן זינען, צי בעטייליגען זיך דאָ נישט אַמאָל מעהר וויכטיגערע לייט,—האָט ער צוגעגעבען מיט אַ הינטערוועגעל.

—מיר האָט געזאָגט קאַראַמזין און מיין סעקרעטאַר לאָבּיגאָוו. אָבער דערפון יוייסען, דאַכט זיך, אַלע...

און זי האָט איהם דערצעהלט אַלץ, וואָס זי האָט געהערט. אַז זי האָט געענדיגט, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט אַ שמייכעל.

— נו, בעדאַרפסט איהר זיך פייניגען צוליעב אַזוינע נאָ-ריִשקייטען?

ער האָט זי געטרייסט און איינגערוהיגט: דאָס אַלץ איז איהם שוין לאַנג בעקאַנט; ער האָט אין זיינע הענד אַלע פע-דים פון דער פערשווערונג; ער קאָן אפילו די נעמען פון די פערשווערער; מאַכען אַ סוף מיט זיי איז גאָר אַ קלייניגקייט; אָבער ער טהוט עס נישט אַזוי שנעל, ווייל ער זשאַלעוועט די אומגליקליכע, „וואָס זייער נאַרען זיך איז אַן׳ערשיינונג פון אונזער צייט”; ער וואַרט, זיי זאָלען אַליין קומען צום שכל: איבעריגענס, זענען אָנגענומען געוואָרען אַלע מיטלען און קיין שום געפאַהר איז נישטאָ.

ער האָט גערעדט אַזוי אויפריכטיג, אַז זי האָט כמעט ווי געגלויבט. מיט׳ן שכל געגלויבט, אָבער מיט׳ן האַרץ האָט זי גע-וואוסט, אַז ער לייגט. אין זיינע אויגען האָט זי געזעהן יענע קלאָרקייט, פאַר וועלכער זי האָט זיך שטענדיג געשראָקען—עפּיס אַ טיעף-דורכזיכטיגע קלאָרקייט און דאָך אַ נישט-דורכדרינגליכע, פונקט ווי ביי פרויען, בשעת זיי לייגען. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין קרעפטען צו שטרייטען מיט דעמדאָזיגען ליגען. זי איז מושוה געוועזן מיט אַלץ, אַבי נישט צו זעהן איהם ווידער-אַמאָל אַ שרעקעדיגען און אַ געמיינעם, ווי פריהער. אַן׳אויסגעמאַ-טערטע, האָט זי זיך אונטערגעגעבען.

„אפשר איז ער גערעכט, — האָט זי געטראַכט, — וואָס ער האָפט נישט אויף מיין הילף. ווי אַזוי קאָן זי עמיצען העלפען, אַז זי אַליין פאַלט-אַוועק פון שוואַכקייט?”

זי האָט גאָרנישט געזאָגט, בלויז אַ קוק-געטהאָן אויף איהם אַזוי, אַז ער האָט זיך דערמאָהנט אָן די מילדע אויגען פון דעם טויטפעריאָגטען פערד, וואָס האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם אויף דעם גרויסען פעטערהאָפען שליאַך, מיט דער מאָר-דע אַריינגערוקט אין שטויב און מיט בלוטיגען שוים אויף די צייהן.

—און ווייסט איהר, ליזע, וואָס מיך פייניגט אַממעהרסטען?

 דאָס, וואָס אַלע, וועלכע איך האָב ליעב, זענען אומגליקליך

דורך מיר,—האָט ער אָנגעהויבעןריידען און זי האָט באַלד דער-פיהלט, אַז איצט לייגט ער שוין ניש

—אומגליקליך דורך אייך?

—יאָ. סאָפיעס טויט, אייער קראַנקהייט—אַלץ דורך מיר. נישטאָ קיין גרעסערער פיין אין לעבען, ווי דאָס בעוואוסטזיין, אַז מען האָט געקאָנט ליעבען און מען האָט נישט ליעב געהאַט... אַך, ווי שרעקליך, ליזע, ווי שרעקליך איז דער געדאַנק, אַז מען קאָן עס נישט כאַפּען צוריק און מען קאָן עס אויך בשום אופן נישט אויסקויפען... און דאָך וויל איך קומען צו אייך אין דער לעצטער מינוט. איהר האָט דאָך מיך?...

זי האָט איהם נישט געלאָזט ענדיגען, אַ כאַפּ געטהאָן איהם ביים קאָפּ מיטביידע הענד און צו זיך צוגעדריקט, אָהן ווערטער, אָהן טרעהרען, שפּירענדיג בלויז, אַז דידאָזיגע רגע בעלוינט איהר פאַר אַלץ, וואָס איז געווען און פאַר אַלץ, וואָס וועט נאָך זיין.

עמיץ האָט פאַוואָליע אָנגעקלאַפּט אין טהיר, אָבער זיי האָבען נישט געהערט. די טהיר איז עטוואָס געעפענט געוואָרען.

—אייער מאַיעסטעט...

ביידע זענען אויפגעשפּרונגען, ווי פערליעבטע, וואָס זענען פּלוצלונג געשטערט געוואָרען.

—ווער איז דאָרט?—האָט זי אַ רוף געהאָן—איך האָב דאָך פערזאָגט... גאָט אין הימעל, נו, וואָס אַזוינס? קומט-אַריין.

—אייער מאַיעסטעט, איהר קייזערליכע מאַיעסטעט, די קיי-זערין מאַריע פיאָדאָראָוונע איז געקומען,—האָט די הויפדאַמע וואַלויעוואַ געמאָלדען.

די קייזערין האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן מאַן מיט פער-צווייפלונג. יענער האָט זיך פערקרימט. וואַלויעוואַ האָט געקוקט אויף זיי מיט נייגיריגקייט, פּונקט ווי אַ יאַגדהונד, וואָס שמעקט די לופט פאַר אַ שפּרונג-בעוועגונג.

—נו, וואָס שטעהט איהר? ווייסט איהר דען נישט, וואָס איהר האָט צו טהאָן?—האָט די קייזערין אָנגעשריען אויף איהר.—געהט און רופט אַריין איהר מאַיעסטעט.

—שרעקט זיך נישט, ליזע, איך וועל זי שוין משלח-זיין פון דאַנען. איך וועל זאָגען, אַז איהר זענט קראַנק, און געענ-דיג אַ געשעפט.

די קייזערין איז אַריין אין גאַרדעראָבצימער.

—אָט וואו איהר זענט גאָר, אַלעקסאַנדער! אַבי מיר זוכען אייך אַרום און טראַכטען, וואו האָט ער עס געקאָנט פערפאַ-לען ווערען,—האָט די קייזערין מאַריע פיאָדאָראָווגע געזאָגט, אַריינגעהענדיג אין צימער.

צו פינפאונזעכציג יאָהר נאָך אַ פרישע, אַ געזונדטע, אַ גלאַטיגע און אַ רויטע, ווי אַ גוט אויסגעבאַקטע בולקע אין אַ דייטשע בעקעריי; אַ פוללייביגע, נאָר איינגעצויגען און אַרומגע-שנורעוועט אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט—דאָס קלייד וועט איהר פלאַצען ביי די נעט אויף דעם רונדען רוקען. דאָס גאַנ-צע געזיכט איז אין גריבעלעך-שמייכעלעך, וואָס ווילען זיין פריינדליכע, אָבער טיילמאָל ווערען זיי פלוצלונג אָנגעגאָסען מיט זיסען סם. שטענדיג איז זי פערשמייעט און פערטאַראַמט, „פונקט ווי זי וואָלט זיך געאיילט אויף אַ שרפה", ווי דער פערשטאָרבענער מאַן, דער קייזער פאַוועל פלעגט זאָגען.

—אָבער איך קום דאָך נישט אַליין, אַלעקסאַנדער. מיר זע-נען אַלע צוזאַמען געקומען אויפ'ן היימישען שטייגער: ניקס און מישעל און אַלעקסאַנדערינע און עלען און מאַרי. זיי וועלען דאָ באַלד זיין. איהר וועט מיר שוין, טייערער, ענטשולדיגען דער-פאַר, וואָס איך האָב זיי דערלויבט צו קומען אַהער. אַליין דער-וועגען זיי זיך נישט. אָבער איך אַליין דערוועג מיך אויך נישט אָהן אַ מעלדונג. אָבער זיי אַלע האָבען זיך שוין אַזוי פער-בענקט, — האָט זי אָהן אויפהער געפלאַפּעלט, געשאָטען אויף אַ שלעכטען פראַנצויזישען לשון מיט אַ דייטשען אַקצענט.—אָבער וואו איז זי? וואו איז ליזע?

און אַלע גריבעלעך - שמייכעלעך זענען אָנגעפילט געוואָ-רען מיט זיסען סם.

—איך בין, דאַכט זיך, געקומען נישט אין אַ פאַסיגע צייט?

זאָגט, מיין פריינד, שעמט זיך נישט. איך בעט אייך. אויב איך שטער אייך ...

—וואָס רעדט איהר, מאַמעלע! ליזע איז שטענדיג צופרי־דען, ווען זי זעהט אייך. זי איז בלויז אויף אַ מינוט אַרויס אין גאַרדעראָבצימער. און אָט איז זי טאַקי.

אַריין די קייזערין. די אַלטע קייזערין האָט זי אַ קוש געטהאָן מיט אַ לאַנגען טשאַקענדיגען קוש.

—נו? וואָס? ווי? אַ כוואַט, האַ? און מיר זענען אַלע גע־קומען צו אייך. מיר ווילען פערברענגען אַנ'אָוונד צוזאַמען אויפ'ן היימישען שטייגער... אַך, נשמה מיינס, מען טאָר זיך נישט שטעלען אַזוי נאָהנט צום פייער! וויפיעל מאָל האָב איך אייך געזאָגט: דאָ איז דער קאַמין, דאָ דער אויוועז און איהר גע־פינט זיך אין רעכטען צוגווינד. דערפאַר פערקיהלט איהר זיך טאַקי.

—ניש'קשה, מאַמעלע, איך בין צוגעוועהט!

—ניין, ניין, זעצט אייך אויף אַנ'אַנדער אָרט. אָט אַזוי! און וואו איז דער שאַרף? מען בעדאַרף זיך אָבהיטען. ווי זאָגט מען אויף רוסיש? ווער עס היט זיך, דעם היט אויך גאָט... און וואָס איז דאָס, מיין ליעבע—איהר זענט אַזוי ווי מאָגערער געוואָ־רען. איהר ערגערט זיך אַלץ, איהר רעגט זיך אויף, איהר טראַכט אַ סך און עסט ווייניג. וויפיעל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז מען בעדאַרף עסען שיטערע אייער. אַ סך, אַ סך אייער: דריי אייער צום פריהשטיק, דריי אייער צום מיטאָג און דריי אייער צום אָוונדברויט. און דעמאָלט וועט איהר אויך אויסזעהן גוט, ווי איך...

דער קייזערין איז טונקעל געוואָרען אין די אויגען פון דערדאָזיגער פלוידעריי, דער לינקער שלייף האָט גענאָגט מיט זיין שטענדיגען וועהטאָג און אין קאָפּ האָט אַזוי ווי געקלאַפּט, געמאָהלט די קאַווע-מיהל.

אין דעם שכנה'נישען צימער האָבען זיך דערהערט טריט און קולות.

—און אָט זענען זיי! אַהער, אַהער, קינדער!—האָט די

מאַמעלע געגומען שרייען.

די גרויספירשטען ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש און מיכאַאיל פּאַוו-לאָוויטש און די גרויספירשטינס אַלעקסאַנדרע פיאָדראָוונע, יעלע-נע פּאַוולאָוונע און מאַריע פּאַוולאָוונע זענען מיט אַמאָל, צוזאַ-מען אַריין אין צימער. מען האָט זיך צוקושט, זיך אַנידערגע-זעצט און געשוויגען. בלויז די אַלטע קייזערין האָט געהאַקט מיט דער צונג, געפּלאַפּעלט אָהן אַנ׳אויפהער. און אומזיסט האָט דער קייזער געפּרובט זי אָבשטעלען, טראַכטענדיג דערביי, ווי אַזוי משלח-צו-זיין די געסט.

אַלעמען איז געווען שווער, נישט-היימליך און לאַנגוויי-ליג ביז חלשות. די גרויספירשטינס זענען געזעסען, ווי אין אַ וואַסער, און די גרויספירשטען האָבען געהאַט אויסגעצויגענע פּנים׳ער און זענען געזעסען שטאַטיג און גאווה׳דיג. ניקאָלאַי פּאַוו-לאָוויטש—ניקס, איז געווען גלייך און טרוקען ווי אַ סאָסנעבוים, מיט אונגעוועהנליך מעסיגע געזיכטסשטריכען, אָבער מיט אַזאַ אויסדרוק, פּונקט ווי ער וואָלט זיך שטענדיג געבלאָזען אויף עמיצען: „אַפּאַלאָן, וואָס ליידט פון צייהנוועהטאָג”, האָט עמיץ געזאָגט אויף איהם. מיכאַאיל פּאַוולאָוויטש אָדער מיכעל איז, פערקעהרט, געווען גוטמוטיג און שווער, אַנ׳עכטער בער, וואָס קאָן בלויז טאַנצען אונטער דער פּויק.

—ניקס, מיכעל, וואו זענט איהר?—האָט זיך די מוטער אומגעקוקט צו זיי,—אַך, סאַראַ שווערע איהר זענט! אָט אַזוי אַלעמאָל: פערהאַקען זיך אין אַ ווינקעל און שווייגען. דאָס שרע-קען זיי זיך פאַר אייך, ליזע. אָבער ביי מיר אין פּאַוולאָווסק, אַז זיי צושטיפען זיך, איז זיי נישט איינצוגעהמען... נו, קומט-אַהער, קומט-אַהער, קאַוואַלערן און מאַכט פרעהליכער די דאַ-מען. אַלעקסאַנדרע, עלען, בידנע קינדערלעך, וואָס פאַר אַ נישט העפליכע קאַוואַלערן איהר האָט!

ביידע האָבען זיך גלייך אויפגעהויבען און אויסגעצויגען, ווי דורך אַ קאָמענדע. צווישען עלטערע האָבען זיי זיך געהאַל-טען אַזוי ווי צוויי קאַדעטען, וואָס זענען אָבגעלאָזט געוואָרען פון קאָרפּוס אַהיים.

— נו, וואָס זאָל איך מיט זיי טהאָן? ממש אַנ׳אומגליק, גאָרנישט צו מאַכען מיט זיי, — האָט די מאַמעלע ווייטער געזאָגט. — דעם מאַנעזש און דעם וואַכּפּאַראַד — מעהר ווילען זיי גאָרנישט קאָנען. אָבער, קינדער, איהר וועט דאָך אין אַ קאַזאַרמע נישט לעבען: מען בעדאַרף זיך צוגעוועהנען צו אַ געזעלשאַפט... וואָלט איהר כאָטש, אַלעקסאַנדער, זיי צוגעוועהנט, צי וואָס? איהר זענט דאָך, גאָט צו דאַנקען, נישט אַזוי דערצויגען. אַמאָל זענט איהר דאָך געוועזן אַנ׳עלעגאַנטער קאַוואַלער און אפילו היינט איז זיך אויך נישטאָ וואָס צו שעמען מיט אייך. נישט וואָהר, ליזע, מען קאָן זיך נאָך אין איהם פערליעבען. נו, וואָס קוקט איהר מיך אָן אַזוי? האָב איך דען געזאָגט אַ נאַרישקייט? איהר זאָלט מיר שוין ענטשולדיגען, מיין פריינד, איך זאָג אַלעמאָל דאָס, וואָס איך טראַכט. לעבען דרייסיג יאָהר מיט אַ ווייב און דאָס ווייב זאָל נאָך אַלץ זיין פערליעבט אין מאַן — דאָס איז שוין היינטיגע צייטען אַ זעלטענהייט. און זאָלען זיך אַנדערע לאַכען, אָבער איך בין גליקליך, אַז איך זעה, ווי מיינע קינדער זענען גליקליך. מיין טייערער אַלעקסאַנדער איז דאָך פאַר מיר אַלץ, אַלץ! — האָט זי פערקאַטשעט די אויגען פון נחת.

אָבער די קייזערין האָט שוין נישט געהערט. דער לינקער שלייף האָט שרעקליך גענאָגט, אין קאָפּ האָט געמאָהלט דאָס קאַווע-מיהלכעל און דאָס געזיכט איז איהר אַזוי בלאַס געוואָרען, אַז דער קייזער האָט זיך דערשראָקען, זי זאָל נישט אומפאַלען אין חלשות.

— מאַמעלע, ליזע איז, דאַכט זיך, מיד. די דאָקטוירים הייסען, זי זאָל זיך פריה לעגען שלאָפען, — האָט ער געזאָגט און זיך ענטשלאָסען אויפגעהויבען פון אָרט. ער האָט פערשטאַנען, אַז אָהן איהם וועלען זיי נישט אַוועקגעהן.

— אַך, גאָט אין הימעל, האָבען מיר אייך ווירקליך מיד געמאַכט, ליזע?

— ניין, מאַמעלע. וואוהין געהט איהר? זיצט נאָך אַ ביסעל.

— מען טאָר נישט. דער מאַן הייסט נישט און אַ מאַן בעדאַרף מען געהאָרכען. אָבער איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלען

צוזאַמען פערבערענגען דעם אָווענד, ריידען אַ ביסעל, שפּיעלען אין פטיזשע. ניקס וואָלט אונז פערגעשטעלט אַ שאַראַדע, ווי אַנו-מעלט אין פּאַוולאָווסק—מיר האָבען אַזוי געלאַכט. דאָס מאַכט ער זיך נאָר אַזוי, אַז ער קאָן פלומר'שט קיין צוויי נישט צעהלען, אָבער אין דער'אמת'ען קאָן ער זעהר פרעהליך מאַכען אַ געזעל-שאַפט. ווי איז עס, ניקס? מיין ערשטעס—Cor

—יאָ, מאַמעלע: Cor איז אַ יעגערהאָרן.

—אמת, אמת, ער האָט טאַקי געבלאָזען מיט די ליפּען, ווי אין אַ האָרן... מיין צווייטעס איז Pue

—Pue—שטינקט, מאַמעלע,—האָט איהר ניקס אונטערגעזאָגט.

— אמת, אמת, ער האָט טאַקי פערקוועטשט די נאָז און זיך פערקרימט, ווי פון אַ שלעכטען ריח. און מיין דריטעס איז—tance—אַ שפּיז; ער האָט טאַקי אַ פּאַך געטהאָן מיט'ן בילאַרד-שטעקען צו דער אַלטער נעלידאָוואַ און זי האָט אַ געשריי גע-טהאָן פון שרעק. און אינגאַנצען איז Cor-Pue-tance—דיקקייט: ער האָט זיך אַרומגעוויקעלט מיט קישענס און האָט זיך שווער בעוועגט, קוים געמאַכט אַ טריט. גאַנץ שען, נישט וואָהר?

דער קייזערין האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך אַ מינוט, און זי וועט פאַלען אין חלשות.

נו, קומט-זשע, קינדערלעך. מיר זענען אייך נמאס-געוואָ-רען, נישט וואָהר, ליזע? ווי זאָגט מען אויף רוסיש: אַנ'אונגע-בעטענער גאַסט איז ערגער... איז ערגער פון וואָס, ניקס?

—פון אַ טאָטער, מאַמעלע.

— יאָ, ערגער פון אַ טאָטער

און אויפ'ן פּנים זענען פּלוצלונג די שמייכעלעך-גריבעלעך פון דאָסניי אָנגעגאָסען געוואָרען מיט זיסען סם.

— זייט-זשע מיר געזונד, נשמה'לע,—האָט זי זיך איינגע-זויגט אין דער קייזערין מיט אַ לאַנגען קרובי'שען קוש.—זענט אַ חכמה און ווערט געזונד. אַ כוואַט, אַ כוואַט זאָלט איהר זיין, ווי איך! געדענקט נאָר—שיטערע אייער. אַ סך, אַ סך אייער: דריי אייער צום פריהשטיק, דריי אייער צום מיטאָג און דריי אייער צום אָווענדברויט...

צולעצט, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען און דער קייזער אויך מיט זיי: זיי זאָלען זיך נישט בעליידיגען.

געבליבען אַליין, איז די קייזערין אַנידערגעפאַלען אויפ'ן דיוואַן און איז לאַנג געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, אָהן בעוועגונג, פונקט ווי אין חלשות. דערנאָך האָט זי אָנגעקלונגען צום קאַמערדיענער, געהייסען אַראָבנעהמען איהר די קאָפּפוצונג מיט'ן גן-עדן-פויגעלע און דערלאַנגען איהר אַראָמאַטישען עסיג. זי האָט גענעצט די שלייפען מיט איהם און צוגעטראָגען איהם צו דער נאָז. דער גאַנצער קערפער האָט איהר גענאָגט, פונקט ווי מען וואָלט איהם געשלאָגען מיט שטעקענס און אין קאָפּ האָט געמאָהלט די קאַווע-מיהל.

אַז זי האָט זיך געלעגט אין בעט און פערלאָשען דאָס ליכט, האָט זי זיך דערמאָהנט אָן דעם געשפרעך מיט'ן קייזער און האָט זיך שטאַרק דערשראָקען: ווי אַזוי האָט זי איהם געקאָנט גלויבען אָדער מאַכען אַ מינע, אַז זי גלויבט.

פלוצלונג האָט זי וואונדערליך קלאָר פערשטאַנען, ווי נאָך קיינמאָל נישט, אַז ער וועט אומקומען און זי וועט איהם נישט קאָנען ראַטעווען.

ה. מערעזשקאָווסקי

צווייטעס קאַפּיטעל.

אין יענער נאַכט האָט זי שלעכט געשלאָפען. דער קאָפּ האָט וועה געטהאָן, די היץ האָט געפּייניגט און אין האַלבען דרעמעל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ערגעץ קלאַפּט מען אויס ריזיגע טעפּיכען מיט ריזיגע שטעקענס; דאָס זענען געווען די האַרמאַטענשאָסען פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואָס האָבען אָנגעזאָגט, אַז דאָס וואַסער שטייגט.

אַז מען האָט אינדערפריה געמאַכט פייער אין קאַמין, זענען די צימערן אָנגעפילט געוואָרען מיט רויך.

—איך האָב אייך געזאָגט, אַז די אויוועַנס זענען קאַליע,— האָט זי בעמערקט מיט פערדרוס דער הויפדאַמע וואַלויעוואַ.

—ניין, מאַיעסטעט. די אויוועַנס זענען אין אָרדנונג. דאָס איז פון ווינד...

—פון ווינד... פון ווינד אין אייער קאָפּ, פריילין! גאָר מיט אַ פּאָר טעג פריהער האָב איך אייך געהייסען, איהר זאָלט עס זאָגען דעם אויוועַנהייצער.

—אָבער מאַיעסטעט, וואָס בין איך שולדיג? וואָס עמיך זאָל נישט טהאָן, געהט עס שטענדיג אויס צו מיין קאָפּ!—האָט זיך וואַליעוואַ מכין-געוועזן צו וויינען, און איהר מאוס, נישט-קלוג און פויגעלש געזיכט איז נאָך מאוס׳ער געוואָרען.—מאַדאַם בים, פירשטין וואָלקאָנסקאַ, מאַדעמואַזעל סאַבלוקאָווא—אַלע האָבען ביי אייך חן אין די אויגען. בלויז איך אַליין בין אומגליקליך... אַלץ צו מיין קאָפּ, אַלץ צו מיין קאָפּ! איך ווייס, אַז איך האָב ביי אייער מאַיעסטעט קיין חן נישט.

אַזויגע סצענעס פלעגען איבערגע׳חזר׳ט ווערען אַלע טאָג. די הויפדאַמען האָבען זיך געריסען צווישען אייגאַנדער, זענען געווען איפערזיכטיג צו דער קייזערין און זי געפּייניגט. זי האָט שוין לאַנג בעשלאָסען, צו מאַכען אַ סוף דערמיט.

איצט, אַז זי האָט דערזעהן די וויינענדיגע וואַליעוואַ, האָט זיך איהר געוואָלט אויפשפרינגען, צושרייען זיך אויפ׳ן קול, טופּען מיט די פיס און אַרויסשליידערן זי פון צימער.

זי האָט זיך נישט איינגעהאַלטען און אַרויסגעזאָגט מיט קאַלטען האַס:

—הערט-נאַר, וואַליעוואַ, איך ווייס, אַז איהר האָט די אויגען אויף אַ נאַסען אָרט און אַז איהר קאָנט וויינען, אָבער איך וויל עס מעהר נישט זעהן, איהר הערט! אויב מיין כאַראַקטער געפעלט אייך נישט, קאָנט איהר אייך געהן. קיינער האַלט אייך דאָ נישט. צי איך בין אַ גוטע, צי אַ שלעכטע—פאַר אייך וועל איך מיך שוין נישט ענדערן. געפינען דאָך אַנדערע, אַז מיט מיר קאָן מען יאָ לעבען... נו, געהט אייך און גיט אַ רוף דעם אויוועהייצער.

וואַליעוואַ איז אַרויסגעגאַנגען און זיך ערשט רעכט צעוויינט.

געקומען דער אויוועהייצער, אַרומגעקוקט דעם קאַמין און דערנאָך בעשטעטיגט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, אָבער הייצען קאָן מען נישט פון ווינד: דרויסען איז אַזאַ געוויטער, אַז ער וואַרפט-אום די קוימענס אויף די דעכער

די קייזערין איז איבערגעגאַנגען אין קאַבינעט. דאָ איז

ערשט געהייצט געוועזן פון נעכטען. זי האָט געציטערט פון קעלט און זיך איינגעוויקעלט אין אַ וואַרימער טוך. אָבער מיט געוועהנטער ווילענסקראַפט האָט זי איבערגעשטייגט אין זיך דאָס שוידערן, און נאָכדעם ווי זי האָט אָבגעטרונקען טיי, האָט זי זיך ווי אַלעמאָל פערנומען מיט די ענינים פון דער פּאַטריאָטישער געזעלשאַפט. זי האָט געלייענט פערשידענע פּאַפּירען. מאַנכע האָט זי אונטערגעשריבען, אַנדערע אַוועקגעלעגט, צו בעטראַכטען זיי אינאיינעם מיט לאָנגינאָוו׳ן, איהר סעקרעטאַר

זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דער סצענע מיט וואַלויעוואַ און זיך פערשעמט: פאַרוואָס האָט זי בעליידיגט דאָס בידנע מיידעל? און וואָס איז זי שולדיג, אַז זי איז נאַריש? זענען אַנדערע דען בעסער? איז דען נישט גערעכט די קייזערין-מוטער, בשעת זי קלאָגט זיך אויף דער קייזערינס כאַראַקטער? אַלעמאָל איז זי פערקרימט—„אַ בייזע דייטשקע”—און דערפאַר איז זי קראַנק.

זי האָט געטראַכט ווי אַזוי אַ רוף צו טהאָן וואַלויעוואַ׳ן און חערען מיט איהר גוט. אָבער יענע איז גראָד אַליין אַרייןגעלאָפען אין צימער.

—אייער מאַיעסטעט, זעהט-נאָר, וואָס איז דאָס?

די קייזערין האָט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און האָט איהרע אייגענע אויגען נישט געגלויבט: דאָס וואַסער אין דער נעוואַ האָט אַזוי שטאַרק געשטיגען, אַז עס האָט זיך כמעט אויסגעגלייכט מיט דער ברעג-וואַנד. די כוואַליעס האָבען זיך געהויבען—ריזיג-גרויסע, גרוי-בלייאיגע, פונקט ווי ווילדע העסליכע ברואים, וועלכע מען גלעט אַרויף איבער די האָהר—און די האָהר שטעלען זיך אויף. פון די קליינינקע טראָפּעלעך, וואָס האָבען זיך געטראָגען ווי דאַמף איבער קאָכיגען וואַסער, האָט זיך געלאָזט זעהן, אַז די קראַפט פון ווינד איז אונגעהויער גרויס.

אויף דער ברעגגאַס איז געוועזן איינג פון מענשען. קינדער האָבען געלאַכט און געשפּרונגען. זיי האָבען הנאה-געהאַט פון וואַסער, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגען ווי אַ פאָנטאַן פון די אונטערערדישע רעהרען און פערגאָסען דעם ברוק אין די גאַסען.

פלוצלונג האָבען אַל'ע גענומען לויפען. אין איין מינוט איז די ברעגגאַס אָבגערייניגט געוואָרען פון מענשען און די כוואַליעס זענען דאָ און דאָרט אַריבערגעשמיסען געוואָרען איבער דער שטיינערנער וואַנד, פונקט ווי איבער די קאַנטען פון אַנ'איבער־געפולטער וואַסער־כלי. נאָך אַ מינוט—און די גאַס איז פערזונקען געוואָרען אונטער'ן וואַסער און די כוואַליעס האָבען שוין גע־שמיסען די ווענד פונ'ם פאַלאַץ.

—אַ געוויסער! אַ געוויסער!—האָט וואַליעוואַ געשריען מיט אַזאַ פּחד, פונקט ווי דאָס וואַסער וואָלט זיך שוין אַריינגעריסען אין צימער אַריין.

אָבער די קייזערין האָט זיך געפרעהט מיט יענער פרייד, וואָס בעפאַלט אַ מענשען בשעת אַ נאַכט־שרפה און דער גאַנצער הימעל איז פערגאָסען מיט אַ רויטען פייער. עס האָט זיך גע־וואָלט, אַז דאָס זאָל נאָך שטייגען אַלץ העכער און העכער, אַז דאָס זאָל אַלץ פערטרינקען און צושטערען און עס זאָל קומען אַ סוף צו דער וועלט.

אַריין דער סעקרעטאַר לאַנגינאָוו און האָט דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט: שיער נישט דערטרונקען געוואָ־רען; די קאַרעט פערגאָסען; ער האָט בעדאַרפט זיצען געבויגע־נערהייד; די פיס זענען איהם איינגענעצט געוואָרען; נאַר־וואָס איבערגעטהאָן אַנדערע שיך; און ער האָט, לאַכענדיג, בעוויזען פרעמדע שיך, וואָס זענען נישט געוועזען אויף זיין מאָס. די דאַ־מען האָבען געלאַכט.

—אַ שרעקליך אומגליק! צוויי דריטעל שטאָדט זענען שוין אונטער'ן וואַסער,—האָט לאַנגינאָוו דערצעהלט.—איך האָב שטענ־דיג געזאָגט, אַז מענשען טאָרען נישט וואוינען דאָרט, וואו עס קאָנען פּאָרקומען אַזוינע אומגליקען. פּעטערבורג וועט נאָך אַמאָל האָבען דעם אייגענעם גורל, וואָס די אַטלאַנטידע...

דער עולם האָט זיך געשראָקען און אָבגעקרעכצט.

—אָרימע מענשען! וויפיעל אומגליקען! וויפיעל קרבנות!

אָבער דער קייזערין האָט זיך געדאַכט אַז אַלעמען איז פרעהליך.

עס איז פרעהליך צו קוקען, ווי דער פעלדיעגער האָט זיך אָבגעשטעלט מיט זיין פּאָסטוועגעל (די רעדער האָבען געגראָבען דאָס וואַסער, פּונקט ווי אַ קליין וואַסערמיהלכעל), ווייל דאָס וואַסער האָט שיער נישט אויפגעהויבען דאָס וועגעל, ווי אַ שיפעל. דער פּאַסאַזשיר מיט׳ן קוטשער זענען אַראָבגעקראָכען פון וואָגען, אויסגעשפּאַנט די פערד, נאָכדעם אָנגענומען זיי ביי די אויערן און זיך אַוועקגעלאָזט—אַוועקגעשוואומען; עס איז געווען פרעהליך צו קוקען, ווי אַ פויער איז אַרויסגעקראָכען אויף אַ פּאָנאַרען-סלופּ; אונטער׳ן דרוק פון ווינד און וואַסער האָט זיך געשאָקעלט דערדאָזיגער הילצערנער סלופּ; דער פויער איז אַראָבגעפאַלען, זיך אַרונטערגעטונקט אונטער׳ן וואַסער און באַלד צוריק אַרויסגעשוואומען. ער האָט זיך אָבער געצאַפּעלט, געדרעהט אין די כוואַליעס און וועט מסתמא דערטרונקען ווערען; און דאָרטען, אויפ׳ן דאַך פון אַ ביידעל, שטעהט אַ הונד מיט אַן׳אויפגעהויבענער מאָרדע און וואָיעט. צוליעב די טאָפּעלע פענסטער הערט מען נישט דאָס ברילען פון געוויטער, דעם גערויש פון וואַסער און די געשרייען נאָך הילף. פּונקט ווי אַ טויטע שטילקייט איבער אַ טויטען וואַסער-מדבר. פון ווינטערפּאַלאַץ ביז דער פּעסטונג וויעגט זיך, רוישט און קאָכט אַ וואַסער-גיהנם, איבער וועלכען עס טראָגען זיך באַרקעס, שיפלען, האַליאָטען, קלעצער, פּאַרקאַנעס, דעכער, וואַך-ביידלעך, פישהאַלטער, ברעטער, פּעסלעך, זעק מיט סחורה, הויז-חיות און צלמים פון אַן׳אַראָבגעשווענקטען בית-עולם.

זעקס גראַד ווארימקייט און דער באַראָמעטער איז געפאַלען ווי בשעת אַ געוויטער.

דער שיין פון טאָג איז אַ טונקעלער, ווי ביי אַ מענשען פאַר חלשות, בשעת עס ווערט טונקעל אין די אויגען. עס זעהט אויס, ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען. טיילמאָל קוקט-אַרויס די זון דורך דער כמאַרע און זי איז ענהליך צו דעם פּנים פון אַ מת, וואָס ליעגט אין דער טרומנע אונטער דעם גאַז-שלייער—און דעמאָלט ווערט נאָך שטאַרקער דער איינדרוק, אַז די וועלט געהט-אונטער.

ביי דער קייזערין איז פערשוואונדען געוואָרען דער פּנבער.

די האָט זיך געשפּירט מונטער, שטאַרק, לייכט, ווי אַמאָל, אין די קינדער־יאָהרען, בשעת זי האָט רוהיג געשפּיעלט מיט אַנדערע קינדער. טיילמאָל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס וואַסער וועט אָבלאָזען, אַריין אין די ברעגען, און דעמאָלט וועט ווידער זיין דאָס אייגענע, וואָס פריהער—דיזעלבע לאַנגווייליגקייט, דאָסזעלבע גרויע באַנאַלע לעבען, דיזעלבע נאַרישע סצענעס מיט וואַליעוואַ, דיזעלבע געשפּרעכען מיט דער קייזערין־מוטער און דיזעלבע ענינים פון דער פּאַטריאָטישער געזעלשאַפט. און דעמאָלט האָט עפּיס באַנג געטהאָן, דער פיבער איז ווידעראַמאָל אַדורכגעלאָפען איבער׳ן לייב, די פיס זענען איינגעבויגט געוואָרען פון שוואַכקייט און ווידער האָט זי זיך געשפּירט קראַנק, שוואַך און אַלט.

—נו, ניקאָלאַי מיכאַילִיטש, מיר האָבען אַ סך אַרבייט,—האָט זי געזאָגט דעם סעקרעטאַר.

ער האָט גענומען לייענען אַ בעריכט און זי האָט אויסגעהערט און בשעת־מעשה זיך געסטאַרעט נישט צו טראַכטען פון וואַסער.

אָבער וואַליעוואַ האָט גענומען שרייען:

-זעהט־נאָר, זעהט־נאָר, אָט וואו דאָס וואַסער האַלט שוין!... און ווידער שרעק און שמחה, וואָס עס קומט דער סוף.

-קומט אין ווינקעלצימער, דאָרט וועלען מיר בעסער זעהן,—האָט די קייזערין פאָרגעלעגט.

דורכגעהענדיג דעם קאָרידאָר, האָבען זיי דערהערט אַ געשריי:

—דערטרונקען געוואָרען! דערטרונקען געוואָרען! מיינע טייערע עופ׳עלעך!...

סטעפּאַנידע פּעטראָוונע גאָליאַשקינע, אַ זקנה פון אַ יאָהר אַכציג און אַן אַלמנה פון אַ קאַמערדיענער, איז געשטאַנען און געוויינט צווישען אַ געזעמעל הויפדיענער.

—אייער מאַיעסטעט, קייזערין! מאַמעלע! האָט רחמנות—זי איז נישט געקאָנט ריידען. פאַר איהר האָבען געעדעט ... [illegible]

הייסט ברענגען אַ שיפעל!...—האָט זי, דערזעהענדיג די קייזערין, גענומען שרייען און אַ פאַל געטהאָן איהר צו די פיס.

זי האָט נישט געקאָנט ריידען. פאַר איהר האָבען גערעדט

אַנדערע, וואָס האָבען דערצעהלט דער קייזערין, אַז גאָליאַשקי-
נעס טאָכטער וואוינט מיט איהר מאַן, אַ געריכטסשרייבער, אין
טשעקושי, אויף דער וואַסילעווסקי-אינזעל, אין אַ קליין הייזעל
ביים סאַמע ברעג פון דער נעוואַ. איצט איז דאָרט אַלץ פער-
פלייצט געוואָרען מיט וואַסער, ווייל דער באָדען איז אַ נידערי-
גער. אינדערפריה געהט דער פאָטער אַוועק אויף דער שטעלע
און די מוטער אויפ׳ן באַזאַר. קיין דיענסט האָבען זיי נישט: זיי
זענען אָרים, און אַז זיי געהען-אַוועק, פערשליסען זיי שטענדיג
אין שטוב די קינדער—אַ יונגעלע מיט אַ מיידעלע. די אַלטע גאָ-
ליאַשקינע האָט מורא פאַר די קינדער, זיי זאָלען, חלילה, נישט
דערטרונקען ווערען.

—קאָן מען נישט קריגען עפּיס אַ שיפעל?—האָט די קייזע-
רין געפרעגט לאָנגינאָוו׳ן.

—האָט קיין צער נישט, אייער מאַיעסטעט,—האָט אַרויס-
געזאָגט אַנ׳אַלטער מיושב׳דיגער קאַמערדיענער—זי ווייס אַליין
נישט, וואָס זי רעדט. פון עגמת-נפש דעם שכל פערלאָרען. וואָס
ועט דאָ העלפען אַ שיפעל? ווער וועט וועלען פאָהרען דערויף?
אַגב איז דאָ קיינער נישטאָ: אַלע זענען פונאַנדערגעשיקט גע-
וואָרען ... נו, געגוג, פעטראָוונע. אפשר לעבען זיי גאָר. צו גאָט
בעדאַרף מען בעטען. קום. באָבעשי, דעקוטשע נישט די קייזערין...

מען האָט אַוועקגעפיהרט די אַלטע אונטער די הענד,
אָבער לאַנג האָבען זיך געהערט איהרע געשרייען, פונקט ווי אין
די וואָלטען צוגויפגעגאָסען געוואָרען די אַלע יאָמערן און גע-
וואַלדען פון די אומגעקומענע. ערשט איצט האָט די קייזערין
פלוצלונג פערשטאַנען, וואָס עס קומט-פאָר

— ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש, געהט און דערוויסט זיך, וואו
איז דער קייזער

לאָנגינאָוו האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער זי האָט אַ
געשריי געטהון:

—אָבער געהט, געהט-אַוועק און טהוט, וואָס אייך ווערט געהייסען.
זי איז אַריין אין ווינקעלצימער און גענומען קוקען דורכ'ן
פענסטער